STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07949

FUN UNZER ALTEN OYTSER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

FUN UNSER ALT'N OITZER

פון אונזער אלטען אוצר

געקליבענע פערל פון אונזערע אלטע קוואלען און
בל'ערליי ספרים, פון די ראשונים און אחרונים,
איינגעטיילט אויף די סדרות פון דער תורה.

געזאמעלט און בעארבייט
פון ב. יאושזאהן

דריטער באנד
ויקרא
פרקי־אבות

הוצאת
התלמוד

די ערשטע אויסגאַבע „פון אונזער אַלטען אוצר“ (ערשינען אין די יאָהרען 1932—1939) איז באַשטאַנען פון אַכט בענדער און איז געווען איינגעטיילט אין פיר באַזונדערע זאַמלונגען: יעדע צוויי בענדער האָבען ענטהאַלטען חמשה חומשי תורה, ימים טובים, חמש מגילות און פרקי־אבות.

אין דער איצטיגער אויסגאַבע — וועלכע ערשיינט אין אַ פאַרגרעסערטען פאָרמאַט — זענען אַלע זאַמלונגען פאַראייניגט. אַזוי אַרום ענטהאַלט דער דאָזיגער באַנד דאָס גאַנצע מאַטעריאַל אויף ויקרא און פרקי־אבות וואָס איז פריהער געווען איינגעשלאָסען אין די אַכט בענדער — ווי אויך נייעם מאַטעריאַל, וואָס ב. יאושזאָהן ז״ל האָט גע־האַט צוגעגרייט פאַר אַ נייער זאַמלונג. און אַזוי וועלען אויך קומען די ווייטערע בענדער.

B. YEUSHSON: FUN UNSER ALT'N OITZER

נדפס בדפוס אופסט ישראלי ליצאו
Printed in Israel 1975

Copyright 1956 by A. H. Justman
All Rights Reserved

אַלע רעכט, סיי פון גאַנצען ספר, סיי פון טיילווייזען איבערדרוקען, אָדער איבערזעצען, פאַרזיכערט.

ספר ויקרא

וַיִּקְרָא

ויקרא אל משה... (א. א.)

דער איינפאַכסטער פשט, פאַרוואָס ביי אַלע אַנדערע דברות שטעהט נישט פריהער דאָס וואָרט „ויקרא", נאָר בלויז דאָ, איז:

ווייל די פריהערדיגע פרשה, אין פקודי, ענדיגט זיך מיט „ולא יכול משה לבוא אל אהל מועד כי שכן עליו הענן", אַז צוליעב'ן ענן האָט משה נישט געקענט אַריינקומען אין אוהל מועד, און דעריבער — „ויקרא אל משה", האָט מען איהם איצט גערופען, אַז ער קאָן שוין אַהין אַריינקומען...

(קול מבשר)

דעריבער — ווערט געזאָגט אין בעל־הטורים — איז דאָס וואָרט „ויקרא" מיט אַ קליינע א', ווייל משה האָט צוליעב עניוות געוואָלט, אַז עס זאָל זיין געשריבען „ויקר", אַזוי ווי עס שטעהט ביי בלעם: „ויקר ד' אל בלעם וישם דבר בפיו", דען „ויקרא" איז מרמז אויף אַ העכערע מדרגה פון נביאות און בעדייט, אַז השי"ת האָט זיך ספּעציעל צו איהם געווענדעט, דאַגעגען „ויקר" איז משמע אַ לשון מקרה, צופעליג...

פרעגט מען דערויף: אין פ' יתרו געפינען מיר דאָך צוויי מאָל דאָס וואָרט „ויקרא" — „ויקרא אליו ד' מן ההר" און „ויקרא ד' למשה אל ראש ההר", פאַרוואָס האָט דאָרט משה נישט געשריבען די דאָזיגע ווערטער מיט אַ קליינע א'?

האָט געענטפערט רבי יצחק וואָרקער: דאָ האָט קיינער, אויסער משה, נישט גע־הערט אַז השי"ת האָט איהם גערופען, ווי רש"י ערקלערט אויפ'ן אָרט: „הקול הולך ומגיע לאזניו וכל ישראל לא שומעין", און צוליעב עניוות האָט דעריבער משה געוואָלט פערקלענערען זיין בעדייטונג און חשיבות און שרייבען „ויקר", דרך מקרה ואַרעי, אַזוי ווי ביי בלעמ'ען. דאָרט אָבער, אין פ' יתרו, איז עס פאָרגעקומען אין דער אַנוועזענ־הייט פון כל ישראל, אַלע אידען האָבען געהערט דעם רוף פון השי"ת צו משה'ן, און אין אַזאַ פאַל זיך מאַכען קליין און פערלייקענען דאָס, וואָס אַלע האָבען געזעהען, דאָס איז שוין בעצם נישט קיין עניוות, נאָר... גאוות, עניוות מתוך גאוה...

עס זענען געווען בדורו של משה די שבעים זקנים און אהרן, בצלאל וחור, אָבער פון אַלע צדיקים האָט השי"ת גערופען בלויז צו משה'ן, ווייל ער איז געווען אַ בורח מן השררה און — „כל הרודף אחר השררה השררה בורחת ממנו וכל הבורח מן השררה השררה רודפת אחריו"...

(תנחומא)

רבי יצחק שמעלקיש פלעגט זאָגען: כל הרודף אחר השררה איז טאַקי השררה בורחת ממנו, אָבער דער, וואָס איז גענוג ריהרעווודיג, געלינגט איהם נאָכצויאָגען איהר

און צו כאַפּען, כאָטש זי אַנטלויפט פון איהם, און דערפאַר טאַקי זעהען מיר, אַז אַ סך פּראַסטאַקעס און גראָבע יונגען וואָס יאָגען זיך נאָך גבאות און כבוד, בעקומען עס טאַקי, כאָטש זיי זענען נישט ראוי דערצו...

צו דער אמת'ער מדה פון ענוות און בריחה מן הכבוד קאָן דער מענש צוקומען נאָר דאַן, ווען ער ווערט ווירקליך דורכגעדרונגען מיט'ן געדאַנק, אַז ער איז אַ גאָר־נישט שבגאָרנישט און ער האָט זיך נישט מיט וואָס גרויס צו האַלטען. ווען אָבער דער מענש געהט אַרום מיט דער מחשבה, אַז לעולם איז ער חשוב'ער און גרעסער פון אַלע אַרומיגע, נאָר ער וויל זיך נישט גרויסהאַלטען, ווייל עס איז אַ מצוה צו זיין אַנ'עניו — דאָס איז אַ פאַלשע, פּסול'ע ענוות...

(מאור ושמש)

„משמת רבי בטלה ענוה ויראת חטא, אמר ליה רב יוסף לתנא, לא תיתני ענוה דאיכא אנא" (סוטה מ"ט)

היתכן? ווי געשיקט זיך עס, אַז רב יוסף אַליין זאָל זיך אויסרופען און ריהמען מיט זיין ענוות? דאָס גופא איז דאָך שוין גאוה?

נאָר, ווי בעקאַנט, איז רב יוסף אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס ראש ישיבה אין פומפדיתא (זעה סוף הוריות). רב יוסף האָט אָבער געהאַלטען, אַז לעולם איז ער נישט ראוי צו פערנעהמען דעם דאָזיגען הויכען אַמט, מחמת עס זענען פאַרהאַן פיעל גרעסערע פון איהם, און דאָס, וואָס ער איז געוואָרען אויסגעוועהלט איז דערפאַר, ווייל די אַלע אַנדערע האָבען צוליעב זייער גרויס ענוות זיך אָבגערוקט אַן אַ זייט, און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין: „לא תיתני ענוה דאיכא אנא". פון מיר, פון דעם אויסוועהלען מיך אַלס ראש־ישיבה, האָט איהר אַ בעווייז, אַז דאָס ענוות איז נאָכנישט בטל געוואָרען, וואָרום ווען נישט דאָס ענוות פון מיינע חברים, וואָלט דאָך עמיצער אַנדערש פון זיי פערנומען דעם דאָזיגען הויכען אַמט, נישט איך...

(דבש וחלב)

„ואמר רבא, הני תלת מילי בעאי קמי שמיא, תרתי יהבו לי, חדא לא יהבו לי: חוכמתיה דרב הונא ועותריה דרב חסדא — יהבו לי, ענותנותיה דרבה בר רב הונא — לא יהבו לי" (מועד קטן כ"ח)

איז ממילא דאָס, וואָס ער האָט פריהער געבעטען אויף עשירות און חכמה און ערשט דערנאָך אויף ענוות, איז קיין קשיא נישט. פון אַנ'אָרימאַן און אַנ'עני בדעת איז קיין רבותא נישט אויב ער איז אַנ'עניו און האַלט זיך קליין. אַ רבותא איז, ווען מען איז דערצו אַ גביר און אַ חכם...

פאַרוואָס אָבער האָט מען איהם אויך די דריטע בקשה נישט צוליעב געטהון און איהם נישט געגעבען קיין ענוות?

דער תירוץ איז: מען האָט איהם טאַקי יאָ געגעבען, והראיה — ער האָט נישט געפיהלט, אַז מען האָט עס איהם געגעבען און דאָס איז דער בעסטער סימן פון ענוות...

(כתב סופר)

צו אַלע עבירות — פלעגט זאָגען רבי פנחס קאָריצער — פאָדערט זיך אַ געוויסע מיה און אָנשטרענגונג. בלויז צו דער עבירה פון גאוה דאַרף מען גאָרנישט טהון, לגמרי גאָרנישט. דער מענש ליעגט זיך פויל אויסגעצויגען אויף דער קאַנאַפּע, טהוט קיין

שום זאַך נישט, געניצט פון לאַנגווייליגקייט און — רעדט זיך איין, אַז ער איז גרויס, זעהר גרויס...

בשעת דער ראַדאָמסקער רבי, דער „חסד לאברהם", האָט זיך משדך געווען מיט גער, האָט ער אַהינגעשיקט איינעם פון זיינע מקורבים צו „פּרובען" דעם חתן. ווען יענער איז פון דאָרט צוריקגעקומען, פרעגט איהם דער ראַדאָמסקער:

— איז עס אמת טאַקי, וואָס מען זאָגט, אַז אין גער איז שטאַרק אָנגענומען די מדה 'פון ענוות און מען האַלט זיך דאָרט פאַר גאָרנישט?

— אמת — ענטפערט איהם דערויף דער מקורב — די מעשה איז אָבער, וואָס אַ צווייטען האַלט מען דאָרט פאַר נאָך אַ גרעסערען גאָרנישט...

צום חתם־סופר איז אַמאָל געקומען עפּיס אַ רבי'ל, וועלכער האָט זיך אויף שריט און טריט בעמיהט אַרויסצוווייזען פאַר איהם זיין ענוות, ווי קליין און נידריג ער האַלט זיך.

דעם חתם־סופר האָט שאַקירט דאָס דאָזיגע איבערגעטריבענע, געמאַכטע ענוות, און ער רופט זיך אָן צו איהם:

— איהר זענט לגמרי נישט אַזוי גרויס, וואָס איהר מאַכט זיך אַזוי קליין...

„כל תלמיד חכם שאין בו דעת נבלה טובה הימנו, תדע לך שכן הוא, ממשה אבי החכמה ואבי הנבואה וכו' ואף על פי כן לא נכנס לפני ולפנים עד שקרא לו, שנאמר ויקרא אל משה" (מדרש רבה און אין ילקוט)

אין אַ געוויס שטעדטעל אין ראַדאָמער געגענד האָט די קהילה געהאַט אויסצו־שטעהען גרויסע צרות פונ'ם רב איהרען, וועלכער האָט זיך אַריינגעריסען אַהין בגוואַלד, מיט'ן כוח פון מלכות. נאָך גרויס מיה און שתדלנות האָט זיך שוין געהאַט איין מאָל איינגעגעבען צו דערווייטערען איהם פון שטעדטעל, אָבער אין אַ קורצע צייט אַרום איז ער צוריקגעקומען און מען האָט באַין־אופן נישט געקענט פון איהם פּטור ווערען.

בעת רבי שמואל מאַהילעווער האָט זיך אַמאָל צופעליג געטראָפען אויף אַן'אָרט מיט'ן דאָזיגען רבנ'ישן תקיף, האָט ער איהם אָנגעוויזען אויפ'ן דערמאָהנטען מאמר און געזאָגט:

— ווי איהר זעהט, הייסט אונז דער מדרש אַראָבלערנען זיך פון משה רבנו, אַז אויף אַ הייליג אָרט טאָר מען נישט קומען אומגערופען, אַפילו משה איז נישט געקומען אין אהל מועד ביז השי"ת האָט איהם נישט איינגעלאַדען, און דער מדרש דרינגט דערפון, אַז „תלמיד חכם שאין בו דעת נבלה טובה הימנו". וואָס איז דער פערגלייך? פאַרוואָס איז עפּיס „נבלה טובה הימנו"? ווייל אַ נבלה האָט כאָטש אין זיך די מעלה, וואָס בשעת מען וואַרפט זי אַרויס קומט זי מעהר נישט צוריק, פיעל ערגער אָבער איז מיט אַ תלמיד־חכם שאין בו דעת, וועלכער רייסט זיך אַריין אין אַ שטעדטעל און זעצט זיך אַוועק אויפ'ן כסא הרבנות אומגערופען און אומגעבעטען און אַז מען וואַרפט איהם אַרויס — קומט ער צוריק...

דעריבער איז „נבלה טובה הימנו", ווייל אַ נבלה איז כאָטש מותרת בהנאה, דאַ־געגען פון אַ „תלמיד חכם שאין בו דעת" קאָן מען קיין הנאה אויך נישט האָבען...

(חות יאר)

דעריבער „נבלה טובה הימנו", דען וועגען אַ נבלה זאָגען די חז"ל: „מרחיקין את הנבלות מן העיר חמשים אמה" (בבא בתרא כ"ה), דאָגעגען וועגען אַ מענש וואָס האָט קיין דעת נישט ווערט געזאָגט: „אדם שאין בו דעה לבסוף הוא גולה שנאמר לכן גלה עמי מבלי דעת" (סנהדרין צ"ב), אַלזאָ, אַ נבלה דערווייטערט מען נור אויף פופציג איילען, דאָגעגען אַ שאין בו דעת ווערט דערווייטערט און פערטריבען אויף אַן אונ־בעגרעניצטען מרחק, קומט דאָך אויס, אַז די נבלה שטעהט העכער פון איהם...

(שיחות חכמים)

דער חידושי הרי"ם פלעגט זאָגען אויפ'ן מאמר „מי שאין בו דעת אסור לרחם עליו" (ברכות ל"ג), אַז דאָס גרעסטע רחמנות, נעביך, איז אויף אַזעלכען וואָס אַפילו די תורה אַליין הייסט אויף איהם קיין רחמנות נישט האָבען...

אין יאָהר תקמ"ו האָט די עסטרייכישע רעגירונג געשלאָסען די אידישע חדרים, איינפיהרענדיג אַלגעמיינע צוואַנג־שולען. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט נפתלי הערץ וויזעל דאַן פערעפענטליכט אַנ'אויפרוף אונטער'ן נאָמען „דברי שלום ואמת", אין וועלכען ער האָט שטאַרק געלויבט די אַרויסגעגעבענע פעראָרדנונג, וואָס וועט מיט־העלפען צו פערשטאַרקען די השכלה ביי אידען, ציטירענדיג דערביי דעם תנא דבי אליהו, וואו אויפ'ן פסוק „ויקרא אל משה" ווערט געזאָגט: „מכאן אמרו, כל תלמיד חכם שאין בו דעת נבלה טובה הימנו", אַז אַ תלמיד חכם דאַרף אויך בעזיצען דעת, וויסענשאַפט, וועלטליכע בילדונג...

דערויף האָט דאַן דער „נודע ביהודה" אָבגעענטפערט מיט אַ געגען־אויפרוף, אַז אַ „תלמיד חכם שאין בו דעת" מיינט מען נישט וועלטליכע בילדונג, דען די חז"ל האָבען דאָך בפירוש גע'אַסר'ט צו לערנען חכמה יונית, נאָר מיט'ן וואָרט „דעת" ווערט געמיינט — יראת־שמים, ווי עס ווערט געזאָגט: „ראשית חכמה יראת ד'", און די כוונה איז: „תלמיד חכם שאין בו דעת", אויב אַ תלמיד־חכם האָט נישט אין זיך קיין יראת־שמים, „נבלה טובה הימנו", דען פאַר אַ נבלה ווייסען זיך מענשען צו היטען און נישט אַנצור־ריהרען זיך אין איהר, וויסענדיג, אַז דער מגע־ומשא מיט איהר איז שעדליך; דאָגעגען אַ תלמיד־חכם שאין בו דעת, וואָס אויסערליך איז ער פול מיט תורה און אינערליך איז ער מלא כפירה, ווייסען נישט די מענשען צו היטען זיך פאַר איהם און מ'ען ווערט דורך אַזעלכען זעהר אָפט פערפיהרט.

אדם כי יקריב מכם קרבן... (א. ב.)

אַנדערע פעלקער האָבען זייערע רחמנות־געפיהלען איבערגעטראָגען אויף די בהמות, וועלכע זיי האָבען אַרומגעהילט מיט אַ קולט פון קדושה. וואָס מעהר אכזריות זיי האָבען אַרויסגעוויזען צו מענשען, אַלץ מעהר רחמנות האָבען זיי געהאַט אויף דער בהמה. די מצרים, למשל, וועלכע האָבען אַ גאַנץ פאָלק געפייניגט און עס פערוואַנדעלט אין שקלאַפען, וועלכע האָבען אַרויסגעגעבען אַזאַ ווילד־טיראַנישען בעפעהל, אַז „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו" און וואָס זייער קעניג האָט געשאָכטען אונשולדיגע אי־דישע קינדער און זיך געבאָדען אין זייער בלוט, דוקא זיי האָבען אַרויסגעוויזען אַ זעל־טענע באַרמהאַרציגקייט צו די שאָף, וועלכע זיי האָבען פערהייליגט און פערגעטערט און וועלכע זיי האָבען ערקלערט אַלס אונבעריהרליך — „כי תועבת מצרים כל רועה צאן"...

דאָס זעלבע האָבען אויך די כשדים, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער באַרבאַריזם און אכזריות, פערהייליגט די אָקסען און רינדער, און ביי די אינדיאַנער ווערט נאָך עד־היום דער אָקס פערגעטערט...

מיר אידען אָבער, וועלכע האָבען קיינמאָל נישט פערשקלאַפט קיין פרעמדע פעל־קער אַזוי ווי די מצרים און נישט בעגאַנגען אַזעלכע רציחות, ווי די כשדים, מיר האָבען פון שטענדיג אָן געהאַלטען, אַז פייניגען און שעכטען מענשען איז אַ פיעל גרעסער פערברעך; מיר האָבען נישט געמאַכט קיין קולט פון דער בהמה, מיר האָבען זי נישט פערהייליגט און נישט פערהערליכט און אויפריכטיג, אָהן שום צביעות, זיך נישט געשעמט צו שרייבען: „אדם כי יקריב מכם קרבן לד׳, מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם״...

(ד״ר אהרן יעלינעק)

וועגען דעם טעם פון דער מצוה מקריב צו זיין קרבנות, זענען מחולק צווישען זיך דער רמב״ם און דער רמב״ן. לויט דער ערקלערונג פון רמב״ם (מורה נבוכים פרק ל״ב) איז די דאָזיגע מצוה געגעבען געוואָרען, ווייל ס׳איז אין יענער צייט שטאַרק פער־שפרייט געווען צווישען די פעלקער דאָס מקריב זיין קרבנות צו דער עבודה־זרה, און היות, ווי ס׳איז שווער געווען אויסצוראָטען מיטאַמאָל פון די בני־ישראל דעם דאָזיגען מנהג און וועלענדיג זיי דערווייטערען פון עבודה־זרה, איז זיי דעריבער בעפוילען גע־וואָרען צו מאַכען אַ משכן און מקריב צו זיין די קרבנות פאַר השי״ת, ווי עס ווערט דייטליך געזאָגט וועגען דעם אין פסוק: „למען אשר יביאו בני ישראל את זבחיהם וכו׳ והביאום לד׳ אל פתח אוהל מועד וכו׳ ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים״ (ויקרא יז). דעריבער, הייסט עס, זאָלען זיי ברענגען קרבנות אין משכן, כדי זיי זאָלען מעהר נישט מקריב זיין קיין קרבנות פאַר דער עבודה זרה...

דאַגעגען דער רמב״ן וואַרפט אָב די דאָזיגע מיינונג, ברענגענדיג אַ בעוויז פון הבל׳ן, וועלכער האָט געבראַכט אַ קרבן פאַר גאָט און דאַמאָלס איז דאָך נאָך קיין עבודה־זרה נישט געווען... לויט׳ן רמב״ן׳ס מיינונג איז דער זין פון קרבן צו דיענען אַלס מוסר־השכל פאַר׳ן זינדיגען. צוקוקענדיג, וואָס עס ווערט געטהון מיט דער בהמה: די שחיטה, די הזרקת־הדם, הקרבת־אימורים וכו׳, זאָל ער זיך דאַן פערטראַכטען, אַז צוליעב זיינע זינד האָט מען דאָס, אייגענטליך, געדאַרפט מיט איהם זעלבסט טהון און די בהמה ליידט צוליעב איהם, צוליעב זיינע חטאים...

רבי יעקב אָרענשטיין ווייזט דערביי אָן, אַז ריכטיגער איז דאָ די מיינונג פון רמב״ן, נישט פון רמב״ם, והא ראיה: אין די תפילות דערמאָהנען מיר זעהר אָפט וועגען די קרבנות, וואָס מיר וועלען מקריב זיין בימות המשיח, און דאַמאָלס, ווי מיר האָפען, וועט דאָך מעהר אויף דער וועלט קיין עבודה־זרה נישט זיין, דען — „יכירו וידעו כל יושבי תבל כי לך תכרע כל ברך, תשבע כל לשון!״... דעם רמב״ן׳ס מיינונג איז אויך בפירוש מרומז אין פסוק: „זבחי אלקים רוח נשברה. לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה, הטיבה ברצונך את ציון תבנה חומות ירושלים, אז תחפוץ זבחי צדק״ (תהלים נ״א). און דערפון, אַלזאָ, וואָס זאָגאַר דאַן, ווען עס וועלען אויפגעבויט ווערען די חומות ירושלים, איז „תחפוץ זבחי צדק״, וועט מען פונדעסטוועגען ווייטער ברענגען זבחי צדק, מקריב זיין קרבנות, אָט דערפון איז אַ ראיה, אַז דער טעם פון די קרבנות איז, ווייל „זבחי אלקים רוח נשברה״, כדי, ווי דער רמב״ן ערקלערט, דער זינדיגער זאָל זיך פיהלען נידערגע־שלאָגען און, אַראָבבעהמענדיג זיך אַ מוסר־השכל פון דער בהמה, זאָל ער חרטה האָבען אויף זיינע זינד...

(ישועות יעקב)

אינטערעסאַנט איז, אַז אויך אין מדרש געפינען מיר אַ ערקלערונג, וואָס זאָגט כמעט דאָס זעלבע וואָס דער רמב״ם, און נעמליך: „משל לבן־מלך שגס לבו עליו והי׳ למד לאכול בשר נבלות וטרפות, אמר המלך זה יהי׳ תדיר על שולחני ומעצמו יהא נדור, כך לפני שהי׳ ישראל להוטים אחר ע״ז במצרים והי׳ מביאים קרבניהם לשעירים וכו׳ אמר הקב״ה: יהיו מקריבים לפני בכל עת קרבנותיהם באהל מועד והם נפרשים מע״ז״ וכו׳ (מדרש רבה ויקרא פרשה כ״ג).

דער בעל העקידה (עקידת יצחק שער מ״ח) ערקלערט דעם טעם פון די קרבנות אויף אַ זעהר פשוט׳ן אופן:

עס ליגט — שרייבט ער — אין דער טבע פון יעדען מענש אויסצודריקען דאַנק־באַרקייט און צו שיקען אַ מתנה צו דעם, וואָס האָט איהם גוטס געטהון, און בשעת יענער נעהמט־צו ביי איהם די מתנה פערשאַפט עס דעם נותן גרויס תענוג. דאַגעגען האָט ער גרויס צער ווען יענער זאָגט זיך אָב דערפון און ער גיט איהם נישט קיין מעגליכקייט אויסצודריקען איהם זיין דאַנק.

אויך כביכול האָט נישט געוואָלט אָוועקנעהמען ביי אידען דעם דאָזיגען תענוג פון אויסדריקען פאַר איהם זייער דאַנקבאַרקייט דורך די געבערענגטע מתנות...

„אדם למה נאמר, מה אדם הראשון לא הקריב מן הגזל וכו׳״ (רש״י)

אַנשטאָט „לא הקריב מן הגזל״, וואָלט דאָך, אייגענטליך, ריכטיגער געדאַרפט זיין: „לא הקריב דבר גזול״? נאָר באמת געשיקט זיך עס נישט אַז אַ מענש זאָל זיין אַזאַ שוטה, עובר צו זיין אויפ׳ן „לא תגנוב״ און געהן גנב׳ענען אַ בהמה, בכדי מקריב צו זיין איהר פאַר אַ קרבן, דאַגעגען זענען פערהאַן, ליידער, אַזעלכע, וואָס ערווערבען זייער פערמעגען דורך גנבה וגזלה און נאָכהער זענען זיי מקריב קרבנות — „מן הגזל״, פון אַנגעראַבעוועטען פערמעגען, אַוועקגעבענדיג אַ טייל דערפון אויף צדקה, אויף נדבות, מיינענדיג אַזוי אַרום צו כשר׳ן זיך פאַר מענשען...

(כלי יקר)

די תורה געפינט פאַר נויטיג צו וואָרענען געגען גזל באַלד אין אָנהויב פון דער סדרה — „אדם כי יקריב מכם״, דאַן אין מיטען דער סדרה — „והסיר את מוראתו בנוצתה״, און דאַן צום סוף פון דער סדרה — „וכחש בעמיתו״. דידאָזיגע דרייפאַכע וואָרנונג איז צוליעב דעם, כדי דער מענש זאָל זיך נישט איינרעדען, אַז ברענגענדיג אַ קרבן מעג ער זיך שוין ערלויבען עמיצען צו בעשווינדלען...

(הנ״ל)

„אדם כי יקריב מכם קרבן, מה אדם הראשון לא הקריב מן הגזל וכו׳ אף אתם לא תקריבו מן הגזל״ (רש״י)

דער דרש ממעט צו זיין את הגזל ווערט דאָך גאָר געדרונגען אין דער גמרא פון וואָרט „מכם״ (סוכה ל׳): „אדם כי יקריב מכם אמר רחמנא ולאו דידיה הוא״?

נאָר די כוונה איז דאָ — האָט דערויף געענטפערט רבי יונתן אייבעשיץ — וועגען אַ גאַנץ אַנדער מין גזל; אַז ביים ברענגען אַ קרבן זאָל מען נישט זיין קיין „גונב דעת הבריות״, בכדי אויסצופיינערען זיך פאַר מענשען און צו וויזען זיי ווי פרום און אָבגע־היטען ער איז, ווי אויף דער מינדעסטער עבירה, אַפילו בשוגג, לויפט ער גלייך מקריב זיין אַ קרבן, און דערויף ווערט אַלסביישפיעל אָנגעוויזען אויף אדם הראשונ׳ען: „מה

אדם הראשון לא הקריב מן הגזל שהכל היה שלו״, אַלץ איז געווען זיינס, עס זענען נישט געווען אין דער וועלט מעהר קיין מענשען, פאַר וועלכע ער זאָל זיך דאַרפען פערשטעלען און שפּיעלען די ראָלע פון אַ פרומאַק, און ער האָט דאָך זיכער מיט זיין קרבן מכוון געווען לשם שמים, „אף אתם לא תקריבו מן הגזל״...

„אדם כי יקריב — לרבות את הגרים״ (ירושלמי שקלים פ״א)

אַ טייל מפרשים, צווישען זיי אויך דער מלבי״ם, פּרובען ערקלערען דעם אונטער־שיעד פון „איש״ ביז „אדם״, אַז „איש״ בעצייכענט אַ העכערען, חשוב'ען מענש, דאַגעגען „אדם״ איז כולל אַלע קלאַסען און שיכטען; און דעריבער, ווייל דאָ שטעהט נישט „איש״, נאָר „אָדם״, איז אויך — „לרבות את הגרים״.

דידאָזיגע דעפיניציע איז אָבער אין סתירה צו פערשידענע מאמרי חז״ל, ווי דער בעקאַנטער מאמר: „אתם קרוים אָדם ולא הם קרוים אָדם״, אָדער דער מאמר אין זוהר פ' תזריע: „תני, בכמה דרגין אתקרי בר־נש: אָדם, גבר, אנוש, איש, וגדול שבכולם אָדם״, דעסגלייכען אין זוהר פ' דברים: „תלמיד־חכם נקרא אָדם, ועם־הארץ לא נקרא אָדם״, אויך דרש'ענען די חז״ל אויפ'ן פסוק: „איש כי ידר נדר״ — „לרבות את העובדי כוכבים״, און נאָך און נאָך אַזעלכע עהנליכע שטעלען, וועלכע זענען לגמרי מבטל די אויבענדערמאַהנטע השערה.

עס איז דעריבער אָנצונעהמען, אַז דער דרש „לרבות את הגרים״ שטיצט זיך נישט אויפ'ן וואָרט „אָדם״, נאָר אויפ'ן ווייטערדיגען אויספיהר פון פסוק — „כי יקריב מכם״... מחמת געדאַרפט וואָלט שטעהן: „אָדם מכם כי יקריב״, און דאַן וואָלט עס בע־דייט: „אַ מענש פון אייערע מענשען״ (אַ איד); דערמיט אָבער, וואָס דער „מכם״ איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען צום סוף, בעדייט עס: אויך אַזאַ מענש, וועלכער שטאַמט נישט דירעקט פון אייך — „לרבות את הגרים״...

(תורה תמימה)

„בקרבנות נדבה דבר הענין, אדם למה נאמר וכו׳״ (רש״י)

וואָס פאַר אַ סמיכות האָט די פראַגע „אדם למה נאמר״ צו די פריהערדיגע ווערטער „בקרבנות נדבה דבר הענין״?

דען עס איז דאָך בעקאַנט דער דרש: „אתם קרוים אדם ואין עכו״ם קרוים אדם״. דאָ אָבער קאָן מען דאָך נישט זאָגען, אַז „אדם למעט עכו״ם״, דען דאָ איז דאָך „בקרבנות נדבה דבר הענין״ און ביי קרבנות נדבה איז דאָך דער דין, אַז „נכרים נודרים נדרים ונדבות כישראל״, און אויב אַזוי — „אָדם למה נאמר״?...

(כתנות אור)

„אדם כי יקריב — הדא הוא דכתיב הבן יקיר לי אפרים״ (מדרש)

וואָס ווערט געמיינט דערמיט?

נאָר דעם בעל־המדרש איז קשה געווען: ווי אַזוי קאָן אויף אַ בעגאַנגענעם חטא פּועל'ן קרבן און תשובה, עס איז דאָך אַ כלל, אַז — „מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול״? דערויף קומט דער ענטפער: „הה״ד הבן יקיר לי אפרים״, השי״ת האָט בפירוש ערקלערט, אַז ער בעציהט זיך צו אונז בבחינת אָב און — „אב שמחל על כבודו, כבודו מחול״...

(רבי שלום מרדכי מברעזאַן)

אויפ׳ן פסוק: „אדם כי יקריב מכם קרבן״ איז פאַרהאַן אַ מדרש פליאה: „אדם ולא משה״.

וואָס ווערט געמיינט דערמיט?

נאָר די חז״ל זאָגען: „בא וראה כמה גדולים נמוכי רוח לפני הקב״ה. בזמן שבית־המקדש קיים אדם מקריב עולה — שכר עולה בידו וכו׳ אבל מי שדעתו שפלה עליו כאילו הקריב כל הקרבנות שבעולם״ (סנהדרין מ״ג).

אויפ׳ן וואָרט „ויקרא״ ווערט געזאָגט אין מדרש (עהנליך אויך אין בעל־הטורים), אַז דעריבער איז „ויקרא״ געשריבען מיט אַ קליינע א׳, בכדי דערמיט מרמז צו זיין אויף משה׳ס עניוות.

און דאָס, אַלזאָ, איז די כוונה פונ׳ם דערמאָהנטען מאמר: „אדם ולא משה״, נאָר אַ געוועהנליכער מענש נויטיגט זיך אין קרבנות. אַזאַ עניו אָבער און שפל־רוח ווי משה דאַרף דערצו נישט אָנקומען...

(רבי פנחס הלוי הורוויץ)

אם עולה קרבנו מן הבקר... (א. ג.)

דרייערליי עולות ווערען אויסגערעכענט אין פסוק: מן הבקר, מן הצאן ומן העוף. דער עושר, וועלכער איז גרויס און שטאָלץ ביי זיך און איז מעהר נוטה צו זינדיגען, דאַרף ברענגען אַ גרויסען קרבן, מן הבקר — אַן אָקס. דער בינוני, וועלכער זינדיגט וועניגער, איז יוצא מן הצאן, מיט אַ שעפּס. דער אָרימאַן, אָבער, וועלכער איז ביי זיך שפל׳דיג און געפאַלען און זינדיגט וועניגער פון אַלעמען, איז גענוג פאַר איהם דער קלענסטער קרבן — מן העוף...

(זוהר ויקרא)

הגם — פלעגט זאָגען רבי שניאור זלמן מלאדי — די גמרא זאָגט אַז אַ קרבן אָהן תשובה איז נישט מכפר, דען עס שטעהט: „זבח רשעים תועבה״ (זבחים ז׳), בעציהט זיך דאָס נישט אויף קיין מנחה, וועלכע איז נישט אין כלל פון זבח, ווי עס ווערט געזאָגט: „לפי שאין המנחות דומות לזבחים״ (מנחות ג׳); אַ מנחת־עני איז מכפר אויך אָהן תשובה, מחמת דאָס גאַנצע לעבען פונ׳ם אָרימאַן איז איין אונאויפהערליכע תשובה...

וזרקו את הדם על המזבח סביב... (א. ה.)

„דם״ איז דער סימבאָל פון טעמפּעראַמענט, זריזות, בעוועגליכקייט, אַקטיוויטעט; דאַגעגען „חלב״ איז דער צייכען פון אונבעוועגליכקייט, עצלות, פּאַסיוויטעט... ביידע מדות זענען דעם מענשען נויטיג. מען דאַרף אַקטיוו זיין אויף צו טהון גוטס, מקיים צו זיין די מצוות־עשה, און פּאַסיוו — נישט צו טהון קיין שלעכטס... אָבער דער זינ־דיגער פערבייט די ראָלען און מיסברויכט מיט די דערמאָהנטע מדות, אויסנוצענדיג זיי צו פערקעהרטע צוועקען... און דעריבער האָט מען פונ׳ם קרבן, וואָס דער חוטא האָט געבראַכט, מקריב געווען אויפ׳ן מזבח אָט די ביידע טיילען — „דם״ און „חלב״...

(כפלים לתושיה)

אויב מען ברענגט אַלס קרבן אַ בהמה, ווערט דאָס בלוט פון אַן׳עולה געשפּריצט אויפ׳ן אונטערשטען טייל פון מזבח — „למטה מחוט הסיקרא״, און דאָס בלוט פון אַ

חטאת — אויפ׳ן אויבערשטען טייל, „למעלה מחוט הסיקרא״; דאַגעגען אויב מען ברענגט אַלס קרבן אַן׳עוף, איז פאַרקעהרט: ביי אַן׳עולה ווערט דאָס בלוט געשפּריצט למעלה, און ביי אַ חטאת — למטה. פאַרוואָס איז עס אַזוי?

ווייל אַ קרבן־בהמה איז דאָך מקריב אַן׳עושר, איז אויב ער ברענגט אַן׳עולה, און אַן׳עולה ווערט דאָך געבערענגט בתורת נדבה — מאַכט מען דערפון נישט קיין וועזען און מען שפּריצט דאָס בלוט „למטה מחוט הסיקרא״, וואָרום פון וואָס איז דאָ נתפעל צו ווערען? אַן׳עושר האָט געבראַכט אַ נדבה — מאַי כולי האַי? אויב אָבער ער ברענגט אַ חטאת, און אַ חטאת ווערט דאָך געבראַכט פאַר אַ בעגאַנגענער זינד — איז עס שוין אַ געשעהעניש, אַ גרויס געשעהעניש: אַ גביר זאָל זיך אַליין אָנערקענען אַלס זינדיגער — דאָס איז אַ זעלטענהייט, אַ מילתא דלא שכיחא... אַזאַ גביר האָט זיך פּולקאָם פאַרדיענט, מען זאָל איהם נוהג־כבוד זיין, און מען שפּריצט דעריבער דאָס בלוט „למעלה מחוט הסיקרא״...

אַ קרבן־עוף ווידער איז מקריב אַן׳אָרימאַן, און ביי איהם איז אַלזאָ פאַרקעהרט: אויב ער ברענגט אַ חטאת, שפּריצט מען דאָס בלוט „למטה מחוט הסיקרא״, וואָרום אַן׳אָרימאַן זאָל זיך אָנערקענען פאַר זינדיג איז נישט קיין רבותא: ווען איז אַן׳אָרימאַן נישט זינדיג?... אָבער אויב ער ברענגט אַ נדבה, אַן׳עולה, איז עס טאַקע אַ גרויסע רבותא, דען דאָס איז דאָך איבער זיינע כוחות — און אַלס צייכען פון חשיבות שפּריצט מען דעריבער דאָס בלוט „למעלה מחוט הסיקרא״...

(רבי יעקב־יצחק מלובלין)

ושחט אותו על ירך המזבח צפונה... (א. יא.)

די דריי געפעהרליכסטע תאוות, וועלכע זענען שולט אויפ׳ן מענש און וועלכע ער דאַרף מיט אַלע כוחות בעקעמפען, זענען: תאות־האכילה, תאות־הממון און תאות־הנשים. און אָט דאָס ווערט אונז אָנגעוויזען בדרך־רמז אינ׳ם דערמאָהנטען פּסוק:

„ושחט אותו״ — צו דער מדרגה פון שחיטת־היצר קאָן מען אַנדערש נישט קומען, נאָר דורך דער אויסראָטונג פון די דריי תאוות: „על ירך״ — תאות־הנשים... „המזבח״ — תאות האכילה... „צפונה״ — תאות־הממון („מצפון זהב יאתה״)...

(רבי נחום טשערנאָבילער)

„קדשי קדשים שחיטתן בצפון״... פאַרהאַן, ליידער, צווישען אונזערע יראים וחרדים און אַפילו צווישען די צדיקים און קדושים אַזעלכע, ביי וועלכע „שחיטתן בצפון״, וואָס ווי־נאָר עס קומט צו געלד־זאַכען, דאָ ווערט מיטאַמאָל זייער גאַנץ פרומ־קייט אָבגעשאָכטען, דאָ קאָנען זיי מעהר דעם נסיון נישט ביישטעהן...

(תולדות יעקב־יוסף)

ושסע אותו בכנפיו... (א. יז.)

„מבדילין בעולת העוף ואין מבדילין בחטאת העוף״...

געוועהנליך איז איבעראַל, בכל אומה ולשון, די געזעלשאַפט נישט פאַראַנטוואָרט־ליך פאַר׳ן יחיד; עס וועט קיינעם נישט איינפאַלען צו בעשולדיגען דעם רבים פאַר די זינדיגע מעשים פון אַ פּרט. בלויז אידען זענען אין דערדאָזיגער הינזיכט אַן׳אויסנאַהם, בלויז אויף אידען איז נישט חל דערדאָזיגער כלל...

„מבדילין בעולת העוף" — אויב אַ איד צייכענט זיך אויס און טהוט אַ גוטע זאַך, ברענגענדיג זיך פאַר אַן׳עולה, אָפּפערנדיק זיך פאַר׳ן לאַנד, פאַר די אינטערעסען פון דער מלוכה, דאַן איז „מבדילין", זונדערט מען איהם אָב פון כלל־ישראל און מען פערשרייבט עס בלויז אויף זיין אייגענעם חשבון; אָבער „אין מבדילין בחטאת העוף" — זאָל איין איד בעגעהן עפּעס אַ חטא, אַ זינד, אַ פערברעך, דאַן איז „אין מבדילין", דאַן נעהמט מען איהם נישט אַרויס פון כלל, דאַן איז דער גאַנצער כלל־ישראל שולדיג, דער גאַנצער כלל־ישראל פעראַנטוואָרטליך...

(ילקוט הדרוש)

ריח ניחוח לד׳... (א. יז.)

„נאמר בעוף ריח ניחוח ונאמר בבהמה ריח ניחוח, לומר לך אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון את לבו לשמים" (רש״י)

דער „ובלבד שיכוון את לבו לשמים" געהט נישט אַרויף אויפ׳ן „הממעיט", נאָר אויפ׳ן „המרבה", אויף דעם, וואָס ברענגט אַ רייכען קרבן; וואָרום דער „ממעיט", דער אָרימאַן, ער מיינט מיט זיין נדבה זיכער ערנסט — ער איז זיכער „מכוון את לבו לשמים"...

(רבי ר׳ בונם)

ונפש כי תקריב קרבן מנחה... (ב. א.)

די מנחת־עני איז בעשטאַנען פון אַ צעהנטעל איפה („מ״ג ביצים וחומש") פונ׳ם בעסטען מעהל (סולת) און שמן.

איז אויב אַזוי, האָט עס דאָך אויסגעמאַכט פיעל טייערער פונ׳ם קרבן־העוף, וואָס עס האָט געבראַכט דער מיטעל־מאַן, אַ „תור", אָדער „בן־יונה"?...

(הפלאה)

וקמץ משם מלוא קמצו... (ב. ב.)

אומעדום, וואו עס ווערט ביי די משרתי גבוה דערמאָהנט קיחה, נעהמען, ווערט געזאָגט דערביי דאָס וואָרט „מלוא", ווי „מלוא קמצו", „מלוא חפניו", „מלוא המחתה", דאַגעגען ביי נתינה שטעהט — „ונתן באצבעו", אָדער „והזה באצבעו", דען נעהמען האָבען ליעב די כלי־קודש מיט דער פולער האַנד, אָבער צו געבען — זענען זיי נישט אַזוי לייכט, „אַ נעהמער איז נישט קיין געבער"...

(פאָלקס־ווערטעל)

כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו... (ב. יא.)

„שאור" און „דבש" זענען צוויי עקסטרעמען, לויט זייערע אייגענשאַפטען און טעם זענען זיי דער היפוך איינס פונ׳ם צווייטען... עקסטרעמען זענען שעדליך און פוןביידע דאַרף מען זיך דערווייטערען... געהן דאַרף דער איד אינ׳ם „דרך־הממוצע", אינ׳ם „שביל־הזהב"...

(רבי יוסף־שאול נאַטאַנזאָהן)

„ולמה אין מערבין בה דבש, מפני שהתורה אמרה כי כל שאור וכל דבש" וכו'

זאָלסט זיך נישט קליגען צו וועלען דורכאויס פערשטעהן די טעמי־המצות לויט דיינע השגות, לויט דיין בעגרענעצטען מענשליכען שכל. „ולמה אין מערבין בה דבש" ? — פשוט : „מפני שהתורה אמרה", די תורה הייסט נישט, און גענוג !...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

וסמך ידו על ראש קרבנו... (ג. ב.)

דערויף זאָגט דער בעל־הטורים : „ובצאן ובעז כתיב את ידו, לפי שהבקר חזק ויכול לסבול הסמיכה וכו' מה שאין כן בצאן ובעז, לכך נאמר את, דמשמע ברפיון".

פרעגט זיך : מען געפינט דאָך אין דער זעלבער סדרה ביי כהן המשוח, וועלכער ברענגט אַ פּר בן בקר און פונדעסטוועגען שטעהט דאָרט : „וסמך את ידו". דעסגלייכען ביים חטאת הקהל : „וסמכו זקני העדה את ידיהם על ראש הפר" (ד. טו.). ווי אויך אין פ' תצוה (כט. י.) : „וסמך אהרן ובניו את ידיהם על ראש הפר". דאַגעגען ווידער געפינען מיר אויך פערקעהרט : „והביא את קרבנו שעיר עזים" (ד. כג.) און — „וסמך ידו על ראש השעיר", אָהן דעם וואָרט „את" ?...

(זאב בערענט)

נפש כי תחטא... (ד. ב.)

אַ מלך האָט געהאַט אַ פּרדס, אין וועלכען עס זענען זעהר שענע פּירות געוואַקסען. האָט דער מלך אַריינגעזעצט אינ'ם פּרדס צוויי שומרים, פון וועלכער איינער איז געווען אַ הינקענדיגער און דער צווייטער אַ בלינדער, און ער האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלען אַכטונג געבען מען זאָל די פּירות נישט צו'גנב'ענען... רופט זיך איינמאָל אָן דער הינקענדיגער צום בלינדען : זעלטענע פּירות וואַקסען דאָ אין גאָרטען, עס וואָלט אַ יושר געווען צו פערזוכען... זאָגט דער בלינדער : אַדרבה גיב אַהער !... אונמעגליך — זיפצט דער הינקענדיגער — דו ווייסט דאָך, אַז כ'בין אַ בעל־מום און קאָן אויפ'ן בוים נישט קלעטערן !... און איך — קרעכצט דער בלינדער — קאָן דאָך אַוודאי גאָר־נישט אויפטהון, איך זעה דאָך נישט !... האָבען זיי געטראַכט, ביז זיי זענען געפאַלען אויף אַ המצאה : דער הינקענדיגער האָט זיך אַוועקגעזעצט רייטען אויפ'ן בלינדען און אַזוי־אַרום צו די פּירות אויפ'ן בוים דערגרייכט און אַ היבש ביסעל אויפגעגעסען, אַ היבש ביסעל אָבגעריסען, און מ'איז זיך אַוועק צוריק יעדער אויף זיין אָרט, גלייך ווי זיי וויסען פון גאָרנישט... אין עטליכע טעג אַרום קומט־אָן דער מלך און ער דערזעהט וואָס דאָ איז געשעהען, פרעגט ער : וואו זענען די שענע גרעאָטענע פּירות אַהינגעקומען ? — רופט זיך אָן דער בלינדער : אַדוני מלך, איך זעה דען ?!... רופט זיך אָן דער הינ־קענדיגער : אדוני מלך, איך קאָן דען געהן ?!... וואָס־זשע האָט דער מלך געטהון ? ער האָט גענומען דעם הינקענדיגען און איהם אַרויפגעזעצט רייטענדיג אויף דעם בלינדען און געזאָגט : אַ ט ו ו י ־ אַ ז ו י איהר האָט עס געמאַכט, אָט ווי־אַזוי !...

לעתיד־לבוא, בעת דער מענש ווערט געשטעלט לדין, פרעגט מען די נשמה : פאַר־וואָס האָסטו געזינדיגט ? ענטפערט זי : רבונו של עולם, נישט איך האָב געזינדיגט, נאָר דער גוף ; אַ סימן — ווי־נאָר כ'בין פטור געוואָרען פונ'ם גוף, פליה איך מיר אַרום אין דער לופט, ווי אַ ריין, אונשולדיג פייגעלע !... פרעגט מען דעם גוף : פאַרוואָס

האָסטו געזינדיגט? ענטפערט ער: איך? איך האָב דען כח צו זינדיגען? דאָס האָט די נשמה געזינדיגט; והראיה — ווי־נאָר די נשמה איז אַוועק פון מיר, בין איך אומ־בעוועגליך, ווי אַ שטיין!... וואָס־זשע טהוט הקדוש ברוך הוא? ער ברענגט די נשמה און זעצט זי אַריין צוריק אין גוף, און ביידע ווערען צוזאַמען געמשפט...

(ויקרא רבה)

נפש כי תחטא בשגגה... (ד. ב.)

„תנא דבי רבי ישמעאל, אם ראית תלמיד־חכם שעבר עבירה בלילה אל תהרהר אחריו ביום וכו׳ ודאי עשה תשובה" (ברכות י״ט)

פונוואַנען האָט עס ר׳ ישמעאל געוואוסט אויף זיכער אַזוי צו זאָגען? און פאַרוואָס עפּעס גראַד „שעבר עבירה בלילה"?

נאָר — האָט געענטפערט דערויף רבי יאָשע דינאַבורגער — אין דער גמרא ווערט דערצעהלט, אַז רבי ישמעאל האָט נישט מסכים געווען מיט׳ן דין פון „לא יקרא לאור הנר שמא יטה", אויסדריקענדיג זיך: „אני אקרא ולא אטה" און דער סוף איז געווען, אַז ער איז נכשל געוואָרען און — „קרא והטה וכתב על פנקסו, אני ישמעאל בן אלישע קראתי והטתי נר בשבת, לכשיבנה בית המקדש אביא חטאת שמנה" (שבת י״ב).

מיט׳ן דערמאַהנטען מאמר האָט, אַלזאָ, רבי ישמעאל געמיינט זיך זעלבסט, וועלענ־דיג דערמיט געבען אַנצוהערעניש, אַז ער האָט גלייך תשובה געטהון אויף יענעם חטא בשוגג, וואָס ער איז בעגאַנגען שבת ביינאַכט און אַז — „תלמיד חכם שעבר עבירה בלילה, אַל תהרהר אחריו ביום"...

דער לעמבערגער רב, רבי יוסף שאול נאַטאַנזאַהן, איז אַמאָל געקומען צו רבי מאיר׳ל פּרימישלאַנער. אַריינקומענדיג האָט ער געזעהען, ווי רבי מאיר׳ל זיצט, די הענד פערלעגט, און טהוט גאָרנישט און אויף׳ן טיש ליעגט נישט פאַר איהם קיין שום ספר. רבי יוסף שאול איז שטאַרק פערוואונדערט, טראַכטענדיג ביי זיך: היתכן, אַזאַ שטייגער מענש, וועלכער איז אַנגענומען אין דער חסידישער וועלט פאַר אַזאַ גרויסען צדיק, זאָל אַרומגעהן לעדיג? רבי מאיר׳ל האָט בעמערקט דעם פערוואונדערטען אויסדרוק אויף זיין געזיכט און, דערלאַנגענדיג איהם שלום, רופט ער זיך אָן צו איהם:

איהר, לעמבערגער רב, זענט דאָך דער מחבר פון ספר „מפרשי הים", איז אפשר וואָלט איהר מיר געזאָגט פשט אין דער גמרא: „אם ראית ת״ח שעבר עבירה בלילה אל תהרהר אחריו ביום שמא עשה תשובה וכו׳ ודאי עשה תשובה" (ברכות י״ט). היתכן, ווי געשיקט זיך עס, אַז אַ תלמיד־חכם זאָל עובר זיין אַן עבירה און דערצו נאָך בפרהסיא, עפענטליך פאַר מענשען?... נאָר, לפי דעתי, רעדט זיך דאָ וועגען חטא פון ביטול־תורה. אויב דו וועסט זעהען אַ תלמיד־חכם, אַז ער זיצט לעדיג און איז נישט עוסק בתורה, וואָס דאָס איז דאָך איינע פון די האַרבסטע עבירות, אל תהרהר אחריו, זאָלסטו איהם נישט דן זיין לכף חוב, וואָרום שמא עשה תשובה, עס איז גאַנץ מעגליך, אַז ער זיצט גאָרנישט לעדיג, ווי דיר דוכט זיך, נאָר ער איז דאַמאָלס, איידער ער זעצט זיך לערנען, מהרהר בתשובה, און די חז״ל פיהרען דערביי אויס, אַז נישט „שמא עשה תשובה", נאָר „ודאי עשה תשובה", עס איז זיכער אַזוי...

(דור דעה)

נפש כי תחטא בשגגה מכל מצות ד׳... (ד. ב.)

פאַרהאַן אַזעלכע חטאים, וואָס זייער זינד בעשטעהט דעריין, וואָס מען מאַכט דעם חטא פאַר אַ מצוה, אַ „מצות השם״, ווי למשל: „עס איז אַ מצוה אין יענעם זיך נוקם צו זיין״, דען „כל תלמיד חכם שאינו נוקם ונוטר כנחש וכו׳״, „אַ מצוה די רשעים צו רודפ׳ן״; „אַ מצוה יענעם צו בעגראָבען״...

(אוסם בושם)

נפש כי תחטא וכו׳ ועשה מאחת מהנה... (ד. ב.)

אויך דער „ועשה מאחת מהנה״ איז אַ חטא. אויב אַ מענש טהוט אַ מצוה און ער ווייסט, אַז ער האָט געטהון אַ מצוה, און ער שטאָלצירט און ריהמט זיך דערמיט, מיי־נענדיג, אַז ער האָט דאַדורך געמאַכט אַ פעלץ דעם רבונו של עולם — איז ער דערמיט אַליין אַ חוטא...

(קדושת לוי)

אם הכהן המשיח יחטא לאשמת העם... (ד. ג.)

וועה איז צו דער מדינה, וואָס איהר רופא איז פּאַראַליזירט און איהר אויגען־דאָקטאָר איז בלינד און איהר בעשיצער און פערטיידיגער ווערט אין אַ פערברעכער פערוואַנדעלט!...

(ויקרא רבה)

„דור דור ודורשיו, דור דור ומנהיגיו״, יעדער דור בעקומט אַזעלכע מנהיגים, ווי ער פערדיענט, און „אם הכהן המשיח יחטא״ איז דערפון אַ סימן — „לאשמת העם״, אַז דאָס פאָלק געפינט זיך אין אַ נידעריגען, זינדיגען צושטאַנד און דערפאַר האָט עס אַזעלכע מנהיגים...

(רבי שמעון סופר)

„אם הכהן המשיח יחטא״, אויב דער פיהרער, דער מנהיג, ערלויבט זיך עובר צו זיין אַפילו נאָר אויף קליינע חטאים, דאַן איז — „לאַשמת העם״, ערלויבט זיך שוין דאַמאָלס דאָס פאָלק צו בעגעהן פיעל האַרבערע זינד...

(רבי יעקב מליסא)

און דאָס איז דער טייטש: „אבד חסיד מן הארץ וישר באדם אין״ (מיכה ז. ב.)

דער המון איז זיך תמיד מתיר צו געהן אַ שריט ווייטער ווי דער מנהיג. איז אויב דער מנהיג איז זיך נוהג אין זיינע מעשים בבחינת „חסיד״, האַנדלענדיג „לפנים משורת הדין״, זענען דאַן די געוועהנליכע מענשען נזהר צו האַלטען זיך על כל פנים אין דין, אָבער אויב עס איז „אבד חסיד מן הארץ״, דאַן — „וישר באדם אין״, דאַן איז זיך שוין דער געוועהנליכער מענש מורה־היתר צו פערבויגען אויף אַלעם, אויף די סאַמע האַרב־סטע זאַכען...

(רבי יקותיאל האמבורגער)

אויף אַנ׳עהנליכען אופן ווערט אויך דורך רבי יונתן אייבעשיץ געטייטשט דער פסוק: „הושיעה ד׳ כי גמר חסיד — כי פסו אמונים מבני אָדם״ (תהלים יב. ב.)...

אַ כהן־משיח ברענגט אויף זיין חטא דעם זעלבען קרבן און מען איז עס מקריב אויפ׳ן זעלבען אופן, ווי דער קרבן, וואָס עס ברענגט אַ ציבור אין פאַל פון „ואם כל עדת ישראל ישגו״, ווייל צום כהן־המשיח זענען געווענדעט די אויגען פון גאַנצען פאָלק, אַלע פערקוקען זיך אויף איהם און דעריבער האָט דער חטא, וואָס ער בעגעהט, דעם כאַראַקטער פון אַ חטאת־הצבור. דאַגעגען, איז דער דין, אויב דער כהן־המשיח איז נכשל געוואָרען אין אַ חטא פון עבודה־זרה, ברענגט ער דאַמאָלס דעם זעלבען קרבן וואָס אַ יחיד. מיט וואָס ערקלערט זיך עס?

ווייל בעת אַ כהן ווערט נכשל אין חטא פון עבודה־זרה, אַפילו בשוגג, איז דער דין, אַז ער ווערט מאָמענטאַל געפּסל׳ט און ער טאָר שוין מעהר קיין כהן נישט זיין (רמב״ם הלכות ביאת המקדש). און קוים ווערט ער אויס כהן, האָט ער שוין דאַן ממילא דעם דין פון אַ יחיד און דעריבער ברענגט ער שוין אויך אַ קרבן פון אַ יחיד...

(מלבים)

אשר נשיא יחטא... (ד. כב.)

ביי יעדען פון די אויסגערעכענטע חטאים ווערט דאָס לשון פון חטא אויסגעדריקט אויף אַנ׳אַנדער אופן.

ביי כהן המשיח און ביי צבור ווערט געזאָגט: „אם הכהן המשיח יחטא״ און „ואם כל עדת ישראל ישגו״, אַ לשון ספק: אויב עס וועט פּאַסירען, עס קאָן אַמאָל טרעפען זיי זאָלען זינדיגען, קיין זיכערקייט איז עס נישט...

ביי אַ יחיד ווערט געזאָגט: „נפש כי תחטא״, אַ מין כמעט, אַ האַלבער ודאי: מען קאָן עס ערוואַרטען, עס איז שכיח, אַז אַ יחיד זאָל זינדיגען...

דאַגעגען ביי אַ נשיא ווערט געזאָגט: „אשר נשיא יחטא״, אַ דבר ודאי, ער וועט זיכער זינדיגען, (און אַזוי ווערט טאַקי געזאָגט אין זוהר: „אשר נשיא יחטא — ודאי יחטא״), עס איז אונפערמיידליך, כבוד און גאוה מוזען ברענגען דעם מענש לידי עבירה...

(רבי יצחק קאַרא)

„תנו רבנן, אשר נשיא יחטא, יכול גזרה? תלמוד לומר אם הכהן המשיח יחטא, מה להלן לכשיחטא, אף כאן לכשיחטא״ (הוריות י׳)

ווי אַזוי האָט עס געקענט גאָר זיין אַ הוא־אמינא, אַז דאָס זאָל זיין אַ גזירה, אַז דער נשיא זאָל מוזען זינדיגען?...

ווייל די גמרא זאָגט: „אין מעמידין פרנס על הצבור אלא אם כן קופה של שרצים תלויה לו מאחוריו״ (יומא כ״ב), און ווען נישט דער דרש פון פסוק „אם הכהן המשיח יחטא״, וואָלט איך געקענט מיינען, אַז דער נשיא מוז טאַקי זינדיגען, כדי ער זאָל זיין פערזאָרגט מיט דער נויטיגער „קופה של שרצים״...

(אמרי חן)

„אשר נשיא יחטא, אמר רבי יוחנן בן זכאי, אשרי הדור שהנשיא שלו מביא קרבן על שגגתו״ (הוריות י׳)

וואָס האָט עס צו טהון מיט׳ן דור און וואָס פאַר אַ דאַנק קומט דעם דור דערפאַר, וואָס דער נשיא ברענגט אַ קרבן אויב ער זינדיגט?

ווייל געוועהנליך זעהט נישט אַ מענש אַליין זיינע זינד און פעהלערען און אַנדערע דאַרפען איהם דערויף אויפמערקזאַם מאַכען, און אויב דער נשיא ברענגט אַ קרבן על שגגתו, איז אַ סימן, אַז די אַרומיגע מענשען חנפ׳ענען איהם נישט, ווי דער שטייגער

איז פון רשעים און צבועים אין בעצוג צום תקיף און הערשער, אַז זיי זאָגען איהם דעם אמת אין די אויגען אַריין, און דעריבער — „אשרי הדור״...

(רבי ישראל סאַלאַנטער)

רבי שמעלקי ניקעלשבורגער האָט אַמאָל איינגעטענה׳ט מיט די ניקעלשבורגער פרנסים און זיך געבעטען ביי זיי, זיי זאָלען תשובה טהון און ווערען פרומער, כדי דער איבריגער עולם זאָל זיך אַראָבנעהמען פון זיי אַ ביישפיעל און אויך ווערען פרומער, צוליעב וואָס זיי וועלען האָבען זעהר אַ גרויסען זכות, דען עס וועט זיין „זכות הרבים תלוי בהם״.

רופט זיך אָן איין פרנס:

— וואָס וועט זיין די פעולה, וואָס מיר וועלען תשובה טהון? אַט טהוט איהר דאָך, רבי, שטענדיג תשובה און פונדעסטוועגען לערנט זיך קיינער נישט אַראָב פון אייך?

האָט איהם רבי שמעלקי געענטפערט דערויף: אויפ׳ן פסוק „אשר נשיא יחטא״ ווערט גע׳דרשנ׳ט: „אשרי הדור שהנשיא שלו נותן לב להביא כפרה״. פרעגט זיך: פאַר־וואָס שטעהט נישט אויך פריהער ביים „אם כהן המשיח יחטא״ דאָס וואָרט „אשרי״? פאַרוואָס ווערט אויך דאָרט נישט גע׳דרשנ׳ט דער „אשרי הדור וכו׳״? — ווייל פונ׳ם „כהן המשיח״ לערנט מען זיך אַראָב בלויז צו זינדיגען, אָבער נישט תשובה צו טהון. בעת אַ כהן־המשיח טהוט תשובה, זאָגט דאָן איטליכער: מה־רעש, וואָס איז דאָ די רבותא, ער איז דאָך עפּיס אַ כהן־משיח, אַ רבי, און ווער דען זאָל תשובה טהון, אויב נישט ער?... דאַגעגען אַ נשיא, אַ פרנס, אַ גביר, וועלכער איז פערזאָרגט מיט כל־טוב און ער פערנעהמט נישט דערביי קיין רעליגיעזע התמנות, אויב אַזעלכער טהוט תשובה און געהט בדרך הישר, איז טאַקי — „אשרי הדור״, איז ער בכוח צו ווירקען, אַז אויך אַנדערע זאָלען נאָכטהון זיין ביישפיעל...

וכפר עליו הכהן מחטאתו ונסלח לו... (ד. כו.)

די דאָזיגע ווערטער ווערען געזאָגט סיי ביים קרבן־יחיד, סיי ביים קרבן־צבור, סיי ביים קרבן פון נשיא; אומעטום ווערט צוגעגעבען: „וכפר עליו הכהן ונסלח לו״. אַנ׳אויסנאַהם איז בלויז דער קרבן פון כהן המשיח, ביי וועלכען עס ווערט נישט געזאָגט „וכפר עליו ונסלח לו״, ווייל דער כהן המשיח איז אַליין מקריב דעם קרבן זיינעם און — מכפר זיין קאָן מען נור אויף יענעם, אָבער נישט אויף זיך זעלבסט, אַליין קאָן מען זיך נישט מוחל זיין...

(רבי צדוק הכהן מלובלין)

און דעריבער — האָט געזאָגט דער רבי פון אַלעקסאַנדער, רבי ישראל יצחק — זאָגט דער חזן די שמונה־עשרה הויך און קהל — שטיל, ווייל קהל בעט פאַר זיך און פאַר זיך בעט מען שטיל, בלחש, דאַגעגען דער חזן בעט פאַר יענעם, פאַר׳ן צבור און פאַר יענעם קאָן מען זיך אַוועקשטעלען בעטען מיט מעהר דרייסטקייט, הויך, בקול רם...

ואם נפש אחת תחטא וכו׳ בעשותה... (ד. כז.)

„בעשותה — יחיד העושה חייב, שנים שעשאוה פטורים, דברי רבי שמעון״ (שבת צ״ג)

בעת׳ן יום־הדין — זאָגען די חז״ל — בשעת דער מענש ווערט געשטעלט פאַר׳ן

בית־דין של מעלה, און מען פרעגט איהם, פאַרוואָס ער האָט געזינדיגט, טענה'ט דער גוף, אַז נישט ער האָט געזינדיגט, נאָר די נשמה, והראיה, זינט די נשמה איז אַוועק פון איהם ליעגט ער אונבעוועגליך כאבן דומם. די נשמה ווידער ענטפערט, אַז נישט זי האָט געזינדיגט, נאָר דער גוף, והראיה, ווי נאָר זי איז פטור געוואָרען פון גוף, פליהט זי אַרום אין חלל־העולם, ווי אַן אונשולדיג פייגעלע. מה עושה הקב"ה? ער בעהעפט צוריק די נשמה מיט'ן גוף אוןביידע ווערען געמשפט און בעשטראָפט צוזאַמען (ויקרא רבה)...

לויט רבי שמעון אָבער, וועלכער האַלט, אַז שנים שעשאוה, אַז אויב צוויי מענשען טהוען אום שבת בשותפות'דיג אַ מלאָכה, וועלכע איינער אָהן צווייטען וואָלט נישט געקענט טהון, זענען זיי ביידע פטור, קענען זיך אויך די נשמה און דער גוף בעפרייען פון עונש מיט'ן דערמאָהנטען ענטפער, און דעריבער זאָגט טאַקי רבי שמעון אין אַן־אַנ־דער אָרט: „יכולני לפטור את כל העולם כלו ממדת הדין" (סוכה מ"ה).

דען לויט רבי שמעון איז דער דאָזיגער תירוץ יאָ גילטיג...

(רבי יעקב שמשון שעפעטיוקער)

או הודע אליו חטאתו... והביא קרבנו... (ד. כח.)

דערויף זאָגט דער מדרש: „הדא הוא דכתיב אָדם ובהמה תושיע ד'"...

וואָס איז די כוונה פונ'ם דאָזיגען אונפערשטענדליכען מדרש?

עס איז בעקאַנט דער מאמר חז"ל, אַז אויף דער פראַגע, וואָס פאַר אַ תקנה עס איז פאַרהאַן פאַר'ן מענש, אויב ער זינדיגט, האָט די נבואה געענטפערט: „הנפש החוטאת היא תמות", די חכמה האָט געענטפערט: „יביא קרבן ויתכפר", השי"ת אָבער האָט גע־ענטפערט: „יעשה תשובה"...

און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין: „והביא קרבנו, הה"ד אָדם ובהמה תושיע ד'": לויט'ן ענטפער פון השי"ת איז פאַרהאַן אַ מיטעל — תשובה, דורך וועלכען ביידע זאָלען אָבגעראַטעוועט ווערען פון טויט: אי דער מענש, אי די בהמה...

(ארץ צבי)

אם לוא יגיד ונשא עונו... (ה. א.)

דאָס וואָרט „לוא" איז דאָ געשריבען מלא, מיט אַ ו' און מיט אַן א', אַזוי, אַז עס קאָן האָבען די בעדייטונג פון — „לו" און — „לא", און דערפון ווערט אַראָבגעלערנט, אַז אויב דער בעל־דין אַליין פערלאַנגט נישט פון איהם, איז ער נישט מחויב צו געהן עדות זאָגען.

און דאָס איז די כוונה פון פסוק „אני ד' לא שניתי ואתם בני־ישראל לא כליתם" (מלאכי ג. י.), דען עס איז פאַרהאַן אַ מדרש, אַז בשעת דער שטן קומט יום־כפור מקטרג זיין אויף די בני־ישראל, הייסט איהם השי"ת ברענגען דערויף עדות, דער שטן ווענדעט זיך דאַן צו הימעל און ערד, זיי זאָלען זיך שטעלען עדות־זאָגען, ענטפערען זיי איהם, אַז זיי זענען נישט מחויב צו געהן זאָגען עדות, אויב דער בעל־דין, השי"ת אַליין, פערלאַנגט עס נישט פון זיי... און דאָס איז אַלזאָ דער פשט: „אני ד' לא שניתי" — איך האָב בכיוון געענדערט דעם „לא" פון „ואם לא יגיד ונשא עונו" און צוגעשריבען אַ ו', אַז עס זאָל בעדייטען „לו יגיד", אַז עדות זאָגען דאַרף ער נור דאַן, ווען דער בעל־

דין פערלאַנגט עס פון איהם, און צוליעב דעם איז — „ואתם בני ישראל לא כליתם״, האָט דער קטרוג פון שטן געגען אייך קיין ווירקונג נישט...

(רבי שמעון משעדליץ)

או נפש כי תשבע וכו׳ להרע או להיטיב... (ה. ד.)

מען האָט אַמאָל דערצעהלט דעם „חוזה״ פון לובלין וועגען איינעם אַ געוויסען צדיק, אַז ער פאַסט אָפּט משבת לשבת. האָט ער דערויף געענטפערט: אויפ׳ן פסוק „לבטא בשפתים להרע או להיטיב״, זאָגען די חז״ל: „להרע — שלא אוכל, להיטיב — שאוכל״. די כוונה דערפון איז, אַז עס זענען פאַראַן צוויי דרכים אין עבודת־השם, איין דרך איז צו דיענען דעם אויבערשטען מיט סיגופים און תעניתים און דער צווייטער דרך איז, צו עסען און צו טרינקען און דאָך קיין איין רגע נישט מסיח דעת צו זיין און אין זינען האָבען אַלץ לשם־שמים, און דאָס איז דער פשט: „להרע — שלא אוכל, להיטיב — שאוכל״. נישט עסען, דאָס איז אַ פיעל ערגערער און שלעכטער וועג... און דאָס איז אויך די כוונה פון פסוק: „חכמים המה להרע ולהיטיב לא ידעו״, זיי זענען חכמים אויפ׳ן „להרע״, אויפ׳ן „שלא אוכל״, דאָס איז אָבער נישט אַזאַ גרויסע חכמה. אַ פיעל גרעסערע רבותא איז צו דיענען דעם אויבערשטען און — יאָ צו עסען...

רבי משה לייב סאַסאָווער פלעגט זאָגען: „אוילים מדרך פשעם ומעוונותיהם יתענו״. נאַראָנים זענען יענע, וועלכע מיינען מתקן צו זיין זייערע עוונות מיט תעניתים. עס איז אַ סך גלייכער צו פאַסטען מיט׳ן רעדען, ווי — מיט׳ן עסען...

ואם נפש כי תחטא וכו׳ ולא ידע ואשם... (ה. יז.)

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — דאַרף אַן׳אשם־תלוי, וואָס ווערט געבראַכט אויף אַ ספק עבירה, בעשטעהען פון אַן׳איל, פון אַ מעהר טייערען קרבן, ווי דער קרבן פון אַן׳אָשם ודאי, ווייל אויב אַ מענש ווייסט און פיהלט, אַז ער האָט געזינדיגט, איז דאָס גופא שוין אַ האַלבע תשובה, דאַגעגען אָבער, ווען דער מענש איז אין ספק און ער איז נישט זיכער, אַז ער איז זינדיג, בעוויזט עס, אַז ער איז נאָך שטאַרק פערבלענדעט און ער נויטיגט זיך דעריבער אין אַ פיעל גרעסערע תשובה...

אַלס „חטאת״ איז מען יוצא מיט אַ קרבן, וואָס איז ווערט אַ „דנקא״ (אַ קליינע מטבע), דאַגעגען אַ קרבן, וואָס ווערט געבראַכט אַלס „אשם תלוי״, מוז ווערט זיין לכל־הפחות צוויי סלעים, דען — „ספק עבירה קשה מעבירה״...

(רבינו יונה)

„אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו״ (ישעי׳ א. יח.)... אויב אייערע זינד וועלען זיין „כשנים״, לויט די יאָהרען נאָך, „כשלג ילבינו״, איז עס נאָך צו דערליידען, האָבען זיי נאָך אַ תקנה. דאָס ערגסטע און דאָס העסליכסטע איז, ווען די זינד האַרמאָנירען נישט מיט די יאָהרען, דען „שלשה הקב״ה שונאן וכו׳ — זקן מנאף״...

(הפלאה)

נפש כי תחטא ומעלה מעל בד׳ וכחש בעמיתו... (ה. כא.)

איינס איז ענג פערבונדען מיט׳ן צווייטען: פונקט ווי מען קאָן נישט זיין עהרליך צו גאָט און פאַלש און שלעכט צו מענשען, אַזוי קאָן מען אויך נישט זיין עהרליך און גוט צו מענשען אָהן אמונה און גלויבען אין גאָט... „ומעלה מעל בד׳״, דאַן איז אויך — „וכחש בעמיתו״...

(רבי משה טייטעלבוים)

אויב עס איז „ומעלה מעל בד׳״, אויב מען איז אַ רע לשמים, דאַן „וכחש בעמיתו״, ווערט מען אויך אַ רע לבריות, און דאָס האָט אויך געמיינט דער נביא מיכה, בשעת ער איז אַרויסגעטרעטען געגען די מענשען פון זיין דור, וועלכע האָבען געטענה׳ט, אַז עס זענען נישט נויטיג די אַלע רעליגיעזע מצוות, אַז דער עיקר איז בלויז עס זאָלען הערשען גוטע הומאַניטאַרע בעציהונגען פון מענש צו מענש.

„הגיד לך אדם מה טוב״ — קלאָגט זיך דער נביא — בשעת מען פרעגט אַ מענש, וואָס עס איז גוט, „ומה ד׳ דורש ממך״, ענטפערט ער: „כי אם עשות משפט ואהבת חסד״, מעהר ווי דאָס איז נישט נויטיג, „והצנע״ און ער בעהאַלט דעם „לכת עם אלקיך״, דאָס דאַרף מען נישט, דאָס איז לפי־דעתו אינגאַנצען איבריג, די דאָזיגע מיינונג איז אָבער פאַלש! אָהן דעם מורא שמים, אָהן דער „לכת עם אלקיך״, וועלען די מענשען קיינמאָל נישט צוקומען צום „עשות משפט ואהבת חסד״...

(חתם סופר)

די זינד פון בין אָדם לחברו זענען האַרבער, ווי די זינד בין אָדם למקום... אַזוי זאָגט אויסדריקליך דער נביא: „ובפרישכם כפיכם אַעלים עיני מכם, גם כי תרבו תפלה אינני שומע — ווייל — ידיכם דמים מלאו״... „קשה עונש גזל הדיוט — לערנען אונז די חכמים — יותר מגזל גבוה״... און „כל שאין רוח הבריות נוחה הימנו אין רוח המקום נוחה הימנו״...

און דערפאַר — „נפש כי תחטא ומעלה מעל בד׳ וכחש בעמיתו״, ווען דער מענש איז דאָפּעלט זינדיג, געגען גאָט און געגען מענשען, דאַן — „והשיב את הגזלה אשר גזל״, זאָל ער פריהער מתקן זיין דעם חטא, וואָס ער איז געגען זיין חבר בעגאַנגען, און ערשט נאָכדעם — „ואת אַשמו יביא לד׳״...

(דובנער מגיד)

„ארבעה אין הדעת סובלתן ואלה הן: דל גאה ועשיר מכחש וזקן מנאף ופרנס מתגאה על הצבור״ (פסחים קי״ג)

מילא, „דל גאה״ איז פערשטענדליך, פאַרוואָס אין הדעת סובלתו. וואָס שטעהט ער נאָך אין גרויסען, דער קבצן, וואָס בלאָזט ער פון זיך? אָבער וואָס עפּעס „עשיר מכחש וזקן מנאף״? און אַ יונגערמאַן אַ מנאף, אָדער אַן אַרימאַן אַ מכחש איז יאָ ערלויבט, איז יאָ דער דעת סובל?

נאָר דער פשט איז: די חז״ל מיינען דערמיט אַזעלכע, וועלכע זענען געקומען צום מצב זייערען אַ דאַנק די דאָזיגע מדות מגונות. אַ דל, וועלכער איז געוואָרען אַן־אָרימאַן צוליב גאוות, ווייל דאָס האָט איהם נישט געפּאַסט און יענע בעשעפטיגונג איז איהם נישט אָנגעשטאַנען און עוסק זיין אין אַ מלאכה האָט ער זיך געשעהמט וכדומה; אַ זקן, וועלכער איז אַלט געוואָרען פאַר דער צייט צוליעב ניאוף און אַן׳עושר, וועלכער איז רייך געוואָרען „מכחש״, פון זאָגען ליגען, פון אָבנאַרען און שווינדלען...

מערקווירדיג! לויט דער תורה איז דאָך דער ענין פון דיני ממונות פיעל האַרבער, ווי די דינים פון איסור והיתר — און דאָך, ווען עס טרעפט ביי ווען אין היזע א שאלה פון בשר־וחלב, וועט ער זיך נישט צוריהרען צום עסען ביז ער וועט נישט לויפען צום מורה־הוראָה אַ שאלה פרעגען; דאַגעגען ביי דיני ממונות לויפט קיינער נישט צום דיין פרעגען, צי ער איז נישט חלילה אַמאָל נכשל געוואָרען אין דער זינד פון גזל... ער געהט נישט פריהער, ביז מען שלעפט איהם בגוואַלד צו אַ דין־תורה, ביז מען שיקט נאָך איהם צוויי און דריי מאָל דעם שמש; און דאָס — געהט ער אויך נאָר דאַמאָלס, ווען עס דוכט זיך איהם, אַז ער וועט די דין־תורה געווינען!... גאַנץ אָפט, אויב ער פערשפּיעלט די דין־תורה, ווערט ער אין כעס אויפ׳ן דיין און נישט־זעלטען איז ער איהם מכבד מיט אַ פּאָר שאַרפע בעליידיגונגס־ווערטער — וואָס ער וואָלט זיכער נישט געטהון, ווען דערזעלבער דיין זאָל איהם טריף מאַכען אַ הוהן, אָדער אַפילו אַלע כלים פון שטוב, אָדער זאַגאַר אַנ׳אָקס אין דעם ווערט פון עטליכע הונדערט גילדען... מערקווירדיג!

(רבי ישראל סאַלאַנטער)

דער לעמבערגער רב, רבי יעקב אָרנשטיין, וועלכער איז געוועזען בעקאַנט אַלס גרויסער מקיל, האָט זיך איינמאָל ערב יום־כיפור בעגעגענט מיט׳ן לעמבערגער דיין, רבי הירצל, וועלכער האָט גע׳שמ׳ט אַלס מחמיר. ביים געזעגענען זיך דערלאַנג איהם רבי הירצל די האַנד און ווינשט איהם, ווי דער שטייגער איז: „דער אויבערשטער זאָל געבען, מיר זאָלען האָבען אַ גמר חתימה טובה“.

— איהר — רופט זיך דערויף אָן רבי יעקב אָרנשטיין מיט אַ שמייכעל — דאַרפט שטאַרקער מתפלל זיין, ווי איך...

— פאַרוואָס? — וואונדערט זיך רבי הירצל.

— מחמת איך — ענטפערט איהם רבי יעקב — דאַרף בלויז מורא האָבען, טאָמער האָב איך מכשיר געווען אַ טריפה... מילא, איז עס דאָך נאָר אַנ׳עבירה בין אָדם למקום, און דערויף איז יום־כפור מכפר... מיט אייך אָבער, אַלס מחמיר, קאָן דאָך אָפט פּאַסירען, איהר זאָלט טריף מאַכען אַ דבר כשר און היזק מאַכען אַ אידען זיין געלד... דאָס איז שוין אַנ׳עבירה בין אָדם לחברו, און דערויף איז דאָך יום־כפור נישט מכפר...

(שמועות טובות)

נפש כי תחטא ומעלה מעל... (ה. כא.)

„חטא“ בעדייט אַ שוגג און מעל איז מזיד, און אַזוי איז דער סדר פון די זינד, וואָס אויב מען איז מיט זיי נישט פאָרזיכטיג ווערט מען געשלעפּט מדחי אל דחי און עבירה גוררת עבירה. הויבען הויבט זיך עס אָן ביי „נפש כי תחטא“, ביי אַ חטא בשוגג און אויב מען בעמיהט זיך נישט אויסצוהיטען דערפון, דאַן — „ומעלה מעל בד׳“, נעהמט מען שוין זינדיגען במזיד, פונדאַנען איז שוין אַ זעהר נאָהנטער שריט צום — „וכחש בעמיתו בפקדון און בתשומת יד או בגזל“, צו די עבירות שבין אדם לחברו, וועלכע זענען פיעל האַרבער פון די עבירות שבין אדם למקום און אַפילו יום־כפור איז אויף זיי נישט מכפר, און דאַן — געהט ער שוין נאָך ווייטער און — „ונשבע על שקר“, וועלכע איז די האַרבסטע פון אַלע עבירות, ווי עס ווערט געזאָגט: „שכל עבירות שבתורה נפרעין ממנו ושבועת שקר נפרעין ממנו ומכל העולם כולו“ (שבועות ל״ט),

ביז ער דערגעהט צום „מכל אשר יעשה האדם לחטא בהנה״, עובר צו זיין אויף כל מיני עבירות וואו און ווען און ביי וואָס עס לאָזט זיך נור זינדיגען...

(תוספת ברכה)

בפקדון או בתשומת יד... (ה. כא.)

דער שטייגער איז ביי סוחרים, אַז ביים שליסען צווישען זיך אַ מסחר דערלאַנגען זיי זיך די הענד אַלס געגענזייטיגען הסכם, און דעריבער ווערט מסחר בעצייכענט אין דער תורה מיט׳ן אויסדרוק „תשומת יד״.

(עקדת יצחק)

לאשר הוא לו יתננו ביום אשמתו... (ה. כד.)

דאָ רעדט זיך דאָך וועגען דעם טאָג, וואָס ער וועט תשובה טהון און אומקעהרען די גזילה, טאָ פאַרוואָס רופט עס דער פסוק אָן „ביום אשמתו״ ?

פיעל פון די מפרשים שטעלען זיך אויפ׳ן דאָזיגען אויסדרוק, אָבער רבי צבי הירש קאַלישער טייטשט פשוט: „ביום אשמתו״, אין טאָג, ווען ער וועט אָנערקענען זיין שולד.

צַו

צו את אהרן... (ו. ב.)

בלויז ביי קרבנות־צבור שטעהט דאָס וואָרט „צו״, אַלס געבאָט און פליכט... דאַגע־גען ביי קרבנות פון אַ יחיד שטעהט סתם: „אדם כי יקריב מכם קרבן... לרצונו״... איך בעפעהל אייך נישט, איהר זאָלט ברענגען קרבנות; נישט מ י י ן רצון ערפילט איהר דערמיט נאָר אייער אייגענעם רצון — „לרצונכם תזבחוהו״...

(מנחות)

„אין צו אלא עבודה זרה וכו׳״ (זוהר)

וואָס האָט בעוואויגען דעם בעל הזוהר צום דאָזיגען דיוק?

דען דער דין איז אין דער גמרא (זבחים צ׳), אַז אומעטום, ביי אַלע קרבנות פון דער תורה, איז חטאת קודמת לעולה, חוץ ביי עבודה־זרה איז עולה קודמת לחטאת, און אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס ווערט דאָ פריהער געזאָגט: „זאת תורת העולה״, און ערשט דערנאָך — „זאת תורת החטאת״? און דעריבער ערקלערט דער זוהר: „אין צו, אלא עבודה זרה״ און ביי עבודה־זרה איז עולה קודמת לחטאת...

(כתנות אור)

„אין צו אלא זרוז מיד ולדורות״ (רש״י)

דער פשט איז נישט, אַז אומעטום וואו עס שטעהט דאָס לשון „צו״ ווערט עס גע־מיינט אַלס אייביגע אזהרה, לדורות, דען מיר געפינען דאָך זעהר פיעל אַזעלכע אויס־דריקען, ווי „ויצו אותם לאמר כה תאמרון לאדוני לעשו״ (בראשית לב. ה), „ויצו יוסף את עבדיו״ (בראשית נ. ב), „ויצו פרעה ביום ההוא״ (שמות ה. ו) און אין פיעל אַנדערע אונצעהליגע ערטער וואו זיי האָבען בלויז אַ צייטווייליגע בעדייטונג.

באמת אָבער בעציהט זיך דאָס נור אויף׳ן „צו״ פון השי״ת. דער געטליכער „צו״ איז אַ שטענדיגער — „מיד ולדורות״.

(תוספת ברכה)

„אין צו אלא לשון זרוז וכו׳ ביותר צריך המקום לזרז במקום שיש בו חסרון כיס״ (רש״י)

די כהנים פראַפיטירען דערפון, וואָס דאָס פאָלק זינדיגט, וואָרום אויף יעדע זינד דאַרף מען ברענגען אַ קרבן, פון וועלכען אַ בעדייטענדער טייל ווערט אָוועקגעגעבען דעם כהן... מען האָט דעריבער די כהנים, די לעהרער פונ׳ם פאָלק, געדאַרפט מזרז זיין, זיי זאָלען נישט נאָר עוסק זיין אין קרבנות, נאָר אויך — „זאת תורת העולה״ זיי זאָלען לערנען מיט׳ן פאָלק און עס אויפפאָדערען און מוסר׳ן צו געהן אין עהרליכען וועג, צו דערוויטערען זיך פון יעדע זינד, הגם פאַר די כהנים איז דאָס אַ „חסרון כיס״, דען וואָס וועניגער זינד — אַלץ וועניגער וועט זיין די צאָהל קרבנות...

(רבי אלימלך מלידא)

פון יעדען קרבן, וואָס מען האָט מקריב געווען, האָבען די כהנים בעקומען אַ חלק פאַר זיך — חוץ פון אַ קרבן־עולה, וועלכען מען האָט אינגאַנצען פערברענט. עס איז דעריבער נויטיג געווען צו וואָרענען די כהנים און זיי בעזונדערס אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז אויך די „תורת העולה", די דינים וועגען קרבן־עולה זאָלען זיי גרינדליך איינלערנען מיט׳ן פאָלק — כאָטש זיי האָבען ביי דער עולה אַ „חסרון־כיס", כאָטש זיי אַליין האָבען פונ׳ם דאָזיגען קרבן קיין שום פראָפיט נישט...

(שמן המור)

„אין צו אלא לשון זרוז מיד ולדורות, אמר רבי שמעון ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס" (רש״י)

וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג האָבען צווישען זיך די צוויי מאמרים?

נאָר רבי שמעון איז נישט מסכים מיט׳ן פריהערדיגען מאַן־דאמר, אַז דער זירוז איז אויף „מיד ולדורות", דען נישט אין אַלע דורות וועט מען דאַך מקריב זיין קרבנות, און דעריבער זאָגט רבי שמעון: „ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס", דער זירוז איז נור אויפ׳ן „מיד", אויף דער צייט, ווען מען וועט מקריב זיין קרבנות, וועלכע וועלען קאָסטען געלד און עס וועט זיין דערביי אַ חסרון־כיס, דאַגעגען אויף „לדורות", ווען מען וועט נישט מקריב זיין קיין קרבנות ממש, נאָר מען וועט יוצא זיין מיט תורה, מיט „כל העוסק בפרשת עולה כאילו הקריב עולה", איז דער זירוז נישט נויטיג, דען ביי די דאָזיגע כמו־קרבנות וועט נישט זיין קיין חסרון־כיס...

(מעדני מלך)

דער „ולדורות" געהט אַרויף אויפ׳ן „זאת תורת העולה", אויף וועלכען עס ווערט גע׳דרשנ׳ט, אַז „כל העוסק בפרשת עולה כאילו הקריב עולה", אויף דער גלות־צייט, ווען עס וועלען נישט עקזיסטירען קיין קרבנות און מען וועט יוצא זיין מיט לערנען, און דערויף ווערט אויסגעפיהרט: „ביותר צריך המקום לזרז במקום שיש בו חסרון כיס", דען לערנען, עוסק זיין בתורה וועלען דאָך, נישט די גבירים, נאָר די אָרימעלייט, די וואָס וועלען ליידען אויף „חסרון כיס"...

(רבי פנחס הורוויץ)

„ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס" — אַממעהרסטען דאַרף מען זיך בעמיהען צו מונטערען און צו וועקען די התעוררות אינ׳ם פאָלק אין דער צייט פון „חסרון־כיס", ווען עס איז קיין פרנסה נישטאָ, וואָס דאָס איז געוועהנליך גורם, אַז די מענשען זאָלען אַריינפאַלען אין יאוש און אָבגעשוואַכט ווערען אין דער אמונה...

(כפלים לתושיה)

דער „ביותר צריך הכתוב לזרז" געהט אַרויף אויפ׳ן „לדורות", אויף די שפּעטער־דיגע צייטען, ווען יעדע משרת הקדש, ווי כהונה און רבנות וועט ווערען אַ ירושה־זאַך און וועט זיך שטיצען דער עיקר אויף חסרון־כיס, אויף געלד, אָהן געלד וועט מען צו קיין משרת־כהונה און משרת־רבנות נישט קאָנען צוקומען. וועגען יענער צייט, צו וועלכער מיר האָבען איצט בעוונותינו הרבים דערלעבט, געפינט די תורה פאַר נויטיג אונז זעהר שטאַרק צו וואָרענען...

(תולדות יעקב יוסף)

וועגען די רבנים, וועלכע קויפען זייער רבנות פאַר געלד, פלעגט זאָגען רבי שמואל מאָהילעווער, אַז זיי מיינט עס דער מדרש, אַז „כל תלמיד חכם שאין בו דעת נבלה טובה הימנו", וואָרום אַפילו אַ נבלה, וועלכע איז אָסור באכילה, האָט נאָך פונדעסטוועגען אַ ווערט און מען נעהמט אַב געלד פאַר איהר פעל, אַ תלמיד־חכם אַבער, וועלכער האָט אין זיך אויף אַזוי פיעל נישט קיין דעת און קיין זעלבסטווירדע און קויפט זיך אַ רבנות פאַר געלד, בעוויזט ער דערמיט, אַז ער האָט קיין שום ווערט נישט, והראיה — ער מוז נאָך פאַר דעם קערפער זיינעם צוצאָהלען...

אַנ׳עולה, זאָגען די חז״ל, קומט מכפר צו זיין אויף גאות, „על גסי הרוח", און — „ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון־כיס", אַממעהרסטען דאַרף מען וועגען דעם וואָרענען די יעניגע, וועלכע האָבען קיין געלד נישט... דאָס ערגסטע און העס־ליכסטע איז אַנ׳אָרימאַן אַ בעל־גאוה, דען „שלשה הקב״ה שונאם" און איינער פון די דריי איז — „דל־גאה"...

(כתב סופר)

„אין צו אלא עבודה־זרה", אָבער „ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס", מעהר נאָך ווי אויף עבודה־זרה דאַרף מען מזרז זיין אויף חסרון־כיס, אויף ראַבעווען פרעמד געלד, אויף גזל, דען דאָס איז, ליידער, די עבודה־זרה פון אונזער צייט...

(רבי יחזקאל מקוזמיר)

רבי אייזיל חריף איז אַמאָל געזעסען אויף אַ שמחה און ער האָט בעמערקט, ווי בשעת עס איז אַריינגעקומען איינער פון די סלאָנימער גבירים, אַ איד אַ קמצן און דבר־אחר, וועלכער פלעגט קיין גראָשען צדקה נישט געבען, האָט זיך דער עולם פאַר איהם אויפגעשטעלט, אָבגעגעבען איהם כבוד און דער בעל־הבית האָט איהם פער־בעטען אויבענאַן. רופט זיך אָן רבי אייזיל צו די אָרומיגע יושבים, אַז דאָס איז די כוונה פונ׳ם מאמר „ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס".

ווען מען גיט אָב כבוד — מאַכט ער — אַנ׳עושר, וועלכער איז מקיים די צוואה פון יצחק אבינו: „הוה גביר לאחיך", דו זאָלסט זיין אַ גביר צו דיינע ברידער, אַ איד, וועלכער לייהט אַ גמילת־חסד, פון וועלכען מען בעקומט פון־צייט־צו־צייט אַ שענע נדבה, איז עס פערשטענדליך, אַזאַ איד האָט דאָס רעכט צו פאָדערען אַ ביסעל כבוד פאַר זיין אַרבייט און מען דאַרף עס איהם טאַקי געבען. דאַגעגען אָבער דאַרף מען שטאַרק נזהר זיין „במקום שיש בו חסרון כיס", מיט אַזעלכע גבירים, וואָס מען קאָן נישט צוקומען צו זייער בייטעל, אויף וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרען: „חלבמו סגרו", זייער גוטס און רייכטום איז אָבגעשלאָסען אויף זיבען שלעסער, דערביי אָבער, איז „פימו דברו בגיאות", האָבען זיי אַ ברייטען שטעל און אַ גרויס מויל, פול מיט עזות און גאות. וואָס איז דער יחוס מיט אַזעלכע גבירים? פאַרוואָס קומט זיי כבוד?...

רבי לוי יצחק האָט אַמאָל גע׳מוסר׳ט אַ בערדיטשעווער נגיד, הלמאי ער גיט נישט קיין צדקה, וועלכע איז דאָך די גרעסטע מצוה און מען קאָן זיך דורך איהר אויסקויפען פון די שווערסטע זינד.

דערויף האָט איהם דער נגיד געענטפערט, אַז אויף אויסצוקויפען די זינד האָט ער אַנ׳אַנדער, אַ ביליגער מיטעל — תפלה, עס שטעהט בפירוש אַז „תפלה במקום קרבן", און דאָס ב״ה היט ער אָב גאַנץ שטרענג, ער פערפעהלט נישט, חלילה, קיין דאַווענען...

ניין, מיין ליעבער איד — ערקלערט איהם רבי לוי יצחק — „תפלה במקום קרבן" מיינט מען בלויז דעם קרבן־תמיד, דאָגעגען די קרבנות חובה, וועלכע ווערען געבראַכט אויף די בעגאַנגענע חטאים, קאָן מען נישט אָב׳פטר׳ן מיט׳ן בלויזען דאַווענען, דערויף ווערט געזאָגט: „חטאך בצדקה פרוק"...

„גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה" (קידושין ל"א) און דאָס איז דער־פאַר, זאָגט דאָרט תוספות, „לפי שדואג ומצטער יותר פן יעבור ממי שאינו מצווה", ווייל דעם מצווה ועושה, דעם וואָס מען הייסט טהון אַ מצוה, קומט עס איהם אָן שווערער, ווי דעם שאינו מצווה ועושה, וועלכער איז נישט געבינדען דערצו און ער טהוט עס פון פרייען ווילען.

און דאָס איז דער פשט: „אין צו אלא לשון זירוז". דאָרט, וואו עס איז פאַרהאַן „צו", אַ בעפעהל, אַ חוב צו טהון די זאַך, איז דערביי נויטיג „זירוז", אָנשטרענגונג, ווייל מען האָט דאַן דאַן אויסצושטעהען אַ שווערען קאַמף מיט׳ן יצר־הרע...

(רבי ר׳ העשיל)

אויפ׳ן פסוק „צו את אהרן" ווערט געזאָגט אין מדרש: „זה שאמר הכתוב, שנאה תעורר מדנים, שנאה שנתן אהרן בין ישראל לאביהם שבשמים, עורר עליהם דיני דינים".

די מפרשים בעמיהען זיך אויף פערשיעדענע אופנים צו ערקלערען דעם זין פונ׳ם דאָזיגען מדרש; אָמבעסטען זעהט אויס דער פשט, וואָס עס זאָגט דערויף דער „לב אריה".

וועגען מעשה העגל זאָגען די חז"ל (אין מס׳ ע"ז), אַז „אי לא חטאו לא הוי מייתי", אַז אויב די אידען וואָלטען נישט געזינדיגט און זיי וואָלטען נישט געמאַכט דעם עגל, וואָלט דער טויט מעהר נישט שולט געווען אויף זיי, מען וואָלט מעהר נישט גע־שטאָרבען. פרעגט דאָרט די גמרא: „והא כתיב פרשת יבמות ופרשת נחלאות"? די תורה איז דאָך געגעבען געוואָרען קודם מעשה העגל, טאָ צוליעב וואָס זענען אין איהר געשריבען געוואָרען די דאָזיגע דינים, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגען מיתה? און די גמרא ענטפערט: „על תנאי נאמרו", געגעבען זענען געוואָרען די דאָזיגע דינים נאָר על תנאי, אויב די אידען וועלען זינדיגען און דער טויט וועט דאַן נישט אָבגעשאַפט ווערען...

און דאָס, אַלזאָ, איז די כוונה פון מדרש: „שנאה שנתן אהרן בין ישראל לאביהם שבשמים", צוליעב דער שנאה פון מעשה העגל, צו וועלכען אהרן האָט מיטגעהאָלפען, „עורר עליהם דיני דינים", האָט ער דערמיט גורם געווען צו איבריגע דינים אין דער תורה, צו — פרשת נחלאות און פרשת יבמות...

זאת תורת העולה... (ו. ב.)

פאַרוואָס — ווערט געפרעגט אין „מלאכת מחשבת" פון רבי משה חפץ — דרינגען בלויז די חז"ל פון פסוק „זאת תורת העולה", אַז „כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה", און זיי זאָגען נישט דאָס זעלבע אויף „זאת תורת החטאת" און „זאת תורת האשם", אַז אויך דאָס לערנען די דינים פון חטאת ואשם איז אַזוי גוט, ווי ער וואָלט מקריב געווען די דאָזיגע קרבנות? — און ער ענטפערט דערויף בדרך צחות, אַז נור ביי אַן׳עולה, וועלכען מען איז אינגאַנצען מקריב לגבוה, קאָן מען אָנשטאָט דעם קרבן

יוצא זיין מיט׳ן לערנען, דאַגעגען די אַנדערע קרבנות, ווי חטאת און אשם, פון וועלכע אויך די כהנים בעקומען אַ חלק, דאָס קאָן מען מיט׳ן לערנען נישט פערבייטען. מען האָט קיין רעכט נישט אַוועקצורויבען ביי זיי זייער חלק און צו לערנען אויף זייער חשבון...

אינטערעסאַנט איז אָבער, אַז אַזאַ מאמר: „כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה" געפינט זיך כלל נישט אין די חז״ל, דאַגעגען ווערט בפירוש געזאָגט: „זאת התורה לעולה ולמנחה לחטאת ולאשם — כל העוסק בתורה כאילו הקריב עולה, מנחה, חטאת ואשם" (מנחות ק״י). עס ווערט, אַלזאָ, דייטליך דערמאָהנט אויך חטאת און אשם...

„זאת תורת העולה" — לרבות הוא בא, לומר תורה אחת לכל העולים ואפילו פסולין שאם עלו לא ירדו" (רש״י)

זאת תורת העולה — האָט געזאָגט דערויף רבי משה קאָברינער — אָט דאָס איז די מעלה פון תורה לערנען, „אפילו פסולין שאם עלו לא ירדו". קוים האָט איינער געלערנט תורה, איז אויב אָפילו ער איז שפּעטער נחמץ און פסול געוואָרען — „לא ירדו", איז ער נישט קיין פערפאַלענער און מען קאָן האָפען און ערוואַרטען פון איהם, אַז סוף־כל־סוף זאָל ער צוריק זיך אויפהויבען פון זיין צייטווייליגע ירידה און אַז — „המאור שבו יחזירו למוטב"...

„אין העולה באה אלא על הרהור הלב" (מדרש רבה)

דער רבי ר׳ בער פון מעזריטש פלעגט זאָגען: „הרהורי עבירה קשים מעבירה" (יומא כ״ט), דאָס וואָס „הרהורי עבירה קשים", איז עס „מעבירה", צוליעב דער עבירה, וואָס מען האָט שוין איינמאָל געטהון און זי ברענגט עס דערנאָך צו כסדר׳דיגע אומריינע געדאַנקען; אַז מען זינדיגט נישט — האָט מען נישט קיין הרהורים...

בעת אַ מענש טהוט תשובה און האָט חרטה אויף דער בעגאַנגענער זינד, זאָל ער נישט אַריינטראַכטען אין דער עבירה, וואָס ער האָט געטהון, וואָרום דערמיט בעגעהט ער אַ פיעל גרעסערע זינד, דען „הרהורי עבירה קשים מעבירה"... נאָר זאָל ער חרטה האָבען אין אַלגעמיין, בדרך־כלל, אָהן צו טראַכטען וועגען דער בעגאַנגענער עבירה בפרטות...

(רבי יעקב יצחק מלובלין)

„זאת תורת העולה — הואיל ואתם מתעסקין בהן מעלה אני עליכם כאלו אתם מקריבים אותם" (מדרש רבה)

דעריבער — האָט דער רבי יונתן געזאָגט דערויף בדרך צחות — איז דאָס לערנען די הלכות קרבנות אַזוי גוט, ווי מען וואָלט זיי אַליין מקריב געווען, ווייל דער טעם, ווי עס ערקלערען די חז״ל, פאַרוואָס עולה און אַנדערע קרבנות זענען מכפר, איז צוליעב דעם, וואָס דער חוטא האָט דערביי אויסצושטעהען אַן׳עפּענטליכע בושה, דען דערמיט וואָס ער ברענגט אַ קרבן־עולה, אָדער חטאת ואשם, זעהען דאָן אַלע, אַז ער האָט געזינדיגט, און אָט די בושה איז אויף איהם מכפר... און היות, ווי אויך דאָס לערנען תורה איז, בעוונותינו הרבים, פערבינדען מיט בושה, דען פון אַ איד, וואָס זיצט און לערנט, מאַכט מען חוזק, מען האַלט איהם פאַר אַ בטלן און „באַנק־קנייטשער", איז דעריבער אויך לימוד־התורה מכפר...

היא העולה על מוקדה על המזבח... (ו. ב.)

אַ קרבן־עולה ווערט געבראַכט, כדי מכפר צו זיין אויף זינדיגע מחשבות, און דעריבער האָט מען דעמדאָזיגען קרבן אינגאַנצען פארברענט, ווייל — „די הרהורי־עבירה זענען ערגער, ווי די עבירה זעלבסט"...

(יומא)

היא העולה על מוקדה על המזבח כל הלילה... (ו. ב.)

וועגען עולה, זאָגען די חז"ל, אַז זי ווערט געבראַכט מכפר צו זיין אויף הרהורי עבירה, און דעריבער איז — „על מוקדה על המזבח כל הלילה", דען די הרהורי עבירה, די זינדיגע מחשבות, קומען צום מענשען עפ"י רוב ביינאַכט אויפ'ן געלעגער...

(תולדות יצחק)

אין מדרש רבה (פ' נח) ווערט אויפ'ן פסוק „היא העולה" געזאָגט: „היא העולה שהקריב אדם הראשון ולא שלמים".

פונוואַנען האָט עס געדרינגען דער בעל־המדרש, אַז אָדם הראשון האָט מקריב געווען דווקא אַן'עולה, נישט קיין שלמים?

דען אדם הראשון, זאָגען די חז"ל — „לא הותר לו בשר לאכילה" (סנהדרין נ"ט), וממילא האָט ער נישט געקענט מקריב זיין קיין שלמים, וואָרום ביי שלמים עסט דאָך אויך דער בעל־הקרבן פונ'ם פלייש, און ער האָט דעריבער געמוזט ברענגען נור אַן'עולה, וועלכע איז כולה כליל...

(אמרי בינה)

„היא העולה על מוקדה על המזבח"...

דאָס וואָרט „מוקדה" איז מיט אַ קליינע מ', דאַגעגען ווידער דאָס וואָרט „תמים" („תמים תהי' עם ד' אלקיך") איז מיט אַ גרויסע ת'. תמימות דאַרף דער מענש בעזיצען וואָס־מעהר, דאַגעגען ברען, התלהבות, דאָס דאַרף מען וואָס טיעפער טראָגען אין זיך, וואָס ווייניגער אַרויסוויזען פאַר מענשען...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

עהנליך פלעגט זאָגען רבי ישראל'קע ריזשינער אויף די ווערטער: „בפי ישרים תתרומם ובשפתי צדיקים תתברך ובלשון חסידים תתקדש ובקרב קדושים תתהלל", וואָס גרעסער דער מענש איז, אַלץ שטילער און בעהאַלטענער איז ביי איהם די עבודת־השם. „בפי ישרים תתרומם", דער געוועהנליכער איש ישר דאַווענט מיט'ן מויל, הויך, בקול־רם, „ובשפתי־צדיקים תתברך", ביים צדיק באַוועגען זיך בלויז די ליפען א.אַ.וו. „ובקרב קדושים תתהלל", ביים קדוש איז די עבודה „בקרב" — אינווייניג...

ולבש הכהן מדו בד... והרים את הדשן... (ו. ג.)

די תורה האָט בעפויהלען דעם כהן־גדול, אַז אַריינקומענדיג יום־כפור אין קדשי־קדשים, זאָל ער איבערבייטען די קליידער און זיין ערשטע עבודה זאָל זיין — „תרומת הדשן", צונויפשאַרען און אַרויסטראָגען דאָס אַש... דאָס איז דערפאַר, ווייל בשעת דער הייליגסטער איד איז אינ'ם הייליגסטען טאָג אַריינגעגאַנגען אינ'ם הייליגסטען

מקום, לפני ולפנים, האָט ער אין אַזאַ מאָמענט, זייענדיג פערטיפעפט אין סאַמע רוחניות, אין סאַמע קדושה, זיכער געקאָנט פערגעסען אין אַזעלכע קליינליכע, גשמיות׳דיגע ענינים, ווי צו בעטען אויף פרנסה פאַר אידען — און דעריבער האָט מען איהם געהייסען, אַז אַריינקומענדיג אַהין, זאָל ער זיך איבערטהון אין וואָכעדיגע קליידער און זיך נעהמען צו דער סאַמע וואָכעדיגער, נידעריגסטער אַרבייט, כדי ער זאָל זיך דערמאָהנען אין די וואָכעדיגע דאגות פון זיין פאָלק און אין זיינע אַלטעגליכע בעדערפעניש׳ן...

(רבי בונם מפשיסכע)

ולבש הכהן מדו בד... (ו. ג.)

„מדו — שתהא במדתו" (רש"י)

און דעריבער — „כהן גדול שלבש בגדי כהן הדיוט עבודתו פסולה" (ספרי)

יעדער מענש דאַרף זיך אויפפיהרען לויט זיין מאָס און לויט זיין שטאַנד, וואָס גרעסער דער מענש — אַלץ מעהר ווערט פון איהם געפאָדערט...

(ילקוט אליעזר)

ליידער — שרייבט רבי וועלוועלע זשיטאָמירער אין ספר „אור המאיר" — זענען אונזערע היינטיגע כהנים, די רבנים און צדיקים, נישט מקיים די „מדו שתהא כמדתו" און זיי לעבען אויף קהל׳ס חשבון ברייטער, ווי די מאָס... אונזערע עלטערן, די היילינע צדיקים, פלעגען פיהרען אַ חיי צער ועוני, היינט אָבער בעו"ה איז „כל מחמדיהם — דאָס טייערסטע און הייליגסטע, די תורה ויראה — נתנו באוכל", געבען זיי אַוועק פאַר׳ן עסען, כדי צו פיהרען אַ בהרחבה׳דיג לעבען...

„...אין די היינטיגע צייטען איז שווער פאַר אַנ׳אדם־כשר צו האָבען געלד, און ווען דו זעהסט, אַז אַ צדיק האָט געלד, איז עס אַ סימן פון ירידה ר"ל... דען וויסען זאָלסטו, אַז זינט דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרען איז דאָס עשירות אַריינגעפאַלען אין די טיפענישען פון די קליפות, בבחינת „ותרד פלאים", „פלאים" זענען די אותיות „אלפים", דען נור דורך אַ טיעפע ירידה ח"ו קאָן מען קומען צו עשירות... און ווען צדיקים האָבען עשירות איז עס זיי מזיק צו עבודת־השם..."

(שיחות הר"ן אות ד׳)

והרים את הדשן אשר תאכל האש... (ו. ג.)

מען האָט בעפוילען דעם כהן צו בעזייטיגען יעדען טאָג פון מזבח דאָס אַש פון די פערברענטע קרבנות, אַלס צייכען, אַז נאָכדעם ווי דער זינדיגער האָט זיין קרבן געבראַכט און חוזר־בתשובה געווען, דאַרף מען איהם מעהר נישט דערמאָהנען די זינד פון דער פערגאַנגענהייט און יעדער זכר דערפון דאַרף אָבגעמעקט און פערגעסען ווערען...

(רבי מנחם הבבלי)

ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים... (ו. ד.)

רבי מאיר׳ל פרימישליאַנער, צוקומענדיג איינמאָל בשעת קריאת־התורה צום

דאָזיגען פסוק, האָט ער זיך פונאַנדערגעווײנט און אויסגעשריען: ווײה ווײה, זאָל זיך יעדער מענש בערעכענען און זאָל ער געדענקען, אַז עס וועט דאָך סוף־כל־סוף קומען דער טאָג, ווען עס וועט זײן „ופשט את בגדיו", ווען מען וועט אָבציהען פון איהם זײנע קלײדער און „ולבש בגדים אחרים", מען וועט איהם אָנטהון אין אַנדערע קלײדער, אין גאַנץ אַנדערע בגדים, „והוציא את הדשן אל מחוץ למחנה", און מען וועט אַרויס־פיהרען דעם דשן, דעם מענשליכען עפר ואפר, אויסער דער שטאָדט, „אל מקום טהור", אויף אַ רײן אָרט, און „והאש על המזבח תוקד בו", און אויפ'ן פײער פון גיהנום וועט מען איהם ברענען. ווײה, ווײה, אוי לנו מיום המשפט, אוי לנו מיום הדין!...

והוציא את הדשן וכו' אל מקום טהור... (ו. ד.)

אויך דער „דשן", דאָס פסולת פון אידען, דאַרף געזאַמעלט ווערען אל מקום טהור...

(בית יעקב)

גאַנץ אָפּט, בעת מען וויל געפונען אַ פונק, דאַרף מען זיך גריבלען אין אַש...

(רבי בער ממעזריטש)

וערך עליה העולה והקטיר עליה... (ו. ה.)

„שלא יהא דבר קודם על המערכה לתמיד של שחר... שלא יהא דבר מאוחר לתמיד של בין הערבים" (רש"י)

מיט'ן קרבן־צבור האָט זיך אָנגעהויבען די עבודת־הקרבנות און מיט'ן קרבן־צבור האָט זי זיך געענדיגט, בלויז אין דער צווישען־צײט האָט מען אויך מקריב געווען די קרבנות פון יחידים. דען דער עיקר, דער הויפּט־צוועק און דער תכלית, דער אָנהויב און דער סוף איז און דאַרף זײן — דער צבור, דער רבים, דער כלל...

(רבי יצחק יעקב רײנעס)

אש תמיד תוקד על המזבח... (ו. ו.)

דאָס איז ווירקליך געווען אַ פלא'דיגע זאַך. דער מזבח איז געווען געמאַכט פון האָלץ און בעצויגען מיט קופּער, וועלכער איז געווען דין נישט מעהר ווי אַ דינר, און גאַנצע טעג און נעכט האָט געברענט אויפ'ן מזבח דאָס פײער און דאָך איז דער קופּער נישט צוגאַסן געוואָרען...

(מנחה בלולה)

והנותרת ממנה יאכלו אהרן ובניו... (ו. ט.)

דער וואַרשאַווער רב, רבי יאָקעל געזונדהײט, האָט אַמאָל אין אַ שמועס מיט אַ געוויסען חסידישען רבי'ן אויסגעדריקט זיך מיט איראָניע, אַז ער, דער רבי, לעבט פון אידישע עבירות, נעהמענדיג פדיונות פון פערשיעדענע פושעים, וועלכע מײנען מיט דעם פדיון אויסצוקויפען זיך פון זײערע זינד.

האָט איהם דער רבי דערויף געענטפערט, אַז אויך די כהנים האָבען געהאַט די זעלבע פּרנסה, אויך זיי האָבען געלעבט פונ׳ם נותר פון די קרבנות, וועלכע זענען גע־בראַכט געוואָרען אויף פערשיעדענע חטאים...

„יהב לנא פרנסתא טבתא בלי צרה ועקתא״ (זמירות לשבת)

די דאָזיגע תפלה — פלעגט זאָגען רבי חיים צאַנזער — איז געמאַכט געוואָרען פאַר אַ רבי׳ן. אַ רבי לעבט פון אידישע צרות און ער איז דעריבער מתפלל „ויהב לנא פרנסתא טבתא בלי צרה ועקתא״, אַז דער רבונו־של־עולם זאָל איהם צושיקען אַ בעסערע פּרנסה, אַז ער זאָל זיך נישט דאַרפען מפרנס זיין פון צרות ישראל, נישט דאַרפען וואַרטען, ביז אַ איד מיט אַ שווער פעקעל דאגות זאָל קומען צו איהם אויסוויינען זיך דאָס האַרץ און מיטברענגען אַ פּדיון...

רבי ברוך מעזשיבוזשער, וועלכער איז געווען דער ערשטער צווישען די ערשטע חסיד׳ישע רבּים, וואָס האָט אָנגעהויבען פיהרען אַ „הויף״ אויפ׳ן ברייטען, הרחבה׳־דיגען אופן, האָט פריהער געוואוינט אין טולטשין, נאָר צוליעב פערשיעדענע סיבות איז ער אַוועק פון דאָרט און זיך בעזעצט אין מעזשיבוזש. דאָס חסידות איז נאָך דאַמאָלס געווען זעהר וועניג פערשפּרייט ביי אידען און, קומענדיג אַהין אין דער בעגלייטונג פון אַ סוויטע מקורבים, זענען די ראשי־הקהלה אַוועק צו איהם און געפרעגט, מיט וואָס ער האָט זיך דאָ בדעה צו בעשעפטיגען. האָט ער זיי דערויף געענטפערט בדרך־הלצה: „פּה אשב כי אויתיה״, דאָ וועל איך מיך אַוועקזעצען, ווייל דאָס שטעדטעל געפעלט מיר. „צדה״? פונוואַנען איך וועל נעהמען שפּייז, פּרנסה? „ברך אברך״, כ׳וועל טיילען ברכות דעם עולם, „אביוניה אשביע לחם״, און אויך די אָרימעלייט פון שטעדטעל וועלען ווערען אויפגעריכט און האָבען ברויט צו דער זעט אַ דאַנק די אַלע אידען, וואָס וועלען קומען צו מיר נאָך ברכות...

וכל מנחת כהן כליל תהיה... (ו. טז.)

אַ מנחת־יחיד ווערט, אַ חוץ אַנ׳אונבעדייטענדען טייל, אַ קומץ, כמעט אינגאַנצען אויפגעגעסען דורך די כהנים, און עס געשיקט זיך דעריבער נישט, אַז בשעת דער כהן אַליין ברענגט אַ קרבן־מנחה, זאָל ער אויפעסען זיין אייגענעם קרבן. וואָס פאַר אַ קרבן איז עס, אויב ער אַליין זעטיגט זיך אָן דערמיט?... און דעריבער — „וכל מנחת כהן כליל תהיה״, דאַרף עס אינגאַנצען ווערען פערברענט.

(מורה נבוכים)

זאת תורת החטאת... (ו. יח.)

אין „איזהו מקומן״ ווערט געזאָגט: „חטאת הצבור והיחיד, אלו הן חטאת הצבור —שעירי ראשי חדשים״... איז דאָך עס אַביסעל שווערליך; אָנהויבען הויבט־אָן די משנה מיט „חטאת הצבור והיחיד״, און פיהרען פיהרט זי אויס בלויז: „אלו הן חטאת הצבור״! און וואו זענען די „חטאת־היחיד?״... נאָר, ווי בעקאַנט, זאָגען די חז״ל, אַז דער טעם, פאַרוואָס השי״ת האָט געהייסען מקריב זיין אַ קרבן ראש־חדש, איז — „הביאו עלי כפרה על שמיעטתי את הירח״, כדי מכפר צו זיין, הייסט עס,

אויף דעם אונרעכט, וואָס כביכול איז בעגאַנגען געגען דער לבנה... און דאָס ווערט אַלזאָ געמיינט: „חטאת הצבור והיחיד" — עס איז פאַראַן אַזאַ חטאת, וואָס אַ צבור ברענגט פאַר אַ יחיד, פאַר'ן „יחיד ומיוחד"; דער דאָזיגער חטאת איז — „שעירי ראשי חדשים"...

(רבי ישראל ריזשינער)

במקום אשר תשחט העולה תשחט החטאת... (ו. יח.)

אַן'עולה איז מכפר על הרהור עבירה, ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרש: „אין העולה באה אלא על הרהור לב שנאמר העולה על רוחכם היה לא תהיה", און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין תרגום יונתן בן עוזיאל אויפ'ן דאָזיגען פסוק: „למכפרא על הרהורי לבא", אַ חטאת דאַגעגען קומט אויף אַ עבירה ממש, און „במקום אשר תשחט העולה — תשחט החטאת", דען די עולה ברענגט צום חטאת, אויב מען טראָגט זיך אַרום מיט הרהורי עבירה, קומט מען סוף־כל־סוף צו דער עבירה גופא...

(רבי ישראל סאַלאַנטער)

דער מאָגעלניצער רבי האָט אַמאָל באַמערקט ווי איינער פון זיינע חסידים דאַווענט נישט מיט מיט'ן עולם, נאָר ער האַלט זיך אין איין אַרומדרעהען אויף און אָב און אויף דער פראַגע, פאַרוואָס ער שטעלט זיך נישט דאַווענען, ענטפערט ער יעדעס מאָל, אַז ער איז נאָכנישט פאַרטיג, ער וואַרט אויף התעוררות.

רופט זיך אָן צו איהם דער מאָגעלניצער:

די גמרא זאָגט: „תפלות כנגד תמידים תקנום" (ברכות כ"ו), די תפלות האָט מען מתקן געווען במקום קרבנות, און ביי קרבנות ווערט געזאָגט: „אף על פי שהאש יורדת מן השמים מצוה להביא מן ההדיוט" (עירובין כ"ג), און דאָס זעלבע איז אויך ביי תפלה. מען דאַרף מיטברענגען מיט זיך אייגען פייער, אייגענע התעוררות, נישט אַרומדרעהען זיך און וואַרטען, ביז מען וועט עס אַראָבוואַרפען פון הימעל...

במקום קודש תאכל בחצר אהל מועד... (ו. יט.)

וועגען אַ חטאת און אַן'אשם ווערט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיי עסען נור במקום קדוש, „לפנים מן הקלעים", דאַגעגען אַ תודה און שלמים מעג מען עסען „בכל העיר", אין דער גאַנצער שטאָדט. איז אין פלוג וואָלט דאָך געדאַרפט זיין פערקעהרט, אַז במקום קדוש זאָלען געגעסען ווערען נור יענע קרבנות, וועלכע קומען פרייוויליג און האָבען נישט אויף זיך קיין שום זינד, ווי תודה און שלמים, דאַגעגען מיט קרבנות, וועלכע קומען צוליעב חטאים, ווי חטאת און אשם, זאָל מען מקיל זיין און זיי זאָלען איבעראַל מעגען געגעסען ווערען?

באמת אָבער, איז וואָס זינדיגער אַ מענש איז, אַלץ אין מעהר קדושה נויטיגט ער זיך אַלס בעל־תשובה, כדי זיך צו דערהאַלטען און נישט צו פאַלען... דעם רשע רופט אָן שלמה המלך אין משלי: „עיר פרוצה בלי חומה" און כדי איהם צוריקצושטעלען דאַרף ער דעריבער האָבען וואָס מעהר חומה, וואָס מעהר גדר, וואָס מעהר אַוירא דקדושה — „לפנים מן הקלעים"...

(נחלת בנימין)

„במקום שבעלי תשובה עומדים צדיקים גמורים אינם עומדים״ (ברכות ל״ד)

דער בעל־תשובה דאַרף זיך געפינען אויף אַ העכער אָרט, אום נישט נכשל צו ווערען און נישט אומצוקעהרען זיך צו זיינע פריהערדיגע מעשים...

(בעל העקדה)

רבי גרשון העניך ראַדזינער פלעגט זאָגען בדרך־הלצה, אַז דעריבער „במקום שבעלי תשובה עומדים צדיקים גמורים אינם עומדים״, ווייל עס טראָגט זיך אַ ריח־רע פון די געוועזענע בעלי־עבירה און עס איז אונמעגליך פאַר'ן צדיק גמור איינ־צושטעהן מיט זיי אויף איין פלאַץ...

ואשר יזה מדמה על הבגד וכו׳ תכבס במקום קדוש... (ו. כ.)

דערויף ווערט געזאָגט אין רשב״ם: „תכבס — שלא יהא נאסר בנותר שבשריפה״.

אונפערשטענדליך! עס איז דאָך אַ בפירוש'ע משנה, אַז ביי דם איז נישט שייך דער איסור פון נותר (זבחים פרק ה׳ משנה ד׳), און דאָס זעלבע אויך אין חולין (פרק ה׳ משנה ו׳): „חומר בחלב וכו׳ וחייבין עליו משום פגול ונותר וטמא, מה שאין כן בדם״?...

(א. טארטאצקי)

במקום אשר ישחטו את העולה ישחטו את האשם... (ז. ב.)

דערויף זאָגט רש״י: „ריבה לנו שחיטות הרבה לפי שמצינו אשם בצבור״...

די דאָזיגע רש״י איז ווירקליך אַ פלאַ! ווי בעוואוסט, זענען פערהאַן בלויז פאַל־גענדע אשמות: אשם־נזיר, אשם־מצורע, אשם־גזילות, אשם־מעילות, אשם־שפחה־חרופה און אָשם תלוי. די אַלע אשמות ווערען געבראַכט פון יחידים. אָבער אַנ'אשם־צבור? — וואו איז דען פאַרהאַן אַנ'אשם־צבור?...

(אַ בעקאַנטע וועלט־קשיא)

אַ טייל ווילען האַבען, אַז דאָ איז אַ טעות־הדפוס: אַנשטאָט „שחיטות הרבה״ דאַרף זיין „שׁ ו ח ט י ם הרבה״, און אַנשטאַט „לפי שמצינו אָשם בצבור״ דאַרף זיין „לפי שׁ ל אֹ מצינו אָשם בצבור״. דאָס זאָל זיך בעציהען אויפ'ן דרש אין תורת־כהנים: „ישחטו — ריבה כאַן שוחטים הרבה, אף הגרים והנשים והעבדים״, און דער פשט אין רש״י זאָל אַלזאָ זיין אַזוי: „ריבה לנו שוחטים הרבה, לפי שׁ ל אֹ מצינו אָשם בצבור נאמר ישחטו רבים״. ס'הייסט: היות ווי מ'קאָן דאָך נישט זאָגען, אַז דאָס וואָרט „ישחטו״, בלשון־רבים, געהט־אַרויף אויפ'ן צבור, דען מיר געפינען דאָך נישט קיין אָשם ביים צבור, מוז מען דעריבער אַננעהמען, אַז דער „ישחטו״ בעדייט אויף „שוחטים הרבה״...

עס איז אָבער שווער דערמיט מסכים צו זיין: ווייל, ערשטענס, וואָלט רש״י צו די ווערטער „שוחטים הרבה״ געדאַרפט קלאָר־מאַכען, וואָס מען מיינט דערמיט און צו־געבען דעם אויספיהר פון תורת־כהנים „אף הגרים והנשים והעבדים״; צווייטענס, איז אַביסעל שווערליך זיך צו ערלויבען צו מאַכען אין איין קורצען זאַץ אַזש צוויי ענדערונ־גען און אַזש צוויי דרוק־פעהלערען מיטאַמאָל!...

באמת אָבער, ווי עס ווייזט־אָן רבי חיים אייזיק יוסטמאַן אין זיין ספר „חיי יצחק״, זענען די אַלע תיקונים אין רש״י נישט נויטיג און די קשיא איז גאָר קיין קשיא נישט,

דען בימי עזרא, ווי מיר געפינען בפירוש אין פסוק (עזרא י. יט.), איז געבראַכט געװאָרען אַן „אשם־צבור"...

וכל מנחה בלולה בשמן וחרבה לכל בני אהרן תהי' איש כאחיו... (ז. י.)

„בלולה בשמן — זו מנחת נדבה, וחרבה — זו מנחת חוטא ומנחת קנאות" (רש"י)

סיי דער פרומער איד, וועלכער ברענגט אַ מנחת־נדבה, סיי דער זינדיגער, וועלכער ברענגט נעביך אַ מנחת־חוטא — „לכל בני אהרן תהי' איש כאחיו", אַלע זאָלען זיי דורך די בני־אהרן גלייך בעהאַנדעלט ווערען, צו אַלעמען זאָלען זיי אַרויסווייזען די זעלבע פריינדליכע און ברידערליכע בעציהונג...

(רבי יצחק וואורקער)

לכל בני אהרן תהיה איש כאחיו... (ז. י.)

אַלע אידען דאַרפען ביים כהן, ביים מנהיג־ישראל, זיין גלייך — „איש כאחיו"...

(תפארת שלמה)

והבשר אשר יגע בכל טמא... (ז. יט.)

מען האָט אַמאָל רבי שניאור זלמנ'ען דעם בעל „תניא", אַנגעוויזען אויף אַ לומד'ישען יונגערמאַן, וועלכער פלעגט אָפט אַריינקומען צו איהם שמועסען אין לערנען, אַז ער האָט זיך אַנגעהויבען מתחבר זיין מיט פערשיידענע אפיקורסים. האָט רבי שניאור זלמן איהם געשיקט רופען און געגעבען איהם צו פערשטעהן, ווי ווייט די התחברות מיט רשעים איז געפעהרליך, ווי לייכט זיי קענען אויף איהם משפיע זיין מיט זייערע מחשבות און מעשים.

— עט — שמייכעלט דער יונגערמאַן — אויף מיר קאָן מען אַזוי לייכט נישט משפיע זיין, אַ בעוויז האָט איהר — ווייצעלט ער זיך — איך חבר זיך שוין אַזוי פיעל יאָהרען מיט אייערע חסידים און פונדעסטוועגען בין איך נאָך עד־היום נישט געוואָרען קיין חסיד...

— אינו דומה — ענטפערט איהם דערויף רבי שניאור זלמן — ביי טומאה איז דער דין: „והבשר אשר יגע בכל טמא לא יאכל", אַ דבר טמואה איז מטמא מיט דער בלויזער נגיעה, דאַגעגען ביי קדושה, אויב חולין איז זיך מתחבר מיט תרומה, אָדער קדשים־קלים מיט קדשי־קדשים, ווערט עס פערוואַנדעלט אין קודש נור ווען עס איז בולע אין זיך די קדושה, נגיעה אַליין האָט דערביי קיין שום פעולה נישט (זבחים צ"ז)...

— בפרט — האָט רבי שניאור זלמן אויסגעפיהרט, ווענדענדיג זיך צום יונגערמאַן — אַז ביי דיר, ווי איך זעה, איז פערקעהרט: מיט דער קדושה האָסטו נישט מעהר ווי אַ בלויזע נגיעה, דאַגעגען די טומאה ביזטו בולע...

והחלב נבלה וחלב טרפה יעשה לכל מלאכה... (ז. כד.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן: „ותריב חיוא דמקלקלא בשעת ניכסתא ודמיתנבלא במותנא וכו' אפשר דיתעבד לכל עיבידתא, ברם תריב חיוא דמכשרא יתסק

על מדבחא״, ד. ה. נאָר חלב פון אַ נבלה און טרפה מעג בענוצט ווערען צו יעדע מלאכה. דאַגעגען חלב פון אַ בהמה כשרה מוז מען נור מקריב זיין אויפ׳ן מזבח (און צו קיין שום אַנדערע מלאכה טאָר עס נישט בענוצט ווערען).

און דאָס איז דאָך אונפערשטענדליך. וואו געפינען מיר דען אַזאַ דין, אַז חלב פון אַ בהמה־כשרה זאָל נישט טאָרען בענוצט ווערען צו אַ מלאכה ?

נאָר דער תרגום יונתן רעדט דאָ וועגען דור המדבר, ווען מען האָט זיי נאָכנישט געהאָט מתיר געמאַכט צו עסען פלייש אויסער פון די קרבנות, וועלכע מען האָט מקריב געווען אַלס שלמים, דאַמאָלס איז טאַקי אויסגעקומען, אַז צו אַ מלאכה האָט מען געקענט בענוצען נור דעם חלב פון אַ נבלה און טרפה און נישט פון אַ בהמה־כשרה, ווייל אַ בהמה־כשרה האָט דאָך נישט געקענט אַנדערש געשאָכטען ווערען נור אַלס קרבן און דאָס חלב פון אַ קרבן האָט מען דאַן געמוזט מקריב זיין אויפ׳ן מזבח...

(ספר ינחנו)

המקריב את זבח שלמיו וכו׳ ידיו תביאינה את אשי ד׳... (ז. כט. ל.)

ביי אַלע אַנדערע קרבנות, וועלכע ווערען געבראַכט צוליעב בעגאַנגענע חטאים, מוז דער אייגענטימער די גאַנצע צייט שטעהן פונדערווייטענס און די גאַנצע אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט דורך אַ שליח, דורכ׳ן כהן. בלויז ביי שלמים, וועלכע טראַגען אַ פריינד־ליכען כאַראַקטער און זענען נישט פערבינדען מיט קיין שום זינד, ווערט דער אייגענ־טימער גערן געזעהן און — ״ידיו תביאינה את אשי ד׳״, אויך ער ווערט איינגעלאַדען צו בעטייליגען זיך אינ׳ם עבודת הקרבן...

(כלי יקר)

זאת התורה לעולה למנחה ולחטאת... (ז. לז.)

פאַרהאַן אויפ׳ן דאַזיגען פסוק אַ מדרש פליאה: ״זאת התורה לעולה למנחה ולחטאת, הדא הוא דכתיב בדבר ד׳ שמים נעשו״.

וואָס איז דער זין פון דעם מדרש ?

זאָגט דערויף רבי יונתן אייבעשיץ :

די גמרא זאָגט : ״כל העוסק בתורה כאילו הקריב עולה מנחה חטאת ואשם״ (מנחות ק״י). פרעגט זיך: בשלמא אַנ׳עולה, וועלכע ווערט געבראַכט על הרהור עבירה, איז פערשטענדליך, אַז דער דבור פון׳ תורה זאָל מכפר זיין אויף דער מחשבה פון עבירה, דען דבור איז דאָך שטאַרקער פון מחשבה, דאַגעגען אַ חטאת ווערט דאָך געבראַכט פאַר עובר זיין אַנ׳עבירה ממש, אַנ׳עבירה בפועל, ווי אַזוי־זשע קאָן מען מיט אַ בלויזען דבור מתקן זיין אַ דבר־שבמעשה ? — איז דער תירוץ : ביי דברי־תורה איז אויך דבור כמעשה, ווי מיר געפינען אין די חז״ל : ״אמר רבי אליעזר מניין שהדבור כמעשה שנאמר בדבר ד׳ שמים נעשו״ (שבת קי״ב).

און דאָס, אַלזאָ, איז די כוונה פון מדרש : ״זאת התורה לעולה למנחה ולחטאת״, אויב מען איז עוסק בתורה, איז גלייך ווי מען וואָלט מקריב געווען די אַלע קרבנות. איי, ווי אַזוי קאָן דער דבור מכפר זיין אויף אַ מעשה? איז דער ענטפער : ״הדא הוא דכתיב בדבר ד׳ שמים נעשו״, ביי דברי־תורה איז דבור כמעשה...

זאת התורה לעולה למנחה ולחטאת ולאשם... (ז, לז.)

זאת התורה, טיילמאָל ווערט דער לימוד־התורה אָנגענומען אין הימעל כעולה וכמנחה — אויב מען לערנט לשמה, און טיילמאָל איז זי כחטאת וכאשם — אויב מען לערנט לקנטר...

(רבי ברוך מעזשיבוזשער)

זאת התורה לעולה למנחה וכו׳ ולזבח השלמים... (ז. לז.)

דעריבער — ווערט געזאָגט אין מדרש רבה — ענדיגט זיך דער סדר הקרבנות מיט שלמים, ווייל דאָס איז דער חשוב׳סטער קרבן, וועלכער ווערט נישט געבראַכט אויף קיין שום חטא, נאָר ער איז אַ קרבן פון שלום. „שלמים — שעושים שלום בין ישראל לאביהם שבשמים״.

אויך ברכת כהנים און אויך פיעל אַנדערע תפלות אונזערע ענדיגען זיך מיט שלום, דען אַממעהרסטען איז דער שלום נויטיג צום סוף, אַלס סיום, מחמת אין תחילת פון יעדע זאַך זענען עפ״י רוב אַלע פריעדליך געשטימט, נאָר ביי׳ם סוף צוקריעגט מען זיך און דער עיקר איז, אַלזאָ, דער סוף!

(אמרי חן)

דעריבער ווערט דער קרבן־תודה אָנגערופען מיט׳ן נאָמען „שלמים״, ווייל ער האָט געמאַכט שלום צווישען מזבח, צווישען די כהנים און צווישען בני־ישראל: דער „קרבן־עולה״ איז אינגאַנצען געגאַנגען פאַר׳ן מזבח, ווערענדיג אינגאַנצען פערברענט; פונ׳ם „קרבן־חטאת״ האָט מען דאָס חלב מיט די אימורים אַוועקגעגעבען דעם מזבח, און דאָס פלייש מיט דער פעל — די כהנים; דאָסזעלבע אויך ביים „קרבן־אשם״. מיט׳ן „קרבן־תודה״ דאַגעגען האָבען זיך אַ ל ע איינגעטיילט: דאָס בלוט מיט די אימורים האָט מען אַוועקגעגעבען דעם מזבח; דעם חזה ושוק — די כהנים; און דאָס פלייש מיט דער פעל — די בני־ישראל...

(תנחומא)

דער סדר־הקרבנות ענדיגט זיך מיט „שלמים״, ווייל דאָס איז דער חשוב׳סטער קרבן, דען ער ווערט נישט געבראַכט אויף קיין שום חטא, נאָר עס איז אַ קרבן פון שלום...

גרויס איז דער שלום, וואָרום ער ענטהאַלט אין זיך אַלע ברכות; גרויס איז דער שלום, וואָרום ביי אַלע אַנדערע מצוות שטעהט: „כי תראה״, „כי תפגע״, „כי יקרא״ — אויב די מצוה איז דיר צו־האַנד געקומען, דאַרפסטו זי מקיים זיין; אויב נישט — דאַרפסטו נישט. ביים שלום אָבער שטעהט געשריבען: „ב ק ש שלום ו ר ד פ ה ו״ — דו דאַרפסט איהם זוכען, דו דאַרפסט זיך יאָגען נאָך איהם...

גרויס איז דער שלום, וואָרום גאָט אַליין רופט זיך מיט׳ן דאָזיגען נאָמען... גרויס איז דער שלום, דען מען טאָר קיין שום מלחמה נישט אָנהויבען, אויב מען האָט זיך נישט פריהער מיט שלום געווענדעט — „כי תקרב אל עיר להלחם עליה, וקראת אליה לשלום״!...

גרויס איז דער שלום, וואָרום אין די „מים המאררים״, וואָס מען גיט אַ סוטה צו טרינקען, ווערען אַריינגעלייגט די אויפגעשריבענע פסוקים, אין וועלכע עס געפינט זיך אויך דער געטליכער נאָמען, וואָס ווערט געשריבען בקדושה. זאָל מיין נאָמען אַפילו

— זאָגט גאָט — אָבגעמעקט ווערען אין וואַסער, אַבי עס זאָל ווערען שלום צווישען מאַן און ווייב...

גרויס איז דער שלום, וואָרום בעת דער מלך המשיח וועט קומען, וועט ער נישט אַנדערש, נאָר מיט שלום אָנהויבען; דאָס וועט זיין דאָס ערשטע וואָרט זיינס — „מה־נאוו על ההרים רגלי מבשר, משמיע שלום"!...

(ויקרא רבה)

עס איז פיעל בעסער — פלעגט זאָגען דער רבי פון לובלין — אַ נישט־אויפריכטיגער שלום, איידער אַנ'אויפריכטיגע מחלוקת... עס איז פיעל בעסער צו לעבען מיט'ן חבר בשלום, הגם דער דאָזיגער שלום איז נאָר אַנ'אויסערליכער, נישט פון גאַנצען האַרצען, איידער צו לעבען אין מחלוקת, ווען אַפילו מען מיינט עס ערנסט, צוליעב'ן אמת...

(אור נפלאות)

להקריב את קרבניהם לד' במדבר סיני... (ז. לח.)

דערויף ווערט געזאָגט אין אבן־עזרא: „ובמדבר לא הקריבו עולות, כי כן אמר הנביא: ,הזבחים ומנחה הגשתם לי במדבר ארבעים שנה בית ישראל'. (עמוס ה. כה.) גם לא עשו פסח כי אם במצרים ושנית בהר סיני, כי במדבר לא הי' להם מקנה" וכו'.

אויך אויפ'ן פסוק „עולת תמיד העשיה בהר סיני" (במדבר כח. ו.), זאָגט דער אבן־עזרא דאָס זעלבע: „הטעם כאשר עשיתם בהר סיני, גם זה אות שלא העלו עולות במדבר" וכו'.

פרעגט זיך: מיר געפינען דאָך בפירוש אין דער תורה, אַז די אידען האָבען גע־האַט מיט זיך בהמות אין דער מדבר, ווי עס ווערט געזאָגט: „וגם ערב רב עלה אתם וצאן ובקר מקנה כבד מאד" (שמות יב. לח.) ווי אויך: „ומקנה רב היה לבני ראובן ולבני גד עצום מאד" (במדבר לב. א.)?...

(כנסת הגדולה)

אַנ'אינטערעסאַנטער טעם ווערט געבראַכט אין בית־יוסף, פאַרוואָס מיר זאָגען יעדען טאָג אין דער פריה אין דער תפילה דעם פרק „איזהו מקומן".

דאָס איז דערפאַר, ווייל אין אונזערע תפילות האַלטען מיר אין איין מתפלל זיין אויף שלום און „איזהו מקומן" איז דער איינציגער פרק אין משניות, אין וועלכען עס איז קיין מחלוקת נישטאָ און עס איז נישט מחולק איין מאן־דאמר מיט'ן צווייטען...

ויעש משה כאשר צוה ד' אותו ותקהל העדה... (ח. ד.)

משה רבינו — פלעגט זאָגען דערויף רבי מענדעלי קאָצקער — האָט פריהער נישט זוכה געווען צום „ותקהל העדה", אַז די עדה זאָל זיך איינזאַמלען און „פאָהרען" צו איהם, נאָר ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבען געזעהען, אַז „ויעש משה כאשר צוה ד' אותו", אַז משה איז אַלץ מקיים, וואָס דער אויבערשטער הייסט; היינט, אָבער, פאָהרט מען צו אַ רבי'ן, הגם מען ווייסט נישט, צי ער טהוט טאַקי אַלץ „כאשר צוה ד'"...

ויאמר משה אל העדה זה הדבר אשר צוה ד' לעשות... (ח. ה.)

בשעת דער רבי אלימלך פון ליזענסק איז נתגלה געוואָרען און עס האָבען אָנגע־

הויבען קומען צו איהם חסידים, האָט איהם דער ברודער, רבי זישע, געוואָלט משמש זיין, אָבער דער רבי אלימלך האָט איהם נישט געלאָזט. רופט זיך אָן צו איהם רבי זישע:

— ברודער־סערדצע, אָפילו ביי משה רבינו געפינען מיר דאָך, אַז ער האָט משמש געווען אהרנ׳ען, איהם און זאָגאַר די קינדער זיינע, וועלכע ער האָט געוואַשען און אָנגעטהון, ווי עס ווערט געזאָגט בפירוש אין פסוק: „ויקרב משה את אהרן ואת בניו, וירחץ אותם במים, ויתן עליו את הכתונת וכו׳״, הגם משה רבינו איז געווען אַ מלך און „מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול״.

ענטפערט איהם דער רבי אלימלך:

—צוליעב דעם טאַקי, ברודער־קרוין, ווערט פריהער, אידער משה רבינו האָט דאָס געטהון, געזאָגט אין פסוק: „ויאמר משה אל העדה זה הדבר אשר צוה ד׳״, אַז משה רבינו האָט פריהער מוסר־מודעה געווען דעם עולם, אַז ער האָט וועגען דעם אַ ספּעציעלען אָנזאָג פון השי״ת, וואָרום אָהן אַזאַ אָנזאָג וואָלט ער אַזעלכעס נישט געטאָרט טהון...

וישחט ויקח משה מדמו... (ח. כג.)

אויפ׳ן וואָרט „וישחט״ איז די נגינה אַ „שלשלת״, וואָס ווערט אויסגעצויגען לענגער ווי אַלע אַנדערע טעמי־הנגינה. פון דאַנען, ווייזט אויס, איז אַ רמז אויף דעם אַנגענומענעם מנהג, וואָס עפ״י רוב איז דער שוחט גלייכצייטיג אויך חזן...

(אנ׳אַלט ווערטעל)

אַ צווייטער רמז אויף חזן־שוחט אין איין פערזאָן איז פון פסוק — „רוממות אל בגרונם וחרב פיפיות בידם״...

אויפ׳ן פסוק „יודע נגן וכו׳ ונבון דבר״ (שמואל א׳ טז. יח.) זאָגט דער אַברבנאל: „לפי שמן הרגיל שני דברים האלו הם קשה למוצאם ביחד״... און דערפון, משמעות, נעהמט זיך עס דאָס ווערטעל — „אַ חזן איז אַ נאַר״...

מען האָט אַמאָל געפרעגט אברהם בער גאָטלאָבער׳ן: ווער האָט איינגעפיהרט חזנים ביי אידען?

— שלמה המלך — האָט דערויף גאָטלאָבער געענטפערט.

— פון וואַנען איז דאָס געדרונגען?

— עס איז — מאַכט ער — אַ בפירוש׳ער פסוק: „אבי יסר אתכם בשוטים״ (מלכים א׳ יב.)...

— וואָס איז די מעשה — האָט מען אַמאָל געפרעגט רבי אייזיל חריף — וואָס אַ חזן שטעלט זיך ביים עמוד צו „שוכן עד״ און נישט צום אָנהויב דאַוונען?

— גאַר פשוט — שמייכעלט רבי אייזיל — מיט אַ נאַר איז אַ מורא אָנצוהויבען...

אין וויטעבסק איז געווען אַ חזן, יאָשע גאָלדעס, אַ איד אַ פקח און גרויסער וויצלינג.

— ר׳ יאָשע — פרעגט מען איהם אַמאָל — די וועלט זאָגט חזנים זענען נאַראָנים, אָט זענט איהר אַ חזן און דוקא אַ בעל־שכל?...

— עט — לאַכט ר׳ יאָשע — „אין מביאין ראיה מן השוטים״...

ויז על אהרן על בגדיו ועל בניו... (ח. ל.)

צום „חוזה" פון לובלין איז אַמאָל געקומען אַ רבי'ש אייניקעל, וועלכער איז אַליין דוקא נישט געווען קיין גרויסער מר בר רב אַשי, אָנגעטהון אין אַ רבי'שען לבוש מיט אַלע פּיטשעווקעס.

זאָגט צו איהם דער „חוזה": אין פּסוק ביי אהרנ'ען שטעהט „ויז על אהרן על בגדיו", אהרנ'ען האָט מען בלויז געדאַרפט מקדש זיין די בגדים, דעם לבוש, איהם אַליין נישט, וויל ער אַליין איז אַזוי אויך געווען קודש. דאַגעגען ביי די קינדער ווערט געזאָגט: „על בניו ועל בגדי בניו אתו", אַז נישט נאָר די לבושים זייערע, נאָר אויך זיי אַליין האָט מען געדאַרפט מקדש זיין...

ויעש אהרן ובניו את כל הדברים... (ח. לו.)

„להגיד שבחן שלא הטו ימין ושמאל" (רש"י)

דער חתם סופר האָט אַמאָל מכבד געווען איינעם, ער זאָל צוגעהן דאַוונען פאַר'ן עמוד. יענער אָבער, וועלכער האָט געשפּיעלט די ראָלע פון אַ מכלומר'שטען עניו, האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען און זיך געקווענקעלט, ווי ער וואָלט זיך נישט פיהלען ראוי צו אַזאַ גרויסען כבוד.

האָט עס דעם חתם סופר פערדראָסען און ער רופט זיך אָן צו איהם:

אויפ'ן פּסוק „ויעש אהרן ובניו" זאָגט רש"י: „שלא הטו ימין ושמאל", זיי האָבען נישט געצויגען עניוות'דיג מיט די אַקסלען אויף רעכטס און אויף לינקס, נישט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זיי זענען נישט ראוי דערצו, נאָר אַז מען האָט זיי געהייסען טהון, האָבען זיי גלייך גענומען און געטהון...

— צופיל עניוות — האָט דער חתם סופר דערויף אויסגעפיהרט — איז אויך אַ מין גיאות...

כי אני ד' לא שניתי ואתם בני יעקב לא כליתם... (הפטרה לשבת הגדול).

די חז"ל זאָגען, אַז אויב מען זאָגט צוויי מאָל „לא" איז עס אַ שבועה (שבועות ל"ו).

אין פּסוק ווערט געזאָגט: „וחסדי מאתך לא ימוש וברית שלומי לא תמוט" (ישעי' נא. י.). דאָס בעדייט, אַלזאָ, אַז השי"ת האָט אַ שבועה געגעבען, אַז די אידען וועלען חלילה נישט אונטערגעהן.

און דאָס זאָגט דאָ דער פּסוק: „אני ד' לא שניתי", איך האָב געדאָפּעלט און צוויי מאָל געזאָגט: „לא!" כדי עס זאָל האָבען די בעדייטונג פון אַ שבועה, און איהר קענט דעריבער זיכער זיין, אַז „ואתם בני יעקב לא כליתם", אַז איהר וועט חלילה נישט פערלענדעט ווערען...

(צוארי שלל)

צו די פערשידענע טעמים, וואָס ווערען געגעבען, פאַרוואָס מען רופט דעם שבת פאַר פּסח — שבת הגדול, איז אויך אינטערעסאַנט דער טעם, וואָס ווערט געבראַכט אין „כל־בו" און נעמליך: עס איז געווען פאַרצייטענס אַ מנהג אין די אידישע קהלות, אַז אויפ'ן דאַזיגען שבת פאַר פּסח פלעגט מען אין יעדען אידישען הויז אָנבאַקען אַ

גרויסע חלה, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען „חלת עני" און מען פלעגט עס פונאַנ־דערטיילן צווישן די אָרימעלייט. און דערפאַר אַלזאָ האָט דער דאָזיגער שבת געהייסן „שבת הגדול", דער שבת פון דער גרויסער חלה...

אין ספר „כתר שם טוב" פון רבי שם טוב גאגין ווערט געבראַכט, אַז אין פיעל מקומות ווערט אויך דער שבת פאַר שבועות אָנגערופען „שבת הגדול", און אַז דערפאַר איז מען זיך נוהג צו זאָגען אינ'ם דאָזיגען שבת יוצר, פונקט ווי שבת פאַר פסח. אין אַ טייל ערטער איז זאָגאַר געווען דער מנהג, אַז יעדען שבת פאַר יום־טוב — פאַר פסח, פאַר שבועות, פאַר ראש־השנה און פאַר סוכות — האָט מען גערופען „שבת הגדול"...

שְׁמִינִי

ויהי ביום השמיני... (ט. א.)

„שמיני למלואים הוא ר״ח ניסן שהוקם המשכן בו ביום ונטל עשר עטרות״... (רש״י)

און אין דער גמרא ווערט אויסגערעכענט מיט וואָסערע „עשר עטרות״ דער דאָזיגער טאָג האָט זיך אויסגעצייכענט: „ראשון למעשה בראשית, ראשון לנשיאים, ראשון לכהונה וכו׳״ (שבת פ״ז).

ווערט געפרעגט דערויף אין „פענח רזא״ אַ האַרבע קשיא: אין פסחים לערנט די גמרא אַרויס פון אַ גזירה שווה פון וואָרט „מועדי״, אַז קרבן־פסח איז דוחה שבת. איז אויב, אַלזאָ, דער יום שמיני למלואים, וועלכער איז געווען אום ראש־חודש, איז דאָן אויסגעפאַלען „ביום ראשון למעשה בראשית״, אום זונטאָג, איז דאָך דאָן ממילא ערב־פסח דער פיערצעהנטער טאָג אין ניסן, ווען מען האָט מקריב געווען דעם קרבן־פסח, אויסגעקומען שבת, איז דאָך עס דער קלאָרסטער בעוויז, אַז קרבן־פסח איז דוחה שבת, און נאָכוואָס איז נאָך נויטיג דערצו אַ גזירה־שווה?...

קרא משה לאהרן ולבניו ולזקני ישראל... (ט. א.)

נאָך דער פטירה פון „נודע ביהודה״ איז זיין עלטסטער זוהן, רבי יעקב׳קע, געקומען צו די ראשי־הקהל און פאַר זיי ערקלערט, אַז דער נפטר האָט אין די לעצטע מינוטען אויסגעדריקט פאַר איהם זיין וואונש, אַז זיין צווייטער זוהן, ר׳ שמואל זאָל ווערען זיין ממלא מקום אויפ׳ן פראַגער כסא־הרבנות.

אַנטקעגען דעם האָט זיך אָבער געגענגעשטעלט דער בעריהמטער פראַגער למדן, רבי זרח איידליץ, וועלכער האָט רעפלעקטירט צו ווערען פראַגער רב נאָך איידער דער „נודע ביהודה״ איז געקומען אַהין. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער האָט נישט קיין אמונה אין ר׳ יעקב׳קעס ווערטער, ער גלויבט נישט, אַז דער נודע־ביהודה זאָל האָבען געזאָגט פאַר דער פטירה, אַז זיין זוהן זאָל ווערען ממלא מקומו.

דערויף האָט איהם רבי יעקב׳קע געענטפערט:

אויפ׳ן פסוק „ויהי ביום השמיני קרא משה לאהרן ולבניו ולזקני ישראל״ ווערט געזאָגט אין מדרש תנחומא: „ולמה זקני ישראל? כדי לגדלו בפני הזקנים. אמר לו הקב״ה: קרא לזקנים ומשח אותו והגדולה אתן לו בפניהם שלא יהיו אומרים, מעצמו נעשה כהן גדול״. פרעגט זיך: אויב זיי וואָלטען חושד געווען אהרנ׳ען, אַז ער האָט זיך אַליין געמאַכט פאַר אַ כהן־גדול, וואָלטען זיי דאָך דעם זעלבען חשד געקענט האָבען אויך אויף משה׳ן, אַז דאָס, וואָס ער רעדט אין אויבערשטענ׳ס נאָמען, האָט ער זיך אַליין אויסגעטראַכט?... נאָר דער תירוץ איז: משה׳ן וואָלטען זיי נישט חושד געווען, ווייל ווען משה וואָלט חלילה געזאָגט ליגען, וואָלט ער דאָך געקענט אויסנוצען דעם ליגען פאַר זיך און זיך אַליין בעשטימען אַלס כהן־גדול, נישט דעם ברודער...

ויאמר אל אהרן קח לך עגל בן בקר לחטאת... (ט. ב.)

„להודיע שמכפר לו הקב״ה ע״י עגל זה על מעשה העגל שעשה״... (רש״י)

וואָס עפּיס „להודיע״?

נאָר אויפ׳ן פּסוק „במקום אשר תשחט העולה תשחט החטאת״ ווערט געזאָגט אין זבחים, אַז דעריבער האָט די תורה געהייסען, אַז מען זאָל דעם חטאת מקריב זיין אויפ׳ן זעלבען אָרט ווי די עולה, „כי היכי שלא לבייש השבים״, כדי דער בעל־תשובה, וועלכער ברענגט אַ קרבן חטאת פאַר זיינע זינד, זאָל נישט מבויש ווערען און דער זייטיגער מענש זאָל מיינען, אַז דאָס ברענגט ער אַן׳עולה, אַ קרבן נדבה. דערביי פּיהרט אויס די גמרא, אַז דאָס איז נור ביי אַ געוועהנליכען חטאת, דאַגעגען ביי אַ קרבן חטאת אויף עבודה־זרה דאַרף מען עס מפרסם זיין ברבים כדי איהם מבייש צו זיין, דען אויפ׳ן דאָזיגען שווערען חטא קאָן די כפרה אויסגעקויפט ווערען נור דורך בושה.

און אָט דאָס איז רש״י אויסען מיט דעם אויסדרוק „להודיע״. דער איצטיגער חטאת איז געבראַכט געוואָרען אַלס קרבן אויף עבודה־זרה, אויפ׳ן חטא העגל, און מען האָט דעריבער אָנגעזאָגט אַהרנ׳ען, אַז ער זאָל דעם דאָזיגען קרבן מקריב זיין בגלוי, בפרסום, „להודיע שמכפר לו הקב״ה ע״י עגל זה על מעשה העגל״, אַלע זאָלען וויסען וואָס פאַר אַ קרבן דאָס איז...

(רבי ר׳ העשיל)

ויאמר משה אל אהרן קרב אל המזבח... (ט. ז.)

„שהיה אהרן בוש... אמר לו משה למה אתה בוש, לכך נבחרת״... (רש״י)

„לכך נבחרת״: טאַקע דערפאַר, ווייל דו פּיהלסט זיך זינדיג, צוליעב׳ן חטא פון עגל, דאַרפסטו געוועהלט ווערען אַלס ראש... דען — „אין ממנין פרנס על הצבור אלא אם כן קופה של שרצים תלויה לו מאַחוריו״...

(אור פני משה)

„לכך נבחרת״ — שוין צוליעב דעם אַליין, וואָס דו פערמאָגסט אין זיך די מידה פון בושה, האָסטו פערדינט מען זאָל דיך וועהלען אַלס מנהיג...

(אור ישרים)

„לכך נבחרת״ — אויף דעם ביזטו אויסגעקליבען געוואָרען. אַ מנהיג מוז זיך גע־וועהנען צו קאָנען פערטראָגען כל מיני חרפות ובושות און — נישט נתפעל צו ווערען...

(רבי יחיאל מאיר גאָסטינינער)

דער דין איז (און אַזוי ווערט גע׳פּסקנ׳ט אין שולחן ערוך או״ח הלכות תפלה), אַז בעת מען פערבעט איינעם צו זיין אַ „יורד לפני התיבה״, צוצוגעהן דאַווענען פאַר׳ן עמוד, דאַרף ער דעם ערשטען מאָל מסרב זיין, בעוויזענדיג דערמיט, אַז ער איז נישט ראוי צו דעם כבוד, ערשט אויב מען בעט איהם נאָכאַמאָל, דאַרף ער די איינלאַדונג אָננעהמען. דאַגעגען אַ שליח־ציבור קבוע, וועלכער איז דערצו אויסגעוועהלט געוואָרען, דאַרף אויך ביים ערשטען מאָל נישט מסרב זיין.

בשעת משה האָט געזאָגט צו אהרנ׳ען: „קרב אל המזבח״, האָט אהרן, ווי דער דין איז, מסרב געווען „וירא לגשת״, און דערויף האָט איהם משה ערקלערט: „לכך נבחרת״,

דו ביזט דערצו אויסגעוועהלט געוואָרען, דו ביזט אַ שליח־ציבור קבוע, און אַ שליח־ציבור קבוע דאַרף אויך ביי׳ם ערשטען מאָל נישט מסרב זיין.

(פנים יפות, אין נאָמען פון „בת דודי אשה משכלת״)

וכפר בעדך ובעד העם... (ט. ז.)

פריהער דאַרף מען מכפר זיין אויף זיך, קודם כל דאַרף מען אַליין ווערען ריין פון זינד און ערשט דאַן קאָן מען זיך אונטערנעהמען צו זיין אַ מכפר אויף אַנדערע — „קשוט עצמך ואח״כ קשוט אחרים״...

(קול יבשר)

דער נצי״ב פון וואָלאָזשין און חיים זעליג סלאָנימסקי זענען געווען צווישען זיך זעהר שטאַרק בעפריינדעט. איינמאָל האָט זיך סלאָנימסקי אונטערגענומען אַ געוויסע שתדלנות ביי דער רעגירונג, צוליעב וואָס מען איז איהם שטאַרק בעפאַלען אין דער אָרטאָדאָקסישער און רבנ׳ישער וועלט. ער איז דאַן אַריבערגעפאָהרען צום נצי״ב און איהם אויפגעוויזען מיט איבערצייגענדע ראיות, אַז מען האָט איהם אומזיסט חושד געווען, אַז מיט זיין שריט האָט ער חלילה קיין שלעכטע, אפיקורס׳ישע כוונה נישט געהאַט און ער איז דערביי באמת אויסען געווען לשם שמים. דערויף האָט איהם דער נצי״ב געענטפערט: ביי אהרנ׳ען ווערט געזאָגט: „וכפר בעדך — לכפר על מעשה העגל״. איז דאָך אין פלוג קשה. אהרן, ווי די חז״ל ערקלערען אין פערשיעדענע מקומות, האָט דאָך מיט דער מעשה־העגל מתכוון געווען לשם־שמים, טאָ נאָכוואָס האָט ער געדאַרפט האָבען דערויף אַ כפרה? נאָר — ווערט דערויף געזאָגט אין ילקוט — דאָס אַליין, וואָס ער האָט מיט זיין מעשה גורם געווען מען זאָל איהם חושד זיין, דאָס גופא איז שוין געווען אַ חטא... און אַזוי ווערט אויך געזאָגט ביים כהן גדול: „הוא פורש ובוכה והם פורשים ובוכים וכו׳ הוא פורש ובוכה — שחשדוהו״ (יומא י״ט). אָט דאָס, וואָס ער האָט גורם געווען, מען זאָל איהם חושד זיין, אויף דעם גופא האָט ער געדאַרפט וויינען...

אין אַ צייט אַרום איז דער נצי״ב געקומען קיין וואַרשא, וואו ער האָט פערבראַכט אַ לענגערע צייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גזירה, וואָס די רעגירונג האָט דאַן אַרויסגעגעבען, צו שליסען די וואָלאָזשינער ישיבה.

דאָס הויז, וואו דער נצי״ב איז איינגעשטאַנען, איז גאַנצע טעג געווען פול מיט מענשען, מיט אָהן אַ שיעור בעזוכער פון די פערשידענסטע קרייזען. דאַגעגען סלאָנימסקי, הגם ער האָט געוואוינט אין וואַרשא, איז די גאַנצע צייט קיין איין מאָל נישט אַריינגעקומען צו איהם.

איינמאָל האָבען זיי זיך צופעליג בעגעגענט אין גאַס און דער נצי״ב האָט אויסגעדריקט זיין פערוואונדערונג: היתכן, אַזאַ ידיד נאמן און איהר האָט די גאַנצע צייט נישט געפונען פאַר נויטיג מיך צו בעזוכען?

— כ׳בין בכיוון צו אייך נישט געקומען — ענטפערט איהם סלאָנימסקי — מחמת די חסידים, ווי איהר ווייסט, האַלטען מיך פאַר אַנ׳אפיקורס, און אַז זיי וועלען זעהען, דאָס איהר חבר׳ט זיך מיט מיר, וועלען זיי אייך חושד זיין, אַז אויך איהר זענט חלילה נישט אין אָרדנונג... און איהר האָט דאָך מיך געלערנט, רבי, אַז אויב איינער איז מיט זיינע מעשים גורם, מען זאָל איהם חושד זיין, איז דאָס גופא אַ גרויסער חטא...

וישא אהרן את ידו אל העם ויברכם... (ט. כב.)

דאָס וואָרט "ידיו" איז דאָ געשריבען חסר — "ידו"...

און דערויף האָט רבי נפתלי ראָפּשיצער געזאָגט בדרך־הלצה: אהרן האָט געבענשט דאָס פאָלק אַפילו ווען זיינע הענד זענען געווען חסר און מען האָט איהם לגמרי נישט בעצאָהלט דערפאַר, אין געגענזאַץ צו די היינטיגע צדיקים, וועלכע פאַר יעדע ברכה הייסען זיי זיך פריהער אַריינלעגען אין דער האַנד אַריין אַ "פּדיון"...

ותצא אש מלפני ד׳ ותאכל על המזבח... (ט. כד.)

צוועלף מאָל געפינען מיר אין תנ"ך, אַז עס האָט אַראָבגענידערט פייער פון הימעל; אין זעקס פאַלען איז דאָס געווען לטובה און אין זעקס פאַלען — לרעה.

לטובה: דאָ, ביי שמיני למלואים; בימי גדעון; בימי מנוח; בימי דוד, ביים גורן פון ארנון היבוסי; בימי שלמה, און בימי אליהו, אויפ׳ן הר הכרמל.

לרעה: ביי מיתת נדב ואביהו; ביי די מתאוננים: "ותבער בם אש ד׳"; ביי דער מחלוקת פון קרח: "ואש יצאה מלפני ד׳"; בימי איוב: "אש אלקים נפלה מן השמים"; און צוויי מאָל אַלס נקמה פון אליהו אין זיינע שונאים: "ותרד אש מן השמים ותאכל אותו ואת חמשיו" און דאַן נאָכאַמאָל: "וישב וישלח אליו שר חמשים אחר וחמשיו וכו׳ תרד אש אלקים מן השמים ותאכל אותך" וכו׳ (מלכים ב׳ א).

ותצא אש מלפני ד׳ ותאכל אותם וימותו... (י. ב.)

צוליעב פיער חטאים זענען די בני־אהרן אומגעקומען. איינער פון די חטאים איז געווען, ווייל זיי האָבען נישט געוואָלט חתונה האָבען... אונזער פאָטער׳ס ברודער — האָבען זיי געזאָגט — איז אַ מלך; אונזער מוטער׳ס ברודער (נחשון) איז נשיא; דער פאָטער — כהן־גדול; מיר — סגני־כהונה. מיט וועמען־זשע קאָן אונז אָנשטעהן צו הייראַטען?...

(פסיקתא)

בשעת רבי דוד זאַבלאָטאָווער, רבי משה לייב סאַסאָווער׳ס איידעם, איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען, איז זיין ווייב, די רביצין, פעסע לאה, וועלכע האָט גע׳שמ׳ט אַלס אויסערגעוועהנליכע צדיקת, נישט אָבגעטרעטען אויף אַ רגע פון זיין בעט, גאַנצע טעג מתפלל געווען, איינגעריסען וועלטען, ביז השי"ת האָט געהאָלפען און ער איז געזונד געוואָרען.

— איצט, טייערע רביצין — מאַכט צו איהר רבי דוד מיט אַ דאַנקבאַרען שמייכעל — איז מיר פערענטפערט, פאַרוואָס צווישען די פערשיידענע סיבות און חטאים, וועלכע האָבען גורם געווען צו מיתת בני אהרן, ווערט אויך געזאָגט אין מדרש: "אבא חנן אומר, על ידי שלא הי׳ להם נשים". איז דאָך עס אין פלוג קשה: ווייל זיי האָבען נישט חתונה געהאַט און נישט גענומען קיין ווייבער, איז זיי דערפאַר געקומען צו שטאַרבען? נאָר די כוונה איז: ווען זיי וואָלטען חתונה געהאַט, וואָלטען זיי אפשר זוכה געווען צו בעקומען אַזעלכע געטרייע און פרומע ווייבער, ווי פעסע לאה, און אַז מען האָט אַ פעסע לאה שטאַרבט מען נישט...

בקרובי אקדש... (י. ג.)

בשעת דער ט״ז האָט שוין געשמ׳ט אין דער וועלט אַלס גאון האָט ער ביים שוועהר זיינעם, ביים ב״ח, נאָך אַלץ קיין גרויס אָנזעהן נישט געהאַט און ער פלעגט איהם כסדר טרייבען, אַז ער זאָל נישט אַרומגעהן לעדיג, ער זאָל לערנען, וואָס מעהר לערנען.

פערדריסט איינמאָל דעם ט״ז די דאָזיגע גרינגשעצענדע בעציהונג צו איהם און ער דריקט אויס זיין תרעומות:

— הלמאי — מאַכט ער — אין דער וועלט האַלט מען פון מיר, נאָר צו אייך, שוועהר, האָב איך עפּעס קיין מזל נישט...

דערויף ענטפערט איהם דער ב״ח:

— פון דער וועלט איז קיין ראיה נישט... נאָהנטע קענען בעסער אָבשאַצען אַ מענש, איידער פרעמדע. פריהער דאַרף זיין „בקרובי אקדש״, דאַרף מען זיין געהייליגט און אָנגענומען ביי די אייגענע קרובים און ערשט נאָכהער — „ועל פני כל העם אכבד״, האָט אַ ווערט דער כבוד, וואָס מען בעקומט פון פאָלק, פון דער וועלט...

רבי יעקב׳קע, דעם נודע ביהודה׳ס זוהן, איז געווען אַן אײדעם פון רבי יצחק הלוי הורוויץ, דער האַמבורגער רב. ויהי היום איז רבי יעקב׳קע געקומען צו גאַסט צו רבי יעקב עמדין, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין אַלטונאַ, נעבען האַמבורג. זיי האָבען פערפיהרט אַ שמועס און דאַן פרעגט איהם רבי יעקב עמדין, צי זיין שוועהר קאָן עפּעס לערנען, אויף וואָס רבי יעקב׳קע האָט איהם געענטפערט, אַז די וועלט האַלט איהם פאַר אַ למדן.

— עט — מאַכט רבי יעקב עמדין — פון דער וועלט איז קיין ראיה נישט, אָט האָט דאָך די וועלט אויך דעם טאַטען אייערען געהאַלטען פאַר אַ למדן...

(מופת הדור)

ראשיכם אל תפרעו וכו׳ ועל כל העדה יקצוף... (י. ו.)

דאָ רעדט זיך דאָך הויפּטזעכליך וועגען די כהנים, די בני אהרן, טאָ איז וואָס איז שולדיג די עדה און ווי קומט דאָ דער אויספיהר „ועל כל העדה יקצוף״?

נאָר די גמרא זאָגט אין מועד־קטן: „אָבל שלא פרע חייב מיתה״ (בידי שמים). און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין פון פסוק: „ראשיכם אַל תפרעו ובגדיכם לא תפרומו ולא תמותו״. איהר, בני אהרן, אויב איהר וועט זיך נישט לאָזען וואַקסען די האָר בשעת אבלות, „לא תמותו״, וועט איהר נישט חייב זיין קיין מיתה, דאַגעגען „ועל כל העדה יקצוף״, ביי אַ זר, אַ בן־ישראל, איז פערקעהרט: אויב ער וועט נאָכטהון דעם כהן און זיך אַראָבנעהמען די האָר בשעת אבלות, וועט ער יאָ חייב זיין מיתה.

(שמע שלמה)

ואחיכם כל בית ישראל יבכו את השרפה... (י. ו.)

„מכאן שצרתן של ת״ח מוטלת על הכל להתאבל בה״ (רש״י)

טאָ פאַרוואָס ווערט וועגען אהרנ׳ען אויסגעדריקט אין פסוק אַ שבח, אַז „וידום אהרן״, אַז אהרן האָט נישט אַרויסגעוויזען דעם צער און נישט געטרויערט אויף זיין אומגליק?

נאָר ביי אהרנ'ען איז עס געווען זיין אייגען אומגליק און אַנ'אייגען אומגליק איז אַ מענש מחויב מקבל באהבה צו זיין, דאַגעגען ביים כלל־ישראל איז עס געווען יענעמ'ס אומגליק, און יענעמ'ס אומגליק דאַרף מען נישט מקבל באהבה זיין...

(רבי יוסף שאול נאַטאַנזאַהן)

יין ושכר אל תשת... (י. ט.)

וואָס פאַר שייכות האָט די דאָזיגע אזהרה צו די מיתת בני אהרן?

דען די חז"ל זאָגען: „לא נברא יין אלא לנחם את האבלים", און דעריבער האָט מען אהרנ'ען מזהיר געווען, אַז ער זאָל זיין אַ יוצא מן הכלל, אַפילו בשעת זיין אבלות זאָל ער קיין וויין נישט טרינקען...

(כלי יקר)

„רבי עקיבא — דערצעהלען די חז"ל אין שבת ס"ז — עשה משתה לבנו וכו' אמר חמרא וחיי לפום רבנן חיי וחמרא לפום רבנן".

וואָס האָט ער געמיינט דערמיט? און וואָס האָט ער עפּיס געזאָגט צוויי מאָל: „חמרא וחיי" און „חיי וחמרא"?

נאָר אין צוויי פאַלען, ווי מיר געפינען, איז דאָס טרינקען וויין פערבינדען מיט מיתה ר"ל. וויין ווערט געגעבען אבלים, ווי אויך אַ נידון למיתה. אַלזאָ, אין ערשטען פאַל — נאָכ'ן טויט, אין צווייטען פאַל — פאַר'ן טויט... און דעריבער האָט זיי רבי עקיבא ביים דערלאַנגען דעם וויין געוואונשען: „חמרא וחיי" און „חיי וחמרא", אַז זיי זאָלען שטענדיג טרינקען וויין אין גוטען אופן, אָהן אַ שום צוזאַמענהאַנג חלילה מיט'ן טויט, עס זאָל זיין „חיי" פאַר'ן „חמרא" און „חיי" נאָכ'ן „חמרא"...

(רבי נפתלי צבי יהודה בערלין)

ר' אריה די מודינא, וועלכער האָט שטאַרק ליב געהאַט אַ גלעזעל משקה, פלעגט זאָגען: זיעבציג טעמים זענען פאַרהאַן, אַז מען דאַרף קיין וויין נישט טרינקען, אָבער דער איינער טעם פון וויין וועגט זיי אַלע איבער...

נאָך אין די יונגע יאָהרען — דערצעהלט מען וועגען איהם — איז ער שוין געווען אַ גרויסער וויין־טרינקער, האָט מען איהם איינמאָל געפרעגט: די חז"ל זאָגען דאָך „עד ארבעין שנין מיכלא מעלי מכאן ואילך משתי מעלי" (שבת קנ"ב), אַז ביז פיערציג יאָהר דאַרף מען טרינקען וועניג? די חז"ל — האָט ר' אריה די מודינא דערויף געענטפערט — מיינען דערמיט עפּיס אַנדערש, זיי האָבען געמיינט דערמיט צו זאָגען, אַז ערשט נאָך פיערציג יאָהר הויבט אָן דער מענש צו פערשטעהן דעם טעם פון טרינקען, דען „בן ארבעים לבינה", צו מיר אָבער איז דער שכל ב"ה געקומען פריהער...

אין סאַניק איז געווען אַ בעקאַנטער ריזשינער חסיד, ר' יצחק בער, וועלכער האָט שטאַרק ליעב געהאַט די כוסה. איינמאָל בעקומט ער פון ריזשינער רבי'ן אַ בעפעהל דורך אַ שליח, אַז ער זאָל תיכף ומיד קומען קיין ריזשין און, פערשטעהט זיך, אַז דער חסיד האָט אָהן שום שהיות גלייך מקיים געווען דעם בעפעהל.

מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ האָט ער איבערגעטרעטען די שוועל פון ריזשינער'ס

חדר, וואַרטענדיג מיט אומגעדולד צו הערען, נאָכוואָס דער רבי האָט געשיקט נאָך איהם. דער ריזשינער האָט איהם דערלאַנגט שלום, אָבגעשלאָסען די טהיר און דאַן האָט ער איהם גענומען זאָגען מוסר, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַזאַ שטייגער איד אָבצוזעבען זיך מיט'ן ביטערען טראָפּען און אַז ער פערלאַנגט אונבעדינגט פון איהם, ער זאָל אויפהערען צו טרינקען.

איז דער חסיד געבליבען זיצען אַ פער'חדוש'טער: היתכן, האָט דען דער רבי געדאַרפט וועגען דעם ספּעציעל שיקען נאָך איהם? צי דען ווען דער רבי בעפעהלט איהם דאָס זעלבע דורכ'ן שליח וואָלט ער דען, חלילה, נישט געוועזען געפאָלגט?

האָט איהם דער ריזשינער דערויף געענטפערט:

אין פּסוק ווערט געזאָגט: „וידבר ד' אל אהרן לאמר, יין ושכר אל תשת". פרעגט זיך: פאַרוואָס זענען אַלע אַנדערע מצוות געזאָגט געוואָרען צו אהרנ'ען דורך אַ שליח, דורך משה'ן, דאַגעגען וועגען דער מצוה פון „יין ושכר אל תשת" האָט השי"ת אַליין גערעדט מיט איהם? ווייל וועגען אַזעלכע זאַכען, אַז מען זאָל נישט טרינקען, נישט שכור'ן, פּאַסט נישט צו בעפעהלען יענעם דורך אַ שליח. דאָס מוז מען אַליין יענעם זאָגען אין דער שטיל, מפה לאוזן...

יין ושכר אל תשת אתה ובניך אתך... (י. ט.)

נאָך די ווערטער „אַל תשת" און „אתה" זענען פאַרהאַן סימני־הפסקה. אַ רמז, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע מאָמענטען, ווען עס איז יאָ ערלויבט צו טרינקען, דהיינו: „אתה ובניך אתך" — אויף אַ שמחת־נישואין; „בבואכם אל אהל מועד" — בעת אַ חנוכת־הבית; „ולא תמותו" — אויף אַ שמחת־הודאה (אויפשטעהענדיג פון אַ געפעהרליכער קרענק); „חוקת עולם" — אויף אַ ברית־מילה; „ולהבדיל בין הקודש ובין החול" — ווײַן פון קידוש און הבדלה; „ובין הטמא ובין הטהור" — אום פורים (המן און מרדכי); „ולהורות את בני ישראל" — אויף אַ סיום („ולהורות" — לערנען)...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

אין „קול אליהו" (אות רל"ד) פון ווילנער גאון ווערט געזאָגט פּשט אויפ'ן מאמר „נכנס יין יצא סוד", אַז דאָס וואָרט „סוד" געפינט זיך דריי מאָל אין תנ"ך: „סוד ד' ליראיו" (תהלים כה.); „ואת ישרים סודו" (משלי ג.); „גלה סודו לעבדיו הנביאים" (עמוס ג.). און דאָס איז דער זין: „נכנס יין יצא סוד", די ראשי תיבות פון „יין" איז: „יראים ישרים נביאים", נאָר ביי זיי איז געשריבען דאָס וואָרט „סוד".

די דאָזיגע ערקלערונג זעהט אויס צו זיין אונפערשטענדליך. צי דען נאָר דריי מאָל געפינט זיך דאָס וואָרט „סוד" אין תנ"ך? עס ווערט דאָך איבערגע'חזר'ט אין צעהנדליגער שטעלען, ווי „יחדיו נמתיק סוד" (תהלים נה.), „על עמך יערימו סוד" (תהלים פג.), „הולך רכיל מגלה סוד" (משלי יא.), „סוד בחורים יחדיו" (ירמי' ו.), „נערץ בסוד קדושים" (תהלים פט.), און אין פיעל, פיעל אַנדערע מקומות!...

נאָר עס ווערט אָנגעוויזען, אַז דער גאון מיינט בלויז יענע שטעלען, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגען דעם סוד, וואָס השי"ת איז מוסר צו די צדיקים, און אַזעלכע שטעלען זענען פערהאַן נישט מעהר ווי די אויסגערעכענטע דריי פסוקים.

ולהבדיל בין הקודש ובין החול וכו׳ ולהורות את בני ישראל... (י. י. יא.)

אויך ביים „ולהורות את בני ישראל״, ביי די, וואָס ווילען זיך אָנגעבען אַלס אייערע מורי־דרך און וועג־ווייזער, זאָלט איהר אונטערשיידען „בין הקודש ובין החול״, ווער און וואָס זיי זענען, צי עס איז תוכם כברם...

(רבי משה פאָלאָק)

די חז״ל דערצעהלען (פסחים ג׳): „מעשה בב׳ תלמידים דהוו יתבי קמיה דהלל וכו׳ חד אמר מפני מה בוצרין בטהרה ואין מוסקין בטהרה וחד אמר מפני מה בוצרין בטהרה ומוסקין בטומאה, אמר מובטח אני בזה שמורה הוראה בישראל״.

האָט געזאָגט דערויף דער ווילנער גאון, אַז דאָס איז בפירוש מרומז אין פסוק: „ולהבדיל בין הקדש ובין החול ובין הטמא ובין הטהור — ולהורות את בני ישראל״, דער וואָס איז מבדיל בין טמא לטהור און איז נזהר צו רעדען בלשון טהרה, איז ער ראוי צום — „ולהורות את בני ישראל״, צו זיין אַ מורה־הוראות בישראל...

וידבר משה אל אהרן ואל אלעזר ואל איתמר בניו הנותרים... (י. יב.)

אין ט״ז (יורה דעה סי׳ מ״ג) ווערט געזאָגט, אַז דער אויסדרוק „נותר״ בעציהט זיך אויף אַן־איבערגעבליבענעם קלענערען טייל, ווען עס בלייבט אַ מיעוט פון אַ מרובה. פרעגען אַלע אַ קשיא פון דאָזיגען פסוק: דאָ זענען דאָך איבערגעבליבען אַ העלפט קינדער, אלעזר ואיתמר, און אויב דאָס וואָרט „הנותרים״ געהט אויך אַרויף אויף אהרן, איז דאָך איבערגעבליבען אַ מעהרהייט, דריי לגבי צוויי, און פונדעסטוועגען רופט זיי דער פסוק „הנותרים״?

ענטפערט דערויף רבי פנחס הלוי הורוויץ: אויפ׳ן פריהערדיגען פסוק „ויאמר משה אל אהרן הוא אשר דבר ד׳״ (י. ג.), זאָגען די חז״ל (ווערט אויך געבראַכט אין רש״י אויפ׳ן אָרט): „אמר לו משה לאהרן וכו׳ עכשיו רואה אני שהם גדולים ממני וממך״, אַז נדב ואביהו זענען אין איכות געשטאַנען העכער פון זיי, און דעריבער האָט זיך דערביי משה אויסגעדריקט מיט׳ן וואָרט „הנותרים״, אַז אין איכות זענען זיי אַ מיעוט מן המרובה...

וישמע משה וייטב בעיניו... (י. כ.)

„הודה ולא בוש לומר לא שמעתי, אלא אמר שמעתי ושכחתי״ (זבחים ק״א)

פרעגט דערויף דער „קרבן העדה״: אין ירושלמי אָנהויב חגיגה ווערט געזאָגט וועגען רבי יהודה נשיאה: „מה גדולתו? שאינו בוש לומר לא שמעתי״, איז דאָך פונדאַנען, אַלזאָ, משמע, אַז עס איז אַ גרעסערע בושה צו זאָגען „לא שמעתי״, איידער „שמעתי ושכחתי״?

נאָר באמת איז טאַקי „לא שמעתי״, וואָס עס בעדייט, אַז ער האָט אינגאַנצען נישט געלערנט, מעהר חרפה, ווי „שמעתי ושכחתי״, וואָס עס הייסט, אַז ער האָט געלערנט און פערגעסען, וואָרום שכחה איז אַ זאַך, וואָס ס׳איז שכיח ביי יעדען מענש און ס׳איז זיך נישטאָ דערמיט וואָס צו שעהמען. משה רבינו אָבער האָט דאָך געלערנט תורה מפי הגבורה און אין מדרש ווערט געזאָגט: „אמרו ישראל, אלמלי היינו למדים מפי הגבורה

לא היינו שוכחים", און פאַר איהם איז דעריבער "שמעתי ושכחתי", צו האָבען פערגעסען דאָס, וואָס ער האָט געהערט פון אויבערשטען אַליין, געווען מעהר בושה, ווי צו זאָגען "לא שמעתי"...

(דבש וחלב)

משה איז צופרידען געווען, ווייל עס ווערט איבערדריסיג צו זיין שטענדיג אַ מ ל מ ד, עס ווילט זיך טיילמאָל אויך זיין אַ ל ו מ ד. די גאַנצע צייט האָט ער רק גע־לערנט מיט אַנדערע; איצט איז דאָס ערשטע מאָל געווען, וואָס אַנדערע האָבען אויך מיט א י ה ם געלערנט...

(רבי מאיר־שמחה דווינסקער)

זאת החיה אשר תאכלו מכל הבהמה... (יא. ב.)

"רב אמר לא ניתנו המצוות לישראל אלא לצרף בהן את הבריות וכו' אמר ר' יודן ב"ר שמעון כל בהמות ולויתן הן קנינין של צדיקים לעתיד לבוא" (מדרש רבה שמיני)

וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג האָבען צווישען זיך די צוויי מאמרים?

האָט געזאָגט דערויף רבי יחיאל מאיר, דער רבי פון אָסטראָוועצ: כידוע, ווערט מיט מלחמת שור הבר ולויתן געמיינט די מלחמת גוג ומגוג, און דער מדרש איז אונז מרמז דערמיט, אַז אין יענער צייט, פאַר ביאת־הגואל, וועט אַרויס אַ גזירה, צו אַסר'ן די שחיטה ביי אידען...

כל מפרסת פרסה וכו' מעלת גרה... (יא. ג.)

דאָס זענען די ערשטע סימני טהרה, די ערשטע אידישע סימנים — "מעלה גרה", געבען צדקה ("עשרים גרה השקל") און "מפרסת פרסה", טיילען זיך זאָגאַר מיט'ן שטיקעל ברויט ("מה דרכו של עני בפרוסה")...

(רבי וועלוועלע מגיד)

"כבד ד' מהונך, אל תקרי מהונך אלא מגרונך" — נישט נור פון דיין הון און עשירות, נאָר אַפילו "מגרונך", פון דיין האַלז זאָלסטו אָבשפאָרען, מיט דיין ביסען זאָלסטו זיך טיילען...

(כתב סופר)

אך את זה לא תאכלו... (יא. ד.)

אַלע אויסגערעכענטע עופות טמאים (חוץ "פרס" און "עזניה") בעשטעהען פון "דורסים", רויב־פויגעל, און דעריבער זענען זיי אָסור צו עסען, ווייל זייער היציג בייז בלוט ברענגט אַריין אַכזריות אין מענשען... דאַגעגען ווידער צווישען די אויסגע־רעכענטע בהמות טהורות, וועלכע זענען "מעלה גרה ומפריס פרסה", געפינט זיך נישט קיין איין "דורס", און דעריבער זענען מותר צו עסען נאָר אַזעלכע בהמות, וואָס צייכענען זיך אויס מיט די דערמאָהנטע צוויי סימנים...

(רמב"ן)

צו אברהם זשעטלער זענען אַמאָל געקומען די קצבים מיט אַ שווערע שאלה. ס'איז געווען פאַר פסח, בעת דאָס שטעדטעל דאַרף האָבען פלייש און די קצבים זענען געווען גרויסע אָרימעלייט, דאָס געלד אויפ'ן אָקס איז געווען געבאָרגט געלד — האָט רבי אברהם געוואָלט מכשיר זיין. לויט'ן רמ"א אָבער איז געווען שווער צו מאַכען כשר, האָט ער אַזוי לאַנג געזוכט, ביז ער האָט געפונען עפּיס אַ קולא אין אַ שפּעטערדיגען אחרון און געזאָגט צום דיין:

— לאָמיר עס ביידע נעהמען אויף זיך און כשר מאַכען...

— חלילה וחס! — האָט זיך דער דיין אָבגעשאָקעלט — קעגן רמ"א?

האָט רבי אברהם גענומען אויף זיך און אַליין כשר געמאַכט.

— היתכן? — פרעגט איהם דער דיין — האָט איהר אַזעלכע ברייטע פּלייצעס צו שטעלען זיך געגען רמ"א?

— כ'וועל אייך זאָגען — ענטפערט איהם רבי אברהם — ווען כ'וואָלט טריף געמאַכט, וואָלט איך אויפ'ן עולם־האמת געהאַט צו טהון מיט די קצבים, זיי וואָלטען מיך געשלעפּט פאַר'ן בי"ד של מעלה און גע'טענה'ט, אַז כ'האָב זיי בדלות געשטעלט, ס'געלד איז געווען געבאָרגט, ס'טריפה פלייש האָבען זיי געמוזט פערקויפען מיט היזק, היינט געה טענה זיך אויס מיט פּראָסטע אידען... איצט אָבער, אַז כ'האָב כשר געמאַכט, וועל איך האָבען צו טהון מיט'ן רמ"א, און נישקשה, מיט אַזאַ גאון און צדיק וועל איך שוין ווי עס איז דורכקומען...

צו רבי יהושע'לע קוטנער איז אַמאָל געקומען אַ אידענע מיט אַ שאלה אויף אַנ'עוף: ביים כשר מאַכען האָט זי די גאַל נישט געפונען.

ווי דער דין איז ביי אַזאַ שאלה, האָט דער רב געגעבען אַ לעק דאָס לעבערל — ס'איז נישט ביטער. גיט ער די דיינים, זיי לעקען און שפּירען אויך נישט קיין ביטער־קייט, זאָגט ער צו דער אידענע:

— פּרובט איהר אַ לעק טהון... נו, ס'איז ביטער?

— אַי, רבי־קרוין — קרעכצט די אידענע — ס'איז ביטער ווי דער טויט. כ'בין אַנ'אַלמנה מיט קליינע יתומים, דאָס עלטערע יונגעל מיינס איז אַ לערן־קינד, ער איז אָבער קראַנק געוואָרען און דער דאָקטאָר האָט איהם געהייסען קאָכען אַ היהנעריש יאַיכעל, האָב איך אָבגעשפּאָרט דאָס לעצטע און געקויפט אַנ'עוף. נו, האָב איך מזל — מאַכט זיך אַ שאלה, אַ, הייליגער רבי, ווי ביטער!...

— אויב ס'איז ביטער — פּסקנ'ט רבי יהושע'לע — איז כשר...

רבי אייזיל סלאָנימער איז געווען אַ גרויסער מקיל אין שאלות, דאַגעגען דער דיין זיינער איז געווען אַ גרויסער מחמיר.

איינמאָל זיצען זיי ביידע און שמועסען וועגען דעם ענין פון מקיל און מחמיר זיין, מאַכט רבי אייזיל צום דיין:

— פערשטעהט איהר מיך, נישט אַלע מאָל מוז מען פּסק'ענען ווי עס שטעהט אין דין, נאָר אַלע מאָל מוז שטעהן אין דין ווי מען פּסק'ענט...

אֶת הגמל כי מעלה גרה הוא ופרסה איננו מפריס... (יא. ד.)

„ופרסה איננו מפריס" — אַ לשון־הוה, דאַגעגען אין צווייטען פּסוק ווערט געזאָגט: „ואת השפן כי מעלה גרה הוא ופרסה לא יפריס" — אַ לשון־עתיד, און אין דריטען פּסוק: „ואת הארנבת כי מעלת גרה היא ופרסה לא הפריסה" — אַ לשון־עבר.

די תורה — האָט געזאָגט דערויף רבי ישראל סאַלאַנטער — איז אונז דערמיט מרמז, אַז אײדער מען בעשליסט אַרויסצוזאָגען זיך װעגען װעמען עס איז און אָבצו־פסק'ענען, אַז דער און דער איז טמא, דאַרף מען זיך פריהער גוט פערטראַכטען און מען דאַרף נעהמען אין אַכט נישט בלויז די געגענוואַרט, נאָר אויך זיין פערגאַנגענהייט און צוקונפט. אײל דיך נישט אַרויסצוטראָגען װעגען איהם דעם אורטייל פון טומאה אויב די פערגאַנגענהייט זיינע איז אַ גוטע; זיי אויך פאָרזיכטיג מיט'ן פסק, אַפילו װען זיין עבר און הווה טויגען נישט, פיליכט לאָזען זיך בעמערקען אין איהם סימני טהרה אויף להבא, אויף דער צוקונפט. און נאָר דאַן װען דו האָסט זיך גרינדליך איבערצייגט, אַז סיי דער עבר, סיי דער הווה און סיי דער עתיד װייזען בלויז סימנים פון טומאה, אַז ס'איז „לא הפריס", „איננו מפריס", און „לא יפריס" — ערשט דאַמאָלס קאָנסטו אויסשרייען: „טמא הוא!"...

ביי אַלע בהמות הויבט דער פסוק אָן נישט מיט'ן סימן טומאה, נאָר מיט'ן סימן טהרה: „את הגמל כי מעלה גרה הוא", „ואת השפן כי מעלה גרה הוא", „ואת הארנבת כי מעלה גרה היא", און דאָס זעלבע ביי חזיר: „ואת החזיר כי מפריס פרסה הוא"... דוקא דערפאַר, הייסט עס, װייל זיי האָבען אין זיך אַ סימן טהרה, װייל זיי זענען מעלה גרה און װייל דער חזיר איז אַ מפריס פרסה, דאַרף מען זיך היטען פאַר זיי, דען אַמ־געפעהרליכסטען איז דער צבוע'ק, דער טמא, װאָס זעהט אויס װי אַ טהור...

(כלי יקר)

ואת החזיר כי מפריס פרסה הוא... (יא. ז.)

„כי — װ י י ל — מפריס פרסה הוא"... דוקא דערפאַר! כאָטש ביי אַנדערע איז עס אַ סימן־טהרה... װייל „החזיר הזה פושט את טלפיו ואומר ראו שאני טהור", װייל מיט זיין „מפריס־פרסה" איז ער אויסען אַלעמען צו נאַרען און די אויגען צו פערבלענ־דען, און צוליב־דעם גופא איז ער שוין טמא — צוליב זיין צביעות...

(שמעון זאקאן)

ואת החזיר...

דערויף זאָגט דער רבינו בחיי: „וכשהזכיר הכתוב החזיר אף הכלב בכלל, שהרי הוא כמותו שאינו מעלה גרה, אבל פרסותיו סדוקות, וכן הנביא המשלם זל"ז ,עורף כלב מעלה מנחה דם חזיר'" (ישעי' סו. ג.).

פרעגט זיך: אין חולין נ"ט װערט דאָך דייטליך ערקלערט, אַז אויסער אַ חזיר איז קיין שום בעל־חי נישט מפריס פרסה, און נעמליך: „דתני דבי ר' ישמעאל, ואת החזיר כי מפריס פרסה, שליט בעולמו יודע שאין לך דבר שמפריס פרסה אלא החזיר, לפיכך פרט בו הכתוב וכו'". און אויך רש"י אין דער הייניגער סדרה, אויפ'ן פסוק „וכל הולך על כפיו", ערקלערט: „כגון כלב ודוב וחתול", ד. ה. אַז אַ כלב האָט נישט קיין פרסות, נאָר בלויז כפים — אצבעות?

(עוללות אפרים)

די חז"ל פערגלייכען אין פיעל ערטער דאָס מלכות רומי צו אַ חזיר, װי „יכרסמנה חזיר מיער — זה רומי", וכדומה.

דאָס ערקלערט זיך אײנפאַך דערמיט, װייל ביי די אַלטע רוימער איז דער חזיר

געווען דער סימבאָל פון גבורה און אין די בעזיעגטע שטעדט פלעגען זיי אָוועקשטעלען אויף די עפענטליכע פלעצער חזירים־סקולפטורען, ווי די חז״ל דערצעהלען וועגען אַדרינוס׳ן, אַז ער האָט אויפגעשטעלט אַ חזיר אין ירושלים ביים טויער, וואָס פיהרט צו בית־לחם, אַלס צייכען פון מאַכט און נצחון.

(בקורי הריב״ל)

„למה נקרא שמו חזיר? — פאַרוואָס הייסט ער חזיר? — מפני שעתיד הקב״ה להחזירו לישראל", ווייל אין דער צוקונפט וועט איהם דער אויבערשטער צוריק־געבען און מתיר־מאַכען צו אידען...

דערדאָזיגער מאמר ווערט אין פערשיעדענע ספרים און אויך אין „אור־החיים" געבראַכט אַלס מדרש, און אויפ׳ן גרונד דערפון האָבען זיך שוין אַנגעזאַמעלט פער־שידענע קשיות און פערשידענע פלפול׳דיגע תירוצים. ערשטענס, פרעגט מען, איז דאָך דאָס געגען אונזערע עיקרי־האמונה, לויט וועלכע מיר גלויבען, אַז „זאת התורה לא תהא מוחלפת ולא תהא תורה אחרת"? צווייטענס, איז אויב אַזוי, געהט עס דאָך שוין אַריין אין כלל פון „דבר שיש לו מתירין", טאָ ווי־אַזוי קאָן אַ „חתיכת שומן" לויט׳ן דין בטל ווערען בששים, וועהרענד אַ צווייטער דין זאָגט דאָך, אַז „דבר שיש לו מתירין אפילו באלף לא בטל"?... דערויף ענטפערן די בעלי־הפלפול, אַז לעתיד וועט דער חזיר אויך פיזיש געענדערט ווערען, ווערענדיג פערוואַנדעלט אין אַ בהמה־טהורה מיטביידע סימני־טהרה... אַנדערע ענטפערן, אַז דער היתר וועט געגעבען ווערען נאָר צייטווייליג, להוראת־שעה, אויף דער צייט פון מלחמת גוג ומגוג...

אַ טייל, ווידער, ווי דער רבינו בחיי און אַנדערע מפרשים, פּרובען עס ערקלערען אויפ׳ן אַלעגאָרישען אופן, אַז דאָס בעציהט זיך אויף מלכות־אדום, וועגען וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט אין מדרש: „ואת החזיר — זו אדום", און די כוונה איז, אַז לעתיד וועט אדום שליסען שלום מיט אידען...

פאַרהאַן אָבער אַזעלכע, וועלכע באַהויפּטען, אַז אָט דער גאַנצער מאמר איז לא היה ולא נברא!... „די דאָזיגע שטעלע — שרייבט וועגען דעם דער מחבר פון „יפה תואר" — געפינט זיך נישט אין ערגעץ, נישט אין ש״ס בבלי, נישט אין ירושלמי און נישט אין די מדרשים! נישט אַנדערש — נאָר איינער פון די אַחרונים האָט אַליין דעמדאָזיגען מאמר פערפאַסט בדרך־הלצה און עס אַנגעגעבען אַלס מדרש"...

ר׳ פנחס הכהן וויזט אָן, אַז באמת געפינט זיך אַזאַ עהנליכער מאמר אין ויקרא רבה סוף פרק י״ג און אין קהלת רבה פ״א „למה נקרא שמה חזיר, שמחזרת עטרה לבעליה, כדכתיב ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו", און מעגליך אַז די ציטאַטע איז שפּעטער אַביסעל פערגרייזט געוואָרען.

אין אַ שמועס מיט רבי הערש־לייב וואָלאָזשינער (נצי״ב) איז אַמאָל געקומען צו רייד וועגען דעם בעוואוסטען משומד, פּראָפעסאָר ח., וועלכער האָט זיך גע׳שמד׳ט צוליב קאַריערע און דאָך איז ער אויך נאָכ׳ן שמד געווען אַריינגעטהון דעם גאַנצען לעבען אין לערנען און אין לומדות, שטעהענדיג אין אַ שטענדיגען קאָנטאַקט מיט פיעל אידישע רבנים, פיהרענדיג מיט זיי שאלות־ותשובות און שרייבענדיג זאָגאָר אַליין חדושי־תורה...

ווען מען האָט געפרעגט ביי רבי הערש־לייב׳ן אַ מיינונג וועגען דעמדאָזיגען מערק־ווירדיגען משומד, וועלכער איז שטאַרק געשעצט געווען אַפּילו אין פערשידענע אָרטאָ־דאָקסישע קרייזען, האָט ער אַ זיפץ געטהון און געענטפערט מיט אַ מעשה:

ביי איינעם אַ גרויסען אידישען גביר איז אַמאָל שווער קראַנק געוואָרען זיין פרוי, אַ זעהר פרומע און צניעות׳דיגע אידענע. מען האָט געשיקט רופען די גרעסטע דאָקטוירים, וועלכע האָבען איינגעפונען, אַז בכדי צו דערהאַלטען זי ביים געזונד מוז מען זי אונבעדינגט אַנהויבען שפּייזען מיט חזיר־פלייש. קיין אַנדערע רפואה איז נישטאָ! פערשטעהט זיך, אַז נישט דער מאַן, נישט דאָס ווייב האָבען נישט געוואָלט הערען דערפון. די לאַגע פון׳ם חולה ווערט אָבער וואָס אַמאָל ערגער, און די דאָקטוירים האַלטען זיך ביי דאָס זייעריגע: נישט אַנדערש, נאָר חזיר־פלייש! איז מען אַוועק צום רב און מ׳האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע; און ווי דער רב האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אַריבער צום חולה און האָט ערקלערט, אַז על־פּי דין מעג זי עסען חזיר... נישט זי מ ע ג, נאָר זי מ ו ז, וואָרום עס איז פּקוח־נפש און עס שטעהט: „וחי בהם — ולא שימות בהם"... מילא, פערפאַלען, האָט די פרומע אידענע מסכים געווען; אָבער ווען דער רב האָט שוין געהאַלטען ביים אַוועקגעהן, האָט זי איהם צוריקגערופען און איהם געבעטען, אַז אויב עס איז שוין יאָ אויף איהר נגזר געוואָרען צו עסען חזיר, פערלאַנגט זי כאַטש, אַז דער רב זאָל בעפעהלען דעם שוחט, ער זאָל שעכטען דעם חזיר אויף כשר, מיט אַ חלף!... דער רב, איינהאַלטענדיג זיין שמייכעל, האָט איהר צוליעב געטהון. מען האָט געשיקט נאָכ׳ן שוחט, און נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער שחיטה, האָט די אידענע פערלאַנגט, ער זאָל אויך בודק זיין די ריאָה, ווי דער דין איז... און שטעלט זיך פאָר אַנ׳אומגליק: ווי צו־להכעיס, האָט מען אויף דער חזיר׳שער ריאָה געפונען אַ שאלה, וועגען וועלכער דער שוחט אַליין האָט נישט געקאָנט בעשליסען, און עס איז געבליבען, מען זאָל די ריאָה שיקען צום רב... בעטראַכט דער רב די ריאָה און שוויגט; ווענדעט מען זיך צו איהם עטליכע מאָל, מען וויל וויסען דעם רעזולטאַט — טהוט ענדליך דער רב אַ זיפץ און זאָגט: שווער צו ענטפערן... ווען אַזאַ שאלה זאָל זיך טרעפען ביי אַ בהמה־טהורה, וואָלט איך איין רגע נישט געקלערט און וואָלט גלייך געענטפערט: „כשר"; אָבער דאָ, אין דעם פאַל, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ חזיר, ווי־אַזוי קאָן איך זאָגען: „כשר", וועהרענד מיט זיין גאַנץ כשרות פון אַלע זייטען איז ער דאָך סוף־כל־סוף פאָרט אַ חזיר... פאָרט אַ חזיר!...

(מקור ברון)

פאַרוואָס רופט מען אַ קמצן „דבר אחר"? ווייל על־פּי־רוב איז אַזעלכער, וועלכער האָט פערמאָכטע הענד, נישט פויל אויף די פיס: „כי מפריס פרסה הוא" — פאָרען, לויפען, עוסק זיין אין גבאות, געהן מיט אייך צו יענעם נאָך אַ נדבה, דאָס אַלץ וועט ער אייך נישט זשאַלעווען; אָבער „וגרה לא יגר" — זיינס אַ פּינפּערל, דאָס וועט איהר ביי איהם נישט מוציא זיין, ד אָ ס — לאָו!...

(אַ פאָלקס־ווערטעל)

ר׳בי אייזיל חריף פלעגט זאָגען, אַז דערפאַר רופט מען אַ גביר — חזיר, ווייל די גמרא זאָגט: „לית עניא מכלבא ולית דעתיר מחזירא" (שבת קנ״ה)...

דער קעלמער מגיד איז אַמאָל געקומען קיין מינסק זאַמלען געלד אויף אַ דבר־טוב, אָבער די גבירים האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר האַרט־לייביג און עס איז שווער געווען ביי זיי מוציא צו זיין. שבת, ביים דאַווענען, ווען אין שוהל זענען געווען פאַרזאַמעלט אַלע שענע בעלי־בתים, איז דער קעלמער פאַר קריאת־התורה אַרויף אויף דער בימה,

אַ פּאַטש געטהון אין בעלעמער און אויסגערופען: רבותי! דערמיט בין איך מכריז ומודיע, אַז דער איסור פון „חלב־עכו״ם״ איז אויף מינסק נישט חל — פון־היינט־אָן מעג מען אין מינסק טרינקען גוי׳אישע מילך!... און זעהענדיג ווי דער גאַנצער עולם קוקט אויף איהם פער׳חידוש׳ט, נעהמט ער זיי מסביר זיין:

— דער גאַנצער איסור — זאָגט ער — אויף „חלב־עכו״ם״ איז דאָך בלויז צוליב דעם חשש, טאָמער האָט דער גוי אַריינגעמישט חזיר־מילך; מינסק דאַרף אָבער דער־פאַר נישט מורא האָבען, דען די מינסקער חזירים לאָזען זיך נישט מעלקען...

ובנבלתם לא תגעו... (יא. ח.)

„מה תלמוד לומר לא תגעו? — ברגל, זהו שאמרו חייב אדם לטהר עצמו ברגל״ (רש״י)

האָט געזאָגט דערויף רבי מאיר־שמחה דווינסקער:

דער דין איז, אַז אַן׳עם־הארץ איז אום יום־טוב בעגלויבט אין עניני טהרות, ווי די גמרא זאָגט: „טומאת עם הארץ ברגל רחמנא טהרה״, אַז אויב אַן׳עם־הארץ האָט אום יום־טוב אָנגעריהרט אַ מאכל פון תרומה, דאַרף מען איהם נישט חושד זיין, טאָמער איז ער טמא, און אויב ער פערזיכערט, אַז ער איז טהור, גלויבט מען איהם. פאַרוואָס איי־גענטליך? הלמאי איז ער יום־טוב מעהר בעגלויבט ווי אין אַ וואָכען־טאָג? — נאָר די גמרא זאָגט: „איזהו עם־הארץ? כל שאינו מניח תפילין״ (ברכות מ״ו), און דעריבער אום יום־טוב, ווען קיינער לעגט נישט קיין תפילין און ס׳איז דאָך שווער מבחין צו זיין, ווער עס איז אַ חבר און ווער אַן׳עם־הארץ, וואָלט דאָך אויסגעקומען, אַז מען זאָל מטמא זיין אַלץ וואָס אַ פרעמדער מענש ריהרט אָן און דאָס איז דאָך אַ „גזירה שאין רוב הצבור יכול לעמוד בה״, האָט מען דעריבער מקיל געווען, אַז בכלל זאָלע; אַלע זיין בעגלויבט, און דאָס איז די כוונה: „חייב אדם לטהר עצמו ברגל״, ברגל, אום יום־טוב, איז אַ חיוב, אַז יעדער איד זאָל בעטראַכט ווערען בחזקת טהור...

דער משנה למלך שרייבט אין הלכות טומאת אוכלים (פרק ט״ז הלכה י׳):

„ודע שרש״י הביא דרשה זו בפרשת ראה ולא ידעתי למה לא הביאה בפרשת שמיני הקודמת״.

אַ פּלא! רש״י ברענגט דאָך יאָ דעם דאָזיגען דרש דאָ, אין פּרשת שמיני!...

את זה תאכלו... (יא. ט.)

בעת רבי הירשעלע האַלבערשטאַם איז געוואָרען רב אין בערלין האָט ער אין איינע פון זיינע דרשות בעמערקט, אַז לויט ווי ער זעהט זענען די בערלינער אידען בעיקר נזהר אין צוויי זאַכען: אין כשרות און אין אבלות, און אַז דאָס ערקלערט זיך מסתמא דערמיט, וואָס די גמרא זאָגט: „סוף אדם למות וסוף בהמה לשחיטה״ (ברכות י״ז), און עס שרעקט זיי סיי דער טויט פון מענש, סיי פון דער בהמה. אין אבלות זענען זיי נזהר, ווייל — „סוף אדם למות״ און אין כשרות, ווייל — „סוף בהמה לשחיטה״...

ואת אלה תשקצו מן העוף לא יאכלו... (יא. יג.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן: „מן עופא דלית להון ציבעא יתירא ודלית ליה זפקתא ודקורקבניה ליתוי מקליף״.

די מפרשים מאַטערען זיך צו ערקלערען, וואָס דער פשט איז פון די ווערטער „ומן עופא דלית להון ציבעא יתירא".

באמת אָבער, ווי עס זעהט אויס, איז דאָ אַריינגעפאַלען אַ טעות און עס דאַרף זיין: „דלית להון אצבע יתירא", ווי מיר האָבען עס דייטליך אין דער גמרא (חולין ס"א): „מה נשר מיוחד שאין לו אצבע יתירה וזפק ואין קורקבנו נקלף".

(ספר ינחנו)

את כל עורב למינו... (יא. טו.)

אַ מערקווירדיגען מאמר געפינען מיר אין „פרקי רבינו הקדוש", ווי אויך אין „חופת אליהו רבה" און נעמליך:

„אם תמצא עורב כולה לבן, כן תמצא כשרה בנשים"...

ואת בת היענה... (יא. טז.)

דערויף ווערט געזאָגט אין אבן־עזרא: „יש אומרים שהוא מין שלא ימצאו זכרים כמו הארנבת, ואין מלת כיענים טענה, כי אינם זכרים רק הם נקבות, כמו יעלים ורחלים".

און דאָס זעהט דאָך אויס אין סתירה צו זיינע אייגענע ווערטער אין פ' משפטים (כג. יט.). דאָרט זאָגט, נעמליך, דער אבן־עזרא: „דע כי בשר יענה יבש כעץ ואין המנהג שיאכלנו אדם, כי אין בו ליחה וכו' רק הבת כי היא נקבה וקטנה יש בה מעט ליחה ולא כן הזכר הקטן". הייסט דאָך עס, אַז ביי יענה זענען יאָ פאַראַן זכרים!...

נאָר, ווי עס שיינט, איז מיט די ווערטער „יש אומרים שהיא מין שלא ימצאו זכרים כמו הארנבת" מיינט נישט דער אבן־עזרא צו זאָגען, אַז אינ'ם מין יענה עקזיסטירען בכלל נישט קיין זכרים, נאָר — אַז מיר געפינען נישט דערביי קיין נאָמען פון אַ לשון־זכר, אַז, פונקט ווי ארנבת, קומט עס שטענדיג בלשון נקבה.

ואת החסידה... (יא. יט.)

„למה נקרא שמה חסידה? — שעושה חסד עם חברותיה" (חולין ס"ג)

און אויך אין רש"י אויפ'ן אָרט: „ולמה נקרא שמה חסידה? — שעושה חסידות עם חברותיה במזונות"... לויט'ן דאָזיגען דרש ווערט אָביסעל קשה די ערקלערונג פון רמב"ם, רמב"ן און פיעל אַנדערע מפרשי־התורה, וועלכע ערקלערען דעם טעם, אַז דערפאַר ווערען די אַלע אויסגערעכענטע עופות ערקלערט אַלס „טמאים" און זענען אָסור באכילה, ווייל זיי אַלע צייכענען זיך אויס מיט אַכזריות. אויב־זשע אַזוי, טאָ פאַר־וואָס ווערט אויך די „חסידה", וועלכע איז געריהמט מיט איהר רחמנות, אַריינגערעכענט אין כלל פון די טמאים?...

(תורה תמימה)

אויף דער דאָזיגער פראַגע ווערט געענטפערט בדרך־הלצה, אַז דערפאַר איז די חסידה אַריינגערעכענט צווישען די עופות־טמאים, ווייל „שעושה חסידות עם חברותיה" — ווייל דידאָזיגע „חסידה" געהערט צו יענעם סאָרט געוויסע חסידים, וואָס אויסער „חברותיה", די אייגענע „אנשי־שלומנו", געהט זיי קיינער נישט אָן...

„שעושה חסידות עם חברותיה"...

— דערפאַר איז זי טמא — האָט רבי נפתלי ראָפּשיצער געזאָגט דערויף בדרך־הלצה — ווייל זי איז זיך נוהג, ווי געוויסע חסידיש־נגידישע אידען: אַנשטאָט צו העל־פען די חברים מיט מזונות, פאַשעט זי זיי מיט חסידות...

רב ישעיה'לע פּראַגער האָט געהאַט אַ שלעכט ווייב, וועלכע האָט איהם פּערפּיי־ניגט מיט איהר איבערטריבענע פרומקייט. מאַכט ער איינמאָל צו איהר:

— אין פלוג איז קיין אונטערשיעד נישט צווישען אַ פרומען מאַן און אַ פרום ווייב, אין פלוג זענען זיי ביידע גלייך: דער מאַן, אויב ער איז פרום, הייסט ער „חסיד", און די פרוי בעת זי איז צופיעל פרום, הייסט זי „חסידה" און דאָך — דאָך ווערט „חסידה" אויסגערעכענט אין דער תורה צווישען די עופות טמאים...

אך את זה תאכלו... (יא. כא.)

וואונדערליך! עס איז שוין טויזענדער יאָהרען, זינט די תורה איז געשריבען געוואָרען — און דאָך, אויסער די בהמות און עופות, וואָס זענען אויסגערעכענט אין חומש, האָט נאָך קיינער במשך פון דער צייט נישט בעוויזען אויסצוגעפינען נאָך אַ בהמה, אָדער עוף, וואָס זאָל האָבען אין זיך די אָנגעצייכענטע סימני־טהרה...

(כוזרי החדש)

כל הנוגע בנבלתם... (יא. כד.)

„ת"ח שאין בו דעת נבלה טובה הימנו" (ויקרא רבה)

יואָרום אַ תלמיד־חכם אַ בעל־שכל, אויב ער ווערט אַמאָל נכשל און זינדיגט, איז ער גענוג פאָרזיכטיג צו בעהאַלטען דעם חטא, עס זאָל נישט קומען צו קיין חלול־השם, דאַגעגען אָבער אַ תלמיד־חכם אַ שוטה, אַז ער זינדיגט, ווערט דער חטא גלייך מפורסם אין דער עפענטליכקייט, פונקט ווי אַ נבלה, וואָס איהר שלעכטער ריח לאָזט זיך נישט אויסבעהאַלטען...

(אהל יעקב)

וכל הולך על כפיו... (יא. כז.)

דער רבי ר' בונם פלעגט זאָגען:

די, וואָס זענען מקיים און טהוען די מצוות בלויז מיט די הענד, אויס געוואוינהייט, אַלס „מצות אנשים מלומדה", אָהן קאָפּ, אָהן נשמה, אָהן כוונה און געפיהל, אַזעלכע זענען בבחינת „כל הולך על כפיו"...

וזה לכם הטמא בשרץ השורץ על הארץ... (יא. כט.)

דערויף זאָגט דער בעל־הטורים: „השרץ בגימטריא כשעורה, ששעורו כשעורה". די דאָזיגע ווערטער זענען אונפערשטענדליך. ערשטענס, איז דאָך ביי אכילת שרצים דער דין אין דער גמרא, אַז „שיעור אכילה כמשהו ושיעור טומאה בכעדשה" (חגיגה י"א). צווייטענס, איז די גימטריא נישט קיין ריכטיגע, דען דער מספר פון וואָרט „שרץ" בעטרעפט 595 און „כשעורה" — 601.

עס איז דעריבער העכסט וואַהרשיינליך אַז עס איז דאַ אַריינגעפאַלען אַ טעות־הדפוס און עס דאַרף זיין „ששעורו כשערה״, עס הייסט, ווי אַ האָר, אַ משהו.

(תורה תמימה)

אין שרצים ורמשים איז דער עולם שטאַרק נזהר, קיין איד וועט זיך נישט צו־ריהרען צו עסען חלילה דאָס מינדעסטע ווערעמעל, אָבער אויף צו עסען אַ לעבעדיגען מענש, צו בע׳גזלנ׳ען איהם און צו בעראַבעווען און צו שינדען פון איהם אָהן רחמנות די הויט — דאָס איז פון די גאַנץ לייכטע זאַכען.

און דעריבער האָט דוד המלך געשריען צו די שונאים זיינע: „ואנכי תולעת ולא איש״! וואָס פייניגט איהר מיך, וואָס עסט איהר מיין פלייש, זאָל זיך אייך דוכטען, אַז איך בין אַ ווערעמעל, נישט קיין מענש!...

(קול אומר קרא)

צו רבי חיים בריסקער זענען אַמאָל געקומען עטליכע פּראָסטע אידען מיט אַ שאלה: איינער, וואָס איז ידוע אין בריסק פאַר אַ גנב מאַכט אַ שמחה, אויף וועלכער זיי מוזען געהן, זיי קאָנען איהם נישט אָבזאָגען, ווילען זיי דעריבער וויסען, צי מעג מען ביי אַזאַ איינעם עסען?

האָט רבי חיים זיי געהייסען וואַרטען אַ ווילע און ער האָט געשיקט רופען דעם גנב, מיט וועלכען ער האָט זיך פערמאַכט אין אַ חדר־מיוחד.

— הער זיך איין — זאָגט צו איהם רבי חיים — כ׳וויל ביי דיר עפּעס פרעגען, אָבער דו זאָלסט מיר זאָגען דעם אמת; דו ווייסט דאָך, אַז מיר קאָנסטו זיך אַנטרויען, פאַר מיר דאַרפסטו קיין מורא נישט האָבען.

— פרעגט, רבי — ענטפערט דער גנב — איך שווער אייך, אַז אייך וועל איך זאָגען דעם ריינעם אמת.

— זאָג־זשע מיר — טרעט רבי חיים צו צום ענין — ווי איז, אַז עס קומט־אויס צו געהן גנב׳ענען אום שבת?

— געהט מען — ענטפערט דער גנב געלאַסען.

— ווי איז, אַז מען דאַרף אָנצינדען פייער?

— צינדט מען.

— און אַז מען דאַרף ברעכען אַ שלאָס?

— ברעכט מען.

— און ווי איז — פרעגט רבי חיים ווייטער — אַז עס קומט־אויס צו געהן גנב׳ע־נען ביי א גוי?

— וואָס איז אַ גוי? — שמייכעלט דער גנב — גוי׳איש געלד איז קיין געלד נישט?

— און ווי איז, אַז איהר געפינט ביים גוי אַ זייטעל טריפה פלייש, אָדער אַ שטיק חזיר?

— וואָס זאָל זיין? נעהמט מען עס צו.

— וואָס טהוט איהר דערמיט?

— מען פערקויפט עס אַ גוי.

— פאַרוואָס עסט איהר עס אַליין נישט אויף?

— ס׳הייסט? — חידוש׳ט זיך דער גנב — עסען טריפות? חזיר?

— נו, און גנב׳ענען ביי יענעם מעג מען יאָ? אָנצינדען פייער און ברעכען שלע־סער אום שבת איז יאָ רעכט? איז דען טריפות עסען אַ גרעסערע עבירה?

— זאָלט איהר געזונד זיין, רבי — בעליידיגט זיך דער גנב — איהר זאָלט דאָס זאָגען? וואָס פאַר אַ פערגלייך?... גנב'ענען איז אונזער פּרנסה, און אַז עס קומט־אויס שבת, וואָס זאָל מען טהון? אָבער עסען טריפות? זאָל דער אויבערשטער אויסהיטען! זענען מיר דען, חלילה, קיין אידען נישט?...

— שוין — געזעגענט איהם רבי חיים — קאָנסט געהן.

און דאַן האָט ער אַריינגערופען די אידען, וועלכע האָבען געוואַרט אויף אַ תשובה, און זיי געענטפערט:

— אויף מיין אחריות... אויב די סעודה איז נאָר נישט געפּראַוועט פאַר גע׳גנב׳עט געלד, מעג מען ביי איהם עסען...

וכל כלי חרש וכו׳ כל אשר בתוכו יטמא... (יא. לג.)

„אין כלי חרס מיטמא אל מתוכו" (רש"י)

און דעריבער ווערט אויך דער מענש געגליכען צו אַ כלי־חרס — „הוי, רב את יוצרו חרש את חרשי אדמה" (ישעי׳ מה. ט.) אויך דער מענש ווערט טמא נישט דורך זיין חיצוניות, נאָר דורך זיין פּנימיות...

אשר יפול מהם אל תוכו כל אשר בתוכו יטמא... (יא. לג.)

די אויסערליכקייט, דאָס חיצוניות האָט ביי אידען אַ קנאַפּע בעדייטונג. דער עיקר איז דער תוך, דער פּנים, די מחשבה. בעת אַ איד טהוט אַ מצוה און ער האָט דערביי אַ מחשבה פּסולה, האָט דאַן די גאַנצע מצוה קיין ווערט נישט. „אשר יפול מהם אל תוכו", אויב עס פאַלט אַריין עפּיס אומריינעס אין „תוך" אַריין, דאַן — „כל אשר בתוכו יטמא", מאַכט עס אַלץ קאַליע...

(האר"י)

צום אַלעקסאַנדער רבי'ן רבי העניך, איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ חסיד, וועלכער האָט זיך פּערטרויט פאַר איהם וועגען זיין שווערען מצב און ער האָט זיך דערביי שטאַרק פונאַנדערגעוויינט.

— עי, דאָס איז נישט קיין דרך — מאַכט צו איהם דער רבי — ביי אונז אין חדר איז געווען אַ יונגעל, וואָס יעדעס מאָל, בשעת דער מלמד האָט איהם עפּיס געפרעגט, האָט ער אָנגעהויבען וויינען. פלעגט דער מלמד אונזערער שטענדיג זאָגען צו איהם: קינד מיינס, אַז מען קוקט אַריין „אינעווייניג" וויינט מען נישט...

כל אשר בתוכו יטמא ואותו תשברו... (יא. לג.)

„למד שאין לו טהרה במקוה" (רש"י)

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — ווערט אַ כלי חרס טמא נור מתוכו און עס העלפט נישט קיין טהרה במקוה און אין לו תקנה אלא שבירה, דאַ־געגען אַ כלי מתכת ווערט טמא מגבו און יש לו טהרה במקוה, ווייל אַ כלי חרס ווערט געמאַכט פון ערד, וואָס האָט פריהער קיין שום ווערט נישט געהאַט און איהר גאַנץ ביסעל חשיבות הויבט זיך אָן דאַמאָלס, ווען זי איז געוואָרען אַ כלי און בעקומען אַ תוך,

ווערט זי דערפאַר טמא נאָר מתוכו, דען אַהן דעם תוך איז זי גאָרנישט, און דעריבער איז אין לו טהרה במקוה, ווייל קוים האָט זי דעם תוך פערלוירען און אויס כלי געוואָרען, האָט זי מעהר קיין שום חשיבות און בעדייטונג נישט.

אַ כלי מתכת אָבער, האָט אויך פריהער, אידער עס ווערט דערפון אַ כלי און אויך אָהן דעם תוך, אַ געוויסען ווערט, און דעריבער איז עס מטמא מגבו, ווייל אויך דער גב איהרער האָט אַ חשיבות און דעריבער יש לו טהרה במקוה.

און דאָס זעלבע — האָט דער קאָצקער אויסגעפיהרט — איז מיט'ן מענש. „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר", אויך ביים מענש, פונקט ווי ביי אַ כלי חרס, איז דער עיקר, דאָס גאַנצע חשיבות, נור דער תוך, און דעריבער איז ער מטמא נור מתוכו, און אויב דער תוך ווערט, חלילה, טמא, העלפט נישט קיין טהרה במקוה און „אין לו תקנה אלא שבירה" — שבירת הלב, לב נשבר ונדכה...

כל הולך על גחון... (יא. מב.)

„חצי התורה באותיות" (מסורה)

דער גחון, דער בויך! — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — איהם דאַרף מען דער עיקר היטען אין מיטען דער תורה... נישט אַרומצוגעהן מיט קיין פולען בויך, אָנגעפּאַקט מיט לומד'ישע גיאות...

וכל הולך על ארבע עד כל מרבה רגלים... (יא. מב.)

„זה נדל, שרץ שיש לו רגלים מראשו ועד זנבו לכאן ולכאן" (רש"י)

און אין חולין דף ס"ז זאָגט רש"י: „נדל שיש לו מאה רגלים".

לעווינזאָהן אין זיין „די זאָאָלאָגיע דעס תלמודס" בעמערקט דערויף, אַז עס איז אַ לשון גוזמא, דען פאַקטיש בעזיצט אַ נדל אַ זכר צוויי און דרייסיג פיס און אַ נקבה — פיער און דרייסיג.

והתקדשתם והייתם קדושים... (יא. מד.)

„הבא לטהר — זאָגען די חז"ל — מסייעין אותו, הבא לטמא פותחין לו" (שבת ק"ד).

און דעריבער איז ביי „והתקדשתם" שטעהט „והייתם קדושים", אויב דער מענש בעמיהט זיך צו קומען לידי קדושה, איז מען איהם מבטיח, אַז ער וועט עס דערגרייכען, מען וועט איהם מן השמים צוהעלפען דערצו, דאַגעגען ביי אַ הבא לטמא שטעהט אין פריהערדיגען פסוק: „ולא תטמאו בהם ונטמאתם בם", עס שטעהט נישט: „והייתם טמאים", מען העלפט איהם, חלילה, נישט צו, די טהיר שטעהט פאַר איהם אָפען און ער קאָן צו יעדע מינוט זיך אומקעהרען צוריק...

(כלי יקר)

והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני... (יא. מד.)

בשעת — פלעגט זאָגען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — מען האָט אַ טאַטען אַנ'עושר, פערגרינגערט עס דעם זוהן דעם עול־הפרנסה און ער דאַרף זיך נישט אַזוי

שטאַרק אַנשטרענגען, דען ער האָט זיך אין זיינע עסקים אויף וועמען אַנצושפּאַרן... והתקדשתם, איהר דאַרפט נאָר אַנהויבען עוסק זיין אין קדושה, והייתם קדושים, וואָרום — כי קדוש אני, וממילא וועט עס אייך לייכטער אָנקומען...

זאת תורת הבהמה... (יא. מו.)

„עם הארץ אסור לאכול בשר (בהמה) שנאמר זאת תורת הבהמה והעוף, כל העוסק בתורה אסור לאכול בשר בהמה ועוף" (פסחים מ"ט).

און אַלע מפרשים וואונדערען זיך: היתכן? פאַרוואָס קומט עס דעם עם־הארץ אַזאַ שווערע שטראָף, אַז ער זאָל נישט טאָרען עסען קיין פלייש? און פאַרוואָס עפּיס נאָר פלייש? און עס ווערען געגעבען דערויף פערשידענע פלפול'דיגע תירוצים.

גאַנץ איינפאַך אָבער ווערט עס ערקלערט אין „ילקוט יהודה". עס איז פּשוט דער־פאַר, ווייל דאָס פלייש עסען איז פערבינדען מיט זעהר פיעל קאָמפּליצירטע דינים: שחיטה, בדיקה, ניקור, מליחה, בישול וכו' און דעריבער דאַרף אַן עם־הארץ, וועלכער איז נישט עוסק בתורה און איז נישט קלאָר אין די אַלע דינים, זיך אָבהאַלטען פון צו עסען פלייש...

להבדיל בין הטמא ובין הטהור... (יא. מז.)

„בין נשחט חציו של קנה לנשחט רובו" (רש"י)

פון „חציו" ביז „רובו" איז אַן אונטערשיעד אין אַ משהו... אין אַ קלייניגקייט בלויז איז עס געווענדעט: איין שפּרונג איז פון טהרה ביז טומאה און — פון גן־עדן ביז'ן גיהנום...

(רבי ר' בונם)

איינער פון די טעמים, וואָס די תורה האָט געגעבען אויף שחיטה, איז — „להבדיל בין הטמא והטהור"; אָבער אַנשטאָט צו מאַכען אַ הבדל צווישען די בהמות, איז דער ענין שחיטה, ליידער, געוואָרען אַן אָפּטער „סלע־המחלוקת", וואָס ברענגט אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך צו הבדל און פירוד און שנאה צווישען אידען זעלבסט!...

(דרשות אל עמי)

צום רבי יהושע'לע קוטנער זענען אַמאָל געקומען עטליכע גערער חסידים פון אַ דערבייאיג שטעדטעל מיט אַן אָנקלאַגע אויף זייער שוחט, אויף וועלכען זיי האָבען אויסגערעדט כל דבר אסור און האָבען פערלאַנגט, אַז רבי יהושע'לע זאָל אַסר'ן זיין שחיטה. דער קוטנער רב האָט גענומען חוקר־ודורש זיין און איז דערגאַנגען, אַז די איינ־ציגע סיבה פון זייער התנגדות צום שוחט איז בלויז דאָס, וואָס ער געהערט נישט צו זייער חברותא און ער פאַהרט צו אַן אַנדער רבי'ן...

איצט — רופט זיך אָן צו זיי דער קוטנער רב — איז מיר שוין פערשטענדליך, פאַרוואָס דער רבונו־של־עולם האָט צוגעגרייט פאַר די צדיקים לעתיד־לבוא אַ שור־הבר מיט אַ לויתן. אין פלוג: וואָס דאַרף מעןביידע זאַכען? וואָלט דען נישט גענוג געווען, לאָמיר זאָגען, אַ שור־הבר אַליין? — נאָר דער תירוץ איז: דער רבונו־של־עולם האָט מורא, טאָמער וועלען, למשל, די גערער חסידים נישט וועלען עסען פון זיין שחיטה,

ווייל ער איז נישט קיין גערער חסיד, האָט ער דעריבער צוגעגרייט אויך אַ לויתן — זאָלען זיי כאַטש עסען אַ שטיקעל פיש...

רבי אליהו גוטמאַכער, וועלכער איז געווען רב אין גריידיץ (אַ שטעדטעל אין פרייסען), איז, כידוע, געווען מפורסם אַלס אַ גרויסער צדיק און בעל־מקובל. ער האָט געפיהרט אַ שטאָט פון אַ גוטען איד, „געפראַוועט טיש", געטיילט שיריים און גענומען קוויטלעך.

איינמאָל איז אַ חסיד׳ישער איד פון פוילען געקומען קיין גריידיץ וועגען געשעפט, איז ער אַריין צום רב, ר׳ אליהו גוטמאַכער, דערזעהט ער פאַר זיך אַ רבי׳ן מיט אַנ׳עולם חסידים אַרום טיש, גאַר ווי אין פוילען. איז עס איהם געווען אַ גרויסער חידוש: אַ רבי אין פרייסען? — זעצט ער זיך ביים טיש, הערט תורה, כאַפּט שיריים, זינגט זמירות און קאָן זיך אַלץ נישט אָב׳חידוש׳ן, אַז דאָס זאָל געמאָלט זיין אין פרייסען...

אַז דער איד איז געקומען אַהיים, קיין פוילען, איז ער געפאָהרען צו זיין רבי׳ן, דערצעהלט ער דעם רבי׳ן, אַז זייענדיק אין פרייסען, האָט ער דאָרט געטראָפען אַ גוטען איד.

— אַ גוטער איד אין פרייסען? — חידוש׳ט זיך דער רבי.

— יאָ, רבי — ענטפערט דער חסיד — אַ גוטער איד, אַ צדיק, אַ רבי.

— אַנ׳אמת׳ער רבי מיט באָרד־און־פיאות? — חידוש׳ט זיך ווייטער דער רבי.

— יאָ, אַ לאַנגע באָרד, מיט פיאות, מיט אַ שטריימעל.

— אַ שטריימעל? אין פרייסען?

— יאָ, אין פרייסען.

— און וואָס איז מיט יראת־שמים? דאַווענט אַלע טאָג?

— שייך דאַווענען? מיט הכנות, מיט מקוה, ביז האַלבען טאָג.

— און ווי דאַווענט ער? נוסח אַשכנז?

— חלילה! נוסח־ספרד, על־פי האר״י.

— און מ׳פאָהרט צו איהם?

— אַ שאלה! אַנ׳עדה אידען, אָהן עין־הרע. אין אַ פשוט׳ען שבת זיצען אַ פאָר מנינים ביים טיש.

— אַ פאָר מנינים? און ער פּראַוועט?

— אַודאי. פיהרט אַ טיש שעה׳ן־לאַנג.

— מיט זמירות?

— מחיה׳דיגע ניגונים, מיט אַ מין התלהבות, מיט דבקות.

— און זאָגט תורה?

— שייך תורה? זוהר, קבלה, סוד!...

— זוהר, סוד? אין פרייסען? — קאָן זיך דער רבי נישט אָב׳חידוש׳ן.

— יאָ, אין פרייסען... — ענטפערט דער חסיד.

— און טיילט שיריים?

— יאָ... יאָ.

— און דו האָסט אויך געכאַפּט?

— יאָ, אָבער... נאָר פיש...

— וואָס עפּיס נאָר פיש? — פרעגט דער רבי.

— פליישׁ... — שטאַמעלט דער חסיד: — עפּיס האָב איך נישט געקאָנט פועל׳ן ביי זיך... כ׳ווייס... פאָרט פרייסען!...

תַזְרִיעַ

די פריהערדיגע פרשה ענדיגט זיך מיט׳ן פסוק „להבדיל בין הטמא ובין הטהור״, און דערויף קומט אַלס המשך: „אשה כי תזריע וילדה זכר וכו׳ וביום השמיני ימול בשר ערלתו״. אָט דאָס, די מצות מילה, דאַרף דיענען אַלס הבדל „בין הטמא ובין הטהור״, בין ישראל לעמים!...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

אשה כי תזריע וילדה זכר... (יב. ב.)

ווי אַנ׳איינגעוויקעלטער פנקס, ליעגט דאָס קינד אין דער מוטער׳ס בויך:ביידע הענטלעך פערלעגט אויף ביידע שלייפען, ביידע אָרעמס — אויף ביידע קניען, ביידע פיסלעך צונויפגעפרעסט אויף הינטען, דאָס קעפעל אַראָבגעבויגען צווישען דער שויס, דאָס מיילכעל פערשלאָסען, דער נאָפעל אָפען, ערנעהרענדיג זיך דערפון, פון וואָס די מוטער עסט און די מוטער טרינקט... און אַז עס קומט די צייט אַרויסצוגעהען אויף דער וועלט, הויבט דאָס קינד אָן וויינען, און דער מלאך מוז עס מיט געוואַלד אַרויס־טרייבען פון דאַרט, בעפעהלענדיג שטרענג: „על כרחך אתה חי!״...

(נדה ל.)

דאָס קינד וויינט אויף דער אַלטער וועלט וואָס עס איז געצוואונגען צו פערלאָזען, און אויף דער נייער וועלט, אין וועלכער עס שטעהט־פאַר דעם געבוירענעם מענש דורכצומאַכען זיבען עולמות, זיבען תקופות... די ערשטע תקופה, אינ׳ם ערשטען יאָהר, איז ער ממש אַ מלך: אַלע לויפען איהם זעהן, אַלע ווילען איהם אָנקוקען, און מען האַלזט איהם, און מען קושט איהם... די צווייטע תקופה, אינ׳ם צווייטען יאָהר, איז ער שוין געגליכען צו אַנ׳אומריין בעשעפעניש, וואָס וואַלגערט זיך אין שמוץ... נאָך די צוויי יאָהר הויבט זיך אָן פאַר איהם די דריטע תקופה, ווען ער ווערט עהנליך צו אַ יונגער, שפּרינגענדיגער ציעג; טאַטע־מאַמע קוועלען פון איהם, און ער טאַנצט און לאַכט און פרעהט זיך, און אַלע פרעהען זיך מיט איהם... שפּעטער, אונטערוואַק־סענדיג, קומט פאַר איהם די פיערטע, די בחור׳שע תקופה; ער איז דאַן עהנליך צו אַ געזונד, קרעפטיג פערדעל, וואָס לויפט האָפערדיג איבער די גאַסען און האָט הנאה פון זיינע יונגע בחור׳שע כוחות. אַזוי ביז אַכצעהן יאָהר... פון דאַן אָן געהט ער אַריבער אין אַ פינפטער תקופה, וועלכע ציהט זיך ביז פיערציג יאָהר. אין דידאָזיגע יאָהרען איז ער געגליכען צו אַ שווער־פערהאָרעוועט איזעל: ער האָט חתונה, האָט קינדער, וועלכע ער דאַרף מפרנס זיין, און ער לויפט אַרום און זוכט שפּייז פאַר זיי — און די משא אויף זיינע פּלייצעס וואַקסט און ווערט וואָס אַמאָל שווערער... און דאַן געהט ער אַריין אין דער זעקסטער תקופה, ווען ער ווערט צוליב׳ן עול־הפרנסה פערוואַנדעלט ממש אין אַ הונד, אין אַ חוצפה׳דיגען הונד, וואָס שמעקט און נישטערט און איז גרייט

אויף אַלעם, נעהמט ביי דעם און כאַפּט ביי יענעם, אַראָבוואַרפענדיג פון זיך יעדע בושה... ביז ער ווערט אַלט, ביז עס קומט די זיבעטע, די לעצטע תקופה, די תקופה פון זקנה; זיין פנים און געשטאַלט ווערט געענדערט און עהנליך צו אַ מאַלפּע. עטליכע מאָל פרעגט ער איבער אַ וואָרט, ער עסט ווי אַ יונגעל, לאַכט ווי אַ קינד, און דער שכל ווערט ביי איהם אַ קינדערשער... און זאָגאַר זיינע אייגענע קינדער און שטוב־מענשען מאַכען פון איהם חוזק און זידלען איהם און האָבען איהם פיינט — און אַז ער וויל עפּעס זאָגען, לאָזט מען איהם דאָס מויל נישט עפענען... אַפילו קינדער שפּעטען פון איהם, און דאָס קול פון מינדעסטען פייגעלע וועקט איהם אויף פון שלאָף...

און ווען דער זמן פון זיין לעבען איז געענדיגט, בעוויזט זיך צו איהם דער מלאך, דערזעלבער מלאך, וועלכער האָט איהם פון דער מאַמעס בויך אַרויסגעטריבען, און ער דערמאָהנט איהם, אַז עס איז שוין געקומען די צייט אָוועקצוגעהן פון דער וועלט... ער הויבט דאַן אָן וויינען, און זיין געוויין טראָגט זיך מסוף העולם ועד סופו, הגם קיינער פון די לעבעדיגע מענשען הערט דאָס נישט... אָבער שטרענג איז דעם מלאך'ס בע־פעהל: קום מיט מיר!... שטרענג איז דער אורטייל: „על כרחך אתה מת"!...

(לויט'ן תנחומא)

בשעת עס קומט די צייט, ווען דער מענש דאַרף זיך שיידען פון דער וועלט, בע־וויזען זיך פאַר איהם דריי שלוחים, און ער זעהט דאַן אַזעלכעס, וואָס קיין שום בן־אָדם איז ביים לעבען נישט אימשטאַנד צו זעהן. דאָס איז דער טאָג, ווען דער מלך פון דער וועלט פערלאַנגט צוריק זיין פקדון... נישטאָ קיין גרעסערער צער, ווי דער צער, ווען די נשמה דאַרף זיך אָבטיילען פונ'ם קערפּער. אָבער דער מענש שטאַרבט נישט פריהער, ביז ער זעהט נישט די שכינה — און דאַן, מיט'ן כוח פון דער גרויסער גלוסטונג און השתוקקות, וואָס עס דערוועקט זיך אין דער נשמה, דערזעהענדיג די שכינה, רייסט זי זיך אָב פונ'ם גוף...

(זהר)

אשה כי תזריע וכו' וטמאה שבעת ימים... (יב. ב.)

„שבשעה שכורעת לילד קופצת ונשבעת שלא תיזקק לבעלה, לפיכך אמרה תורה תביא קרבן" (נדה ל"א)

און דאָס איז דער פשט פון פסוק: „כמו הרה תקריב ללדת, תחיל תזעק בחבליה, כן היינו מפניך ד'" (ישעי' כו. יז.) פונקט ווי די יולדת, ווי נאָר די יסורים טרעטען אָב פון איהר האָט זי חרטה אויף דער שבועה, וואָס זי האָט געגעבען, אַזוי זענען אויך די בני ישראל: בשעת צער און יסורים, נעהמען זיי אויף זיך צו זיין מהיום־והלאה גוט און פרום, נישט צוצוריהרען זיך מעהר צו קיין זינד, אָבער ווי נור דער מצב פערבע־סערט זיך אַ ביסעל, אַזוי האָבען זיי גלייך חרטה און פערגעסען אין זייער צוזאָג...

פאַרוואָס האָט די תורה געזאָגט, אַז צו אַ זכר זאָל זי זיין טמא זיבען טעג, און צו אַ נקבה — פיערצעהן טעג?... ווייל בעת'ן געבוירען דאָס קינד שווערט די אשה, אַז זי זאָל מעהר נישט לעבען מיט'ן מאַן; איז אַז עס ווערט געבוירען אַ זכר, מיט וועל־כען אַלע פרעהען זיך, האָט זי חרטה אויף דער שבועה צו זיבען טעג; אויב אָבער אַ נקבה, פון וועלכער אַלע זענען טרויעריג — קומט די חרטה ערשט נאָך פיערצעהן טעג.

(נדה ל"א)

געוועהנליך טייטשט מען, אז די שמחה און דער טרויער איז, ווייל א זכר איז חשוב'ער, און א נקבה — מינדערוועריגער. גאנץ אנדערש אבער טייטשט דער מהרש"א, נעמליך: דער טרויער בעת עס ווערט געבוירען א נקבה איז, ווייל אויך זי וועט אמאל דארפען אויסשטעהן דעם צער־הריון און די יסורים פון חבלי־לידה...

וביום השמיני ימול בשר ערלתו... (יב. ג.)

דערויף ווערט געזאגט אין מדרש רבה: „הדא הוא דכתיב, תן חלק לשבעה וגם לשמונה כי לא תדע מה רעה תהיה על הארץ".

וואס פאר א שייכות האט עס און נאכוואס ווערט דא צוגעגעבען דער המשך פון פסוק „כי לא תדע מה רעה תהיה על הארץ".

נאר די מפרשים ערקלערען, אז דעריבער איז מילה דוחה שבת און מען לעגט עס נישט אב אויף א טאג שפעטער (הגם עס וועט זיין שלא בזמנה), ווייל מען דארף זיך צואיילען מיט דער מצוה, טאמער טרעפט זיך בינתים אנ'אומגליק און דאס קינד ר"ל שטארבט...

און דאס, אלזא, איז די כוונה פון מדרש: „תן חלק לשבעה וגם לשמונה"; דעריבער דארף מען דאס קינד מל זיין אין אכטען טאג, ווען אפילו ער געפאלט אום שבת, ווייל — „כי לא תדע מה רעה תהיה על הארץ"...

(כתב סופר)

דעריבער ווערט די שטוהל, אויף וועלכען מען האלט דאס קינד ביי'ם מל זיין, אנגערופען „כסא של אליהו" און נישט „כסא של אברהם", ווייל אליהו איז געווען דער ערשטער קנאי, וועלכער האט זיך מוסר־נפש געווען פאר'ן דת, און אויך דאס קינד, וואס ווערט גע'מל'ט, וועט האבען אויסצושטעהען א סך שווערע נסיונות און א סך מסירת־נפש צוליעב זיין אידישקייט...

(שיח יצחק)

„ולמה התינוק נמול לשמונה כדי שיתחזקו כוחותיו" (מדרש רבה תצא)

די צאהל פון זיעבען טעג ווערט אין פערשידענע ערטער אין דער תורה פעסט־געשטעלט אלס טערמין פון רייפקייט און ענטוויקלונג. פאר די ענדע פון זיעבען טעג טאר מען דאס קינד נישט מל זיין. זיעבען טעג מוז מען אויך פריהער אבווארטען מיט'ן קרבן פון א יונגע בהמה: „יהיה שבעת ימים תחת אמו ומיום השמיני והלאה ירצה לקרבן". זיעבען טעג איז דער טערמין פון א נדה און זבה, ביז זי זאל זיך אומקעהרען צו איהר נארמאלען געזונד־צושטאנד.

זיעבען טעג דויערט דער שטופענווייזער מולד פון דער לבנה, ערשט אויפ'ן סוף פון זיעבעטען טאג בעוויזט זי זיך אין איהר פולער רייפקייט.

בכלל פערנעהמט אין אלע ענינים די צאהל זיעבען א זעהר חשוב ארט: די וואך בעשטעהט פון זיעבען טעג, די שמיטה — פון זיעבען יאהר, דער יובל — פון זיעבען שמיטות, דער הימעל האט זיעבען רקיעים, די מנורה האט געהאט זיעבען קנים, וכדומה, וכדומה. „ויזורר הנער עד שבע פעמים" (מלכים ב' ד. לה.), „וירד ויטבול בירדן שבע פעמים" (דארט ה. יד.).

זיעבען טעג איז דער טערמין סיי פאר שמחה, סיי פאר טרויער. אויף זיעבען טעג

זענען בעשטימט געווארען די ימי החג פון פסח און סוכות. זיעבען טעג, שבעת ימי המשתה, דויערט די שמחת־הנשואין, און זיעבען טעג — די ימי אבילות...

(תוספות ברכה)

פאַרוואָס איז ביז צום מל זיין דאָס קינד, כדי צו זיין זיכער, אַז עס איז בחזקת בריא, גענוג אַ טערמין בלויז פון זיעבען טעג, דאַגעגען אויף דורכצופיהרען דעם פדיון־הבן מוז מען אָבוואַרטען גאַנצע דרייסיג טעג?

ווייל עפ״י רוב, אויב דאָס געבוירענע קינד לעבט דורך זיעבען טעג, איז אַ סימן, אַז עס איז אַ בר־קיימא און נישט קיין נפל, בלויז אַ קליינע מינדערהייט איז פאַרהאַן, ביי וועלכע דאָס לאָזט זיך פריהער פאַר דרייסיג טעג נישט פעסטשטעלן. ביים מקיים זיין, אַלזאָ, די מצות מילה, שטיצט מען זיך, ווי ביי אַלע דינים פון דער תורה, אויפ׳ן כלל פון „אזלינן בתר רובא״ און דער רוב קינדער זענען דאָך נאָך זיעבען טעג בחזקת קיימים. ביי פדיון־הבן דאַגעגען האַנדעלט זיך שוין וועגען געלד, וועגען געבען דעם כהן פינף סלעים, און דאָ מוז מען זיך דעריבער שוין רעכענען אויך מיט׳ן מיעוט, דען — „אין הולכין בממון אחר הרוב״.

(הרב ברוך עפשטיין)

אין שולחן ערוך יורה דעה (סימן רס״ח סעיף י״ב) ווערט געזאָגט: „נוהגים לעשות סעודה ביום המילה״, און די פערשיעדענע פוסקים, ווי אויך דער ווילנער גאון אין די „ביאורי הגר״א״, בעמיהען זיך צו געפינען דעם מקור צום דאָזיגען מנהג.

אַ חידוש! עס איז דאָך אַ בפירוש׳ע גמרא: „מפני מה אמרה תורה מילה בשמיני, כדי שלא יהיו כולם שמחים ואביו ואמו עצובים״ (נדה ל״א) און דערויף זאָגט דאָרט רש״י: „דכולם שמחים בסעודה״, זעהט מען דאָך, אַלזאָ, אַז דאָס איז נישט־נאָר אַ מנהג, נאָר — „מפני מה אמרה תורה״ אַ דייטליכער חיוב מן התורה?...

(תוספת ברכה)

„בשעה שנכנס דוד לבית המרחץ וראה עצמו עומד ערום, אמר אוי לי שאעמוד ערום בלא מצוה, וכיון שנזכר במילה שבבשרו נתיישבה דעתו״ (מנחות מ״ג)

בעת — זאָגט דערויף דער חתם סופר — דוד האָט גענומען מפשפש במעשים זיין און קאָנטראָלירען די אַלע מצוות, וואָס ער האָט געטהון, האָט ער אויסגעשריען: „אוי לי שאעמוד ערום בלא מצוה״, מחמת ס׳איז נישטאָ קיין איין מצוה, ביי וועלכער עס זאָל זיך דערביי נישט פערגנב׳נען אַ וועלכע עס איז פניה און מחשבה זרה, דען עס איז זיך אונמעגליך דערפון צו פערהיטען, ערשט די מצוה פון מילה האָט איהם בע־רוהיגט. דאָס איז די איינציגע מצוה, וואָס דער מענש טהוט אָהן דער מינדסטער פניה, אָהן אַ שום אונריינעם געדאַנק...

אויף אַ ברית־מילה ווערט געזאָגט: „כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה, לחופה ולמעשים טובים״. פאַרוואָס ווערט דאָס אויסגערופען גראָד פאַר׳ן מקיים זיין די דאָזיגע מצוה?

ווייל בנוגע אַלע אַנדערע מצוות קאָן מען וועגען קיין מענש נישט זיכער זיין, אַז ער וועט זיי בלייבען טריי אויף זיין גאַנץ לעבען, דען „אל תאמין בעצמך עד יום מותך״ זאָגען אונז די חז״ל. יאָהרען־לאַנג קאָן אַ איד זיין אַ שומר תורה ומצוות און מיט איינ־מאָל זאָל ער, חלילה, דעם גאַנצען עול אַראָבוואַרפען פון זיך... בלויז איין מצוה איז פאַרהאַן, מיט וועלכע מען איז זיכער מיט יעדען איד, אַז ער וועט זי שוין קיינמאָל אין

לעבען נישט מבטל זיין — מצות מילה. צי ער וויל, צי ער וויל נישט, איז איהם שוין אונמעגליך צו שיידען זיך מיט איהר, זי בלייבט שוין ביי איהם אויף אייביג... ווינשען מיר דעריבער דעם רך־הנימול: „כשם שנכנס לברית", פונקט אַזוי ווי מיר זענען וועגען איהם זיכער מיט דער דאָזיגער מצוה, אַז ער וועט זי מעהר נישט מבטל זיין, „כן יכנס לתורה לחופה ולמעשים טובים", אַזוי זאָלען אויך די איבעריגע מצוות ומעשים טובים, וועלכע ער דאַרף מקיים זיין, בלייבען ביי איהם אויף שטענדיג...

(אמרי בנימין)

ברית־מילה איז אונזער נאַציאָנאַלער צייכען, דורך וועלכען מיר ווערען אָבגעשיידט און אָבגעזונדערט פון אַלע אַנדערע פעלקער, אָבער נאַציאָנאַליזם אַליין איז ווייניג, מיט בלויז נאַציאָנאַליזם, אָהן תורה, קענען מיר נישט עקזיסטירען, און מיר מאַכען דעריבער אויפמערקזאַם דעם רך־הנמול, אַז דאָס איז נאָך נישט גענוג, נאָר אַז „כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה".

הגם דער פאָטער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס אידישקייט וועט דעם זוהן, דעם רך־הנימול, זעהר טייער קאָסטען און איהם פערשטעלען דעם וועג צו פערשיעדענע פרנסות, צו וועלכע ער וועט אַלס איד נישט ווערען צוגעלאָזען, „כן יכנס לתורה", אַזוי זאָל ער אויך שפּעטער עוסק זיין בתורה, אַבוואָהל אויך דערפון קאָן מען קיין מאַטעריעלען תכלית נישט ערוואַרטען, און דאָס זעלבע אויך „לחופה", זאָל ער זיך דאַן נישט רעכענען מיט דער מאַטעריעלער זייט און נישט זיין קיין „נושא אשה לשם ממון"...

(זכרון מנחם)

דער בעקאַנטער גאון רבי בצלאל, דער ווילנער מורה־הוראה, האָט שוין אַלס קינד גע'שמ'ט מיט זיין אויסערגעוועהנליכער חריפות ובקיאות און עס האָט זיך אָנגעהויבען אויף איהם אַזאַ געיעג פון שדכנים, אַז שוין צו צוועלף יאָהר האָט דער פאָטער מיט איהם תנאים געשריבען. איצט — האָט בעת די תנאים איינער פון די אָנוועזענדע לומדים זיך אויסגעדריקט — איז מיר פערענטפערט, וואָס אויף יעדען ברית ווינשט מען דעם אבי־הבן, אַז ער זאָל איהם מגדל זיין „לתורה, לחופה ולמעשים טובים". אין פלוג וואָלט דאָך דער נוסח געדאַרפט זיין „למעשים טובים ולחופה", דען למעשים טובים ווערט דאָך דער זוהן מחויב שוין צו דרייצעהן יאָהר, צו „בר־מצוה", און לחופה — ערשט צו אַכצעהן יאָהר? נאָר די ברכה איז, אַז דאָס קינד זאָל זיין אַזוי געראָטען און עס זאָלען זיין אַזוי פיעל בעלנים זיך מיט איהם משדך צו זיין, אַז מורא האָבענדיג עס זאָל איהם קיין אַנדערער נישט אויסכאַפּען, זאָלען זיי איהם פיהרען „לחופה" נאָך איידער ער וועט דערגרייכען צו די יאָהרען פון „מעשים טובים"...

ר' יצחק בער לעווינזאָהן ציטירט אַן אַלט ענגליש געשיכטע־בוך, אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט, אַז דער בעקאַנטער ערשטער געלעהרטער־אַנטיסעמיט אַפּיאָן, וועלכער האָט אין זיינע אָנפאַלען אויף דער אידישער תורה אַממעהרסטען מרעיש־עולם געווען געגען דער „באַרבאַרישער" מצות־מילה, איז אויף דער עלטער קראַנק געוואָרען אויף אַ מיאוסע קרענק, און לויט דער פעראָרדענונג פון די דאָקטוירים, וועלכע האָבען קיין אַנדער מיטעל נישט געפונען, האָט ער זיך געמוזט לאָזען... מל זיין.

(בקורי ריב"ל)

„כי עליך הורגנו כל היום — זו מילה" (מדרש)

דער „איזערנער קאַנצלער", ביסמאַרק — דערצעהלט די וועלט — האָט אַמאָל אין אַ געשפרעך מיט'ן דאַמאָלס בעריהמטען און איינפלוסרייכען עדואַרד לאַסקער זיך אויס־געדריקט, אַז ער וואָלט געוועז העכסט צופרידען צו זעהן לאַסקער'ן אַלס מיטגליד אין זיין מיניסטאַרען־קאַבינעט. דערויף האָט איהם עדואַרד לאַסקער געענטפערט: עקסעלענץ! ווען איך אַכט טאָגע אַלט וואַר, האָט מען מיר דעם וועג צור מיניסטער־שטעלע אויף עוויג „אָבגעשניטען"...

„למנצח על השמינית, זו מילה שניתנה בח'" (מנחות מ"ג)

לויט'ן דאַזיגען דרש וואָלט דאָך אייגענטליך געדאַרפט שטעהן „על שמיני", נישט „השמינית", לשון נקבה?

דער זעלבער דרש ווערט אויך געבראַכט אין תוספתא ברכות פרק ו' און אין ספרי און דאָרט פעהלט טאַקי דער אויספיהר „שניתנה בח'", און דער פשט איז, אַז מילה איז די „מצוה השמינית", די אַכטע מצוה וועלכע איז געגעבען געוואָרען נאָך די שבע מצוות בני נח...

(תולדות אדם)

ובמלאת ימי טהרה לבן או לבת... (יב. ו.)

דער לובלינער רב, רבי מאיר שפּירא, איז אַמאָל געקומען צו אַ גביר נאָך אַ נדבה פאַר דער לובלינער ישיבה. דער גביר האָט איהם אַפילו נישט געבעטען זיצען און מיט אַ רוגזה'דיגע מינע געפּרובט איהם אָבפּטר'ן תיכף אין פאָדערצימער, על רגל אחת, מיט אַ קליינע נדבה, וועלכע דער לובלינער רב האָט איהם מיט פעראַכטונג צו־ריקגעוואָרפען.

— איך בין נישט — מאַכט ער צו איהם — קיין יולדת און קיין צוויי כפרות דאַרף איך נישט...

— וואָס הייסט — קוועטשט דער גביר מיט די פּלייצעס — וואָס מיינט איהר דערמיט?

— גאָר פּשוט — ענטפערט ער איהם — בשעת איך קום אַריין צו אַ גביר, פון וועל־כען געלד איז מיר שווער מוציא צו זיין, נאָר דערפאַר איז ער מיך מכבד און נעהמט מיך שען אויף, טראַכט איך מיר: מילא, אַ כפרה דאָס געלד פאַר'ן כבוד, אַבי ער האָלט כאָטש פון כבוד התורה. דאַגעגען ווידער, בשעת איך טרעף אָן אויף אַ גביר, וועלכער איז מיך נישט מכבד, נאָר דערפאַר גיט ער מיר אַ שענע נדבה, זאָג איך צו זיך: אַ כפרה דער כבוד פאַר'ן געלד. ביי אייך אָבער האָב איך ביידע כפרות צוזאַמען און דאָס איז גוט פאַר אַ יולדת, וועלכע דאַרף לויט'ן דין האָבען צוויי כפרות, „כבש בן שנתו לעולה ובן יונה או תור לחטאת"...

זאת תורת היולדת וכו'... ואם לא תמצא ידה... (יב. ז. ח.)

פון דאַנען — האָט אַמאָל רבי שלום בעלזער געזאָגט צו די חסידים זיינע — איז אַ ראיה, אַז אַ איד איז על־פּי התורה מחויב צו זיין אַנ'עושר. דען אין פלוג, פאַרוואָס שטעהט עפּעס „זאת תורת היולדת" אין מיטען דער פרשה? געדאַרפט וואָלט דאָך עס גאָר שטעהן צום סאַמע סוף, נאָכ'ן „ואם לא תמצא ידה", נאָכ'ן ענדיגען דעם גאַנצען

ענין? — נאָר אַרומרעדענדיג דעם קרבן, וואָס עס ברענגט אַ רייכע יולדת, רופט־אויס דערביי די תורה: „זאת תורת היולדת!"... אַט אַזוי דאַרף זיך פיהרען אַ יולדת — דעם קרבן זאָל זי ברענגען מתוך עשירות, נישט הלילה מתוך עניות...

(דובר שלום)

ואם לא תמצא ידה... (יב. ח.)

דער אויסדרוק „ואם לא תמצא ידה" איז אַביסעל אונפערשטענדליך. דעם קרבן ברענגט זי דאָך פאַר'ן מאַנ'ס געלד, דען „כל מה שקנתה אשה קנה בעלה", און נאָר אין איהם איז דאָך עס געווענדעט — צי ער איז פערמעגליך, אָדער נישט — וואָלט דאָך, אַלזאָ, געדאַרפט שטעהן „ואם לא תמצא ידו"?...

(רבי לייבוש חריף)

אחד לעולה ואחד לחטאת... (יב. ח.)

„לא הקדימה הכתוב אלא למקראה, אבל להקרבה חטאת קודם לעולה" (רש"י)

אַלץ קשה: אויב מקריב געווען האָט מען דעם חטאת פאַר דער עולה, טאָ פאַרוואָס איז דער פסוק מקדים די עולה פריהער?

נאָר אַן עולה — זאָגען די חז"ל — איז מכפר אויף מחשבה און אַ חטאת — אויף מעשה. דאָ, ביי אַ יולדת, איז דער עיקר קרבן — די עולה, דען געזינדיגט האָט זי הויפטזעכליך מיט דער מחשבה, דערמיט, וואָס „שבשעה שכורעת לילד קופצת ונשבעת שלא תיזקק לבעלה" (נדה ל"א), און דערפאַר, אַלזאָ, ווערט דאָ, אַלס אויסנאַהם, דער־מאָהנט די עולה פריהער, פאַר'ן חטאת...

(קרבן העני)

אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת... (יג. ב.)

דערויף ווערט אַנגעוויזען אין דער מסורה אויף פיער פסוקים: „אדם כי יהיה בעור בשרו", „אדם כי יקריב מכם קרבן", „אדם כי ימות באוהל", און „אדם ובהמה תושיע ד'".

דאָס איז אַנטקעגען די פיער תשובות, וואָס זענען געגעבען געוואָרען אויף דער פראַגע: „נפש החוטאת במה תתכפר"? די חכמה האָט גע'פסקנ'ט: „נפש החוטאת תמות", די נביאים האָבען ערקלערט: „תתייסר ביסורים", די תורה האָט געזאָגט: „יביא קרבן ויתכפר" און הקב"ה האָט געענטפערט: „יעשה תשובה ויתכפר" (ילקוט תהלים כה.).

די ערשטע תשובה איז, אַלזאָ: אדם כי ימות באוהל — „נפש החוטאת תמות".

די צווייטע תשובה: אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת — „תתייסר ביסורים".

די דריטע תשובה: אדם כי יקריב מכם קרבן — „יביא קרבן ויתכפר".

און די פיערטע תשובה: אדם ובהמה תושיע ד' — „יעשה תשובה ויתכפר". אי דער מענש וועט דאַדורך געראַטעוועט ווערען, אי די בהמה, וועלכע מען וועט פער־שפּאָרען מקריב צו זיין אויפ'ן מזבח...

(רבי שלמה קלוגער)

נגעים קומען אויף די זינד פון לשון־הרע, און דעריבער איז די דאָזיגע פרשה

געשטעלט געוואָרען נאָך דער סדרה פון שמיני, אין וועלכער עס רעדט זיך וועגען טמאות וטהורות, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט עסען.

דען צו עסען אַ לעבעדיגען מענש, צו מאַכען איהם אומגליקליך, צו באָדען זיך אין זיין בלוט, אַוועקצוהרג׳ענען איהם מיט דער צונג פון לשון־הרע, דעריין זענען מענשען אַ סך וועניגער נזהר, ווי אינ׳ם איסור פון מאכלים אסורים, דאָס איז ביי זיי אַ פיעל קלענערע עבירה... נאָך דער פרשה פון טמאות וטהורות האָט דעריבער די תורה תיכף געפינען פאַר נויטיג אָנצוזאָגען און צו וואָרענען, אַז נישט־נור די אַלע פערבאָטענע בהמות און עופות, נאָר אויך קיין מענש טאָר מען נישט עסען!...

(רבי ישראל סאלאנטער)

נגעים — זאָגען די חז״ל — קומען אַלס עונש אויף די זינד פון לשון־הרע, און דעריבער — „המספר לשון־הרע ראוי להשליכו לכלבים״ (פסחים קי״ח) דען דער לשון־הרע׳ניק שטעהט פיעל נידריגער פון די כלבים, וועלכע האָבען געהיטען די צונג — „ולבני ישראל לא יחרץ כלב לשונו״...

(רבי אלי׳ קלאצקין)

אויפ׳ן פסוק „אדם כי יהיה בעור בשרו״ ווערט געזאָגט אין מדרש: „כששמעו ישראל פרשת נגעים נתיראו, אמר להם משה אל תתיראו, אלו לעכו״ם, אבל אתם לאכול ולשתות״...

וואָס ווערט געמיינט דערמיט? צי דען קומען נישט אויף אידען קיין נגעים, נאָר אויף גויים?...

נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי יצחק טארטשינער בדרך בדיחות — „אלו לעכו״ם״, גויים, אַז עס קומען אויף זיי נגעים, פיהלען זיי עס און זיי בעמיהען זיך דערפון צו בעפרייען, „אבל אתם לאכול ולשתות״, אידען אָבער עסען און טרינקען מיט די נגעים, אידען זענען סובל די נגעים און ווערען צו זיי שנעל צוגעוועהנט...

צום קאָווינער רב, רבי הירש אויערבאַך, איז אַמאָל, בשעת ער איז קראַנק געווען, געקומען דער דאָקטאָר, וועלכער האָט איהם בעטראַכט און זיך געהייסען ווייזען די צונג.

— אייער צונג, רבי — מאַכט צו איהם דער דאָקטאָר — איז נישט ריין.

— יאָ — ענטפערט איהם מיט אַ זיפץ דער קאָווינער רב — כ׳ווייס... ווער האָט דען היינט בעוונותינו הרבים אַ ריינע צונג...

דער מענש ווערט אין לשון קודש אָנגערופען מיט פערשיעדענע נעמען: איש, גבר, אנוש און אדם. לויט׳ן זוהר איז דער אויסדרוק „אדם״ אַ בעצייכנונג פון דער העכערער קאַטעגאָריע מענשען.

און דעריבער ווערט אין פרשת נגעים דערמאָהנט דאָס וואָרט „אדם״, דען נגעים קומען אַלס עונש אויף לשון־הרע און די דאָזיגע מדה מגונה איז אָממעהרסטען שכיח ביי גרויסע מענשען...

(רבי מרדכי יוסף איזשביצער)

והיה בעור בשרו לנגע צרעת והובא אל אהרן הכהן... (יג. ב.)

דער לשון־הרע׳ניק און רכילות־טרעגער, בשעת מען מאַכט איהם פאָרוואורף אויף זיין העסליכער בעשעפטיגונג, פערענטפערט ער זיך, אַז דאָס נעהמט זיך פון זיין

ליעבע צום אמת, ער קאָן נעביך נישט פערטראָגען און צוזעהן, ווי דיין חבר איז פאַלש צו דיר און ער רעדט אויף דיר שלעכטס, און ער מוז דעריבער גלייך לויפען און דער־צעהלען, וואס אַזעלכעס יענער האָט אויף דיר גערעדט, ער מוז זאָגען דעם אמת...

און דעריבער — „והובא אל אהרן הכהן", ברענגט מען איהם צו אהרנ'ען און מען ווייזט איהם אַביישפּיעל: אויך אהרן איז ב"ה אַ גאַנץ עהרליכער און פרומער איד און פונ־דעסטוועגען ערלויבט ער זיך מפני דרכי שלום נישט צו זאָגען שטענדיג דעם אמת, ווי די חז"ל דערצעהלען: בשעת אהרן פלעגט זיך דערוויסען וועגען צוויי מענשען, אַז זיי האָבען פיינד איינער דעם צווייטען, פלעגט ער אַריינגעהן צו איינעם פון זיי און זאָגען צו איהם: „יודע אתה? חברך מתחרט שכועס עליך", דו ווייסט? דיין חבר בעדויערט שטאַרק, הלמאי ער האָט זיך מיט דיר צוקריעגט. דאָס זעלבע פלעגט ער אויך זאָגען דעם צווייטען, ביז זיי האָבען זיך איבערגעבעטען און שלום געוואָרען, און דאָס דוקא אַ דאַנק דעם, וואס ער האָט נישט געזאָגט דעם אמת...

(רבי מאיר יחיאל גאַסטינינער)

והובא אל אהרן הכהן או אל אחד מבניו הכהנים... (יג. ב.)

נאָך דער פּטירה פון אַ געוויסען רבי'ן איז, ווי דער שטייגער איז, ענטשטאַנען אַ שאַרפע מחלוקת צווישען די קינדער, פון וועלכע יעדער האָט געוואָלט פערנעהמען דעם פאָטער'ס פּלאַץ.

האָט רבי גרשון העניך פון ראַדזין דאַן געזאָגט:

אין פּסוק שטעהט: „והובא אל אהרן הכהן או אל אחד מבניו הכהנים". פאַרוואָס שטעהט נישט: „אל בניו הכהנים", נאָר „אל אחד מבניו"?

נאָר צרעת, כידוע, קומט אויף לשון־הרע און די דאָזיגע מדה מגונה איז אַמשטאַרק־סטען שכיח ביי די בני אהרן, ביי די רבי'שע קינדער און איניקלעך, וועלכע רייסען זיך תמיד אַרום, אויסריידענדיג לשון־הרע איינער אויפ'ן צווייטען, און יעדער פון זיי טענה'ט, אַז נור ער איז ראוי צו זיין דעם טאַטענ'ס ממלא־מקום.

און דעריבער ווערט אָנגעזאָגט: „והובא אל אהרן הכהן או אל אחד מבניו", אַז זיי, די כהנים, וועלכע דאַרפען רייניגען די מצורעים, וואס האָבען געזינדיגט מיט לשון־הרע, זאָלען זיך אַליין נישט אָנשטעקען מיט דער דאָזיגער מיאוסע מדה, זיי זאָלען זיך נישט אַרומרייסען און עס זאָל זיין „אל אחד מבניו", איינער זאָל „פיהרען" — נישט אַלע...

וראה הכהן את הנגע וכו' וראהו הכהן וטמא אותו... (יג. ג.)

נאָכוואָס ווערט דאָס זעלבע צוויי מאָל איבערגעחזר'ט: „וראה הכהן" און דאַן נאָכאַמאָל: „וראהו הכהן"?

נאָר דער דין איז, אַז אויב עס טרעפט זיך אַ מצורע אום יום־טוב, לאָזט מען איהם גאַנץ יום־טוב פריי, ווען אַפילו די נגע ווייזט זיך אַרויס אַלס טמא, דאָס זעלבע ביי אַ חתן לאָזט מען איהם פריי איבער אַלע שבעת ימי המשתה, בכדי נישט צו פערשטערען איהם די שמחה. די בעהאַנדלונג פון אַ מצורע איז, אַלזאָ, אָבהענגיג נישט בלויז פון דער נגע, נאָר אויך פון דער צייט און די אומשטענדען, אין וועלכע ער געפינט זיך און דאָס איז דער זין פון פּסוק: „וראה הכהן את הנגע", קודם־כל דאַרף דער כהן בעטראַכטען די נגע, אָבער אַ חוץ דעם דאַרף אויך זיין: „ו ר א ה ו הכהן", דער כהן זאָל דעם

מענש גופא בעטראַכטעו און זיך רעכענען מיט זיין לאַגע, מיט דער צייט, מיט די אַרו־מיגע בעדינגונגען.

(רבי מאיר שמחה דווינסקער)

דער תלמיד פון לובלינער „חוזה", רבי מרדכי פינטשעווער, איז געווען אַנ'עני מדוכא און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט פאָהרען קיין לובלין, פלעגט איהם דאָס ווייב אָנזאָגען, אַז ער זאָל למען־השם נישט פערגעסען צו דערצעהלען דעם רבי'ן וועגען דעם מורא'דיגען מצב, אין וועלכען זיי געפונען זיך, און בעטען ביי איהם אַנ'עצה און אַ ברכה, אָבער יעדעס מאָל איז דאָס רבי מרדכי'ן אַרויס פון געדאַנק. אַריינקומענדיג צום „חוזה" פלעגט ער זיך אַריינלאָזען מיט איהם אין אַ שמועס וועגען פערשיעדענע הויכע ענינים און וועגען דעם טרויעריגען צושטאַנד זיינעם אַ וואָרט נישט דערמאָהנען.

איינמאָל האָט זיך דאָס ווייב מיישב געווען און בשעת ער איז ווידער אַמאָל געפאָהרען קיין לובלין, האָט זי זיך אַריינגעזעצט אין דער בויד און איז מיט איהם מיטגעפאָהרען. דאַמאָלס האָט ער שוין קיין עצה נישט געהאַט און אַריינקומענדיג צום „חוזה" האָט ער גענומען פאַר איהם דערצעהלען אין וואָס פאַר אַ מורא'דיגע לאַגע זיינע בני־בית גע־פינען זיך.

— פאַרוואָס — פרעגט איהם דער „חוזה" — האָסטו עס מיר די גאַנצע צייט נישט געזאָגט?

— כ'האָב געמיינט — ענטפערט ער — אַז דער רבי מיט זיין רוח־המקודש ווייסט דאָס אַליין...

ענטפערט איהם דער „חוזה":

— די תורה זאָגט אונז ביי נגעים: „אדם כי יהי' בעור בשרו שאת או ספחת או בהרת", אויב עס האַנדעלט זיך אין אַ נגע, וועלכע געפינט זיך אינ'ם מענש גופא, „והובא אל אהרן הכהן וכו' וראה הכהן את הנגע" דאַרף ער דעם כהן גאָרנישט זאָגען, ער דאַרף בלויז קומען צו איהם און דער כהן אַליין זעהט שוין, וואָס איהם איז, דאַגעגען אָבער ביי נגעי בתים ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דער שטוב, שטעהט: „ובא אשר לו הבית והגיד לכהן לאמור כנגע נראה לי בבית", דאָ איז מען שוין נישט יוצא מיט'ן בלויזען קומען צום כהן, נאָר מען מוז איהם פריהער דערצעהלען...

רבי אָשר סטאָלינער פלעגט זאָגען:

ווהע, וואָסערע פויער'שע חסידים מיר האָבען היינט! אַז זיי קומען צום רבי'ן, ווייזען זיי אַרויס דאָס גוטע, און דאָס שלעכטע בעהאַלטען זיי... איך, אַז איך בין געקומען צו מיין הייליגען רבי'ן (רבי שלמה קאַרלינער), פלעג איך אַנדערש טהון: דאָס ג ו ט ע האָב איך פון איהם בעהאַלטען!... וואָרום וואָס? אַ גאָט איז ער? שכר ועונש קאָן ער געבען? — און געוויזען האָב איך איהם דאָס שלעכטע... וואָרום — „וראה הכהן את הנגע": דעם כהן, דעם צדיק, דאַרף מען בלויז ווייזען די נ ג ע י ם...

(ספרן של צדיקים)

„אין רואים את הנגעים ביום המעונן" (נגעים פ"ב)

ווען דער הימעל איבער די אידישע קעפ איז פערוואָלקענט, ווען דאָס חשכות און די צרות אַרום זענען גרויס, קאָן מען נישט דאַמאָלס די נגעים און פעהלערען, וואָס מען זעהט ביי אידען, פעררעכענען אַלס זייערע סימני־טומאה... נישט פון זייער קערפער שטאַמען דיזאַזיגע נגעים, נישט פון זייער שולד, נאָר פון גאַנץ אַנדערע, אויי־

סערליכע סיבות: זאָלען דידאָזיגע סיבות און די שווערע געשאָפענע בעדינגונגען אויפ־הערען — און די נגעים וועלען מאָמענטאַל פערשווינדען...

(תחית ישראל)

„כהן שסומא באחת מעיניו אסור לראות את הנגעים״... (שבועות ו׳)

יעדע נגע, סיי פון אַ יחיד, סיי פון רבים, דאַרף בעטראַכט ווערען מיט צוויי אויגען: מיט איין אויג דאַרף מען זעהן די נגע, און מיט׳ן צווייטען אויג — די סיבות און אורזאַכען, וועלכע האָבען די נגע אַרויסגערופען. אַ כהן אָבער, וועלכער איז אַ „סומא באחת מעיניו״, וועלכער זעהט בלויז מיט איין אויג, בלויז די שלעכטע זייט, אָהן אַריינצודרינגען אין די טיעפערע סיבות, אָהן צו וועלען אויסגעפינען אַ זכות — אַזאַ איינער איז פסול צו אורטיילען איבער נגעים...

(רבי יוסף קליין)

ושער בנגע הפך לבן... (יג. ג)

„מתחלה שחור והפך ללבן בתוך הנגע ומעוט שער שנים״ (רש״י)

וואָס מיינט רש״י מיט דעם „ומעוט שער שנים״? צווייטענס, דער „ומעוט שער שנים״ איז דאָך אַ פירוש אויפ׳ן וואָרט „ושער״, וואָלט דאָך עס רש״י געדאַרפט זאָגען פריהער פאַר׳ן „מתחלה שחור וכו׳״, דען דאָס וואָרט „ושער״ איז דאָך פריהער דער־מאָהנט אין פסוק?

נאָר רש״י וויל דערמיט בעמערקען, אַז דער „והפך לבן״ געהט אַרויף אויף דער נגע, נישט אויפ׳ן „ושער״, נישט די האָר, נאָר די נגע איז געוואָרען ווייס. אַ ראיה דערצו איז דאָס, וואָס „מיעוט שער שנים״, און וויבאַלד כ׳זאָל זאָגען, אַז דער „והפך לבן״ בעציהט זיך אויפ׳ן „ושער״, וואָלט דאָך געדאַרפט שטעהן: „והפכו לבן״, אַ לשון רבים...

(ווילנער גאון)

אויב אַ מענש פערזינדיגט זיך אַמאָל אין די יונגע יאָהרען, קאָן מען נאָך וועגען איהם האָפען, אַז ער וועט קומען צום שכל, טהון תשובה און זיך אומקעהרען בדרך הישר, אָבער אויב „ושער בנגע הפך לבן״, אויב די נגעים האָבען שוין גרויע האָר, זיי עלטערען זיך ביי איהם — „טמא הוא״, אַזאַ איינער איז שוין אַ פאַרפאַלענער...

(תפארת יונתן)

אויף אַנ׳עהנליכען אופן:

„ומראה הנגע עמק מעור בשרו, נגע צרעת הוא״... כל־זמן די „נגע״ ליעגט ביים מענשען בלויז אינ׳ם פלייש, אין חומר, אין דער תאוה — איז נאָך דאָס אומגליק נישט אַזוי גרויס, האָט מען נאָך האָפנונג, ער זאָל זיך אויסהיילען... קוים אָבער איז די „נגע״ שוין אַריינגעקראָכען טיעפער, ווי אינ׳ם פלייש, אין די מחשבות, אין מוח — דאַמאָלס איז שוין קיין שום תקנה נישטאָ צו איהם... און דערויף ווערט געוואָרנט נאָכאַמאָל אין אַ צווייטען פסוק: „טמא יטמאנו הכהן, בראשו נגעו!״ — אויב די „נגע״ געפינט זיך שוין אין קאָפּ, דאַן איז אַ שאָד די אַרבייט, דאַן איז מיט אַזעלכען שוין גאָר נישטאָ וואָס צו מאַכען!...

(רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן)

„כל איסורין שבתורה — זאגט די גמרא — בטלין בששים, מין במינו באלף לא בטל"... בדרך־הלצה איז די כוונה דערפון אזוי: אויב א מענש זינדיגט מחמת תאוה, איז פארהאן א האפנונג, אז ווען ער וועט עלטער ווערען, דערגרייכען צו „ששים" און מעהר קיין כח נישט האבען צו זינדיגען, וועלען דידאזיגע עבירות בטל ווערען און אויפהערען... אבער „מין במינו", ווען א מענש זינדיגט צוליב „מינות", צוליב אפי־קורסות, דאמאלס איז אפילו „באלף לא בטל" — ווען ער זאל אפילו לעבען טויזענד יאהר, וועט ער, לידער, אלץ בלייבען דערזעלבער... ווארום „כל באיה לא ישובון"...
(רבי שמעלקי מניקעלשבורג)

רבי הירש לעווין, וועלכער איז געווען רב אין האלבערשטאדט, נאכהער אין לאנ־דאן, שפעטער אין בערלין, האט אמאל געזאגט:

— דריי מאל האב איך זיך בעגעגענט מיט א געוויסען פערזאן, אין דריי פערשיע־דענע צייטען. דאס ערשטע מאל איז ער געווען טרויעריג און פערצווייפעלט, דאס צווייטע מאל איז ער געלאפען איילענדיג איבער דער גאס נישט האבענדיג גאר קיין צייט זיך אבצושטעלען, דאס דריטע מאל האט ער שפאצירט א רוהיגער, א צופרידענער, ווי איינער, וואס איז שוין מיט אלעם פערזארגט און ער דארף שוין מעהר נישט ארבייטען.

געוועזן איז דער דאזיגער איינער — דער יצר־הרע... בשעת איך בין געווען רב אין האלבערשטאדט האב איך איהם געזעהען א טרויעריגען, מחמת אין דער דאזיגער שטאדט פון יראים־ושלמים האט ער נעביך קיין שום ערפאלג נישט געהאט. שפעטער, ווען איך בין געזעסען אויפ'ן כסא־רבנות אין לאנדאן, האב איך איהם געטראפען שטענ־דיג לויפען — ער האט דארט געהאט גאר א סך ארבייט. דא אבער, אין בערלין, בע־געגען איך איהם ארומשפאצירען א צופרידענעם די הענד אין די טאשען. דא דארף ער מעהר נישט ארבייטען, דא דארף ער מעהר נישט לויפען — מען לויפט איהם אליין נאך...

ואם בהרת לבנה היא וכו' ועמוק אין מראה מן העור... (יג. ד.)

„ועמוק אין מראה, לא ידעתי פירושו" (רש"י)

דעריבער, ווערט געטייטשט, איז: „לא ידעתי פירושו", ווייל א ווייסער פלעק אויף א טונקעלען פאן זעהט געוועהנליך יא אויס, ווי ער וואלט געווען טיעפער, און דערפאר איז פאר רש"י'ן געווען אונפערשטענדליך דער „ועמוק אין מראה מן העור".

אין „פענח רזא" ווערט געבראכט אין נאמען פון הגאון רבי יצחק בשם מהר"ר מאיר, אז דער פשט אינ'ם דאזיגען פסוק זאל זיין אזוי: „ואם בהרת לבנה היא בעור בשרו ועמוק" און — „אין מראה מן העור", די נגע האט נישט די זעלבע טונקעלע קאליר, וואס די הויט, נאר זי איז ווייס און עמוק...

והסגיר הכהן את הנגע... (יג. ד.)

לויט רש"י'ס ערקלערונג קומט אויס, אז מען האט דעם מצורע אבגעשלאסען און אבגעזונדערט אויף זיבען טעג, אבער דער רא"ש איז נישט מסכים מיט'ן דאזיגען פירוש, אנווייזענדיג, אז אין מס' נגעים געפינען מיר לגמרי נישט דערמאהנט, אז דער מצורע זאל ווערען אויף זיבען טעג אבגעשלאסען אין א בעזונדער הויז. דער רא"ש וויל אלזא האבען, אז „והסגיר הכהן את הנגע" איז דער פשט: די נגע ווערט אבגע־

שלאָסען, עס ווערט געמאַכט אַ ספּעציעלער צייכען אַרום דער נגע און זי ווערט אָבגע־זונדערט פון איבעריגען קערפּער, בכדי צו זעהן, אויב זי האָט זיך במשך פון די זיבען טעג פערגרעסערט אָדער נישט...

(פירוש הטור על התורה)

ואם פרוח תפרח הצרעת וכו׳ כלו הפך לבן טהור הוא... (יג. יב. יג.)

אויב דאָס גאַנצע צרעת, די גאַנצע טומאה איז שוין אַרויסגעקומען אין דרויסען — טהור הוא, איז ער מעהר נישט שעדליך. אויסערליכע טומאה, וועלכע וואַרפט זיך יעדען אין די אויגען, איז נישט מזיק, דען מען ווייסט זיך צו היטען פאַר איהר... שעד־ליך און געפעהרליך איז דער עיקר די פערבאָרגענע טומאה, דאָס צוגעדעקטע צרעת...

(פתשגן הכתב)

בשעת דער מלחמה פון אַרם מיט ישראל, ווען שומרון, די הויפּט־שטאָדט פון מלכות ישראל, איז געווען בעלאַגערט און עס האָט געהערשט אין לאַנד אַ מורא׳דיגער הונגער און דער מלך ישראל האָט פון גרויס פערצווייפלונג צוריסען אויף זיך די קליי־דער, איז די בשורה, ווי עס ווערט דערצעהלט אין פסוק (מלכים ב. ז.), וועגען דער פלוצלונגער מפלה פון פיינד און וועגען דער אידישער ישועה און גאולה, אָנגעזאָגט געוואָרען דורך מצורעים. דען ביי׳ם מצורע געפינען מיר אַ מערקווירדיגע זאַך: שער לבן, ווייסע האָר, זענען אַ סימן טומאה, און דאָך — אויב „כלו הפך לבן טהור הוא״, און דאָס זעלבע איז אויך מיט דער אידישער גאולה: אויב „דור שכלו חייב״ — איז עס אַ סימן אויף ביאת־המשיח...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

והצרוע אשר בו הנגע בגדיו יהיו פרומים... (יג. מה.)

רבי משה קאָברינער פלעגט זאָגען:

מען זעהט היינט, בעו״ה, זעהר אָפט, אַז דער „והצרוע אשר בו הנגע״, דער, ביי וועלכען די נגע ליעגט בעהאַלטען אינווייניג, „בגדיו יהיו פרומים״, איז ער זיך מתלבש אין פרומע בגדים („פרומים״ — פרום)!...

ועל שפם יעטה... (יג. מה.)

„ועל שפם יעטה — כאבל״ (רש״י)

דאַגעגען אין „פירוש הטור על התורה״ ווערט ערקלערט גאַנץ איינפאַך: „יכסה פיו, שלא יריחו ריחו, כי ריח שלו מזיק״...

„וצריך להודיע צערו לרבים ורבים יבקשו עליו רחמים״ (שבת ס״ז)

פאַרוואָס עפּעס דאַרף אַ מצורע, מעהר פון אַלע אַנדערע חולאים, מודיע זיין אויף אַזאַ שרייענדען אופן את צערו לרבים?

נאָר אויפ׳ן פסוק „וישמע אלקים את קול הנער״ (בראשית כא. יז.) זאָגט רש״י: „מכאן שיפה תפלת החולה מתפלת אחרים עליו והיא קודמת להתקבל״, און אין זוהר ווערט געזאָגט, אַז דערפאַר הייסט דער מצורע „מוסגר״, ווייל דער הימעל בלייבט פער־

שלאָסען פאַר זיינע תפילות. אַלע אַנדערע חולים קענען דעריבער אַליין מתפלל זיין, דען „יפה תפלת החולה מתפלת אחרים״, דאַגעגען אַ מצורע, פאַר וועלכען די שערי תפלה זענען געשלאָסען, מוז מודיע זיין את צערו לרבים, אַנדערע זאָלען פאַר איהם מתפלל זיין...

(מדרש יונתן)

אין מדרש ווערט געזאָגט:

„מן התורה ומן הנביאים ומן הכתובים שאין הקב״ה חפץ בקילוסן של רשעים, שנאמר ועל שפם יעטה״.

מאַטערען זיך די מפרשים צו פערשטעהן דעם זין פונ׳ם דאָזיגען מדרש. פונוואַנען איז פון „ועל שפם יעטה״ געדרינגען דער דערמאָהנטער דרש?

נאָר — ערקלערט דערויף רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן — דער דרך פון מדרש איז אין אַ סך מקומות צו ברענגען בלויז דעם אָנהויב פון אַ פסוק, מיינענדיג דערביי דעם ווייטערען טייל פון פסוק. אויך דאָ איז די כוונה פון מדרש אויפ׳ן סוף פון אָנגע־וויזענעם פסוק: „וטמא טמא יקרא״, פון וועלכען עס ווערט גע׳דרשנ׳ט: „וטמא טמא יקרא, צריך להודיע צערו לרבים ורבים מבקשים עליו רחמים״, און דערפון איז אַלזאָ אַ בעוויז, אַז „אין הקב״ה חפץ בקילוסן של רשעים״, אַז ער וויל נישט, דאָס דער רשע אַליין זאָל צו איהם מתפלל זיין, נאָר אַנדערע זאָלען עס טהון פאַר איהם...

וטמא טמא יקרא... (יג. מה.)

„מסאבא למסאבא קרי, דכתיב טמא טמא יקרא״ (דער טמא׳ניק שרייט אויפ׳ן צווייטען: „טמא!״)...

(זהר וישלח קס״ח)

אײן טמא רופט און לויפט־נאָך דעם צווייטען טמא.
יעדען ציהט צו זיין געזעלשאַפט, יעדער חבר׳ט זיך מיט זיינס גלייכען...

(לקוטי צבי)

בדד ישב מחוץ למחנה מושבו... (יג. מו.)

און דעריבער איז „מצורע חשוב כמת״, ווייל קוים ווערט ער אויסגעשלאָסען מחוץ למחנה און ער טאָר מיט קיינעם נישט קומען אין בעריהרונג, איז ער גלייך ווי אָבגע־שטאָרבען, דען — „או חברותא או מיתותא״ (תענית כ״ג)...

(רבי יעקב קרא)

והבגד כי יהי׳ בו נגע צרעת... (יג. מז.)

דעריבער קומען נגעים אויך אויף קליידער, דען זיי זענען לידער אַ גרויסער גורם צו די זינד, אויף וועלכע מען ווערט געשטראָפט מיט נגעים; נישט ווענעיג ברענגט דעם מענש, און הויפטזעכליך די פרוי צו לשון־הרע, רכילות און שקר דאָס געיעג נאָך לוקסוס, נאָך שענע קליידונג, דאָס וועלען נאַכטאָנצען די מאָדע און די קנאה, הלמאי טראָגט יענע פרוי אַ שענער קלייד...

(חפץ חיים)

והסגיר את הנגע שבעת ימים... (יג. ג.)

נגעים קומען מחמת די זינד פון לשון־הרע, און לשון־הרע נעהמט זיך פון שלעכ־טער חברותא, און דעריבער — „והסגיר את הנגע", דאַרף מען אַזעלכען האַלטען אָב־געשלאָסען, אָבגעזונדערט פון מענשען...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

רבי איצעלע וואָלאָזשינער איז זעהר נזהר געווען אין שמירת־הלשון, אָבגעהיט זיך אַפילו פון אבק־לשון־הרע, נישט צו זאָגען, חלילה, אַ קרום וואָרט אויף קיינעם. איינמאָל איז איהם אויסגעקומען צו זאָגען אויף עמיצען, אַז יענער איז אַ שקרן; נישט וועלענדיג אָבער ברענגען פאַר'ן מויל דאָס וואָרט „שקרן", האָט ער געזאָגט:

— אַט דער אַ... איז אַ געוואַלדיגער בעל־זכרון. איינער געדענקט, וואָס עס איז געשעהען פאַר צעהן יאָהרען, אַ צווייטער — וואָס עס האָט פּאַסירט פאַר צוואַנציג יאָהר, גאַר גרויסע בעלי־זכרון געדענקען פון פאַר פופציג יאָהר; דער אָבער האָט אַזאַ מורא'דיגען זכרון, אַז ער געדענקט זאַכען, וואָס זענען קיינמאָל נישט געשעהען!...

מְצוֹרָע

זאת תהיה תורת המצורע... (יד. ב.)

מיט צרעת ווערט מען בעשטראָפט פאַר די זינד פון לשון־הרע... מ צ ו ר ע — „מוציא רע”...

לשון־הרע איז ערגער, ווי הרג׳ענען אַ מענשען; וואָרום אַז מען הרג׳עט אַ מענשען, ערמאָרדעט מען בלויז א י י ן נפש, דאַגעגען פון לשון־הרע ליידען גאַנצע ד ר י י: דער דערצעהלער; דער, וואָס הערט דאָס אויס; און דער, וועגען וועלכען מען דערצעהלט...
(תנחומא)

לעתיד־לבוא וועלען זיך אַלע חיות צונויפזאַמלען אַרום דער שלאַנג און זי פרעגען: אַ לייב, אַז ער דורס׳ט, טהוט ער עס צוליב׳ן עסען; אַ וואָלף, אַז ער מזיק׳ט, טהוט ער עס צוליב׳ן עסען; אָבער דו, בעת דו שלינדערסט אין ווען מען דיך גיפט, וואָס פאַר אַ הנאה האָסטו דערפון? — דערויף וועט די שלאַנג ענטפערן: הלמאַי אַ מענש, וועלכער רעדט לשון־הרע און וואַרפט מיט דער צונג זיינע גיפטיגע פיילען אויף מענשען — וואָס האָט ע ר דערפון?...
(ערכין ט״ו)

רבן שמעון בן־גמליאל האָט איינמאָל בעפוילען דעם דיענער זיינעם, ער זאָל איהם ברענגען פון מאַרק עפּעס אַ גוטע זאַך; איז ער אַוועק און איהם געבראַכט אַ צונג. שיקט ער איהם אַ צווייט מאָל און פערלאַנגט, אַז דאָסמאָל זאָל ער איהם איינהאַנדלען עפּעס אַ שלעכטע זאַך; נעהמט ער און ברענגט איהם ווידער אַ צונג. פרעגט ער איהם: וואָס איז דאָס? פריהער אַ צונג און איצט אַ צונג?... פון דער צונג — ענטפערט דער דיענער — קומט אי דאָס גוטע, אי דאָס שלעכטע: נישטאָ קיין בעסערע זאַך פון דער צונג, ווען זי איז ג ו ט, און נישטאָ קיין ערגערס — ווען זי איז ש ל ע כ ט!...
(ויקרא רבה)

עס איז אַמאָל געווען אַ מעשה מיט אַ מלך פון פרס, וועלכער איז שטערבליך קראַנק געוואָרען און די דאָקטוירים האָבען ערקלערט, אַז בלויז איין רפואה איז פאַראַן פאַר איהם: ער זאָל טרינקען מילך פון אַ לייבין, וועט ער געזונד ווערען... ווי־אַזוי־זשע דערגרייכט מען דאָס?... האָט געגומען דער מלך פון פרס און האָט אַוועקגעשיקט אַ שליח צו שלמה המלך נאָך אַן עצה. לאָזט שלמה רופען זיין קאַמער־דיענער, בניהו בן־יהוידע, און פרעגט איהם, צי ווייסט ער נישט אַמאָל, ווי־אַזוי מען בעקומט מילך פון אַ לייבין?. רופט־זיך־אָן בניהו: גיב מיר, אדוני מלך, צעהן ציעגען און איך וועל דיר ברענגען לייבען־מילך... האָט ער גענומען צעהן ציעגען און איז אַוועק צו אַ לייבען־גרוב, וואו אַ לייבין האָט געזויגען איהרע קינדער. דעם ערשטען טאָג איז ער געשטאַנען פון ווייטען און האָט איהר צוגעוואָרפען אַ ציעג. דעם צווייטען טאָג

איז ער שוין צוגעגאַנגען אַביסעל נעהענטער און איהר ווידער געוואָרפען אַ ציעג, און אַזוי יעדען טאָג אַלץ נעהענטער, ביז ער איז צו דער סאַמע גרוב צוגעקומען און איז מיט דער לייבין שוין אַזוי היימיש געוואָרען, אַז ער האָט זיך גענומען שפּיעלען מיט איהר און אָנגעצאַפּט מילך פון איהרע ברוסטען, און ער האָט די מילך געברענגט צו שלמה'ן, וועלכער האָט עס איבערגעגעבען דעם שליח פון מלך פרס... אומקעהרענדיג זיך אַהיים, איז דער שליח אויפ'ן וועג איינגעשלאָפען און עס האָט זיך איהם גע'חלומ'ט, אַז די אברים פון זיין קערפּער פיהרען צווישען זיך אַ דיספּוט, ווע‏מען פון זיי דער שליח האָט זיין געלונגענע שליחות צו פערדאַנקען. די פיס זאָגען: אַלץ מ י ר — ווען מיר וואָלטען נישט געגאַנגען, ווי־אַזוי וואָלט ער דעם וועג דורכגעמאַכט?... דערויף ענטפערן די הענד: מ י ר זענען דער עיקר — ווען נישט מ י ר, ווער וואָלט די מילך געטראָגען?... רופען זיך אָן די אויגען: אַ שען פנים וואָלט ער געהאַט, ווען מ י ר וויזען איהם נישט דעם וועג!... מישט זיך אַריין דאָס האַרץ און ערקלערט: דער אמת'ער יישר־כוח קומט מ י ר — דאָס האָב א י ך דאָך איהם געגעבען די עצה!... נעהמט די צונג אַ וואָרט און זאָגט: אָהן מ י ר, ווען א י ך זאָל נישט געווען רעדען, וואָלט איהר אַלע גאָרנישט אויפגעטהון!... דאָ זענען אַלע אברים אין כעס געוואָרען און זענען אַרויס אויף דער צונג: אַ העזה — מאַכען זיי — צו וועלען זיך גלייכען צו אונז; אין דער פינסטער ליעגסטו דאָך, מען זעהט דאָך דיך גאָרנישט אַרויס, אַפילו קיין שטיקעל ביין פערמאָגסטו נישט אין זיך!... בעליידיגט זיך די צונג און ענט־פערט: נו, איהר וועט שוין זעהן, ווער איבער וועמען עס געוועלטיגט!... דער שליח האָט זיך אויפגעכאַפּט, געוואונדערט זיך איבער דעם מאָדנעם חלום און איז געגאַנגען וויטער זיין וועג. אָנקומענדיג אַהיים, איז ער אַריין צום מלך און האָט אויסגערופען מיט פרייד: אָט איז, אדוני מלך, די מילך פון אַ הונד, וואָס איך האָב דיר געבראַכט אַלס רפואה!... דערהערט דידאָזיגע ווערטער, ווערט דער מלך שרעקליך אין כעס און ער בעפעהלט, מען זאָל דעם שליח אויפהענגען... נעהמט מען דעם בחור אונטער די אָרעמס און מען פיהרט איהם צו דער תליה, און אַלע אברים אין איהם טרייסלען זיך נעבעך און שוידערען פון שרעק. רופט זיך אָן צו זיי די צונג: נו, וואָס זאָגט איהר? איצט זעהט איהר שוין, אַז אָהן מ י ר האָט איהר אַלע קיין שום ווערט נישט!... אויב איך וויל, קאָן איך אייך נאָך ראַטעווען, אָבער בתנאי, איהר זאָלט אָנערקענען, אַז איך בין אייער מושל. בעשטעהט איהר דערויף? — „יאָ", ענטפערן פערשעמט די דערשראָ־קענע אברים... ווערט די צונג רעדעוודיג און זי פערלאַנגט פונ'ם תליון, מען זאָל תיכף־ומיד צוריקפיהרען דעם שליח צום מלך, דען עס האַנדעלט זיך אין אַ גאָר וויכ־טיגע זאַך... אַריינגעקומען צום מלך, ווענדעט זיך צו איהם די צונג און זאָגט: אדוני מלך! ערשטענס, האָב איך דעם כבוד צו בעמערקען, אַז אין יענע וויטע מקומות רופט מען אַ לייב: „הונד"; צווייטענס, וואָס איז אייגענטליך די נפקא־מינה, ווי־אַזוי די מילך הייסט, אַבי מען האָט פון איהר די אמת'ע רפואה... פּרוביר, אדוני מלך!... האָט דער מלך אַזוי געטהון, ער האָט פּרובירט, געטרונקען און איז גלייך געהאָלפען גע־וואָרען... און דאַן האָבען אַלע אברים אָהן אויסנאַהם אָנערקענט, אַז דער ווירקליכער מושל איבער'ן מענשליכען קערפּער איז נישט קיין אַנדערער, נאָר די צ ו נ ג, וואָרום — „החיים והמות ביד הלשון"...

(מדרש שוחר טוב)

עס איז געווען אַ מעשה מיט איינעם, וועלכער האָט געהאַט זיין אייגענס דריי טעכ־טער: איינע אַ פוילע, די צווייטע — אַ גנב'טע, די דריטע — אַנ'איינטריגאַנטקע און

לשון־הרע׳ניצע, און אַלע דריי זענען געבליבען פערזעסען... איינמאַל קומט צופאַהרען זיינער אַ פריינד און לעגט איהם פאַר, אַז אַזוי ווי ער האַט דריי זיהן, איז אויב ער וויל, איז ער גרייט זיך מיט איהם מחתן צו זיין. רופט זיך אָן דער פאַטער פון די טעכטער מיט אַ זיפץ: ניין, מיין פריינד, ס׳איז נישט פאַר דיר!... פאַרוואָס? — דערצעהלט ער איהם: אַט אַזעלכע און אַזעלכע „מעלות״ פערמאָגען זיי!... ענטפערט איהם דער פריינד: עס מאַכט נישט אויס; אויב דו ווילסט, קאָן מען גלייך שטעלען דריי חופות... וכך הוה; ער האַט אַלע דריי טעכטער אָוועקגעפיהרט צו זיינע דריי זיהן און האָט זיי חתונה געמאַכט. די פוילע שנור האָט ער אָוועקגעזעצט אויף אַ דיוואַן און אַרומגע־שטעלט אַרום איהר קנעכט מיט דיענסטען, וועלכע ער האָט בעפויהלען, זיי זאָלען טהון פאַר איהר אַלע נויטיגע שטוב־אַרבייט און נישט בעמיהען זי מיט דער מינדעסטער זאַך... פאַר דער גנב׳טע האָט ער אָוועקגעלעגט אַ קופּע מיט געלד און ערקלערט, אַז זי האָט רעכט צו טהון מיט׳ן געלד, וואָס זי וויל... און צו דער לשון־הרע׳ניצע פלעגט ער קומען, דער שווער, יעדען פריהמאָרגען און בעגריסען זי און אָוועקזעצען זי נעבען זיך און איהר גלעטען די האָר אויפ׳ן קאָפּ און פרעגען: אפשר וויל זי דאָס, און אפשר דאָס, וועט ער ביים מאַן פאַר איהר אַלץ פועל׳ן...

ויהי היום, איז דער פאַטער פון די טעכטער געקומען צו זיי צו־גאַסט, געהט ער אַריין צו דער פוילער טאָכטער און פרעגט: נו, ווי־אזוי, טאָכטער מיינע, לעבט זיך דיר דאָ?... זעהר גוט! — ענטפערט זי איהם מיט פרייד און דערצעהלט איהם וועגען די קנעכט און דיענסטען, וועלכע לאָזען איהר נישט טהון קיין פינגער אין קאַלטען וואַ־סער... נו, און דיר — פרעגט ער די גנב׳טע — ווי געהט עס? — אויסגעצייכענט, ליעבער פאַטער, עס קאָן גאָר בעסער נישט זיין!... און דו, קינד מיינס? — ווענדעט ער זיך צו דער לשון־הרע׳ניצע. יענע אָבער ברעכט־אויס אין אַ יאָמערליך געוויין... אומגליקליך — כליפּעט זי — האָסטו מיך געמאַכט! אַלע מיידלעך האָבען חתונה מיט איין מאַן, און דו האָסט מיך חתונה געמאַכט מיט צוויי... ער טשעפּעט זיך צו מיר, דער שווער מיינער, ער לאָזט מיך נישט צו־רוה מיט זיינע ליעבעס־ערקלערונגען, טאָג־איין־טאָג־אויס!... אפשר גלויבסטו מיר נישט? בעהאַלט דיך אינדערפריה אין אַ זייטיגען צימער, וועסטו זיך איבערצייגען!... אינדערפריה, ווען דער שווער איז, ווי געוועהנליך, אַריין צו איהר זאָגען „גוט־מאָרגען״, האָט זי גענומען פּלוצים שרייען אויפ׳ן קול, ער זאָל זיך נישט צוריהרען צו איהר, וואָרום זי וויל נישט פערראַטען דעם מאַן, זי וויל נישט זינדיגען!... אויף איהר געשריי האָט זיך די טהיר פון זייטיגען צימער געעפענט און ס׳איז אַריינגעלאָפען דער פאַטער, און אַ דערצערנטער האָט ער זיך געוואָרפען אויפ׳ן מחותן, זיין אַמאָליגען פריינד, און איהם דער׳הרג׳עט... אַט דערויף איז עס געזאָגט געוואָרען: נישטאָ קיין ערגערע זאַך אין דער וועלט, ווי לשון־הרע!...

(מדרש עשרת־הדברות)

„תורת המצורע — תורת המוציא רע״ (מדרש רבה)

פאַרוואָס, פרעגט דער אַלשיך, זעהט מען היינט נישט קיין מצורעים, צי דען עקזיסטירט שוין היינט נישט קיין לשון־הרע ביי אידען?...

און אַרומרעדענדיג דעם ענין בּאריכות פיהרט אויס דער אַלשיך, אַז אַדרבה, דעריבער האָט דער דאָזיגער עונש אויפגעהערט, ווייל דער אַויר איז אַזוי אָנגעזאָפּט מיט לשון־הרע, אַז ווען מען זאָל דערפאַר נענש ווערען מיט צרעת, וואָלטען מיר אַלע מכף רגל ועד ראש געדאַרפט פערוואַנדעלט ווערען אין מצורעים...

זאת תהיה תורת המצורע וכו׳ והובא אל הכהן... (יד. ב.)

צרעת קומט אויפ׳ן חטא פון לשון־הרע און דעריבער — „והובא אל הכהן״, ווייל אַממעהרסטען רכילות און לשון־הרע ווערט אויסגערעדט אויפ׳ן כהן, אויפ׳ן מנהיג...
(רבי חיים וואָלאָזשינער)

עס שטעהט נישט „ובא״ נאָר „והובא״, ער זאָל געברענגט ווערען, בעל־כרחו... וואָרום צרעת קומט אויף דער זינד פון לשון־הרע, און דער לשון־הרע׳ניק, וועלכער רעדט אויף אַלעמען שלעכטס, וועט מסתמא אויך געגען כהן זיך אויפפיהרען חוצפה׳דיג און נישט וועלען געהן צו איהם, אויסרעדענדיג אויף איהם כל דבר אָסור... דעם מצורע וועט מען, אַלזאָ, דאַרפען שלעפען בגוואַלד...
(דורש טוב)

ביום טהרתו והובא אל הכהן... (יד. ב.)

געדאַרפט וואָלט דאָך, אייגענטליך, שטעהן „ביום טומאתו״, דען ברענגען ברענגט מען דאָך איהם צום כהן, ווען ער ווערט טמא?

נאָר אַזוי איז שוין דער שטייגער פונ׳ם לשון־הרע׳ניק: ביום טהרתו — מיט׳ן מאָמענט, ווי נור מען האָט איהם בעוויזען מטהר צו זיין פון דער פריהערדיגער זינד — והובא אל הכהן, דאַרף מען איהם שוין פאַר זיין בייזע צונג ברענגען נאָכאַמאָל צום כהן...
(אורי וישעי)

מען האָט אַמאָל דערצעהלט דעם קראָקאָווער רב, רבי צבי הירש, אַז געוויסע לייט פון פראָסטען המון זענען איהם מבזה און פערשפרייטען וועגען איהם רכילות און פליאָטקעס. האָט ער שבת אין זיין דרשה זיך געווענדעט צום עולם און געזאָגט: דוד המלך קלאָגט זיך אין תהלים: „ישיחו בי יושבי שער ונגינות שותי שכר״, איז וואָס האָט ער עפּיס אָנגעכאַפּט „יושבי שער״ און „שותי שכר״, און ווי וואָלט זיין, אַז די, וואָס דערצעהלען אויף איהם לשון־הרע, וואָלטען געווען צדיקים, נישט קיין „יושבי שער״ און „שותי שכר״, וואָלט ער שוין דאָן צופרידען געווען? — נאָר די חז״ל זאָגען (ראש־השנה י״ז), אַז דער, וואָס רעדט אויפ׳ן צווייטען לשון־הרע, נעהמט ער צו ביי יענעם זיינע עבירות און יענער ביי איהם — די מצוות, און אָט דאָס קלאָגט זיך דוד המלך. ווען די מספרי לשון־הרע וואָלטען כאָטש געווען שומרי־תורה ומצוות, וואָלט ער דאָן פאַר דעם בזיון זיינעם בעלוינט געוואָרען מיט ריוח — ער וואָלט איבערגענומען זייערע מצוות, אָבער אַז „ישיחו בי יושבי שער ושותי שכר״, אַז דערמיט פערנעהמען זיך נאָר די גראָבע־יונגען, די ביער־טרינקער און פראָסטאַקעס, וואָס־זשע פאַר אַ ריוח קאָן ער דערביי מאַכען און, וואָס מ׳שטיינס געזאָגט האָט ער פון זיי איבערצונעהמען?...
(דבש וחלב)

ר׳ מרדכי ראַקאָווער האָט אַמאָל געשילדערט פאַר די חסידים אין לובלינער רבינ׳ס בית־מדרש, ווי אַזוי, מיט וואָסערע בכיות וילולות, דער „חוזה״ ריכט אָב חצות. בינתים איז דער „חוזה״ אַריינגעקומען אין בית־מדרש און דערהערענדיג פונווייטענס דעם שמועס, האָט ער אַ געשריי געטהון:

— האַ? לשון־הרע?

— וואָס הייסט — פערענטפערט זיך מרדכי ראַקאָווער — מפרסם זיין דעם רבינ׳ס התנהגות הייסט לשון־הרע?

— אַודאי! — בייזערט זיך דער חוזה — יענעמ׳ס אַ מצוה, אויב מען איז זי מפרסם ברבים, ווערט פון דער מצוה אַנ׳עבירה, וממילא איז עס לשון־הרע...

— אַט דאָס וויל איך טאַקי — וויצעלט זיך מרדכי ראַקאָווער אויף זיין שטייגער — דען ווען איינער רעדט אויפ׳ן צווייטען לשון־הרע, זאָגען די חז״ל, איז דער עונש זיינער, אַז ער נעהמט איבער יענעמ׳ס עבירות, איז וויל איך טאַקי, רבי, אַז פון אייער מצוה פון „תיקון חצות" זאָל ווערען אַנ׳עבירה און — איך זאָל זי איבערנעהמען...

וועגען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער דערצעהלט מען, אַז בעת ער פלעגט הערען, ווי איין איד רעדט לשון־הרע אויפ׳ן צווייטען, פלעגט ער צוגעהן צו איהם און זאָגען: סערדצע־קרוין! ווי אַזוי האָסטו קיין מורא נישט צו זיין אַ מוציא לעז אויף די תפילין פון רבונו־של־עולם, אין וועלכע עס שטעהט דאָך געשריבען: „ומי כעמך ישראל"!...

דער „שפּאָלער זיידע" האָט, כידוע, אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקע התנגדות צו רבי נחמן בראַצלאַווער, און גענומען האָט זיך עס פון רכילות, וואָס עס האָט אויף איהם אָנגעטראָגען איינער פונ׳ם שפּאָלער׳ס מקורבים, אַנ׳אַלטער חסיד, וועלכער איז גאַנצע אַכט און צוואַנציג יאָהר געווען אַ שותק...

פלעגט רבי נחמן דערויף זאָגען: ליעבע ברידער, זעהט, ווי גרויס עס איז דער כוח פון לשון־הרע ר״ל! אַכט און צוואַנציג יאָהר האָט דער יצר געצוואונגען דעם דאָזיגען מענש צו שווייגען, כדי אויסצואַרבייטען איהם אַ גוטען נאָמען און אויסצוטרעטען פאַר איהם אַ וועג, אַז זיין לשון־הרע זאָל אָנגענומען ווערען...

דערפאַר — פלעגט זאָגען רבי נתן שידלאָווצער — זאָגען מיר מתפלל „ולמלשינים אַל תהי תקוה", הגם מיר האַלטען דאָך, אַז „יתמו חטאים כתיב ולא חוטאים", ווייל אויף מלשינים קאָן מען נישט מתפלל זיין און וואַרטען ביז זיי וועלען תשובה טהון, מחמת ביני לביני, ביז זיי וועלען ביי זיך פועל׳ן צו טהון תשובה, קענען זיי דערוויל נאָך אַ איד מסר׳ן...

אין די לעצטע בריעף, וואָס דער ווילנער גאון האָט געשריבען צו זיין ווייב און קינדער, בעת ער האָט זיך געגרייט צו פאָהרען קיין ארץ־ישראל, און וועלכע טראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ צוואה, געפינט זיך אַ שטעלע, אין וועלכע ער שרייבט צו די טעכטער, אַז זיי זאָלען נישט געהן שבת דאַוונען אין שוהל אַריין, כדי זיי זאָלען נישט נכשל ווערען אין די האַרבע זינד פון לשון־הרע, וועלכע איז ווי אונפערמיידליך דאָרט, וואו עס פערזאַמעלט זיך אַ גרעסערע צאָהל ווייבער... און עס איז פיעל גלייכער, אַז זיי זאָלען דאַוונען אין שטוב ביחידות...

„שלש עבירות אין אדם ניצול מהן בכל יום וכו׳ ואבק לשון הרע" (בבא בתרא קס״ג)

„אַבק לשון־הרע" — ערקלערט רבי יוסף חיים קארא — מיינט מען אַזאַ לשון־הרע, בעת וועלכען דער דערצעהלער, בכדי מען זאָל איהם גלויבען, שיט ער יענעם שטויב אין די אויגען, בעשמעלצענדיג דעם שקר מיט אַביסעל אמת...

בעת דער מהר״ם איז געקומען נאָך לובלין איז ער געגאַנגען מיט אַ וויזיט צום

מהרש״ל, וועלכער האָט אָבער געהאַט אויף איהם תרעומות, מחמת מען האָט איהם דער־צעהלט, אַז דער מהר״ם זאָל עפּיס האָבען גערעדט אויף איהם לשון־הרע. ער האָט זיך דעריבער נישט געאיילט איהם מקבל־פּנים צו זיין און אויפגענומען האָט איהם די רביצין.

די רביצין, וועלכע האָט געהאַט אַ שם אַלס אַ זעהר קלוגע אשת־חיל און גרויסע מלומדת, האָט לכבוד דעם אורח דערלאַנגט צום טיש פּירות, דערביי זענען די כלים, אין וועלכע די פּירות זענען דערלאַנגט געוואָרען, נישט ריין געווען פון שטויב.

— כ׳האָב מורא — רופט זיך אָן דער מהר״ם מיט אַ שמייכעל — אַז דאָס איז „אבק רבית״ (אַן אײדעלער שטאָך, מחמת אויף דער רביצין, דעם מהרש״ל׳ס ווייב, פלעגט מען זאָגען, אַז זי פערבאָרגט געלד אויף פּראָצענט).

— און איך, זעהט איהר, האָב מורא — רופט זיך אָן די רביצין — אַז דאָס איז „אבק לשון־הרע״...

אין ירושלמי (מס׳ פאה פ׳ א׳) ווערט געזאָגט: „איזהו לשון־הרע? האומרו והיודעו״. נאָר אין די ספרי מוסר ווערט געבראַכט, אַז מען דאַרף זיך היטען צו דערמאָהנען דעם נאָמען פון אַ מענש פאַר אַזעלכען, וועגען וועלכען מען ווייסט, אַז ער איז יענעם אַ שונא און בשעת מען וועט דערמאָהנען פאַר איהם יענעמ׳ס נאָמען וועט ער אַודאי אָנהויבען צו ריידען אויף איהם שלעכטס.

און דאָס, אַלזאָ, איז דער פּשט: „האומרו״, ווען ער רעדט אַליין לשון־הרע, „והיודעו״, און ווען ער ווייסט און איז גורם דערצו, אַז יענער זאָל ריידען לשון־הרע...
(עלה דיונה)

דער רבי ר׳ העשיל האָט געשטראָפט זיינעם אַ תלמיד דערפאַר, וואָס ער האָט גערעדט אויף עמיצען לשון־הרע און ער האָט איהם בעפויהלען, ער זאָל געהן יענעם מפייס זיין.

דער תלמיד איז אונצופרידען געווען פונ׳ם דאָזיגען בעפעהל, ערקלערענדיג, אַז יענער איז אַ פּראָסטער מענש און עס איז נישט לפי כבודו צו געהן איהם מפייס זיין. עס איז דאָך פאַרהאַן — האָט ער צוגעגעבען — אַן אַנדערע עצה אויסצוקויפען דעם דאָזיגען חטא: דורך תורה, דען עס איז דאָך אַ בפירוש׳ע גמרא: „מה תקנתו של מספר לשון הרע? אם תלמיד חכם הוא יעסוק בתורה וכו׳ ואם עם־הארץ הוא ישפיל דעתו״ (ערכין ט״ו).

— מען מיינט נישט — ענטפערט איהם דער רבי ר׳ העשיל — אַז מיט עוסק זיין בתורה איז מען מכפר דעם חטא פון לשון־הרע. מיט בלויז תורה ווערט קיין שום חטא נישט מכופר. די כוונה איז אַ גאַנץ אַנדערע. די חז״ל זאָגען, אַז „הרב שמחל על כבודו כבודו מחול״, דען עס שטעהט „ובתורתו יהגה יומם ולילה״ און קוים איז ער עוסק בתורה איז „תורה דיליה הוא״, איז עס „תורתו״, זיין תורה און זיין כבוד־התורה, אויף וועלכען ער קאָן שוין מוחל זיין (קידושין ל״ב)... און דאָס, אַלזאָ, איז דער פּשט אין דער גמרא: „אם תלמיד חכם הוא״, און ער האַלט, אַז עס איז נישט קיין כבוד־התורה צו ערנידריגען זיך פאַר אַ פּראָסטען מענש און צו געהן יענעם מפייס זיין — „יעסוק בתורה״, און דאַן וועט זיין „תורה דיליה הוא״ און ער וועט מעגען מוחל זיין אויף איהר כבוד...

פאַרוואָס דאַרף אויך אַ תלמיד־חכם נישט האָבען די זעלבע תשובה פון „ישפיל את עצמו״ און עס איז בלויז געווג, וואָס ער איז עוסק בתורה?

נאָר — ווערט געענטפערט דערויף — פּאַקטיש איז עס די זעלבע תשובה, מחמת עפּ״י רוב איז עס,ליידער, אַ בזיון און אַ שפלות אַוועקצוזעצען זיך לערנען, עפּ״י רוב קוקט מען אויף אַ בן־תורה פון אויבען אַראָב, ווי אויף אַ בטלן און לעדיג־געהער...

„על שבעה דברים נגעים באין, על לשון הרע וכו׳״ (ערכין ט״ז)

דער רבי ר׳ בונם ווייזט־אָן, אַז דער חטא פון רעדען לשון־הרע בצינעא, איז אַ פּיעל גרעסערער, ווי רעדען לשון־הרע בפרהסיא.

אַ ראיה דערצו איז פון דער גמרא דאָרט אין ערכין, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז אויף לשון־הרע שבצינעא איז קטורת מכפר (ערכין ט״ז), דער מספר לשון הרע בצינעא מוז אַלזאָ וואַרטען אויף זיין כפרה אַ גאַנץ יאָהר צייט, ביז דער כהן־גדול וועט יום־כפור מקטיר זיין קטורת און דערפון איז צו זעהען, אַז דער דאָזיגער חטא איז אַ פּיעל האַרבערער ווי בפרהסיא...

„כל המספר לשון הרע כאילו כפר בעיקר״ (ערכין ט״ו)

זעהר אָפט, ביי פערשיעדענע ענינים, דריקען זיך אויס די חז״ל: „כאילו כפר בעיקר״ און „כאילו עובד עבודה זרה״ ווי: „כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה״, „כל המתגאה כאילו עובד עבודה זרה״, „כל המעלים עין מצדקה כאילו עובד ע״ז״ א. אַ. וו. און דאָס — פלעגט זאָגען רבי אברהם טיקטינער — איז דער פשט פון פסוק: „אם אמרתי אספרה כמו הנה דור בניך בגדתי״ (תהלים עג. טו.), אויב מען זאָל וועלען איבערצעהלען די אַלע „כמו״ס״ און „כאילו״ס״, אויף וועלכע די חז״ל זאָגען אַלץ: „כאילו עובד ע״ז״, וואָלט דאָן אויסגעקומען, אַז „הנה דור בניך בגדתי״, אַז מיר בע־שטעהען חלילה פון בלויז בוגדים און פושעים, דען נישטאָ קיין איינער, וועלכער זאָל אינגאַנצען זיין ריין פון די אַלע זאַכען...

ויצא הכהן אל מחוץ למחנה... (יד. ג.)

אין מס׳ כלים פרק א׳ ווערט געזאָגט, אַז מצורעים ווערען אַרויסגעשיקט מחוץ־למחנה נור פון די שטעדט „המוקפות חומה״. דערויף ערקלערט דער ברטנורה: „המוקפות חומה מימות יהושע בן נון״.

איז דאָך קשה: דער פסוק „וארבעה אנשים מצורעים ישבו פתח השער״ (מלכים ב׳ ז.) בעציהט זיך דאָך אויף דער שטאָדט שומרון, און רש״י זאָגט דאָרט אויפ׳ן אָרט: „פתח השער — מטעם מחוץ למחנה מושבו״, אַז מען האָט זיי, הייסט עס, אַרויסגעשיקט פון דער שטאָדט מחוץ למחנה. און שומרון איז דאָך געבויט געוואָרען ערשט אין די צייטען פון עמרי, ווי מיר געפינען אין מלכים א׳ טז.: „ויבן את העיר״, און ווי עס ווערט אויך געזאָגט אין סנהדרין ק״ב: „מפני מה זכה עמרי למלכות מפני שהוסיף כרך א׳ בא״י״ — איז דאָך דערפון אַלזאָ צו זעהען, אַז דאָס משלח זיין די מצורעים מחוץ־למחנה איז אויך חל אויף אַזעלכע שטעדט, וועלכע זענען נישט „מוקפות חומה מימות יהושע בן נון״?

(רבי יעקב צבי מעקלענבורג)

ולקח למטהר שתי צפרים חיות טהורות... (יד. ד.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תורת־כהנים: „חיות — ולא שחוטות״.

וואָס איז דער זין פון דאָזיגען מאמר? ווי קאָן דען בכלל זיין אַ הוה־אמינא, אַז

מען זאָל דאָ מיינען „שחוטות״, ווערענד אין פסוק ווערט דאָך בפירוש געזאָגט: „ושחטת הצפור״, ווי אויך: „ושלח את הצפור החיה על פני השדה״״?...

„לפי שהנגעים באין על לשון הרע שהוא מעשה פטפוטי דברים לפיכך הוזקקו לטהרתו צפרים שמפטפטין תמיד״ (רש״י)

אויך ביי אַנדערע קרבנות ווערען דאָך געבראַכט צפרים, תורים ושני בני יונה, דאָס זעלבע אויך ביי זב וזבה, טאָ פאַרוואָס ווערט דאָרט נישט אָנגעוויזען קיין טעם דערויף, נאָר ביי מצורע?

נאָר אין ערגיץ געפינען מיר נישט, אַז מען זאָל ברענגען אַלס קרבן צוויי מיני בעלי־חיים צוזאַמען, נאָר אויב מען ברענגט אַ בהמה אַלס קרבן, איז אָדער מן הבקר, אָדער מן הצאן, און אויב עופות — איז אָדער תורים, אָדער בני יונה. בלויז ביי מצורע, אַלס אויסנאַהם, בעשטעהט דער קרבן פון צוויי מיני בעלי־חיים: בהמות און עופות, דריי כבשים און צוויי צפרים. איז אויב ער ברענגט אַזש דריי שעפסען, וועלכע זענען דאָך פיעל חשוב׳ער, טאָ נאָכוואָס זענען נאָך דערביי נויטיג צפרים? און דערויף ווערט ערקלערט: „לפיכך הוזקקו לטהרתו צפרים שמפטפטין תמיד״...

(תוספת ברכה)

ועץ ארז ושני תולעת ואזוב... (יד. ד.)

„לפי שהנגעים באין על גסות הרוח וכו׳ ישפיל עצמו מגאותו כתולעת ואזוב״ (רש״י)

דער „ארז״ איז מרמז אויף גאווה, דער „אזוב״ — אויף עניוות, און אויף ביידע זאַכען — האָט געזאָגט דערויף דער חידושי הרי״ם — דאַרף מען האָבען אַ כפרה, דען גאַנץ אָפט זינדיגט דער מענש אויך מיט עניוות. דער זעלבער בעל־גאווה, וואָס אויב עס איז עמיצער פוגע, חלילה, אויף אַ האָהר אין זיין כבוד, איז ער גרייט צו ווערען יענעם אַ יורד לחייו, ווערט אָפט אַ געוואַלדיגער עניו בשעת מען קומט צו איהם נאָך עפּיס אַ טובה. דאַמאָלס ווערט ער מיטאַמאָל זעהר שפל׳דיג ביי זיך, טענה׳נדיג, אַז איהם הערט מען נישט, ער האָט אַ קנאַפּע דעה ביי מענשען און ער קאָן נעביך גאָר־נישט אויפטהון...

אַ סאַווראַנער חסיד האָט אַמאָל דערצעהלט פאַר רבי ישראל ריזשינער, ווי וויית זיין רבי פלעגט זיך מתרחק־זיין פון כבוד און גאות. אַמאָל — דערצעהלט ער — איז דער סאַווראַנער רבי, רבי משה, געקומען אין אַ שטאָדט אַריין, וואו מען האָט איהם שטאַרק נוהג־כבוד געווען; בשעת די שטאָדט־לייט האָבען זיך דערוואוסט, אַז דער רבי קומט, האָבען זיי איהם אַבגעוואַרט אויפ׳ן וועג מיט אַ קאַרעטע געשפּאַנט אין פיער פערד. דער רבי האָט בעל־כרחו געמוזט אויסשטייגען פון דער אָרימער בויד און זיך אַריינזעצען אין דער בהרחבה׳דיגער קאַרעטע. וועלענדיג אָבער ממאס זיין פאַר זיך דעם כבוד המדומה, האָט ער זיך גענומען אַריינטראַכטען און איבער׳ן גאַנצען וועג גע־האַלטען אין איין רעדען צו זיך: פון וואָס מ׳שטיינס געזאָגט בעשטעהט דאָ דער כבוד? פון אַ פּאָר פערד, אַ דבר־טמא, אַ דבר מאוס... און דאַן איז איהם באַפאַלען אַזאַ עקעל, אַז ער האָט אַזש אָנגעהויבען צו ברעכען, צו ברעכען אָהן אויפהער...

— נעביך, נעביך — האָט דער ריזשינער, אויסהערענדיג די מעשה, אַ זיפץ געטהון — ער האָט שוין גאָר קיין אַנדערע עצה נישט געהאַט, ווי אַזוי צו ראַטעווען זיך פון גאות, נאָר מיט דעם וועג? פאַרהאַן אַ פיעל איינפאַכער מיטעל, ווי אַזוי צו קענען

אויפנעהמען כל מיני כבוד שבעולם און לגמרי דערפון נישט נתפעל צו ווערען — און ער האט געזאגט דערויף א משל:

— אמאל איז געווען א שר, א גרויסער שר, זיין חשיבות איז ביים מלך געווען אזוי גרויס, אז ער האט בעפוילען אלע זיינע שרים ועבדים, זיי זאלען זיך בוקען צו איהם. ויהי היום איז דער מלך געגאנגען שפאצירען מיט׳ן שר. דער המון, דאס פאלק, האט דעם מלך נישט געקענט און דערזעהענדיג דעם שר זענען זיי, לויט זייער גע־וואוינהייט, געפאלען צו דער ערד און געקניהט און זיך געבוקט פאר איהם, אבער דער שר, נישט נאר וואס ער איז נישט נתפעל געווארען פונ׳ם צוגעטיילטען כבוד, נאר ער האט זיך דערביי שטארק פערשעמט, זיין פנים האט געפלאמט פון בושה, וואס מען פער־זעהט דעם מלך און מען בוקט זיך צום שר...

רבי פנחס קאריצער פלעגט זאגען: ווי אזוי קאן מען זיין א בעל־גאוה? אויב דו האלסט זיך גרויס, ביזטו דאך נישט מקיים די תורה, וועלכע ווארענט אונז: „תועבת ד׳ כל גבה לב״ און „והוי שפל רוח בפני כל אדם״, און אויב דו ביזט נישט מקיים די תורה, טא וואס איז דער יחוס מיט דיר און וואס פאר א רעכט האסטו זיך גרויס צו האלטען?...

אויף יענער וועלט — פלעגט זאגען רבי רפאל בערשאדער — וועל איך אויף אלעם קענען געפונען א תירוץ, א חוץ אויפ׳ן חטא פון גאוה.

בעת מען וועט מיך פאר׳ן בית־דין של מעלה א פרעג טהון: „עסקת בתורה״? — וועל איך ענטפערען:

— כ׳בין ליידער געווען אנ׳עם־הארץ, כ׳האב נישט געקענט לערנען.

— האסטו כאטש א סך געדאווענט, געפאסט, געפראוועט מקוואות? — וועל איך ענטפערען:

— כ׳האב קיין כוח נישט געהאט, כ׳בין געווען שוואך.

— האסטו געגעבען צדקה?

— כ׳בין ליידער נישט אימשטאנד געווען, כ׳בין געווען ארים.

— איז אויב אזוי — וועט מען מיך דאן א פרעג טהון — אויב אנ׳עם־הארץ ביזטו געווען, קיין כוח האסטו נישט געהאט און קיין געלד האסטו אויך נישט פערמאגט, טא מיט וואס האסטו זיך געהאט איבערצונעהמען, פארוואס ביזטו נאך אזוי געשטאנען אין גרויסען?

און דערויף וועל איך באמת נישט האבען וואס צו ענטפערען...

ושלח את הצפור החיה על פני השדה... (יד. ז.)

„דבי רבי ישמעאל תנא, דאמר קרא על פני השדה — מאי שדה מותרת, אף האי נמי מותרת״ (קידושין נ״ז)

פארוואס איז דען געווען א הוה־אמינא, אז דער אוועקגעשיקטער לעבעדיגער פויגעל זאל זיין אסור?

ווייל הגם דער פויגעל אליין איז טאקי מצד עצמו אנ׳עוף טהור, וואלט איך אבער געקאנט מיינען, אז ער איז אסור צום נוצען, ווייל ער איז איינגעטונקען געווארען אין זיין חבר׳ס בלוט, ווי עס ווערט געזאגט אין פסוק „וטבל אותם ואת הצפור החיה בדם הצפור השחוטה״. עפ״י שכל וואלט אויסגעקומען, אז מען דארף נישט און מען

טאָר נישט הנאה האָבען פון אַזעלכען, וואָס האָט זיך גע׳טובל׳ט אינ׳ם בלוט פון אַנ׳איי־גענעם חבר... און דעריבער איז דערביי נויטיג דער דרש: „מאי שדה מותרת, אף האי נמי מותרת"...

(געהערט)

ואחר יבוא אל המחנה וישב מחוץ לאהלו שבעת ימים... (יד. ח.)

איוב ער מעג שוין צוריק אַריינקומען אין דער מחנה, טאָ פאַרוואָס זאָל ער נאָך אַלץ נישט טאָרען זיצען אין זיין אייגען געצעלט צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינדער?

— ווייל — האָט געזאָגט דערויף רבי שמעלקע ניקעלשבורגער — נגעים קומען אויף גסות־הרוח, אויפ׳ן חטא פון גאות, און „האי מאן דיהיר אפילו אאינשי ביתיה לא מיקבל" (בבא־בתרא צ״ח), פון אַ בעל־גאוה לײַדט אָממעהרסטען דאָס אייגענע בני־בית, און דעריבער איז זיין שטראָף צו בלייבען דערווייטערט פון דער היים אפילו דאַמאָלס, ווען עס איז איהם שוין ערלויבט אַריינצוקומען אין דער מחנה...

וכפר עליו הכהן וטהר... (יד. כ.)

דער דאָזיגער פסוק שטעהט געשריבען ביי אַ מצורע עשיר, דאַגעגען ביי אַ מצורע עני שטעהט סתם „וכפר הכהן", אָהן דעם וואָרט „וטהר"... דען אַנ׳אָרימאַן ווערט קיינמאָל נישט ריין, וואָרום פריהער, בעת ער איז געווען מצורע איז — „מצורע חשוב כמת", און איצט, ווען ער איז שוין אַפילו געוואָרען אויס מצורע, איז ווידער אַמאָל — „עני חשוב כמת"...

(וידבר משה)

ואם דל הוא ואין ידו משגת... (יד. כא.)

אין פלוג זענען די לעצטע ווערטער איבריג. נאָכוואָס דאָס דאָפּעלטע לשון: „ואם דל הוא" און „ואין ידו משגת"?

נאָר דאָס וואָרט „דל" האָט נישט שטענדיג די בעדייטונג פון מאַטעריעלער אָרימ־קייט. „דל" בעדייט אָפט קערפּערליכע, פיזישע שוואַכקייט, ווי „מדוע אתה ככה דל בן המלך" (שמואל ב׳ יג. ד.) אָדער „פרות דלות ורעות". דער אויסדרוק „דל" ווערט אויך בענוצט אין זין פון געפאַלענעם יחוס און גייסטיגע ירידה, ווי: „אלפי הדל במנשה" (שופטים ו. טו.), „ובית שאול הולכים ודלים" (שמואל ב׳ ג. א.), „ידל כבוד יעקב" (ישעי׳ יז. ד.), און דעריבער ווערט דאָ, נאָך די ווערטער „ואם דל הוא", צוגעגעבען: „ואין ידו משגת", אַז דאָס מיינט מען אַ דל אין מאַטעריעלען, פינאַנציעלען זין...

(הרב ברוך עפשטיין)

דעריבער איז דער אָרימאַן יוצא מיט אַ קלענערען קרבן, ווייל ווי עס זאָגען די חז״ל: „עניות מזבח כפרה", און אויסער דעם קרבן, וואָס ער ברענגט, ווערט זיין זינד אויסגעקויפט אויך דורך אַ צווייטע כפרה — דורכ׳ן אָרימקייט...

(תכלת מרדכי)

ביי אַנ׳אַנדערען טמא איז פאַרהאַן אין דער גמרא אַ מאַן דאמר, וואָס האַלט,

אַז אויב אַן עשיר האָט געבראַכט אַ קרבן־עני איז ער יוצא; דאַגעגען ביי אַ מצורע האַלטען אַלע, אַז „עשיר שהביא קרבן־עני לא יצא” (יומא מ״א).

פאַרוואָס איז ביי מצורע אַן אויסנאַהם?

האָט געזאָגט דערויף רבי יעקב׳קע, דער זוהן פון „נודע ביהודה”:

צווישען די זיבען חטאים, וואָס די גמרא רעכענט אויס, פאַר וועלכע מען ווערט געשטראָפט מיט נגעים, ווערט אויך דערמאָהנט: „על צרת העין” (ערכין ט״ז). וויבאַלד אַלזאָ אַ מצורע עשיר ברענגט אַ קרבן־עני בעוויזט עס, אַז ער האָט זיך נאָכנישט אויסגעהיילט פון זיין קרענק און ער איז נאָך אַלץ געבליבען דער זעלבער צר־עין וואָס פריהער, און דעריבער איז ער נישט יוצא און דער קרבן איז אויף איהם נישט מכפר...

אין סלאָנים איז געווען אַן עושר אַ מורא׳דיגער קמצן, וועלכער האָט זיך נישט פערגינען צו עסען קיין ברויט צו דער זעט און אַ לייטיש מלבוש צו טראָגען. האָט רבי אייזיל איינמאָל זיך אויסגעדריקט וועגען איהם, אַז קוקענדיג אויפ׳ן דאָזיגען בן־אדם ווערט איהם פערשטענדליך די גמרא: „עשיר ונמצא עני, עני ונמצא עשיר, אינה מקודשת” (קידושין מ״ח). אין פלוג איז דאָך קשה: בשלמא, אַז ער האָט זיך פאַרגע־שטעלט אַלס עושר ולסוף ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ אָרימאַן, איז אינה מקודשת, ווייל עס זענען קידושי טעות, דען ווען זי זאָל געווען וויסען, אַז ער איז אַ אָרימאַן, וואָלט זי נישט בעשטאַנען אויפ׳ן שידוך; אָבער „עני ונמצא עשיר” פאַרוואָס זאָל זיין אינה מקודשת? נאָר, ווי עס ווייזט אויס, רעדט זיך דאָ וועגען אַ פערבאָרגענעם עושר, אַ איד אַ חזיר, וועלכער שטעלט זיך פאָר אַלס קבצן און לעבט ווי אַ קבצן, און דערפאַר איז אינה מקודשת, ווייל אַזאַ נבזה איז גאָר נישט בכלל מענש, מיט אַזעלכען צו וואוינען איז אַ סך ערגער, ווי מיט אַן אמת׳ן אָרימאַן...

ומן השמן יצוק הכהן על כף הכהן השמאלית... (יד. כו.)

צו רבי ישראל׳טשע ריזשינער איז אַמאָל געקומען אויף שבת אַ טשערנאָבילער חסיד. ביים טיש האָט דער ריזשינער געטיילט „שיריים” מיט אַ לעפעל, וואָס עס האָט ביים טשערנאָבילער חסיד נישט נושא־חן געווען און ער האָט גענומען דוקא כאַפּען שי־ריים מיט די הענד...

רופט זיך אָן צו איהם דער ריזשינער:

ביי הזאות הדם איז די הזאה פאָרגעקומען לויט צוויי אופנים: אָדער עס איז געווען „וזרקו את הדם על המזבח סביב”. מען האָט די כלי מיט׳ן בלוט געשפריצט גלייך אויפ׳ן מזבח, אָדער „ולקח הכהן מדם חטאת באצבעו ונתן על קרנות המזבח”, דער כהן האָט איינגעטונקען דעם פינגער אין דער כלי מיט בלוט, דאַגעגען די הזאה פון שמן איז פאָרגעקומען גאַנץ אַנדערש, דאָ איז דער דין: „ומן השמן יצוק הכהן על כף השמאלית והזה הכהן באצבעו הימנית מן השמן אשר על כף השמאלית”, ער האָט פריהער אַריינ־געגאָסען פון דער כלי אַביסעל בוימאייל אין דער לינקער האַנד אַריין און דערין איינ־געטונקען יעדעס מאָל דעם פינגער פון דער רעכטער האַנד. פאַרוואָס
כהן אויך ביי דער דאָזיגער הזאה, פונקט ווי ביי דער הזאה פון דם, איינגעטונקען דעם פינגער דירעקט אין דער כלי? — ווייל דער נותר פונ׳ם לוג שמן, וואָס איז איבערגע־בליבען נאָך דער הזאה, איז נאָכהער דורך די כהנים פערנוצט געוואָרען פאַר׳ן אייגענעם געברויך צום עסען, און אין אַ כלי פון וועלכער אַ צווייטער עסט איז נישט פאַסיג אַריינ־צושטעקען די הענד...

ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם... (יד. לד.)

„בשורה היא להם וכו׳ לפי שהטמינו אמוריים מטמוניות של זהב בקירות בתיהם וכו׳ ועל ידי הנגע-נותץ הבית ומצאן" (רש״י)

איז אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס רעדט דער פסוק פון די נגעי־הבתים ווי פון אַנ׳עונש... ווייל רייך צו ווערען דורך נגעים — אויך דאָס איז נישט פון די איבריג אָנגע־נעהמע זאַכען, אויך דאָס איז אַנ׳עונש...

(אמרי שפר)

מיט נגעים ווערט מען בעשטראָפט „על גסות הרוח" און דערפאַר קומען נגעים אויך אויף בתים און בגדים, דען זיי זענען די הויפּט־גורמים פון גאוה. דער רוב בעלי־גאוה זענען די יעניגע, וואָס האָבען אייגענע הייזער און וואָס טראָגען שענע קליידער...

(רבי משה קאָברינער)

והגיד לכהן לאמר כנגע נראה לי בבית... (יד. לה.)

דען אויף „ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם" זאָגען די חז״ל: „בשורה היא להם וכו׳ לפי שהטמינו האמוריים מטמוניות של זהב בקירות בתיהם וכו׳", און דערי־בער זאָגט ער נישט: „נגע נראה לי בבית", נאָר — „כנגע", עס זעהט נור אויס ווי אַ נגע, ווי אַ צרה, אַזוי דוכט זיך איהם. באמת אָבער איז פערקעהרט — „בשורה היא להם"...

(אמרי אש)

דעריבער ווערט געברויכט דער אויסדרוק „כנגע" מיט אַ כ׳ הדמיון: אַזוי ווי אַ נגע, ווייל עס איז געוועגדעט אין מענש, ווי אַזוי ער פערוועגדעט און פערנוצט דאָס געלד. געלד קאָן ברענגען גליק און אומגליק. אויב מען ווייסט ווי זיך אומצוגעהן דער־מיט איז עס אַ ברכה, און אויב נישט — ווערט עס פערוואַנדעלט אין אַ קללה, אין אַ נגע...

(הנ״ל)

„ב׳ במסורה, כנגע נראה לי, ואידך (ירמי׳ לא. ג.) מרחוק ד׳ נראה לי" (בעל הטורים)

פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס אַליין זענען זיי פרום און אָבגעהיטען און שטאַרק נזהר אין אידישקייט, דאַגעגען אין זייערע הייזער לאָזט זיך דאָס אידישקייט גאַנץ ווייניג אָנזעהן און די קינדער ווערען דורך זיי ערצויגען אין אַ גאַנץ אנדער גייסט. דאָס בעווייזט, לײדער, אַז אויך זיי אַליין זענען אין האַרצען גאַנץ שוואַכע אידען, אַז זייער גאַנץ פרומ־קייט און יראת־שמים איז נישט מעהר ווי אַנ׳אויבערפלעכליכע, מן השפה ולחוץ. די איינציגע און ריכטיגע פּראָבע צו דער מענש מיינט ערנסט און אויפריכטיג מיט זיין פרומקייט, איז דער אופן און דרך, ווי אַזוי ער ערציהט זיינע קינדער, ווי עס ווערט געזאָגט ביי אברהם׳ען: „כי ידעתיו — למען אשר יצוה את בניו ושמרו דרך ד׳" (בראשית יח. יט.), דערפון האָב איך איהם דערקענט, דאָס איז דער בעסטער בעוויז.

אויב עס איז „כנגע נראה בבית", דאַן איז אַ סימן, אַז — „מרחוק ד׳ נראה לי", אַז אויך ער אַליין איז, לײדער, ווייט פון רבונו־של־עולם...

(פרדס יוסף)

„אפילו תלמיד־חכם ויודע שהוא נגע ודאי, לא יגזור ויאמר נגע נראה לי בבית, אלא כנגע נראה לי״ (נגעים יב. ה.)

און דערמיט ווערט פערשטענדליך דער מאמר חז״ל (ב״מ פ״ו): „ולא עוד אלא אפילו בשעה שעוסקין בנגעים ואהלות אומרים לי הבא על אשת איש מיתתו במה וכו׳״... דען עוסק זייענדיג אין נגעים, וויסען זיי דאך פונ׳ם פסוק „כנגע נראה לי״, אז מען טאר נישט שטעלען אויף זיך אפילו ביי א זאך, וואס זעהט אויס צו זיין א דבר ברור, בפרט נאך, אויב ס׳איז פאַרהאַן דערביי דער קלענסטער ספק, די מינדעסטע אונזיכערקייט...

(רבי חיים זונדעל)

וצוה הכהן ופנו את הבית... (יד. לו.)

„נגעי בתים באים על הגזל״, זאגען די חז״ל, איז דעריבער האָט דער כהן געהייסען, מען זאל פונאנדערנעהמען דאס הויז און אַרויסטראָגען אַלע כלים אין דרויסען, כדי, גאַנץ פשוט, יעדער זאל זעהן די חפצים און דערקענען, צי עס געפינט זיך נישט צווישען זיי זיינס א גע׳גזל׳ט חפץ...

זאת התורה לכל נגע הצרעת... (יד. נד.)

די תורה איז א רפואה צו אַלע ליידען, „לכל נגע הצרעת״ — „חש בראשו יעסוק בתורה וכו׳ חש בכל גופו יעסוק בתורה״ (עירובין נ״ד)...

(דגל מחנה אפרים)

„אשה רעה צרעת לבעלה״ (יבמות ס״ג)

ביי צרעת, ווי בכלל ביי א צרה, דאַרף מען זיין פאַרזיכטיג נישט אנצוריהרען עס. א מכה, אויב מען ריהרט זי אָן — ווערט זי גרעסער און צעוואַקסט זיך.

און אַזוי דאַרף מען זיך אויך אומגעהן מיט אַן אשה־רעה: נישט ענטפערען, נישט אַנריהרען איהר, נישט אַריינלאָזען זיך מיט איהר אין קיין ויכוחים, האָבען מיט איהר וואס־ווייניגער מגע־ומשא...

(אוצר דברי חכמים)

להורות ביום הטמא וביום הטהור... (יד. נז.)

„דברי תורה — זאגען די חז״ל — אין מקבלין טומאה״ (ברכות כ״ב).

להורות — לערנען, עוסק זיין בתורה, איז ערלויבט יעדען מענש און אין אַלע צייטען — ביום הטמא וביום הטהור. מעג אַזאַ איינער זיין ווי אומריין און ווי טמא, אויב ער לערנט נור תורה — וועט זי איהם סוף־כל־סוף מטהר זיין...

(משענת משה)

והנוגע בבשר הזב וכו׳ וטמא... (טו. ז.)

פאַרוואָס — האָט מען אַמאָל געפרעגט רבי מענדעלי קאָצקער — אויב א טהור ריהרט זיך אָן אין א טמא, ווערט דאַן דער טהור דורכגענומען מיט׳ן ריח־הטומאה, פאַרוואָס זאָל נישט זיין פערקעהרט, אַז דורך דער דאָזיגער בעריהרונג זאָל דער טמא

דורכגענומען ווערן מיט'ן ריח־הטהרה און ווערן טהור? „מדה טובה — האָבען מיר דאָך אַ כלל איז — מרובה ממדה של פורעניות״?

— ווייל וועגען דעם טמא — האָט דערויף רבי מענדעלי געענטפערט — איז קיין שום ספק נישטאָ, ער אַליין איז דאָך מודה, אַז ער איז טמא... דאַגעגען וועגען דעם טהור איז שווער צו זאָגען, צי ער איז טאַקי באמת אַ טהור...

והדוה בנדתה... (טו. לג.)

„והדוה בנדתה, זקנים הראשונים אמרו, שלא תכחול ולא תפקוס וכו' עד שבא רבי עקיבא ולימד, אם כן אתה מגנה על בעלה ונמצא בעלה מגרשה״ (שבת ס״ד)

דעריבער איז רבי עקיבא נישט מסכים מיט דער מיינונג פון די זקנים, און איז מקיל, אַז אַפילו אַ נדה מעג זיך פוצען און ציערען, ווייל רבי עקיבא האַלט, אַז „כי מצא בה ערות דבר — אַפילו מצא אחרת נאה הימנה״ (גיטין צ'), און דערפאַר האָט ער אַזוי מורא פאַר'ן „ונמצא בעלה מגרשה״...

(רבי יעקב, ליסער רב)

אין מדרש (מדרש רבה תזריע פרשה י״ד) ווערט געזאָגט: „אם זכה אדם אומרים לו אתה קדמת לכל מעשי בראשית, ואם לא, אומרים לו יתוש קדמוך״.

עס זענען פאַרהאַן — איז עס מסביר רבי מענדעלי וואורקער — צוויי מיני בעלי־עגלה, פאַרהאַן אַ בעל־עגלה, וואָס השי״ת ווייל איהם פערזאָרגען מיט פרנסה, גיט ער איהם אַריין אַ געדאַנק, אַז ער זאָל זיך קויפען אַ פערד־און־וואָגען און פיהרען פאַ־סאַזשירען און סחורות, בכדי ער זאָל קענען מפרנס זיין זיין בני־בית. דאַגעגען ווידער איז פאַרהאַן אַ צווייטער בעל־עגלה, וועלכען השי״ת האָט אַריינגעגעבען דעם געדאַנק צו קויפען פערד־און־וואָגען נישט בכדי ער זאָל פערזאָרגט ווערען מיט פרנסה, נאָר בכדי דאָס פערד זאָל האָבען פונוואַנען צו לעבען... אין פלוג זענען בידע בעלי־עגלות גלייך און דאָך איז פאַרהאַן צווישען זיי אַ גרויסער אונטערשיד. אין ערשטען פאַל אַרבייט דאָס פערד פאַר'ן בעל־עגלה, אין צווייטען פאַל — אַרבייט דער בעל־עגלה פאַר'ן פערד...

און דאָס — האָט ער אויסגעפיהרט — איז די כוונה פון דערמאָהנטען מדרש: „אם זכה אדם״, אויב דער מענש האָט שכל און ווייסט זיך ווי צו פיהרען, „אומרים לו אתה קדמת לכל מעשי בראשית״, איז ער קודם, איז די גאַנצע בריאה בעשאַפען גע־וואָרען פאַר זיינעטוועגען, „ואם לאו — אומרים לו יתוש קדמך״, דאַן זענען אַלע באַ־שעפענישען־מעהר יחסנים פאַר איהם און ער מוז נעביך זיין גאַנץ לעבען אַרבייטען פאַר'ן פערד'ס וועגען וד״ל...

(גדולת הצדיקים)

וארבעה אנשים היו מצורעים פתח השער... (הפטורה)

דערויף זאָגען די חז״ל, אַז די ארבעה אנשים זענען געווען „גחזי וג' בניו״.

פונוואַנען דרינגען זיי דאָס?

ווייל דער דין איז ביי אַ מצורע: „בדד ישב מחוץ למחנה״, אַז יעדער מצורע מוז זיצען אַליין אָבגעזונדערט, אַנדערש קאָן ער נישט אויסגעהיילט ווערען, טאָ פאַרוואָס

זענען דאָ געזעסען אַלע פיער מצורעים צוזאַמען? און דערפון האָבן די חז"ל געדרינגען, אַז דאָס איז געווען גחזי און זיינע דריי זיהן, וועלכע אלישע האָט פערשאָלטען: „וצרעת נעמן תדבק בך ובזרעך לעולם" (מלכים ב׳ ו.), אַז זייער צרעת זאָל זיין אונהיילבאַר, און דעריבער האָבען זיי שוין געמעגט זיצען צוזאַמען...

(אפיקי יהודה)

אַחֲרֵי מוֹת

אחרי מות שני בני אהרן... (טז. א.)

„בשביל ד׳ דברים מתו בני אהרן וכו׳ על שהיו שתויי יין וכו׳ ועל שהיו מחוסרי בגדים, מה היו חסרין? מעיל וכו׳" (מדרש רבה פ׳ כ.)

דערויף פרעגט דער רא"ש (שו"ת הרא"ש סוף כלל י"ג) אַ באמת זעהר האַרבע קשיא: ווי אַזוי זענען זיי געשטראָפט געוואָרען „על שהיו שתויי יין" ווערענד דער איסור פון „יין ושכר אל תשת" איז דאָך ערשט געזאָגט געוואָרען שפּעטער, נאָך מיתת בני אהרן?...

אויפ׳ן זעלבען אָרט פרעגט אויך דער רא"ש: על־פּי דין האָבען זיי דאָך גאָר נישט געטאָרט טראָגען קיין מעיל, דען אַ מעיל געהער דאָך צו די בגדי כהן גדול און זיי זענען דאָך געווען כהנים הדיוטים?...

ווערט דערויף געענטפערט:

דערמיט, וואָס זיי זענען אַריינגעגאַנגען לפני ולפנים, האָבען זיי בעוויזען, אַז זיי בעטראַכטען זיך פאַר כהנים גדולים, דען אַ כהן הדיוט טאָר דאָך אַהין נישט אַריינ־געהן, און ממה־נפשך איז זיי דעריבער געקומען דער עונש: זענען׳ זיי כהנים הדיוטים — וואו קומען זיי אַריינצוגעהן לפני ולפנים? האָבען זיי זיך ווידער גערעכענט אַלס כהנים גדולים — פאַרוואָס האָבען זיי נישט געטראָגען קיין מעיל?...

אויף „אחרי מות שני בני אהרן" ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן בן עוזיאל: „בתר דמיתו תרין בנוי דאהרן כהניא רברביא".

וואו געפינען מיר דען, פרעגען איניגע מפרשים, אַז נדב ואביהו זאָלען האָבען געווען כהנים גדולים? אַ טייל פּרובען דעריבער ערקלערען, אַז דאָ איז אַריינגעפאַלען אַ טעות הדפוס און עס דאַרף זיין: „בנוי דאהרן כהנא רברבא", די קינדער פון אהרן דער כהן גדול.

באמת אָבער איז דאָ קיין שום תיקון־טעות נישט נויטיג, דען אומעטום, וואו עס ווערט דערמאָהנט אין פּסוק „כהן משוח", ווי „אם כהן המשוח יחטא", „ולקח הכהן המשוח" א. אַ. וו. ווערט געזאָגט אין תרגום אונקלוס און אין תרגום יונתן: „כהנא רברבא", און וועגען נדב ואביהו ווערט דייטליך געזאָגט אין פּסוק, אַז זיי זענען געווען כהנים משוחים: „אלה שמות בני אהרן הכהנים המשוחים וכו׳ נדב ואביהו" (במדבר ג. ג.), וממילא זענען גאַנץ ריכטיג און פערשטענדליך די ווערטער פון תרגום יונתן „תרין בנוי דאהרן כהניא רברביא"...

פאַרהאַן אַ מדרש פּליאה: „כשנשרפו נדב ואביהו אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, למה קרעת לישראל את הים".

וואָס איז דער זין פון דאָזיגען מאמר, וואָס פאַר אַ המשך האָט די טענה פון קריעת ים־סוף צו מיתת נדב ואביהו?

נאָר צווישען די פערשיעדענע דעות, וואָס די חז״ל ברענגען וועגען דער סיבה, פאַרוואָס נדב ואביהו זענען נענש געוואָרען, ווערט אויך אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז זיי זענען געשטאָרבען צוליעב די זינד פון אהרנ׳ען, צוליעב דעם חטא פון עגל. לויט דער דאָזיגער מיינונג קומט אַלזאָ אויס, אַז הגם אהרן האָט דאָס געטהון באונס, ווערענדיג געצוואונגען דערצו, איז אָבער ביי עבודה זרה „אונס כרצון" און אויך אין אַזאַ פאַל דאַרף זיין „יהרג ואל יעבור".

וועגען קריעת ים־סוף זאָגען די חז״ל, אַז דער שר של מצרים האָט דאַן געטענה׳ט: „הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה, למה אלו ניצולין"? און דערויף האָט איהם השי״ת געענטפערט: „שמא אתה דן אונס כרצון"? די מצרים האָבען געדיענט די עבודה־זרה ברצון, די אידען אָבער האָבען דאָס געטהון באונס.

און דאָס אַלזאָ איז דער זין פון דערמאָהנטען מדרש: „כשנשרפו נדב ואביהו אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה, למה קרעת לישראל את הים", אויב אַהרן איז נענש געוואָרען, אַז זיינע קינדער זאָלען שטאָרבען צוליעב׳ן חטא, וואָס ער האָט געמאַכט דאָס עגל, הגם ער האָט דאָס געטהון באונס, ווייל ביי עבודה־זרה איז אונס כרצון, איז אויב אַזוי: „למה קרעת לישראל את הים", פאַרוואָס זענען די אידען, הגם זיי האָבען אין מצרים געדיענט די עבודה־זרה, ניצול געוואָרען און עס איז פאַר זיי געשפּאָלטען געוואָרען דער ים, פאַרוואָס איז אויך געגען זיי נישט אַנגעווענדעט געוואָרען די חומרא פון אונס כרצון?...

(תפארת צבי)

„כיון ששמע איוב מיתת שני בני אהרן אמר (איוב לז. א.) אף לזאת יחרד לבבי"
(מדרש רבה פרשה כ׳)

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס מיט איוב׳ן און וואָס איז דער זין פון דאָזיגען מדרש?

נאָר, אויפ׳ן פסוק „הבה נתחכמה לו פן ירבה" זאָגען די חז״ל: „ג׳ היו באותה עצה, אלו הן בלעם איוב ויתרו, בלעם שיעץ נהרג, איוב ששתק נידון ביסורים, ויתרו שברח זכו בני בניו לישב בלשכת הגזית" (סנהדרין ק״ו). וועגען נדב ואביהו זאָגען די חז״ל, אַז איינע פון זייערע חטאים, צוליעב וועלכע זיי זענען נענש געוואָרען, איז געווען וואָס „אמר לו נדב לאביהו, אימתי ימותו שני זקנים הללו ואני ואתה ננהיג את הדור" (סנהדרין נ״ב). איז אין פלוג, אויב דאָס האָט געזאָגט בלויז נדב, טאָ פאַרוואָס איז אויך זיין ברודער אביהו נענש געוואָרען? איז דערפון געדרונגען, אַז אויב איינער הערט פון אַ צווייטען אַ שלעכטען פאַרשלאָג און ער פּראָטעסטירט נישט געגען דעם און שוויגט, איז ער מיטפעראַנטוואָרטליך און אויך ער ווערט נענש, און דעריבער — „כיון ששמע איוב מיתת שני בני אהרן", אַז נישט־נור נדב, נאָר אויך אביהו איז בעשטראָפט געוואָרען פאַר זיין בלויזען שווייגען, „אמר אף לזאת יחרד לבבי"...

(פרדס יוסף)

בקרבתם לפני ד׳ וימותו... (טז. א.)

אַ מערקווירדיגע אונפערשטענדליך־שווערע שטעלע געפינען מיר אין אור־החיים אויפ׳ן דאָזיגען פסוק, נעמליך:

„ואודיע למתבונן בפנימיות השכלת המושכל שהשכלת ההשכל תשכיל ההשכלות

ובהשכל בהשכלתו ישכיל שמושכל ההשכל מושלל ההשכל וכשישכיל בהערת עצמו ולא עצמו ישכיל שהמושכל מושכל ממושכל בלתי מושכל מהשכל השכילו למשכילים ביחוד השכלתו בסוד נשמה לנשמתו וכו׳...״

פערשיעדענע חוקרים בעמיהען זיך צו ערקלערען די דאָזיגע שטעלע מיט דער הילף פון לאַנגע פילאָזאָפישע אָבהאַנדלונגען.

ואל יבוא בכל עת אל הקודש... (טז. ב.)

אויפ׳ן פסוק „עושה צדקה בכל עת״ דרש׳ענען די חז״ל „זה הזן ומפרנס את אשתו ובניו״ — ווען מען גיט, הייסט עס, דעם ווייב און קינדער פרנסה, איז עס פונקט ווי מען וואָלט שטענדיג צדקה געגעבען. אַודאַי איז עס אַ גאַנץ פיינע זאַך... אָבער — „ואַל יבוא בכל עת אל הקדש״, מיט׳ן דאָזיגען „כל עת״ איז מען נאָך פונדעסטוועגען נישט יוצא און נישט פטור פון אמת׳ער צדקה!...

(של״ה)

בזאת יבוא אהרן אל הקודש... (טז. ג.)

אין שנת ת״ח, אינ׳ם טרויעריגען יאָהר פון די שרעקליכע אידישע צרות, האָבען פערשיעדענע מקובלים דאַן אָנגעוויזען, אַז די גרויזאַמע צרות בעוויזען אויף עקבתא דמשיחא און אַז דאָס דאָזיגע יאָהר וועט מיט זיך ברענגען די גאולה, געפינענדיג דערויף אַ רמז אין פסוק: „בזאת יבא אהרן אל הקודש״, „זאת״ איז בגמטריא ת״ח.

דעם דאָזיגען רמז געפינען מיר אויך ביי רבי שמשון אָסטראָפּאָלער.

נאָכדעם, ווי דאָס יאָהר איז אַריבער און די גאולה איז ליידער נישט געקומען, זענען די אידישע מאַסען אַריינגעפאַלען אין גרויס יאוש און פערצווייפלונג און דאַן האָט דער ש״ך (רבי שבתי הכהן) פערעפענטליכט אַ קול־קורא צום פאָלק, אין וועלכען ער האָט ערקלערט:

„מאת ד׳ היתה זאת״ — דער „זאת״, דאָס יאָהר ת״ח, איז געווען בעשטימט פון השי״ת — „היא נפלאת בעינינו״ — אַז מיר זאָלען זעהן דאָס גרויסע וואונדער, אָבער „זה היום עשה ד׳״ — די מניעה דערצו איז געווען דער „היום״, ווי די חז״ל דערצעהלען אין סנהדרין: בשעת רבי יהושע בן לוי האָט געפרעגט משיח׳ן: „אימתי אתי מר״? האָט ער געענטפערט: „היום, היום אם בקולי תשמעו״.

פריהער פון אַלעם דאַרפען אידען תשובה טהון, און דער דאָזיגער „היום״, די תשובה — דאָס האָט לײדער געפעהלט...

כתונת בד קודש ילבש... (טז. ד.)

דערויף ווערט געזאָגט אין אבן־עזרא: „ולא הזכיר האפוד והחשן ומעיל האפוד, כי כבר הזכיר ונשמע קולו בבואו אל הקדש״.

דאָס זעלבע זאָגט אויך דער רשב״ם אין פ׳ תצוה, און אַ פלא! עס איז דאָך אַ בפירושע גמרא (ר״ה כ״ו), אַז בשעת דער עבודת יום הכפורים האָט דער כהן געטראָגען נור אַרבעה בגדים!...

(רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָן)

שני שעירי עזים לחטאת... (טז. ה.)

„שני — שיהי' שניהם שוין, במראה ובקומה וכו'" (יומא ס"ב)

און פונדעסטוועגן, כאָטש אויסערליך זענען זיי געוועןביידע גליך, איז איינער געווען לד' און דער צווייטער — לעזאזל...

און דעריבער זאָגט די גמרא (שבועות ב'), אַז די שעירים האָבען מכפר געווען על טומאת מקדש וקדשיו, דען דוקא ביי קדושה־זאַכען איז שווער אויסערליך מבחין צו זיין, ווער ס'איז באמת לד', ווער עס מיינט ערנסט און אויפריכטיג מיט דער קדושה און ווער עס איז — לעזאזל...

ונתן אהרן על שני השעירים גורלות... (טז. ח.)

ביידע שעירים זענען געווען גליך. דער שעיר לעזאזל האָט נישט מעהר בעטראָפען, ווי דער שעיר לד'. מען פערלאַנגט נישט פון אייך — האָט מען דערמיט בעוויזען די אידען — צופיעל. זאָל די צדקה און די אַלע נתינות, וואָס מען פאָדערט פון אייך אויף הייליגע צוועקען, בעטרעפען על־כל־פנים אַזוי פיעל, וויפיעל איהר זענט מפזר אויף לוקסוס און פערוויילונגען. געב פאַר'ן אויבערשטען כאָטש אַזוי פיעל, וויפיעל דו גיסט פאַר'ן טייוועל'ס־וועגען...

(הרב י. לאַזאַראָוו)

ונתן את הקטורת על האש... (טז. יג.)

חסידים דערצעהלען: דער בעש"ט האָט אין דער יוגענד משמש געווען דעם בעריהמטען גאון רבי יצחק'ל דראָהאָביטשער. איינמאָל, בשעת ער האָט איהם דערלאַנגט קאַווע, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט וואַרטען ביז דער גאון וועט אויסטרינקען און נאָכהער האָט ער צוריקגעטראָגען דאָס ליידיגע טעפעל.

צעשמייכעלט זיך רבי יצחק'ל און זאָגט: מילא, דאָס ברענגען די קאַווע פאַרשטעה איך, ווייל דו מיינסט אַודאי, אַז דו ביזט דערמיט משמש אַ תלמיד־חכם, אָבער וואָס פאַר אַ מצוה האָסטו פונ'ם צוריקטראָגען די לעדיגע טעפלעך?

ענטפערט דער בעש"ט: אויך דער החזרת הכף (דאָס צוריקנעהמען דעם אויסגע־לעדיגטען לעפעל פון די קטורת ביי דער עבודת יום הכפורים) האָט געהערט צו דער עבודה...

רבי יצחק'ל דראָהאָביטשער איז נתפעל געוואָרען פון דער תשובה און ער זאָל איהם האָבען דערויף געענטפערט, אַז — „אויב אַזוי, דאַרף איך פון היינט אָן אייך משמש זיין"...

השוכן אתם בתוך טומאותם... (טז. טז.)

„אעפ"י שהם טמאים — שכינה ביניהם" (רש"י)

רבי העשיל אַפּטער איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָדט אַריין, האָבען זיך צוויי רייכע בעלי־בתים געריסען איבער איהם, יעדער פון זיי האָט געוואָלט, ער זאָל האָבען ביי איהם אכסניא. איינער פון זיי איז געווען אַ איד אַ תלמיד־חכם, נאָר אַ גרויסער

בעל־גאוה, דער צווייטער ווידער האָט געהאַט אַן אַנדערען חסרון — ער איז נישט געווען קיין גרויסער זהיר במצוות.

אויסגעקליבען האָט דער אַפּטער דעם צווייטען, און ווען די חסידים האָבען זיך דערויף געוואונדערט, האָט ער זיי געענטפערט: אויף אַ בעל־עבירה זאָגט די תורה „השוכן אתם בתוך טומאותם" — „אַפי' שהם טמאים שכינה ביניהם", איז אויב דעם רבונו־של־עולם שטעהט אָן צו וואוינען מיט איהם אין איין דירה, שטעהט מיר אודאי אָן. דאַגעגען אויף אַ בעל־גאוה ווערט געזאָגט: „אין אני והוא יכולים לדור בכפיפה אחת"...

וכפר בעדו וכו' ובעד כל קהל ישראל... (טז. יז.)

„כפרתו קודמת וכו' לכפרת כל קהל ישראל" (יומא מ"ו)

פאַרוואָס אייגענטליך איז כפרתו קודמת, ווערהענד אומעטום, ביי אַלע ענינים, זעהען מיר דאָך, אַז דער קהל, דער צבור, איז וויכטיגער און פריהער פאַר'ן יחיד?

ווייל מכפר זיין אויף אַן אַנדערען קאָן מען נישט פריהער, כל־זמן מען איז אַליין נישט ריין פון זינד...

„כך היה מתודה, חטאתי ועויתי ופשעתי לפניך וכו' וכן בדוד הוא אומר חטאנו עם אבותינו העוינו והרשענו" (יומא ל"ו)

און די גמרא פיהרט דאָרט אויס, אַז חטא מיינט מען — בשוגג, און עוון ורשע — במזיד.

פרעגט זיך: פאַרוואָס ביי חטא, ביי שוגג, ווערט געזאָגט אין פסוק: „חטאנו עם אבותינו", דאַגעגען ביי עוון ורשע, ביי מזיד, ווערט נישט דערמאָהנט דאָס וואָרט „אַבותינו", נאָר סתם: „העוינו והרשענו"?

ווייל ביי אַן עבירה במזיד, בכוונה, קאָן מען נישט וואַרפען די שולד אויף די עלטערען, אַזאַ עבירה טהוט דער מענש אַליין, מיט'ן אייגענעם רצון. דאַגעגען ביי אַן־עבירה, וואָס אַ מענש טהוט בשוגג, ווייל ער האָט נישט געוואוסט, אַז מען טאָר נישט, זענען אין אַ געוויסער מאָס אויך די עלטערען שולדיג. אָדער עס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבען מיט איהם נישט געלערענט און איהם נישט מדריך געווען בדרך התורה, אָדער — זיי פלעגען אַליין טהון די דאָזיגע עבירות און ער האָט זיך פערקוקט אויף זיי און געמיינט, אַז מען מעג...

(מהרש"א)

ונתן אותם על ראש השעיר... (טז. כא.)

„על ראש השעיר" — אויף עשיו'ן. „הן עשיו אחי איש שעיר"... אויף איהם, אויף זיין קאָפּ דאַרפען אַרויפגעלייגט ווערען אַלע אונזערע חטאים ועונות. ער — מיט זיינע אונאויפהערליכע רדיפות געגען אונז, איז פאַראַנטוואָרטליך. דאָס האָט ער, עשיו, דערפיהרט אונז צום דאָזיגען געפאַלענעם זינדיגען מצב...

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער)

עהנליך פלעגט אויך זאָגען רבי פנחס קאָריצער: „מואב סיר רחצי, על אדום אשליך נעלי"! זיי זענען אין אַלעם שולדיג, זיי... בעפריי אונז נור, רבונו־של־

עולם, פון זייערע הענד, פיהר אונז צוריק אין אונזער לאַנד און דו וועסט זעהען, אדרבה, צי מיר וועלען נישט איבערנאַכט שענער און בעסער ווערען!...

ושלח ביד איש עתי המדברה... (טז. כא.)

אין דער גמרא (יומא ס״ו) ווערט געזאָגט, און אַזוי זאָגט אויך רש״י דאָ אויפ׳ן אָרט: „איש עתי — המוכן לכך מיום אתמול״, דאַגעגען אין תרגום יונתן בן עוזיאל ווערט געזאָגט: „די מזמן מן אשתקד״, אַז דער שליח זאָל נאָך פון פאַראַיאָהרען זיין צוגעגרייט צום דאָזיגען שליחות, און דער רשב״ם און רד״ק טייטשען: „איש עתי המדברה — איש הבקי בדרכים ומדבריות שהולך שם כל עת״.

בחודש השביעי בעשור לחודש תענו את נפשותיכם... (טז. כט.)

בשעת רבי אַברהם׳לע סאָכאַטשאָווער איז געווען אַ פינף־יעהריג יונגעל האָט איהם איינמאָל דער פאָטער, יום כפור נאָך שחרית, געהייסען אַהיימגעהן עפּעס עסען.

צוריקקומענדיג פרעגט איהם דער פאָטער, צי ער האָט קידוש געמאַכט פאַר׳ן עסען.

— ניין — מאַכט ער — כ׳האָב טאַקי געטראַכט וועגען דעם און עס איז מיר איינגעפאַלען, אַז מען דאַרף נישט, ווייל לעולם איז דאָך אַ קטן פטור מן המצוות, נאָר וואָס דען? מען דאַרף איהם מחנך זיין, ער זאָל זיך צוגעוואוינען זיי מקיים צו זיין בשעת ער וועט עלטער ווערען. ביי אַזאַ אויסטערלישע מצוה אָבער, צו מאַכען אום יום־כפור קידוש פאַר׳ן עסען, איז נישט שייך קיין חינוך, וואָרום אַז כ׳וועל אי״ה עלטער ווערען, וועל איך דאָך פאַסטען...

(אביר הרועים)

מכל חטאתיכם לפני ד׳ תטהרו... (טז. ל.)

„עבירות שבין אדם למקום יום הכפורים מכפר, עבירות שבין אדם לחבירו אין יוה״כ מכפר עד שירצה את חבירו״ (יומא פ״ה)

דערויף ווערט געטייטשט (און אויך געפּסקנ׳ט להלכה) אין שו״ת „חות יאיר״, אַז „עבירות שבין אדם לחבירו אין יום־כפורים מכפר עד שירצה את חבירו״, איז דער פשט, אַז דאַמאָלס איז יום־כפור אַפילו אויף די עבירות שבין אדם למקום אויך נישט מכפר...

לכפר על בני ישראל מכל חטאתם אחת בשנה... (טז. לד.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש: „אחת בשנה — ולא שתים, ולא שלש״. וואָס ווערט געמיינט דערמיט?

אין יומא (פ״ו) ווערען אויסגערעכענט „ארבעה חלוקי כפרה״ אויף פערשיעדענע עבירות, וועלכע טיילען זיך אויף דריי קאַטעגאָריעס: (א) עבירות אויף וועלכע יום כפור אַליין איז מכפר, (ב) עבירות אויף וועלכע עס קענען נור מכפר זיין יסורים, (ג) עבירות אויף וועלכע עס קאָן קיין שום זאַך נישט מכפר זיין אַ חוץ מיתה... און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין פון מדרש: „אחת בשנה״ — זאָלען על־כל־פנים, די זינד געהערען

צו דער ערשטער קאַטעגאָריע חטאים, אויף וועלכע יום כפור איז מכפר — „ולא שתים ולא שלש", און נישט, חלילה, צו דער צווייטער און דריטער קאַטעגאָריע, וועלכע מען קאָן אַנדערש נישט אויסקויפען, נור דורך יסורים און מיתה...
(חתם סופר)

וכל נפש אשר תאכל נבלה וטרפה... (יז. טו.)

אויף אַ גרויסער וואַרשעווער אסיפה וועגען שחיטה־גזירות האָט דער סאכאטשעווער רבי געזאָגט אין זיין רעדע:

— „וכל נפש אשר תאכל נבלה וטרפה", עס שטעהט נישט אין פסוק „וכל איש אשר יאכל", נאָר „וכל נפש", דען בשעת אַ מענש עסט, חלילה, נבלות וטרפות, ווערט נישט בלויז דער גוף דערמיט אַנגעגעסען, נאָר אויך דער נפש, די נשמה. עס איז מטמטם און מטמא — ווי דער רמב"ן ערקלערט עס באריכות — דעם גאַנצען מענש, זיין גאַנצען גייסטיגען מהות...

דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם אני ד' אלקיכם... (יח. ב.)

אין ברכות י"ד ווערט געזאָגט, אַז אין ארץ־ישראל פלעגט מען נישט זאָגען ביי מעריב די לעצטע פרשה פון קריאַת־שמע, די פרשה פון ציצית, ווייל ביינאַכט איז דער דין פון ציצית נישט נוהג. אַנשטאָט דער גאַנצער פרשה פלעגט מען מקצר זיין און בלויז זאָגען: „דבר אל בני ישראל ואָמרת אֲליהם אַני ד' אלקיכם", ס'הייסט דעם ערשטען האַלבען פסוק פון דער פרשה און דעם לעצטען האַלבען.

שטעלען זיך דערויף פיעל פון די ראשונים און אַחרונים. ווי אַזוי — פרעגען זיי — מעג מען נעהמען פסוקים און פונאַנדערטיילען זיי אויף דער העלפט, ווערענד מיר האָבען דאָך אַ בפירוש'ן כלל אין דער גמרא: „כל פרשה דלא פסקה משה, אַנן לא פסקינן"? — עס ווערען געגעבען וועגען דעם פערשידענע תירוצים... קומט אָבער דער ווילנער גאון און פערענטפערט די האַרבע פראַגע אויף אַ גאָר פשוט'ען אופן. ער ווייזט, בעמליך, אָן, אַז דידאָזיגע צוויי האַלבע פסוקים פון פרשת קריאַת־שמע זענען אין אַנ'אַנדער אָרט פעראייניגט אין אַ גאַנצען פסוק, נעמליך: דער אויבען־ציטירטער פסוק פון דערדאָזיגער סדרה — „דבר אל בני ישראל ואָמרת אֲליהם אַני ד' אלקיכם"...

כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו... (יח. ג.)

איהר זאָלט להבא זיך נישט נוהג זיין, ווי איהר האָט זיך נוהג געווען דאַמאָלס. איהר זאָלט נישט טהון „כמעשה ארץ מצרים" — ווי איהר האָט זיך נוהג געווען אין מצרים — „אַשר ישבתם בה" — וואו איהר זענט אין גלות, אין פרעמדען לאַנד, זיך געזעסען בקביעות, ווי ביי זיך אין דער היים, אָהן חשק אַרויסצוגעהן פון דאָרט, און איהר זאָלט זיך נישט אויפפיהרען „כמעשה ארץ כנען" — ווי אייער איצטיגע בעציאונג צום לאַנד כנען, ווען אַנשטאָט צו לויפען מיט שמחה אין אייגענעם לאַנד — „אַשר אני מביא אתכם שמה" — דאַרף איך אייך מיט גוואַלד איבערפיהרען און ברענגען אַהין!...

(לויט'ן כלי יקר)

אויב איהר ווילט וויסען, ווי אַזוי איהר האָט זיך אויפצופיהרען, קוקט זיך צו צו דער „מעשה ארץ מצרים" און צו די „מעשה ארץ כנען" און — טהוט פערקעהרט... און דאָס איז דער פשט פון פסוק: „לך מנגד לאיש כסיל ובל ידעת שפתי דעת" (ישעי' יד. ז.). אויב ס'איז „בל ידעת שפתי דעת", אויב דו האָסט נישט אַליין גענוג דעת צו קענען מבחין זיין בין טוב לרע, וועלכער עס איז דער ריכטיגער און וועלכער דער פאַלשער וועג, איז די עצה דערצו: „לך מנגד לאיש כסיל", וואָס דער כסיל טהוט — טהו פערקעהרט...

(שפתי דעת פון כלי יקר)

„מגיד שמעשיהם של מצריים ושל כנעניים מקולקלים מכל האומות ואותו מקום שישבו בו ישראל מקולקל מן הכל" (רש"י)

אַ געוויסער רוסישער פּראָפעסאָר האָט אַמאָל אַנגעוויזען דעם בעקאַנטען גע־לעהרטען אברהם אלי' הרכבי אויף אַ ציטאַטע, וואָס דער משומד בראָפמאַן ימ"ש ברענגט אין זיין בוך וועגען „אידישען קהל". ער ברענגט דאָרט דעם פסוק „כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה וכו'" און דעם סוף פון רש"יס ווערטער: „ואותו מקום שישבו בו ישראל מקולקל מן הכל", פון וואָס עס בעקומט זיך דער זין, אַז די אידען מאַכען קאַליע די גויים, אַז דאָרט וואו אידען וואוינען זענען די גויים פיעל ערגער, ווי די גויים פון אַנדערע מקומות...

— נו, וואָס וועט איהר זאָגען דערויף? — פרעגט איהם דער פּראָפעסאָר, אַליין אויך אַ שונא־ישראל, מיט אַ טריאומפירענדען שמייכעל.

— וואָס זאָל איך זאָגען — ענטפערט איהם הרכבי — ליידער איז עס אמת. אָט נעהמט, למשל, די רוסען... ווען עס וואָלטען נישט געווען קיין אידען, וואָלטען זיי נישט געהאַט אויף וועמען צו מאַכען פּאָגראָמען, זיי וואָלטען נישט פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַזעלכע ווילדע חיות און וואָלטען נישט בעגאַנגען אַזעלכע גרויזאַמע רציחות, קומט דאָך טאַקי אויס, אַז מיר מאַכען זיי קאַליע, מיר ברענגען זיי צו שפיכת־דמים און צוליעב אונז ווערען זיי אַזעלכע אונמענשליכע פּראים, צוליעב אונז...

ובחקותיהם לא תלכו... (יח. ג.)

דען אידען האָבען, ליידער, אַ טבע נאָכצוטהון די גויים אַפילו אין אַזעלכע זאַכען, וועלכע זענען „חוקים", וואָס האָבען קיין שום זין און טעם נישט...

(יוסף דעת)

דער רמב"ם (הלכות עכו"ם פי"א) רעכענט אויס אַ רייה ביישפּיעלען, וועלכע געהערען אַריין אין כלל פון „חוקות הגוים", ווי למשל: „לא ילבש במלבוש המיוחד להם, לא יגדל ציצית ראשו כמוהם, לא יגלח מן הצדדין וכו' כמו שהם עושים, לא יבנה מקומות כבנין של עכו"ם" וכו'. דאָס זעלבע ווערט געזאָגט אין שו"ע יו"ד קע"ח. אָבער דערויף בעמערקט דאָרט דער רמ"א און זאָגט: „וכל זה אינו אסור אלא בדבר שנהגו בו עכו"ם לשם פריצות וכו' או בדבר שנהגו למנהג ולחק" וכו'. ד. ה. זאַכען, וועלכע טראָגען אַ געוויסען רעליגיעזען כאַראַקטער און וועגען וועלכע עס איז דעריבער מורא צו האָבען פאַר'ן „פן תנקש אחריהם", אָבער נישט אַזעלכע זאַכען, וועלכע זענען איינגעפיהרט געוואָרען צוליעב בעקוועמליכקייט און שענקייט.

איבריגענס, געבען אונז די חז"ל וועגען דעם גאַנץ דייטליכע אָנווייזונגען: „כתיב כמשפטי הגוים אשר סביבותיכם לא עשיתם, וכתיב וכמשפטי הגוים אשר

סביבותיכם עשיתם, כמתוקנין שבהן לא עשיתם, כמקולקלין שבהן עשיתם" (סנהדרין ל"ט). נאָר אויף זייערע שלעכטע מעשים, הייסט עס, בעציהט זיך דער „ובחוקותיהם לא תלכו", אָבער נישט אויף די גוטע מעשים...

את משפטי תעשו ואת חקותי תשמרו ללכת בהם... (יח. ד.)

עס דאַרף כסדר זיין „ללכת בהם", כסדר שטייגען, נישט בלייבען שטעהן אויף אַנ'אָרט. ביי תורה איז די עמידה — אַ ירידה... און דערפאַר ווערט געזאָגט: „דור שבן דוד בא בו זקנים יעמדו מפני הנעורים", די זקנים וועלען דאַן בלייבען הינטער־שטעליג און שטעהן אויף איין אָרט, אויף איין מדרגה מיט די נעורים...

(כתב סופר)

„את משפטי תעשו — דברים שאלמלא נכתבו דין הוא שיכתבו ואלו הן: עכו"ם וגלוי עריות ושפיכות דמים וגזל וכו', את חקותי תשמרו — דברים שהשטן משיב עליהן ואלו הן: אכילת חזיר ולבישת שעטנז וכו' ושמא תאמר מעשה תוהו הם? תלמוד לומר אני ד', אני ד' חקקתיו ואין לך רשות להרהר בהן" (יומא ס"ז)

אין פלוג איז די שאלה: „ושמא תאמר מעשה תוהו הם" אונפערשטענדליך. אַ גלויביגער פרומער איד וועט דאָך, חלילה, נישט וואַגען אויסצודריקען זיך, אַז די געטליכע ווערטער פון · דער תורה זענען זינלאָז, מעשה־תוהו, אלא ווידער, אויב דאָס וועט זאָגען אַנ'אפיקורס, אַ כופר, וואָס פאַר אַנ'ענטפער איז פאַר אַזאַ איינעם: „אני ד' חקקתיו ואין לך רשות להרהר בהן"? אויב ער גלויבט נישט, גלויבט ער דאָך אין דעם אויך נישט?...

נאָר, ווי עס שיינט, האָט דאָ דער אויסדרוק „מעשה תוהו הם" אַ גאַנץ אַנדערע בעדייטונג, עהנליך צו דעם, וואָס דער רמב"ן זאָגט אויפ'ן פסוק „והארץ היתה תוהו ובוהו" און נעמליך: „הוא החומר הראשון נקרא ליונים היולי, ואחר ההיולי לא ברא דבר, אבל יצר ועשה ממנו, כי ממנו המציא הכל והלביש הצורות ותקן אותם"... און דאָס איז אויך דער זין פון דערמאָהנטען מאמר: „ושמא תאמר מעשה תוהו הם", אַז די מצוות פון דער תורה האָבען דעם כאַראַקטער פון אומבעאַרבייטען רויה־שטאָף, וועלכעס לאָזט זיך ענדערען און אָננעהמען פערשיעדענע פאָרמען און צורות, ענט־שפרעכענד צו די בעדינגונגען און צום גייסט פון יעדער צייט — „תלמוד לומר אני ד', אני ד' חקקתיו ואין לך רשות להרהר בהן", און אַזוי ווי איך ענדער זיך נישט, אַזוי לאָזען זיך אויך די געבאָטען פון דער תורה, אַלס פעסטגעשטעלטע אייביגע געזעצען, נישט ענדערען!...

(ר. גוטקאָווסקי)

ושמרתם את חקותי וכו' אשר יעשה אותם האדם וחי בהם אני ד'... (יח. ה.)

פאַרהאַן אַזעלכע „מצוות שכליות" וואָס זענען דורך אַלעמען אָנגענומען און דורך אַלעמען אַנערקענט, וואָס דער שכל איז זיי מחייב אַלס זאַכען, וואָס זענען נויטוועגדיג פאַר'ן מענשליכען צוזאַמענלעבען. אָבער אויפ'ן מענשליכען שכל קאָן מען זיך נישט צו־שטאַרק סומך זיין. דאָס, וואָס דער שכל דיקטירט היינט אַלס פערברעך, קאָן מאָר־גען דורכ'ן זעלבען שכל, דורך פערשיעדענע „לאָגישע אַרגומענטען", אַנערקענט ווע־רען אַלס טויגענד... און דעריבער: ושמרתם את חקותי ואת משפטי — אויך די דאָזיגע חוקים ומשפטים — אשר יעשה אותם האדם — וועלכע ווערען אַנערקענט

דורך אַלע מענשען, ווייל עס איז — וחי בהם — זאָלט איהר אָבהיטען, נישט דערפאַר, ווייל דער שכל איז אַזוי מחייב, נאָר ווייל — אני ד׳ — ווייל איך הייס אייך אַזוי טהון. אויפ׳ן שכל זאָלט איהר זיך נישט פערלאָזען...

(ישועות יעקב)

איהר זאָלט אָבהיטען אויך די חוקים ומשפטים, וועלכע וועלען געמאַכט ווערען דורך מענשען, אויך די תקנות, די גדרים, די סייגים, וואָס די חז״ל האָבען מתקן געווען...

(רבי שלום מרדכי מברעזאַן)

וחי בהם — נור מיט די חוקים ומשפטים פון דער תורה קענט איהר בלייבען לעבען און עקזיסטירען, נאָר זיי וועלען אויפהאַלטען און פערזיכערען אייער קיום און אייך אָבהיטען אין אַלע צייטען און אונטער די שווערסטע בעדינגונגען פון אונ־טערגאַנג אַלס פאָלק!

(מטה אהרן)

די מצוות דאַרפען דורכ׳ן מענש געטהון ווערען נישט ערשט דאַמאָלס, ווען ער איז שוין אויף דער עלטער, ווען ער האָט שוין קיין כוח צו זינדיגען, ווען ער שטעהט שוין מיט איין פוס אין קבר, נאָר — „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם״, ווען ער איז נאָך יונג און געזונד און פול מיט לעבען...

(רבי מענדעלע קאָצקער)

„וחי בהם״... לעבעדיגע מצוות זאָלען עס זיין, פול מיט חיות און מיט ברען, נישט קיין טויטע מצוות, קיין „מצוות אנשים מלומדה״...

(הנ״ל)

אַפילו אַ גוי, אויב ער איז עוסק בתורה, איז ער חשוב ווי אַ כהן־גדול, דען עס שטעהט: „אשר יעשה אותם האדם״... עס שטעהט נישט: „כהנים לויים וישראלים״, נאָר „האדם״...

(בבא קמא ל״ח)

אין אַן אַנדער שטעלע (סנהדרין נ״ט) געפינען מיר אַ פערקעהרטע מיינונג: „גוי שעוסק בתורה — חייב מיתה״... עס איז וועגען דעם שוין אַ סך געשריבען געוואָרען. דערדאָזיגער שטרענגער אורטייל ווערט ערקלערט דערמיט, וואָס אין יענער צייט, ווען די אידישע שונאים פלעגען זוכען פערשיעדענע בלבולים אויף אידען, פלעגען געוויסע צוררים זיך פערמאַסקירען און קומען צו אידישע חכמים זיך בעקענען כלומר׳שט מיט דער אידישער תורה, כדי נאָכדעם, מיט דער הילף פון בייזוויליג־געפעלשטע ציטאַטען, צו קאָנען שיטען פעך און שוועבעל אויף אידען און אויף דער אידישער רעליגיע... דערדאָזיגער מאמר בעציהט זיך אָבער אין קיין פאַל נישט אויף די יעניגע נישט־אידישע געלעהרטע, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט׳ן למוד פון דער אידישער תורה אָהן צו האָבען דערביי בייזוויליגע כוונות. וועגען אַזעלכע שרייבט דייטליך דער יעב״ץ אין זיין ספר „לחם שמים״: „כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה וכו׳ — כל לאתויי גוי״...

(„אוצר לשון חכמים״, „סניגור״ פון ר׳ אליעזר־צבי צוויפעל און אַנדערע)

דער בעקאַנטער רוסישער בילדונגס־מיניסטער, אובאַראָוו, וועלכער האָט געלעבט אין די יאָהרען פון פאַריגען יאָהרהונדערט, האָט געהאַט אַ שם פאַר זעהר אַ ליבעראַלען מענש און אוהב־ישראל. פיעל פון די דאַמאַלסדיגע העברעאישע משכילים האָבען איהם זאָגאַר געווידמעט ספּעציעלע שירים, אין וועלכע זיי האָבען איהם מליצה'דיג גערופען „אבי־רב"... איינמאָל האָט ער זיך געווענדעט צום בעריהמטען אידישען משכיל און בילדונג־פערשפּרייטער ביי אידען, ראַזענטהאַל, און אויסגעדריקט פאַר איהם זיין פערלאַנג, אַז ער וואָלט זיך וועלען בעקענען מיט'ן כאַראַקטער פון תלמוד, מיט זיין אַרט אויפפאַסונג און בעהאַנדלונג פון פערשיעדענע פּראָבלעמען, מיט זיין לאָגיק און טיעפזיניגקייט, וועגען וואָס ער האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעהערט. ער וואָלט וועלען דעריי־בער, מען זאָל פאַר איהם אויפזוכען איינע פון די אינטערעסאַנטע, שאַרפזיניגע תלמוד'ישע אַבהאַנדלונגען און עס איהם געגוי אויפקלערען.

ראַזענטהאַל האָט דעם פאַרשלאַג פונ'ם מיניסטער אָנגענומען מיט גרויס צופרי־דענהייט, בעטענדיג עטליכע טעג צייט אויף צוצוגרייטען זיך. דאַן איז ער אַוועק צו צוויי בעקאַנטע אידישע געלעהרטע אין פּעטערבורג און, איבערגעבענדיג זיי אובאַ־ראָוו'ס פערלאַנג, האָט ער זיך מיט זיי מיישב געווען, וואָס פאַר אַנ'ענין מען זאָל פאַר איהם אויסקלויבען. אַלע דריי זענען געווען איינשטימיג, אַז אַזעלכע סוגיות, וואָס זענען געבויט אויף כללים פון קל־וחומר און גזירה־שוה, אָדער די סוגיות פון טומאה וטהרה, צי די ענינים פון מוקצה, פגול, נותר וכדומה — אַזעלכע זאַכען קאָן מען מיט'ן מיניסטער נישט לערנען, מחמת זיין קאָפּ וועט דאָס בשום־אופן נישט פאַר־נעהמען... לערנען דאַרף מען מיט איהם עפּיס אַ וועלטליכע זאַך פון דיני־ממונות — און זיי האָבען דעריבער אויסגעקליבען די בעריהמטע חריפות'דיגע שיטה פון „תגרי־לוד" (בבא־מציעא דף נ'), וועלכע איז דורך־און־דורך אַ סוחר'ישע זאַך...

אַלע דריי האָבען זיך מיט גרויס התמדה אַ נעהם געטהון צום ענין, איבער וועלכען זיי זענען געזעסען עטליכע טעג, געלערנט נישט בלויז די גמרא, נאָר אויך רש"י מיט תוספות און מיט אַלע איבעריגע מפרשים, דורכשטודירענדיג געגוי די גאַנצע טיעפזיניגע שקלא־וטריא, און זיך אַזוי לאַנג דערין מפלפל געווען, ביז אַלע סברות זענען געווען פאַר זיי פולקאָם קלאָר...

אין עטליכע טעג אַרום, אַבשמועסענדיג פריהער אַ בעשטימטע צייט, איז ראַזענ־טהאַל געקומען צום מיניסטער אַהיים און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט איהם קנעלען...

אָנגעהויבען האָט מען קודם־כל פון דער משנה, וועלכע ראַזענטהאַל האָט איהם איבערזעצעט און זעהר קלאָר אויסגעטייטשט, דאַן איז מען אַריבער צו דער גמרא, דאַן צו רש"י, אויפקלערענדיג איהם יעדע קליינינגקייט אין אַ זעהר פּאָפּולערער און לייכטער פאָרם, געלאַסען, טריט נאָך טריט, צוקייענדיג ממש איטליכעס וואָרט. דער מיניסטער איז די גאַנצע צייט געזעסען מיט אַנ'ערנסט־צונויפגעקנייטשטען שטערען, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויףביידע עלענבויגענס. מען האָט געזעהן, אַז ער איז אַריינ־געטהון דערין מיט אַלע חושים און אַז אויסער די „תגרי לוד" אינטערעסירט איהם איצט נישט קיין שום זאַך אין דער וועלט...

געענדיגט, האָט דער מיניסטער טיעף אָבגעאָטעמט; דער מוח זיינער, איז קענטיג געווען, האָט במשך פון דער לעקציע גאָר מורא'דיג געאַרבייט — און דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו ראַזענטהאַל'ן מיט דער ביטע, ער זאָל עס איהם איבערזאָגען נאָכ־אַמאָל, אָבער טאַקע פון אָנהויב ביז'ן סוף...

פערפּאַלען! נעהמט ער מיט איהם נאָכאַמאָל קנעלען, בעמיהענדיג זיך מסביר צו זיין איהם דעם ענין אויף אַ נאָך מעהר לייכטערען און קלאָרערען אופן... איצט,

דוכט זיך, איז שוין די זאַך אַזוי פּשוט, אַז אַפילו אַ קינד וואָלט שוין געקאָנט פאַר־שטעהן... געענדיגט, האָט זיך דער מיניסטער אויפגעהויבען פון פּלאַץ און אומ־שפּאַצירט הין און צוריק איבער'ן צימער, רייבענדיג דעם שטערען — און דאַן האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און, קוקענדיג אויף ראָזענטהאַל'ן מיט אַ מינע פון איינעם, וועלכער איז זעהר פאַר'דאגה'ט און מלא־יאוש, האָט ער פונאַנדערגעשפּרייט די הענד און ערקלערט:

— „ניע פּאָנימאַיו"!... כ'פערשטעה נישט!...

די גאַנצע אַרבייט איז געווען אַרויסגעוואָרפען...

(מקור ברוך)

איש איש אל כל שאר בשרו לא תקרבו... (יח. ו.)

דער פּשוט'ער טעם, פאַרוואָס מען לייענט די פּרשת עריות אום יום־כפור איז דערפאַר, ווייל ווי עס דערצעהלען אונז די חז"ל: „לא היו ימים טובים לישראל כבט' באב ויום הכפורים שבהם בנות ישראל יוצאות במחולות ואומרות בחור שא עיניך", האָט מען דעריבער געלייענט אינ'ם דאָזיגען טאָג די פ' עריות, כדי מזהיר צו זיין דאָס יונגוואַרג און זיי וואָרענען, זיי זאָלען נישט נכשל ווערען בעבירה...

(רבי אליעזר מגרמיזא)

ואשה אל אחותה לא תקח... (יח. יח.)

לעתיד לבוא — ווערט געזאָגט אין מדרש — בשעת מען וועט מכבד זיין יעקב'ן מיט'ן כוס צו בענשען, וועט ער זיך אָבזאָגען דערפון, ערקלערענדיג: „עלי כתיב ואשה אל אחותה לא תקח".

וואָס עפּיס „עלי כתיב"? דער דאָזיגער פּסוק איז דאָך געזאָגט געוואָרען אויף אַלעמען, נישט בלויז אויף יעקב'ן?

נאָר דאָס לשון אין פּסוק זעהט אין פלוג אויס צו זיין נישט ריכטיג, דען די צווייטע שוועסטער געהט ער דאָך נעהמען ערשט שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט שוין גענומען די ערשטע שוועסטער פאַר אַ פרוי, און אויב אַזוי האָט דאָך געדאַרפט שטעהן: „ואחותה אל אשה לא תקח"?...

בלויז אין בעצוג צו יעקב'ן געשיקט זיך דאָס דאָזיגע לשון, דען ביי יעקב'ן איז דאָך רחל געווען די עקרת הבית, נור מיט איהר האָט ער געוואָלט חתונה האָבען, און בלויז עפ"י טעות האָט ער גענומען פריהער די שוועסטער, און דערפאַר טאָקי איז — „עלי כתיב ואשה אל אחותה לא תקח"...

(רבי ר' העשיל)

ולא תעשו מכל התועבות האלה... (יח. כו.)

רבי הערשעלע בערלינער האָט אַמאָל געזאָגט אין אַ דרשה:

„רובן בגזל ומעוטן בעריות" (בבא בתרא קכ"ח). אין פּוילען זענען די אידען אַ גרויסער קיבוץ (רובן) איז זייער חטא „בגזל" מחמת זייענדיג אַזוי פיעל אידען בע"ה צוזאַמען אויף איין אָרט, צווינגט זיי די ביטערע פּרנסה צו קאָנקורענץ, צו נישט עהרליכען האַנדעל. דאַגעגען „ומעוטן" — אין דייטשלאַנד, וואו דער אידישער קיבוץ איז אַ קלענערער און די פּרנסה קומט אָן לייכטער, איז ווידער אַנ'אומגליק „בעריות",

איז נעביך דאָס אידישע פאַמיליען־לעבען געשלאָגען, עס מעהרען זיך בעוו"ה די גע־מישטע חתונות...

— רבי — רופט זיך אָן דערויף אַ בערלינער בעל־הבית — איך בין געווען אין פוילען און אויך דאָרט האָב איך געזעהען פאַלען פון געמישטע חתונות...

רבי הערשעלע טהוט אַ טרויעריגען זיפץ און ענטפערט:

— קיין חדוש נישט. אַז עס איז „רובן בגזל", נו, האָבען זיי שוין, ווייזט אויס, אויך די דאָזיגע התנהגות גע'גזל'ט ביי די דייטשע אידען...

(צבי לצדיק)

ולא תקיא הארץ אתכם... (יח. כח.)

ס'איז אַ משל — זאָגט דערויף דער דובנער מגיד — צו איינעם, וועלכער האָט געהאַט אַ בן־יחיד און גלייכצייטיג האָט ער אויך ערצויגען ביי זיך אין הויז אַ פרעמדען יתום. לימים האָבען די ביידע קינדער שווער געזינדיגט, אָבגעטהון אַ מיאוס'ע מעשה, און דער פאָטער איז אין כעס געוואָרען און האָט באַשלאָסען זיי שטרענג צו בעשטראָפען: דעם בן־יחיד זיינעם האָט ער געשלאָגען מכות נמרצות, דעם פרעמדען יתום דאַגעגען האָט ער אינגאַנצען פון שטוב אַרויסגעטריבען.

און דאָס זאָגט דער פסוק: „ולא תקיא הארץ אתכם בטמאכם אותה, כאשר קאה את הגוי אשר לפניכם", די פרעמדע אומות האָט דאָס לאַנד פאַר זייערע זינד אינ־גאַנצען אויסגעשפּיגען און אַרויסגעטריבען פון זיך, ביי אייך דאַגעגען וועט זיין: „כי כל אשר יעשה מכל התועבות האלה ונכרתו הנפשות העושות מקרב עמם", איהר וועט שטרענג באַשטראָפט ווערען, פעראורטיילט ווערען צו כרת, אָבער איהר וועט נישט אויסגעשפּיגען ווערען פון לאַנד, זי וועט נישט איבעררייסען מיט אייך די בעציהונגען און נישט פערשליסען פאַר אייך אויף שטענדיג די טויערען, וואָרום, „אני ד' אלקיכם", איך בין אייער גאָט, אייער פאָטער, און אַ פאָטער פערטרייבט נישט פון זיך זיין קינד, זיין בן־יחיד, אויף שטענדיג...

אַ צווייטער משל פון דובנער מגיד:

משל למה הדבר דומה? צו איינעם, וואָס האָט חתונה מיט אַ גרושה, וועלכע האָט פריהער געהאַט אַ מאַן אַ הולטיי. אַזאַ פרוי איז שטאַרק איפּערזיכטיג אויפ'ן צווייטען מאַן. זי האָט אַלץ מורא, צי געהט ער נישט אַמאָל אינ'ם ערשטען מאַנ'ס דרכים, אויף טריט און שריט איז זי איהם חושד. מיט אַזאַ פרוי, וועלכע האָט כסדר פאַר זיך דאָס בילד פונ'ם ערשטען, אויסגעלאַסענעם מאַן, איז די ערשטע צייט טאַקי אַ ביסעל שווער צו לעבען. אַ מעלה האָט זי אָבער, וואָס אויב זי איבערצייגט זיך, אַז דער דאָזיגער צווייטער מאַן איז נישט געראָטען אינ'ם ערשטען, ווייסט זי איהם דאַן, ווי צו שעצען...

כך, אַזוי איז מיט ארץ־ישראל. „כי את כל התועבות האל עשו אנשי הארץ אשר לפניכם ותטמא הארץ". זי האָט זיך זעהר פיעל אָנגעליטען פון די פריהערדיגע מענער, די אמוריים און די כנענים, און זי איז דעריבער געוואָרען זעהר עמפינדליך, שטאַרק איפּערזיכטיג. אַ מעלה האָט זי אָבער, וואָס אויב זי וועט זיך איבערצייגען, אַז איהר זענט נישט געראָטען אין יענע הולטייעס, וועט זי ווי זי וויסען, ווי אַזוי אייך צו שעצען און „ולא תקיא הארץ אתכם", וועט זי אייך נישט אויסשפּייען, זיך פון אייך נישט שיידען, און וואָס־פאַר אַ רוגז עס זאָל צווישען אייך נישט פאַרקומען, וועט זי אָבער שטענדיג גרייט זיין זיך מיט אייך איבערצובעטען...

ארץ־ישראל האָט אין זיך די אייגנשאַפט, אַז דער, וואָס איז נישט ראוי צו זיצן אין הייליגן לאַנד און דאָס לאַנד וויל איהם נישט האָבען ביי זיך, דעם גיט די השגחה אריין אַן עקעל צום דאָזיגען לאַנד, כדי ער זאָל נישט האָבען קיין חשק זיך צו בעזעצן דאָרט און ער נעהמט אויסריידען אויף ארץ־ישראל די ערגסטע רכילות. ער ווייסט אָבער נישט, דער דאָזיגער מענש, אַז דאָס רעדט נישט פון איהם זיין פיינדשאַפט צו ארץ־ישראל, נאָר די פיינדשאַפט פון ארץ־ישראל צו איהם...

(רבי צבי הירש קאַלישער)

צום הרב קוק איז אַמאָל אַריינגעקומען אַן אָרטאָדאָקסישער אַמעריקאַנער איד, וועלכער האָט זיך באַזעצט מיט זיין פאַמיליע אין ארץ־ישראל, און איהם ערקלערט, אַז ער האָט בעשלאָסען צוריקצופאָהרען קיין אַמעריקאַ. עס געפעלט איהם נישט דאָ.

— וואָס איז?

— בעזעצט האָט ער זיך אין ארץ־ישראל צוליעב דעם, כדי ער זאָל קענען ערציהען די קינדער אין פרומען אידישען גייסט, ולסוף — זענען פאַראַן אין לאַנד אַזוי פיעל מחללי־שבת, אַזוי פיעל פרייע חלוצים...

הרב קוק פערטראַכט זיך אַ ווייַלע און דאַן פערפיהרט ער מיט איהם אַ שמועס אויף אַן אַנדערע טעמא. דרך־אגב גיט ער איהם אַ פרעג, וועלכעס עס איז דאָס בעסטע קור־אָרט אין אַמעריקא... דער איד אינפאָרמירט איהם און רופט איהם אָן דעם נאָמען פון׳ם בעסטען אַמעריקאַנער קור־אָרט, וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהר זעלטענער לופט.

— עט — מאַכט הרב קוק — זייענדיג אין אַמעריקא בין איך גראַד געווען אין׳ם דאָזיגען קור־אָרט און אויף טריט און שריט האָב איך דאָרט באַגעגענט לונגען־ליידענדע מענשען, וואָס שפייען ל״ע מיט בלוט, טאָ וואָס איז עס פאַר אַ גוטע לופט?

— אַדרבה — גיט איהם דער אַמעריקאַנער איד צו פערשטעהען — ווייל די לופט איז אַזוי גוט, קומען דאָרט אַהין אַלע קראַנקע...

— זעהר ריכטיג — איז הרב קוק מיט איהם מסכים — מיט ארץ־ישראל איז אויך אַזוי... דערפאַר זעהט מען דאָ אַזויפיעל קראַנקע אידען אין רעליגיעזען זין, ווייל „אוירא דארץ ישראל מחכים״, ווייל די לופט דאָ איז זעהר היילבאַר פאַר אַזעלכע קרענק און פון דער גאַנצער וועלט קומט מען דאָ אַהער געזונט ווערען...

קְדוֹשִׁים

קדושים תהיו... (יט. ב.)

און בכדי צו דערגרייכען צו דער מדרגה פון „קדושים" ווערט נישט געפאָדערט פון אייך קיין אונגעוועהנליכע און אונמעגליכע זאַכען. וואָס איך פערלאַנג פון אייך איז בלויז: איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו... לא תגנובו ולא תכחשו ולא תשקרו... לא תעשוק את רעך ולא תגזול ולא תלין פעולת שכיר... לא תקלל חרש... לא תעשו עול במשפט... לא תשנא את אחיך... לא תקום ולא תטור... אָט דאָס איז עס אינגאַנצען, וואָס ס'איז נויטיג אום צו פערדיענען דעם נאָמען „קדוש"...

(חמש ידות)

„מלמד שפרשה זו נאמרה בהקהל" (מדרש)

רבי יונתן אייבעשיץ האָט אַמאָל געזאָגט די דאָזיגע ווערטער צו איינעם אַ פּרוש, וועלכער האָט זיך געהאַלטען אָבגעזונדערט פון מענשען. „קדושים תהיו"! — לערענט אונז די תורה, אָבער — „פרשה זו נאמרה בהקהל", נישט אָנטלויפען פון קהל, נישט פּראַווען קיין התבודדות און נזירות. נזירות איז געגען גייסט פון אידענטום...

נישט ווי עס האָבען געפּרעדיגט די אַמאָליגע משכילים: „היה יהודי באהלך ואדם בצאתך", נישט בלויז אין דער היים, ביי זיך אין שטוב, זאָל מען זיין אַ קדוש און עפענטליך זאָל מען זיך שעמען מיט'ן אידישקייט, נאָר — „פרשה זו נאמרה בהקהל!", אויך אין דער עפענטליכקייט, אין גאַס, צווישען בעקאַנטע און אונבעקאַנטע, זאָל מען זיך נישט שעמען מיט דער אידישער קדושה!...

(דברי שערי חיים)

קדושים תהיו כי קדוש אני... (יט. ב.)

„קדושים תהיו" — זייט קדושים, אָבער נישט קיין פרושים, נישט אָבגעשיידט און אָבגעזונדערט פון דער וועלט... „כי קדוש אני" — אויך איך בין אַ קדוש און פונדעסטוועגען גיב איך זיך אָב מיט אַלעמען, אינטערעסיר זיך מיט יעדער זאַך און — „מלא כל הארץ כבודי"...

(כתב סופר)

„קדושים תהיו"... עטליכע פרומע אידען זענען איינמאָל געקומען צו ר' חיים וואָלאָזשינער און האָבען פערלאַנגט פון איהם, ער זאָל מחרים־זיין איניגע געוויסע שטאָדט־משכילים, וועלכע זענען מזלזל במצוות. האָט זיי רבי חיים דערויף געענטפערט:

אין פרשת־קדושים שטעהען נאָכאַנאַנד דריי פסוקים: „קדושים תהיו״... „איש אמו ואָביו תיראו״... „אַל תפנו אל האלילים״... און צום סוף פון יעדען פסוק ווערט צוגעגעבען: „אני ד׳ אלקיכם״. אָט די דריי פסוקים זענען געגען די דריי פערשידענע קאַטעגאָריעס אידען. צו דער ערשטער קאַטעגאָריע, די אמת־פרומע, די שומרי התורה והמצוות, זאָגט דער פסוק: „קדושים תהיו״ — פון אייך בין איך זעהר צופרידען און איך גיב אייך מיין הסכמה: „אני ד׳״... צו דער צווייטער קאַטעגאָריע, די בינונים, אידען פון אַ גאַנץ יאָהר, זאָגט ווייטער די תורה: „איש אמו ואָביו תיראו״ — איהר, וועלכע קענט נישט לערנען, זייט כאָטש מכבד אייערע עלטערן, און איך גיב אייך דערפאַר מיין אונטערשריפט: „אני ד׳״... צו דער דריטער קאַטעגאָריע אידען, וואָס וויסען גאָרנישט פון אידישקייט, צו זיי זאָגט די תורה: „אַל תפנו אל האלילים״ — שמד׳ט זיך נישט, דיענט כאָטש נישט קיין עבודה־זרה, וועט איהר אויך פערערכענט ווערען פאַר אידען: „אני ד׳״...

קדושים תהיו וכו׳ איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו... (יט. ב. ג.)

די שטאַרקסטע תאוה פון אַלע מענשליכע תאוות איז די תאוה צו געלד, און נאָר דער, וועלכער בעוויזט צו ברעכען די דאָזיגע תאוה, פערדינט אָנגערופען צו ווערען מיט׳ן נאָמען „קדוש״, ווי מיר געפינען ביי די חז״ל: „ואמאי קרי ליה לרבי מנחם בן סימאי בנן של קדושים? משום דלא אסתכל בצורתא דזוזא״ (פסחים ק״ד).

און דאָס זאָגט אונז דער פסוק: „קדושים תהיו״, און דער הויפּט־בעוויז, צי איהר האָט ווירקליך דערגרייכט צו דער מדרגה פון קדושים, וועט זיין, אויב — „איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו״, דען די דאָזיגעביידע מצוות, אויסהאַלטען די עלטערן און אָבהיטען שבת, זענען אָפט פערבינדען מיט גרויסע קאָסטען און געלט־פערלוסט...

(אור יעקב)

„שלשה שותפים באדם: הקב״ה אביו ואמו״ (נדה ל״א) און עס איז דעריבער וועניג, וואָס מען וועט בעפרידיגען די צוויי שותפים און מקיים זיין דעם „איש אמו ואביו תיראו״, עס איז דערצו נויטיג אויך דער „ואת שבתותי תשמורו״ — מען דאַרף אויך דעם דריטען שותף צופרידענשטעלען...

(שובה ישראל)

איש אמו ואביו תיראו... (יט. ג.)

נאָכ׳ן דורכפאַל פון פוילישען אויפשטאַנד אין יאָהר 1863, האָט דער רוסישער גובערנאַטאָר גערופען דעם דאַמאָלסדיגען וואַרשעווער רב, רבי בעריש מייזעלש, און איהם פאָרגעוואָרפען הלמאי ער האָט געשטיצט און איז געגאַנגען האַנד־ביי־האַנד מיט די אויפשטענדער. צי ווייסט איהר נישט — האָט דער גובערנאַטאָר גערופען — אַז דער קייזער איז דער הערשער און פאַטער פון דאָזיגען לאַנד און אַז איהר זענט דער־מיט אַ מורד־במלכות?

דערויף זאָל איהם דער וואַרשעווער רב האָבען געענטפערט:

— דער קייזער איז טאַקי דער „פאָטער״, אָבער די ערד, אויף וועלכער מיר

וואוינען דאָ, איז די מוטער. און דער שטיגער איז, אַז בעת דער פאָטער מיט דער מוטער קריגען זיך, האַלטען די קינדער שטענדיג מיט דער מוטער...

לעני ולגר תעזוב אותם וכו׳ לא תגנובו... (יט. י. יא.)

האָב רחמנות אויף אָרימע לייט, געב צדקה, אָבער — „לא תגנובו״, צדקה זאָלסטו געבען נור מיט דיין געלד, נישט מיט אַזעלכע געלדער, וואָס שטאַמען פון גנבה וגזילה...

(תפארת שלמה)

העלפט די אָרימע, שטיצט די געפאַלענע, און דאַן — „לא תגנובו״, וועט ממילא נישט קומען דערצו, מען זאָל דאַרפען גנב׳ענען און גזל׳ענען...

און דאָס איז אויך דער טייטש: „יחוס על דל ואביון... מתוך ומחמס יגאל נפשם״... (תהלים ע״ב, יג. יד.) — אויב דו וועסט רחמנות האָבען אויפ׳ן דל און אביון, וועסטו זיי דערמיט אויסליזען „מתוך ומחמס״, וועלען זיי פערשפּאַרען צו פערנעהמען זיך מיט רויב און גזילה...

(עמודי שיש)

לא תגנובו... (יט. יא.)

דער דין איז, לויט׳ן רמב״ם און אַנדערע פוסקים, אַז אויב צוויי מענשען האָבען גע׳גנב׳עט און פערקויפט אַ נפש, קומט זיי נישט קיין מיתה, דאַגעגען אויב צוויי האָבען בשותפות גע׳גנב׳עט געלד, זענען זיי חייב בתשלומי כפל.

פרעגען די מפרשים: וואו איז דער מקור פון דער דאָזיגער הלכה, פונוואַנען איז עס גענומען געוואָרען?

ערקלערט דערויף רבי פנחס הלוי הורוויץ (בעל הפלאה):

אין די עשרת־הדברות שטעהט „לא תגנוב״ בלשון יחיד, און דערויף זאָגען די חז״ל, אַז דאָס איז „אזהרה לגונב נפשות״, און דעריבער, אויב די גנבה איז אויס־געפיהרט געוואָרען נישט דורך אַ יחיד, נאָר דורך אַ רבים, דורך עטליכע שותפים, זענען זיי פטור. אין קדושים דאַגעגען שטעהט „לא תגנובו״ בלשון רבים, און דערויף ווערט געזאָגט, אַז דאָס איז „אזהרה לגונב ממון״, און דעריבער זענען ביי גנבת ממון אויך שותפים חייב...

פאַרוואָס שטעהט דאָ „לא תגנובו״ בלשון רבים, ווערענד ביי די עשרת־הדברות ווערט געזאָגט בלשון יחיד: „לא תגנוב״?

ווייל דאָ, ווי עס איז צו זעהען פון די ווייטערע פסוקים, רעדט זיך וועגען מסחר, וועגען סוחר׳ישע גנבה, און אַזאַ גנבה איז עפ״י רוב אַ דאָפּעלטע: דער מוכר בע׳גנב׳עט און בעשווינדעלט דעם קונה און דער קונה — דעם מוכר...

(אור עולם)

„לא ת ג נ ו ב ו״ — בלשון־רבים: מחמת אויך דער, וואָס ז ע ה ט, ווי יענער גנב׳עט, און ער פ ע ר ש ו ו י י ג ט — אויך ע ר איז אַ גנב!...

(אבן עזרא)

„לא תגנובו" — בלשון־רבים: ווייל איין גנבה איז גורם די צווייטע. עפ"י רוב זענען זיך מענשען מורה־היתר: יענער האט מיך בעשווינדעלט און בע׳גנב׳עט, מעג איך בע׳גנב׳ענען א צווייטען...

(תפארת יהונתן)

עס איז מיר שטענדיג געווען קשה — פלעגט זאגען דער קעלמער מגיד — פארוואס אין פ׳ קדושים האט די תורה געשטעלט דעם איסור גנבה בלשון רבים, ביז איך האב געזעהען א מעשה און דאס האט מיך געברענגט אויפ׳ן ריכטיגען פשט: ביי א אידענע, מיינע א שכנה, האט מען צוגע׳גנב׳עט א הוהן. די אידענע האט וועגען דעם קיינעם נישט· דערצעהלט, נאר זי איז אוועק אין שכנות׳דיגען הויף און גענומען זיך די ערשטע בעסטע הוהן, וואס עס איז איהר געקומען אונטער דער האנד. יענע, ווידער, באמערקענדיג די גנבה, האט אויך געטהון דאס זעלבע: זי איז אוועק אין א דריטען הויף און צוגענומען א הוהן, און אזוי איז עס געגאנגען כסדר, ביז עס איז פון עק שטאדט אנגעלאפען א פויערטע מיט א געוואלד, אז מען האט ביי איהר גע׳גנב׳עט א הוהן... און דאן האב איך פערשטאנען, אז אין דער גרויסער וועלט איז אויך דאס זעלבע: ווען ראובן בע׳גנב׳עט שמעונ׳ען, נעהמט שמעון און זוכט אב זיין שאדען ביי לוי׳ן, לוי טהוט דאס זעלבע ביי יהודה׳ן און אזוי ארום מאכט אפט איין־איינציגע גנבה צעהנדליגער מענשען פאר גנבים...

לא תגנובו ולא תכחשו ולא תשקרו... (יט. יא.)

צום לאדזער רב, רבי אלי׳ חיים מייזיל, איז אמאל געקומען א איד א סוחר און איהם פערטרויט אזא מעשה:

— אליין — זאגט דער איד — בין איך נישט קיין היגער, פון לאמזע בין איך, פון דער זעלבער שטאדט, וואו איהר, רבי, זענט פריהער געווען רב. געקומען בין איך קיין לאדז אין געשעפטליכע ענינים און בין איינגעשטאנען אין אן׳אכסניא ביי דעם און דעם. היינט פריה האב איך געזאלט אהיימפאהרען. כ׳האב מיך אבגערעכענט מיט׳ן בעל־אכסניא, אבגעגעבען איהם דעם שליסעל פון צימער און בין אוועק צו דער באהן. כ׳קום אויפ׳ן וואקזאל, כ׳וויל צוגעהן קויפען א בילעט, כאפ איך זיך, אז כ׳האב דעם טייסטער מיט׳ן געלד צוזאמען מיט׳ן גאלדענעם זייגער פארגעסען אין דער אכסניא, וואו כ׳האב עס ארונטערגעלעגט פאר׳ן שלאפען אונטער׳ן קישען. לויף איך צוריק אין דער אכסניא און דערצעהל דעם בעל־אכסניא, אז כ׳האב פארגעסען אין צימער דאס געלד מיט׳ן זייגער, אויף וואס ער ענטפערט מיר מיט א תמעוואטע מינע, אז ער איז נאך ביי מיר אין צימער נישט געווען און אז ער איז גרייט מיט מיר ארויפצוגעהן א זוך טהון.

מיר געהען אריין אין צימער, דערקען איך תיכף, אז מען איז שוין יא דא געווען, און ווי דאס הארץ האט מיר געזאגט — אונטער׳ן קישען איז שוין גארנישט גע־לעגען... א שוויס בעגיסט מיך און עס ווערט מיר פינסטער פאר די אויגען. אין טייסטער האב איך געהאט ליגען א היבשע סומע געלד און וועקסלען. א פערצוויי־פעלטער נעהם איך נישטערען אין אלע ווינקעלעך. דער בעל־אכסניא שטעהט די גאנצע צייט אן א זייט און ער „בערוהיגט" מיך, אז מסתמא האט מען ביי מיר דאס געלט ארויסגע׳גנב׳עט אין גאס, אויף וואס איך הויב אן שרייען, אז דאס איז אויס־געשלאסען, מחמת כ׳געדענק קלאר, אז פאר׳ן שלאפען האב איך דעם טייסטער אוועק־געלעגט אונטער׳ן קישען און היינט אין דער פריה האב איך עס נישט ארויסגענומען.

דאָ ווערט שוין דער בעל־אכסניא בייז און ער ענטפערט מיר מיט כעס, אַז ביי איהם אין אַכסניא גנב׳עט מען נישט, ביי איהם איז קיינמאָל קיין פאָדעם נישט פערלוירען געוואָרען... זעה איך דאָך, אַז איך וועל מיט איהם גאָרנישט מאַכען, האָב איך נישט גערעדט מעהר קיין וואָרט און בין אַוועקגעגאַנגען, און אָט בין איך געקומען, רבי, צו אייך. פון אייער חכמה, רבי, רעדט מען נאָך עד־היום ביי אונז אין לאָמזע. גיט־זשע מיר, רבי, אַן־עצה, ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען מיין געלד. ביי מיר איז ברור כשמש, אַז דער בעל־אַכסניא אַליין האָט עס אַרויסגענומען.

רבי אלי׳ חיים האָט גראָד געקענט דעם בעל־אַכסניא. ערשט מיט עטליכע טעג צוריק האָט ער געהאָט ביי איהם אַ דין־תורה, וואו ער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס נישט עהרליכער מאַן. הייסט רבי אלי׳ חיים וואַרטען דעם סוחר אין אַ צווייטען צימער און ער שיקט דעם שמש רופען דעם בעל־אַכסניא. יענער, מיינענדיג, אַז דער רב רופט איהם מכוח דער דין־תורה, איז תיכף געקומען.

פערפיהרט רבי אלי׳ חיים מיט איהם אַ שמועס, און טאַקי מכוח יענער דין־תורה. דער בעל־אַכסניא היצט זיך און וויזט אויף, אַז ער איז גערעכט, און אַ טבע האָט ער געהאַט צו האַלטען תמיד אין האַנד אַ זילבערנע טאַבאַק־פושקע.

— זייט מוחל — זאָגט צו איהם רבי אלי׳ חיים — גיט מיר אַ שמעק־טאַבאַק.

גיט ער רבי אלי׳ חיים׳ן די טאַבאַק־פושקע. רבי אלי׳ חיים נעהמט איינמאָל אַ שמעק־טאַבאַק, אַ צווייט מאָל, און יענער האַלט אַלץ אין ריידען.

פלוצלונג הויבט זיך רבי אלי׳ חיים אויף, בעט דעם בעל־אַכסניא מוחל זיין אַ ווײלע, און געהט אַרויס פון בית־דין שטוב.

— לויף שוין — מאַכט ער צום שמש — צום בעל־אַכסניא אַהיים און זאָג זיין ווייב, אַז דער מאַן איהרער, וועלכער זיצט איצט ביים רב, האָט געהייסען אַרויסגעבען דעם טייסטער מיט׳ן גאָלדענעם זייגער, וואָס דער לאָמזער סוחר האָט היינט פאַר־געסען. פאַר אַ סימן האָט ער געשיקט די זילבערנע טאַבאַק־פושקע זיינע.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט איז שוין דער שמש געווען צוריק מיט׳ן טייסטער און מיט׳ן זייגער...

רבי אלי׳ חיים איז אַריין צוריק אין בית־דין, גענומען נאָך אַ שמעק־טאַבאַק און אָבגעגעבען דעם בעל־אַכסניא די טאַבאַק־פושקע, געשמועסט מיט איהם אַ ביסעל, ביז יענער האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַוועקגעגאַנגען.

און דאַן האָט רבי אלי׳ חיים אַריינגערופען דעם לאָמזער סוחר, אויסגעפרעגט איהם די סימנים און איהם אָבגעגעבען די גנבה...

(די וועלט דערצעהלט)

ולא תשקרו איש בעמיתו... (יט. יא.)

אַ ליגנער — פלעגט זאָגען דער קעלמער מגיד — איז ערגער פון אַ גנב און פון אַ גזלן: אַ גנב גנב׳עט ביינאַכט און נישט ביטאָג, — ביטאָג האָט ער מורא; אַ גזלן ווידער גזל׳ט ביטאָג און ביינאַכט, אָבער נאָר פון אַ יחיד, נישט פון אַ רבים — פאַר אַ רבים האָט ער מורא... דאַגעגען אַ שקרן זאָגט ליגען סיי ביטאָג, סיי ביינאַכט, סיי פאַר אַ יחיד, סיי פאַר אַ רבים!...

„ולא תשקרו איש בעמיתו״... דעם אויבערשטען — קאָן מען נישט נאַרען; לייטען — טאָר מען נישט נאַרען; זיך — בלייבט מען אַליין אַ נאַר!...

(רבי משה קאָברינער)

רבי פנחס קאָריצער פלעגט זאָגען:

— דרייצעהן יאָהר האָב איך מיך געלערנט נישט צו זאָגען קיין שקר, און דרייצעהן יאָהר האָב איך מיך געלערנט צו זאָגען אמת...

אַלץ אין דער וועלט קאָן מען נאָכמאַכען, אַ חוץ דעם אמת: מחמת אַנ'אמת, אַז ער איז נאָכגעמאַכט, איז ער שוין קיין אמת נישט!...

(רבי מענדעלע קאָצקער)

— וואָס איז דער חילוק — האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט רבי יחזקאל שינעווער — צווישען מיר און מיין ברודער ברוך? — ברוך האָט ליעב דעם אמת, און איך האָב פיינט דעם שקר...

דער לובלינער רב, רבי עזריאל, „דער אייזערנער קאָפּ", איז געווען, כידוע, אַ שאַרפער מתנגד פון חסידות.

בשעת רבי יעקב־יצחק, דער לובלינער „חוזה", איז נתגלה געוואָרען און דער עולם האָט אָנגעהויבען פאָהרען צו איהם, האָט רבי עזריאל אויף איהם שטאַרק מתרעם געווען און פלעגט איהם כסדר פאָרוואַרפען, הלמאַי ער פיהרט זיך מעשה־רבי, בעת ער ווייסט אַליין, אַז ער איז אַ פּשוט'ער איד.

— וואָס זאָל איך טהון — האָט איהם איינמאָל דער „חוזה" דערויף געענטפערט — אַז דער עולם קומט צו מיר?

— האָט איהר אַנ'עצה — זאָגט צו איהם רבי עזריאל: — בעת דער עולם וועט קומען צו אייך, זאָלט איהר זיי זאָגען דעם אמת, אַז איהר זענט אַ פּשוט'ער איד, וועלען זיי מעהר נישט קומען.

האָט דער „חוזה" אַזוי געטהון. שבת, ביים טיש, בעת דער עולם איז געזעסען אַרום, האָט זיך דער „חוזה" אויפגעשטעלט און ערקלערט מיט אַ געבראָכען געמיט: זייט וויסען, רבותי, אַז איך בין אַ פּראָסטער איד, אָהן תורה און אָהן יראה, און איהר האָט נישט פון מיר וואָס צו לערנען...

איז דער עולם חסידים אַריין אין התלהבות פונ'ם רבי'ס עניוות און מען האָט זיך נאָך שטאַרקער אָן איהם מתדבק געווען.

אין עטליכע טעג אַרום טרעפט ר' עזריאל דעם „חוזה", פרעגט ער איהם:

— נו, איהר האָט געפאָלגט מיין עצה?

— יאָ — ענטפערט ער און זיפצט — עס האָט אָבער נישט געהאָלפען. להיפוך, דער עולם האָט עס אָנגענומען פאַר עניוות און מען קומט נאָך מעהר...

— אויב אַזוי — רופט זיך־אָן רבי עזריאל — האָב איך אַנ'אַנדער עצה. זאָגט זיי, פערקעהרט, אַז איהר זענט אַ גאון, אַ צדיק, וועלען זיי אַנטלויפען צוליב אייער גאוה...

— ניין, דאָס וועל איך נישט טהון — ענטפערט דער „חוזה" — קיין רבי בין איך טאַקע נישט, אָבער קיין שקרן בין איך אויך נישט!...

בעת רבי יאָשע־בער איז געווען רב אין בריסק, זענען אַמאָל אַריינגעקומען צו איהם עטליכע בעלי־בתים מיט אַ געוואַלד, אַז די כפירה ר"ל פערשטאַרקט זיך אין שטאָדט און די אַפּיקורסים זענען זיך מתרבה.

— וואָס איז דער חידוש? — ענטפערט ער זיי דערויף — דער אמת איז תמיד גובר...

— וואָס רעדט איהר, רבי! — קוקען איהם אָן די בעלי־בתים — די כפירה רופט איהר אָן אמת?

— פערשטעהט איהר מיך — ערקלערט זיי רבי יאָשע־בער — די כופרים קעמפען פאַר׳ן שקר מיט׳ן אמת: זיי זענען אמת׳ע כופרים, אמת׳ע אַפּיקורסים, טאַקע מיט׳ן גאַנצען האַרצען — זענען זיי דעריבער מצליח... ביי אונז אָבער זענען נישט אַלע עהרליכע אידען, וועלכע קעמפען פאַר׳ן דת, אמת׳ע עהרליכע אידען; ביי אונז, לײַדער, קעמפט מען אָפּט פאַר׳ן אמת מיט׳ן שקר — איז דערפאַר האָבען מיר קיין הצלחה נישט!...

דער בעריהמטער סלוצקער מגיד, דיינאָוו, איז אַמאָל געזעסען אין אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען איינער אַ גרויסער פלוידערער, וועלכער האָט אויף אַ רגע דאָס מויל נישט צוגעמאַכט, שיטענדיג מיט ניין מאָס רייד, נישט לאָזענדיג קיינעם אַ וואָרט אויסריידען... ביני־לביני, שפּרינגענדיג פון איין ענין צום צווייטען, הויבט ער אָן דערצעהלען עפּעס אַ מעשה נורא, וואָס זאָל האָבען פּאַסירט מיט רבי יונתן אייבעשיץ... דאָ האָט זיך שוין דער סלוצקער נישט געקאָנט מעהר איינהאַלטען, ער טהוט אַ קלאַפּ אין טיש און שרייט־אויס: זייט וויסען, רבותי, אַז די גאַנצע מעשה איז שקר־וכזב!...

בלייבט דער עולם זיצען אַ ביסעל איבערראַשט: ס׳טייטש, פונוואַנען ווייסט ער עס מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז ס׳איז אַ ליגען?

— עס איז אַ פּשוט׳ער חשבון — ערקלערט דערויף דער סלוצקער מגיד — אַליין האָט ער די געשיכטע נישט בייגעוואוינט, וואָרום פון רבי יונתן אייבעשיק׳ס פּטירה איז שוין העכער הונדערט־און־פופציג יאָהר... געלייענט האָט ער עס אין ערגעץ נישט, וואָרום דידאָזיגע מעשה ווערט אין קיין שום ספר נישט געבראַכט... אלא וואָס, זאָל איך אפשר זאָגען, אַז ער האָט עס געהערט פון עמיצען דערצעהלען? — דאָס איז דאָך געוויס אוממעגליך, וואָרום ווי־אַזוי קאָן ער הערען דערצעהלען, אַז ער לאָזט קיינעם אַ וואָרט נישט רעדען!...

דער אמת — פלעגט זאָגען רבי אייזיל סלאָנימער — האָט ליעב צו זיין אַ נאַקעטער, קיין שום דעק־מאַנטלען פערטראָגט ער נישט און קיין שום בעקליידונג, און היות ווי מענשען זענען בטבע גרויסע צנועים און בעלי־בושה, שעמען זיי זיך דעריבער צוצוריהרען צו איהם...

„מימי לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי״ (שבת קי״ח)

דען אויף אַ שקרן זאָגט די וועלט, אַז ער דאַרף האָבען אַ גוטען זכרון און געדענקען, וואָס ער האָט מיט אַ צייט פריהער געזאָגט, כדי ער זאָל זיך אַמאָל נישט סותר זיין אין די ווערטער און מען זאָל איהם נישט כאַפּען ביי קיין ליגען... און דאָס איז דער פּשט: „לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי״, רעדענדיג אמת, האָב איך זיך קיינמאָל נישט גענויטיגט אומצוקוקען זיך און צו האַלטען קאָפּ, וואָס כ׳האָב פריהער געזאָגט...

(ר׳ יוסף זונדעל)

רבי רפאל בערשאַדער האָט אַמאָל בעמערקט, ווי זיין ווייב, די רבי׳צין, בענשט ליכט איבער אַ פּאָר נייע זילבערנע לייכטער. האָ — פרעגט ער אַ פערוואונדערטער — פון וואַנען מיט אַמאָל אַזאַ עשירות? די לייכטער זענען גלעזערנע — שמייכעלט די רבי׳צין — נאָר איבערגעזילבערט פון דרויסען, זיי זאָלען אויסזעהען ווי זילבער... ווי רבי רפאל האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהון פאַר׳ן קאָפּ און זיך צושריען: געוואַלד! מען דאַרף אַנטלויפען פון דער דאָזיגער שטוב! ס׳איז דאָך אַ שטוב מיט גניבת־דעת, אַ שטוב מיט שקר!...

לא תעשוק את רעך... (יט. יג.)

צו רבי יצחק וואָרקער זענען אַמאָל געקומען צוויי סוחרים, וועלכע האָבען געשלאָסען אַ שותפות־געשעפט און איהם געבעטען, ער זאָל זיי אָנשרייבען אַ שותפות־כתב. האָט גענומען דער וואָרקער צוויי גרויסע בויגענס פּאַפּיר און אָנגעשריבען אויף יעדען: א. ב. ג. ד., דערלאַנגענדיג יעדען פון זיי צו איין עקזעמפּלאַר, ווי עס פיהרט זיך... פרעגען זיי פערוואונדערט: וואָס בעדייט דאָס?... דאָס בעדייט — ענטפערט דער וואָרקער — אַז אויב איהר וועט האַנדלען עהרליך און נישט בעשווינדלען איינער דעם צווייטען, וועט אייך געהן גוט; אויב נישט, וועט איהר זיין קבצנים: „אמת — ברכה; גזל — דלות״!...

לא תלין פעולת שכיר... (יט. יג.)

דאָס ווייב פון רבי זישא האַניפּאָלער איז אַמאָל צוגעשטאַנען צום מאַן און גע־ביטערט פאַר איהם, אַז זי האָט נישט וואָס אָנצוטהון, זי האָט זיך שוין זינט יאָהרען קיין מלבוש נישט געמאַכט און עס איז שוין די העכסטע צייט, ער זאָל איהר מאַכען אַ נייע קלייד. נישט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען רבי זישע׳ן, וועלכער איז אַ גרויסער אָרימאַן געוועזען, צו בעפרידיגען די רביצינ׳ס גערעכטע פאָדערונג. עס האָט אַ לאַנגע צייט געדויערט, ביז ער האָט זיך נאָך גרויס מיה פערשאַפט אַ ביסעל געלד און געגעבען דער רבי׳צין, זי זאָל קויפען סחורה און עס אָוועקגעבען צום שניידער.

ערב שבת זעהט רבי זישע, ווי די רבי׳צין געהט אַרום עפּעס זעהר טרויעריג.

— וואָס איז שוין ווידער? — פרעגט ער — אַ נייע קלייד ב״ה האָסטו שוין, טאָ וואָס ביזטו שוין ווייטער פער׳דאגה׳ט?

דערצעהלט איהם די רבי׳צין, אַז בשעת דער שניידער האָט איהר אין דער פריה אָבגעבראַכט דאָס פערטיג־געוואָרענע קלייד, האָט ער שטאַרק געקרעכצט, און אויף איהר פראַגע, פאַרוואָס ער קרעכצט, האָט ער איהר דערצעהלט, אַז ער האָט דאָ נישט לאַנג אַ שידוך געטהון מיט אַ טאָכטער, און בשעת דער חתן האָט היינטיגע וואָך געזעהען, ווי ער זיצט און נייהט אַ קלייד, האָט ער געמיינט, אַז דאָס נייהט מען דאָס קלייד פון זיין כלה, ולסוף, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס קלייד איז פאַר אַ פרעמדער, איז ער אין כעס געוואָרען און ער האָט מורא, אַז דער שידוך זאָל, חלילה, נישט אָבגעהן... און ווי איך האָב דאָס דערהערט — האָט די רבי׳צין פערענדיגט — האָב איך גענומען דאָס קלייד און עס צוריקגעגעבען דעם שניידער אַלס מתנה פאַר זיין טאָכטער... און איצט בין איך ווידער אָהן אַ קלייד געבליבען.

— נו, און מלאכה־געלד האָסטו איהם בעצאָהלט?

— מלאכה־געלד? — וואונדערט זיך די רבי׳צין — כ׳האָב דאָך איהם דאָס גאַנצע קלייד אָוועקגעגעבען!

— דאָס איז נישט קיין תירוץ — בייזערט זיך רבי זישע — דער אָרימער שניי־דער האָט דאָך אַ גאַנצע וואָך געאַרבעט נישט פאַר זיין טאָכטער, נאָר פאַר דיר, וואַרטענדיג מיט אונגעדולד אויף די עטליכע גילדען, פאַר וועלכע ער זאָל קאָנען קויפען ברויט פאַר די קינדער... און וואָס וועט ער איצט טהון, דער אָרימער שניי־דער, פרייטאָג פאַרנאַכט? וואָס איז ער שולדיג, וואָס דו האָסט דאָס קלייד אָוועק־געגעבען פאַר זיין טאָכטער אַ מתנה? שוין זאָלסטו אַריבערגעהן צו איהם און איהם בעצאָהלען דאָס מלאכה־געלד!

(ש. זעווין מסיפורי החסידים)

לא תעשו עול במשפט... (יט. טו.)

איהר זאָלט נישט „איינוויקלען די שמד׳קייט אין דער יראה״, איהר זאָלט נישט טהון קיין אומרעכט און דערביי נאָך וועלען איינשמועסען זיך און אַנדערע, אַז איהר האָט געהאַנדעלט על־פי דין, אַז איהר האָט געטהון דעם עול — „במשפט״!...

(עולת צבור)

לא תשא פני דל... (יט. טו.)

צו רבי אברהם׳לע סאָכאַטשעווער איז אַמאָל געקומען אַן אָרימע אַלמנה מיט אַ דין־תורה. אין מיטען דער דין־תורה האָט די אַלמנה, ווי דער שטייגער איז, אָנגע־הויבען וויינען. רבי אברהם׳לע האָט איהר דאַן אין אַ שטרענגען טאָן געהייסען פער־לאָזען דעם צימער, מחמת אויך טרעהרען — האָט ער ערקלערט — זענען שוחד...

לא תלך רכיל בעמך... (יט. טז.)

„לית מלה בעלמא דישתמודעין ליה לבר נש אלא בזמנא דאפתח פומיה, פומיה הודע לבני נשא מאן הוא״ (דורך קיין זאַך קאָן מען נישט דערקענען קיין מענשען, ווי נור דאַן, ווען ער עפענט אויף זיין מויל. דאָס מויל זיינס איז אַלעמען מודיע, ווער ער איז)...

(זהר, בלק)

„עיינין ואודנין לא קיימין ברשותיה דבר נש ופומא איהו ברשותיה״ (די אויגען און די אויערען זענען נישט אין מענשען׳ס רשות, דאָס מויל אָבער איז יאָ אין זיין רשות)...

(זהר, מקץ)

„לא תלך רכיל בעמך״...

רעד נישט קיין רכילות אויף דיין פאָלק, זוך נישט קיין חסרונות אויפ׳ן כלל־ישראל...

(בעש״ט)

דאָס וואָרט „רכיל" שטאַמט פון „רוכל", הענדלער, פעדלער, וועלכער געהט אַרום מיט זיין סחורה איבער די הייזער און ווייסט, וואָס עס טהוט זיך איבעראַל, וואָס עס קאָכט זיך ביי יעדען אין טעפּעל און כדי אויסצונעהמען ביי די קונים דערצעהלט ער יעדען איינעם, וואָס ער האָט געהערט און געזעהען ביים צווייטען, און דעריבער ווערט דער לשון־הרע׳ניק אָנגערופען: „הולך רכיל" און — „לא תלך רכיל"...

לא תעמוד על דם רעך... (יט. יז.)

אין ספר „כנסת הגדולה" אויף חושן משפט (סימן תכ"ה) ווערט געבראַכט אין נאָמען פון רדב"ז, אַז אויך אין דעם פאַל, ווען מען איז אימשטאַנד אָבצוראַטעווען עמיצען פון אַ געלד־שאָדען און מען טהוט דאָס נישט, אויך דאַן איז מען עובר אויף „לא תעמוד על דם רעך"...

אין סלאָנים איז געווען אַ שוחט, וועלכער איז געווען מפורסם פאַר אַ גרויסען שוטה, פלעגט רבי אייזיל זאָגען אויף איהם, אַז דער דאָזיגער איד איז נעביך יעדען טאָג, בשעת ער שעכט אַ בהמה, עובר אויפ׳ן „לא תעמוד על דם רעך"...

לא תשנא את אחיך בלבבך... (יט. יז.)

לא תשנא את אחיך בלבבך — זאָלסט זיך נישט אַרומטראָגען אין האַרצען מיט אַ בעהאַלטענע שנאה אויף דיין ברודער — הוכח תוכיח את עמיתך — שמועס זיך מיט איהם דורך, בעוויז איהם דיינע טענות און פאַרוואורפען — ולא תשא עליו חטא — און דאַן וועט פאַר דיר קלאָר ווערען, אַז דער חטא, אין וועלכען דו האָסט איהם בעשולדיגט, איז גאָר קיין חטא נישט, אַז דו האָסט איהם אומזיסט חושד געווען...
(תולדות יצחק)

אויפ׳ן פסוק „ואהבת את ד׳ אלקיך בכל לבבך", ווייל עס שטעהט נישט „בכל לבך", נאָר „בכל לבבך", ווערט דערפון געדרש׳נט, אַז דאָס מיינט מען: „בשני יצרך", און אויך דאָ איז די כוונה, אַז דו זאָלסט נישט פיינד האָבען דיין חבר מיט ביידע יצרים, נישט מיט׳ן יצר־הרע, צוליעב רשעות און שלעכטסקייט, און אויך נישט מיט׳ן יצר־טוב, מכלומר׳שט לשם שמים, ווייל דיין חבר איז נישט גענוג פרום, איז דעריבער אַ מצוה איהם פיינד צו האָבען...
(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער)

אין גאָסטינין איז געווען אַ נגיד, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גוטהאַרציגקייט און צדקה און ער האָט שטאַרק געהאַסט די איבעריגע נגידים פון שטאָדט, וועלכע האָבען נישט געגעבען אַזויפיעל, ווי ער.

האָט אַמאָל דער גאָסטינינער רבי, רבי יחיאל מאיר, געזאָגט צו איהם:

לא תשנא את אחיך — דו זאָלסט נישט פיינד האָבען דיין ברודער — בלבבך — דערפאַר ווייל דו האָסט אַ בעסער האַרץ פון איהם...

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער איז אַמאָל אַריינגעקומען אין בית־המדרש בעת עס האָט גראַד גע׳דרש׳ענט דאָרט אַ מגיד, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער בימה

און זיך שטאַרק געקאַכט, שיטענדיג פלאַם־פייער אויף אידען, וועלכע זענען ממש פול מיט עבירות... האָט רבי לוי־יצחק אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און געזאָגט: רבונו־של־עולם! ער טהוט דאָך עס זיכער נישט פון נחת; ער דאַרף נעבעך אוודאי האָבען עטליכע הונדערט רובל חתונה צו מאַכען אַ בוגרת, מוז ער דעריבער אַרומפאָהרען און אָזעלכע ביטערע דרשות האַלטען... בעט איך דיר, גאָטעניו, גיב איהם די עטליכע הונדערט רובל, וועט ער פאַרשפאַרען מקטרג צו זיין אויף דיינע אידען!...

הוכח תוכיח את עמיתך... (יט. יז.)

„את עמיתך" — מיט דיין חבר. אין איין וועג און ביי דער זעלבער געלעגענהייט זאָלסטו זיך אַליין אויך אַ ביסעל אויס'מוסר'ן...

(רבי עוזיאל מייזליש)

הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא... (יט. יז.)

בשעת דו געהסט וועמען מוסר'ן זאָלסטו זיך ווענדען צו איהם בלשון „עמיתך", ווי צו אַ פריינד און חבר, מיט אַ ווייכען ליעבליכען טאָן, „ולא תשא עליו חטא", זאָלסט איהם נישט מאַכען פאַר קיין חוטא און רשע, דען דאַמאָלס וועלען דיינע רייד אויף איהם קיין שום ווירקונג נישט האָבען.

(דברי גאונים)

אויף אַנ'עהנליכען אופן טייטשט אויך דער אַלשיך דעם פסוק: „אל תוכח לץ פן ישנאך הוכח לחכם ויאהבך" (משלי ט'). פרעגט זיך: דער חכם נויטיגט זיך דאָך נישט, מען זאָל איהם מוסר זאָגען, מוסר'ן דאַרף מען דאָך דוקא דעם לץ, דעם רשע, וואָס מאַכט ליצנות און שפעט־אָב פון דער תורה? נאָר דער פשט איז: „אל תוכח לץ", בשעת דו געהסט יענעם מוסר'ן זאָלסטו נישט זאָגען צו איהם: דו און דו לץ, דו און דו רשע, פאַרוואָס האָסטו דאָס און דאָס געטהון? נאָר — „הוכח לחכם", זאָג צו איהם: היתכן, ווי קומט צו אַ קלוגען מענש, צו אַזאַ חכם ווי דו, דו זאָלסט טהון אַזאַ און אַזאַ זאַך?... נור אויף אַזאַ אופן קענען דיינע רייד האָבען אויף איהם אַ געוויסע ווירקונג...

בשעת דו געהסט זיין אַ מוכיח און זאָגען אימיצען מוסר, זעה פריהער, אַז דו אַליין זאָלסט קודם כל זיין אין אָרדענונג, „ולא תשא עליו חטא", דו זאָלסט אַמאָל אַליין נישט זיין געכאַפּט אינ'ם זעלבען חטא, וואָס דו וואַרפסט יענעם פאָר...

(כתב סופר)

„האי צורבא מרבנן — זאָגען די חז"ל — דסנו ליה בני מאתיה, משום דמוכח להו במילי דשמיא". איז אויב אַזוי, טאַ ווי אַזוי מעג מען יענעם שטראָפען און איהם ברענגען דאַדורך צו אַ חטא פון „לא תשנא את אחיך בלבבך"?

ענטפערט דערויף רבי אייזיל חריף: לעולם האָט יעדער עם־הארץ פיינד אַ תלמיד חכם, אַפילו ווען ער האָט גאָר קיין שום אורזאַך נישט דערצו, אַפילו ווען ער שטראָפט איהם נישט, ווי רבי עקיבא דערצעהלט אונז: „כשהייתי עם־הארץ אמרתי

מי יתן לי ואנשכנו כחמור", און — "גדולה שנאה ששונאין עמי־הארץ לתלמיד־חכם יותר משנאה ששונאים הרשעים את ישראל" (פסחים מט.)... און וויבאַלד אַזוי, איז אײדער ער זאָל איהם פיינד האָבען פאַר גאַרנישט, אײדער עס זאָל זיין אַ שנאַת־חנם, וואָס דאָס איז דאָך אײנס פון די האַרבסטע חטאים, וואָס האָט גורם געווען צום חורבן בית־המקדש, טאָ זאָל ער איהם, דעם עם־הארץ, זאָגען אַ ביסעל מוסר, וועט ער איהם כאָטש פיינד האָבען פאַר עפּעס, וועט עס לכל־הפחות קיין שנאַת־חנם נישט זיין...

"עמיתך" מיינט מען אַ תלמיד־חכם, ווי די חז"ל דרשנ'ען אויפ'ן פסוק "בצדק תשפוט את עמיתך" — "עם שאתך בתורה ובמצוות". אויך די תלמידי־חכמים מעגען אַמאָל הערען אַ שאַרף מוסר־וואָרט, אויך זיי באַגעהן אָפּט פעהלערען אויף וועלכע מען דאַרף זיי אָנווייזען...

"לא חרבה ירושלים אלא בשביל שלא הוכיחו זה את זה" (שבת קי"ט)

דאָס אומגליק פון ירושלים איז געווען, וואָס די מנהיגים פלעגען רק שטראָפען און מוסר'ן די נידעריגערע פון זיי, דעם המון, דאַגעגען "לא הוכיחו זה את זה", די פעהלערען פון די אייגענע חברים פלעגען זיי געגענזייטיג פערשווייגען...

(בינה לעתים)

"תלמיד חכם שעבר עבירה בלילה אל תהרהר אחריו ביום וכו' ודאי עשה תשובה"

(ברכות י"ט)

אַז אַ תלמיד־חכם — פלעגט דערויף רבי אייזיל חריף זאָגען בדרך־הלצה — טהוט אַנ'עבירה, "ודאי עשה תשובה", זעצט ער זיך אַוועק און שרייבט אָן אַ "שאלה ותשובה", אין וועלכער ער ווייזט אויף עפ"י דין, אַז די עבירה איז גאָר קיין עבירה נישט...

הוכח תוכיח וכו' לא תקום ולא תטור... (יט. יז. יח.)

אויב ער האָט זיך נישט גערעכענט מיט דיין מוסר און עס האָט נאָכהער פּאַסירט מיט איהם אַנ'אומגליק — זיי דיך נישט נוקם און זאָג נישט: אַ מצוה אויף איהם! דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט מיך נישט געהאָרכט!...

(רבי יחזקאל שינאַווער)

"כל תלמיד חכם שאינו נוקם ונוטר כנחש אינו תלמיד חכם" (יומא כ"ב)

וואָס עפּעס גראַד כנחש?

נאָר אין אַ מאמר פריהער דאָרט ווערט געזאָגט: "מפני מה נענש שאול, מפני שמחל על כבודו שנאמר וכו' וכתיב ויעל נחש העמוני ויחן על יבש גלעד", און אין אַנ'אַנדער אָרט זאָגען די חז"ל, אַז נחש, דער מלך פון עמון, האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אין די אידען דערפאַר, ווייל עס איז געשריבען אין דער אידישער תורה: "לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ד'", און דערויף אייגענטליך קומט דער צווייטער מאמר און זאָגט: "כל תלמיד חכם שאינו נוקם ונוטר כנחש", ווי נחש העמוני, וואָס זיין נקמה האָט נישט געטראָגען קיין פערזענליכען כאַראַקטער, נאָר ער איז זיך געגאַנגען אָננעהמען דעם בעליידיגטען כבוד פון זיין פאָלק...

(דברי חכמים)

לא תקום ולא תטור את בני עמך... (יט. יח.)

אויף'ן מאמר „גדול המצווה ועושה יותר משאינו מצווה ועושה" (ע"ז ג.) זאָגט דאָרט תוספות: „מפני שהוא דואג תמיד לבטל יצרו". ביי אַ מצוה־זאַך איז דער יצר־הרע, הייסט עס, פיעל שטאַרקער איידער דאַן, ווען די זעלבע זאַך וואָלט נישט געווען קיין מצוה, נאָר אַ דבר רשות... עס ווערט, אַלזאָ, אַזוי אַרום פערשטענדליך, פאַר־וואָס עס הערשט ביי אידען אַזאַ מורא'דיגע שנאה פון איינעם צום צווייטען. דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָס ליעב־האָבען זיך איז ערקלערט געוואָרען אַלס מצוה...

(הרב בן־ציון ביתן)

אויף רבי שאול קאַצענעלענבויגען, וועלכער איז געווען בעריהמט מיט זיין אויסטערלישען, פענאָמענאַלען זכרון, פלעגט מען זאָגען, אַז אויף איהם האָט דער „שר של שכחה" קיין שליטה נישט; בלויז אין איין זאַך האָט איהם דער זכרון נישט געדיענט: טאָמער האָט איהם ווער בעליידיגט — פלעגט ער עס מאָמענטאַל פער־געסען...

(מקור ברוך)

„לא תקום ולא תטור... ואהבת לרעך כמוך"... — זיי נישט קיין נוקם־ונוטר, האָב ליעב דעם צווייטען, ווי זיך זעלבסט. אויך דו מאַכסט אָפט פעהלערען, אויך דו ביזט דיר אָפט אַליין שולדיג אין דיין אומגליק, אין וועלכען דו ווערסט אַריינגעפירט צוליב אַנ'אייגענעם, אונבערעכענטען שריט, — וועט דיר דען איינפאַלען צו וועלען דאָ אָן זיך אַליין נקמה נעהמען?...

(רבי שמעלקי מניקעלשבורג)

ואהבת לרעך כמוך אני ד'... (יט. יח.)

אויב צוויי מענשען האָבען זיך ליעב, איז דאַן — „אני ד'", דען צוויי מאָל „אהבה" איז די גימטריא פון שם הוי'.

(רבי חיים וויטאל)

בעת מען האָט עמיצען באמת, אויפריכטיג ליעב, האָט מען אויך ליעב זיין בני־בית, מען האָט אויך ליעב זיינע קינדער.

„ואהבת לרעך כמוך — אני ד'", און עס איז אונמעגליך ליעב צו האָבען דעם אויבערשטען און זיינע קינדער נישט ליעב צו האָבען...

(פרדס יוסף)

„ואהבת את ד' אלקיך" און „ואהבת לרעך כמוך" זענען צוויי גלייכע מצוות. מען קאָן נישט האָבען קיין אהבת־השם אָהן אהבת־ישראל...

(תורת אמת)

„ואהבת לרעך כמוך אני ד'"... אני ד' און אַזוי ווי דו וועסט זיך אויפפיהרען מיט דיין חבר, אַזוי וועל איך זיך אויפפיהרען מיט דיר...

(רבי מאיר יחיאל ממאָגעלניצע)

„ואהבת לרעך כמוך" — אויב דו וועסט ליעב האָבען דיין חבר, אַפילו ווען ער פיהרט זיך נישט אויף געגען דיר כהוגן, אַפילו ווען ער האָט די דאָזיגע ליעבע ביי דיר נישט פערדיענט, דאַן — „כמוך אני ד'", וועל איך זיך אויך מיט דיר אַזוי אויפפיהרען, וועל אויך איך האַנדלען מיט דיר לפנים משורת הדין...

(רבי אברהם משה מפשיסכע)

— הלואי — פלעגט זאָגען רבי אהרן קאַרלינער — וואָלט איך אַזוי קאָנען ליעב האָבען דעם גרעסטען צדיק שבישראל, ווי השם־יתברך האָט ליעב דעם גרעסטען רשע שבישראל!...

(בית־אהרן)

„ואהבת לרעך כמוך"... פונקט אַזוי ווי דו האָסט דיך ליעב, כאָטש דו ווייסט און דו קענסט זיך, אַז דו ביזט נישט ריין פון פערשידענע חסרונות און פעהלערען, אַזוי זאָלסטו אויך דעם צווייטען ליעב האָבען, נישט קוקענדיג אויף אַלע זיינע חסרונות...

(בעש"ט)

— כל־זמן — פלעגט זאָגען רבי דוד'ל לעלעווער — איך פיהל ביי זיך אין האַרצען אַ שטאַרקערע ליעבע צו מיינע אייגענע קינדער, ווי צו אַ געוועהנליכען, פרעמדען איד פון גאַס, בין איך נאָך נישט קיין צדיק!...

„ואהבת לרעך כמוך — אמר רבי עקיבא זה כלל גדול בתורה"... (ירושלמי, נדרים פ"ט)

דאָס איז אַ גרויסער כלל אין דער תורה; אָבער, ליידער — נישט אין לעבען!...

(רבי יהושע'לע קוטנער)

„זה כלל גדול בתורה"... ווען יעדען חשבון איז פאַרהאַן אַ מיטעל אויסצו־פרובירען, צי דער חשבון איז ריכטיג, צי מען האָט נישט געמאַכט קיין טעות. אויב דו ווילסט וויסען, ווי־אַזוי דו האַלסט מיט דער תורה, צי געהסטו אין ריכטיגען וועג און צי נאַרסטו זיך נישט אין חשבון — פרוביר ווי־אַזוי עס זעהט־אויס ביי דיר דער „ואהבת לרעך כמוך"...

(רבי משה־לייב מסאסוב)

„זה כלל גדול בתורה"... דער דאָזיגער כלל איז זעהר נויטיג „בתורה", פאַר די רבנים און לומדי־תורה, מחמת צווישען זיי קומען ליידער פאָר אָפטע מחלוקת'ן און זיי פעהלט אַממעהרסטען דער „ואהבת לרעך"...

און דערפאַר ווערט אויך געזאָגט: „תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם". דערי־בער פערנעהמען זיי זיך אַזויפיל מיט מרבה־זיין שלום, ווייל ס'איז פאַרהאַן ביי זיי שטענדיגע מחלוקת'ן...

(רשפי אש)

מען האָט אַמאָל געפרעגט רבי יהושע'לע קוטנער, פאַרוואָס אַז עס זענען פאַרהאַן צוויי רבנים אין אַ שטאָדט הערשט צווישען זיי עפ"י רוב מחלוקת, וועהרענד די חז"ל זאָגען דאָך: „תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם"?

— דאָס איז דערפאַר — האָט ער געענטפערט — ווייל ס'איז פאַרהאַן אַ כלל אין דער גמרא, אַז „אין רבוי אלא למעט" (פסחים כ"ג), און ווען עס זענען פאַרהאַן אין איך שטאָדט צוויי תלמידי חכמים, וואָס זענען „מרבים שלום", ווערט ממילא דער שלום נתמעט...

„בתורה", אין עניני פרומקייט און אידישקייט זאָלסטו ליעב האָבען דיין חבר „כמוך", ווי זיך זעלבסט, נישט מעהר... מחמת עפ"י רוב איז מען אין אַזעלכע זאַכען יענעם טרייער, ווי זיך. פון יענעם פאַרלאַנגט מען שטענדיג מעהר פרומקייט און מעהר יראת־שמים, ווי פון זיך אַליין...

(נועם מגדים)

לפנים האָט יעדער מענש אַ סך מכלומר'שטע גוטע פריינד, וועלכע געבען זיך אָן אַלס זיינע האַרציגע ידידים, און אין האַרצען זענען זיי איהם באמת שונאים, הינטער די אויגען ריידען זיי אויס אויף איהם אַלדאָס בייז.

„ואהבת לרעך כמוך — אני ד'", און מיך ווערט איהר נישט אָבנאַרען. איך ווייס דעם אמת, צי האָט איהר ווירקליך ליעב דעם חבר אייערען, אָדער איהר זענט בלויז אַ מכלומר'שטער, געמאַכטער, פאַלשער פריינד...

(ארונו של יוסף)

דער מענש איז בטבע צופרידען, ווען יענער שטעהט נידריגער פאַר איהם, ער האָט אויך דרך־ארץ פאַר אַזעלכען, וועלכער שטעהט העכער פון איהם, דאַגעגען האָט ער נישט גערן אַזעלכען, וועלכער געפינט זיך מיט איהם אויף דער זעלבער עקאָנאָ־מישער און גייסטיגער שטופע און פערמאָגט די זעלבע מעלות, וואָס ער. „כל אומן שונא את בני אומנתו".

„ואהבת לרעך כמוך" — אַפילו ווען ער איז „כמוך"...

(אבק סופרים)

רבי נפתלי ראָפּשיצער דערצעהלט, אַז בשעת ער איז געווען אַ קינד האָט איהם דער מלמד געלערנט, אַז ווען צוויי „יוד'ען" שטעהען צוזאַמען (יי), זענען זיי אַ שם, האָט ער זיך איינמאָל טועה געווען און אויך אויף אַ שוא (:) געזאָגט אַ שם, האָט איהם דער מלמד דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט און געזאָגט: זאָלסט האָבען אַ כלל, מיין קינד, ווען די „יוד'ען" (אידען) שטעהען צוזאַמען, אין איין שורה, דעמאָלס זענען זיי אַ שם, אָבער ווען איין „איד" שטעלט זיך העכער פאַר'ן אַנדערען, דעמאָלס איז עס אַ שוא — אַ גאָרנישט.

און דאָס — האָט דער ראָפּשיצער אויסגעפיהרט — איז דער פשט: „ואהבת לרעך כמוך", ווען דו וועסט ליעב האָבען דיין חבר און שטעלען דעם צווייטען איד „כמוך", אין איין רייה און גלייך מיט דיר, דאַן איז — „אני השם"...

אַ מלך האָט אַמאָל איינעם פערמשפט צום טויט. בשעת מען האָט דעם פער־משפט'ן געפיהרט צו דער תליה, איז פונדערווייטענס אַנגעלאָפען אַן אונבעקאַנטער מענש, וועלכער האָט געשריגען מיט קולות, אַז מען זאָל דעם משפט נישט אויספיהרען, ווייל נישט יענער, נור ער איז באמת דער שולדיגער און איהם דאַרף מען טויטען. מען האָט יענעם אַראָבגענומען פון דער תליה און מען האָט געפרעגט דעם מלך,

וואס מען זאל טהון. האט דער מלך געהייסען, מען זאל נאכאמאל איבערקוקען דעם משפט און אנהויבען א פרישע חקירה, און דאן האט זיך ארויסגעוויזען, אזביידע זענען אומשולדיג. דער מלך האט איהם דאן געלאזט רופען צו זיך און איהם געפרעגט, פארוואס ער האט זיך אומזיסט באשולדיגט. דערויף האט ער געענטפערט, אז דער פערמשפט׳ער איז זיינער א נאהענטער חבר און זיין ליעבע צו איהם איז אזוי גרויס, אז ער ווינשט זיך בעסער, מען זאל איהם טויטען איידער יענעם, ווארום אהן דעם דאזיגען חבר וואלט ער סיי־ווי נישט געקאנט לעבען. ווי דער מלך האט דאס געהערט, האט ער זיך געווענדעט צו די צוויי חברים און געזאגט: איך וואלט וועלען, איהר זאלט מיך צונעהמען צו אייך אלס דריטער חבר, דען וואויל איז דעם מענש, וועלכער האט אזעלכע טרייע און איבערגעגעבענע חברים...

די דאזיגע מעשה האט דערצעהלט רבי ישראל ריזשינער (ביי ר׳ אריה די מודינא ווערט די זעלבע געשיכטע, לויט א עטוואס אנדערען נוסח, דערצעהלט אלס מעשה שהיה), און ער האט דערביי אויסגעפיהרט, אז דאס איז די כוונה פון פסוק, און דאס זאגט אויך השי״ת צו די אידען: „ואהבת לרעך כמוך״, בעת איך זעה, אז איהר האט ליעב איינער דעם צווייטען, דאן — „אני ד׳״, איז מיין פערלאנג אנצושליסען זיך אין אייער חברותא און צוצושטעהן צו אייך אלס דריטער חבר...

ובגד כלאים שעטנז לא יעלה עליך... (יט. יט.)

רבי ישראל סאלאנטער און רבי שמואל ליובאוויטשער זענען אמאל געווען צוזאמען אין איין קור־ארט. דער ליובאוויטשער פלעגט יעדען טאג צום וואסער טרינקען פאהרען אין א קארעטע, אויף וואס די מוסר׳ניקעס, דעם סאלאנטער׳ס מקורבים, האבען שטארק מתרעם געווען צוליעב׳ן חשש פון שעטנז (צוליעב׳ן זעלבען חשש פאהרען דעריבער נישט פיעל חסידים אין דער באהן צווייטע קלאס, וואו מען זיצט אויף פלושענע בענק). דער ליובאוויטשער אבער האט זיך סומך געווען אויף א תשובה אין „שבות־יעקב״, וואו עס ווערט אנגעוויזען, אז מען דארף דערויף נישט מקפיד זיין.

פאהרט איינמאל דער ליובאוויטשער אין דער קארעטע און זעהענדיג אויפ׳ן וועג דורכגעהן רבי ישראל׳ן, בעט ער איהם אריין צו זיך, זאגענדיג דערביי א ווערטעל: לייכטער צו זיצען אויפ׳ן „שבות יעקב״, ווי צו געהן צופוס...

פערדריסט עס רבי ישראל׳ן און ער ענטפערט מיט הקפדה:

— מילא, מיט׳ן חשש שעטנז קאן מען זיך נאך, ווי עס איז, סומך זיין אויפ׳ן „שבות יעקב״, אבער מיט׳ן חשש גאוה (צו פאהרען אין א קארעטע, ארומגערינגעלט מיט מחנות חסידים), אויף וועמען איז זיך דא סומך צו זיין?...

בקרת תהיה... (יט. כ.)

אין רמב״ן אויפ׳ן דאזיגען פסוק ווערט געזאגט, אז דאס ווארט „הפקר״ ווערט אין דער גמרא געשריבען מיט א פ׳, דאגעגען אין דער משנה — מיט א ב׳, ווי: „בית שמאי אומרים הבקר לעניים הבקר״, און דער רמב״ן פיהרט אויס: „וכן בכל מקום במשנה הלשון בבי״ת״.

א פלא. פאקטיש געפינען מיר נור צוויי מאל אין דער משנה דאס ווארט „הבקר״ מיט א ב׳, וועהרענד אין אלע אנדערע ערטער ווערט עס, אויך אין דער משנה,

געשריבען מיט אַ פ׳, ווי אין פאה פרק א׳ משנה ג׳, משנה ו׳, שבועות ט׳ משנה ד׳, און אין פיעל, פיעל אַנדערע מקומות...

איניגע זאָגען אַרויס די השערה, אַז אין רמב״ן זענען געשריבען געווען די ווערטער מיט ראשי־תיבות: „וכן בכ״ם״, און געמאַכט האָט עס נישט „בכל מקום״, נאָר „בכמה מקומות״. אַנדערע ווילען האָבען, אַז אַנשטאָט „בכל מקום במשנה״ דאַרף זיין „בירושלמי״, דען אין דער משנה אין ירושלמי געפינען מיר ווירקליך איבעראַל דעם אויסדרוק „הבקר״ מיט אַ ב׳.

ולא תעוננו... (יט. כו.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן: „ולא אחורי סנהדרין עיינין״.

און די מפרשים מאַטערען זיך צו פערשטעהן די בעדייטונג פון די דאָזיגע ווער־טער. וואָס איז דער זין דערפון?

נאָר, ווי עס ווייזט אויס, בעציהט זיך דאָס אויף׳ן מאמר אין סנהדרין (ס״ה): „מעונן זה האוחז את העינים״. אין תרגום איז געשטאַנען: „ולא אחורי עיינין״ און עס ווערט געמיינט דערמיט „אחיזת עינים״. דערביי האָט איינער פון די מגיהים אַנגעצייכענט אין דער זייט דאָס וואָרט „סנהדרין״, דאָס הייסט, אַז דער דאָזיגער מאמר געפינט זיך אין מס׳ סנהדרין, דער מדפיס אָבער האָט עפ״י טעות אַריינגענומען דאָס דאָזיגע וואָרט אין טעקסט און עס איז דערפון געוואָרען: „ולא אחורי סנהדרין עיינין״...

(אמרי בינה)

ולא תשחית את פאת זקנך... (יט. כז.)

אויף׳ן דאָזיגען לאו — פלעגט זאָגען רבי אברהם טיקטינער — קלאָגען מיר זיך אין די סליחות: „עונותינו רבו מלמנות״, דען לויט׳ן דין איז אַ גלוח עובר אויף פינף לאָוין אויף יעדע צוויי שערות, און אויב אַ מענש גאָלט זיך דעם גאַנצען לעבען מיט אַ תער, איז ווען ער זאָל אַפילו זיין דער גרעסטער בעל־חשבון, וועט ער נישט אימשטאַנד זיין איבערצוצעהלען די צאָהל לאָוין, וואָס ער האָט במשך פון זיין לעבען עובר געווען...

מפני שיבה תקום... (יט. לב.)

„מפני שיבה תקום, קודם שיבה דילך... מני קוב״ה לבר נש לאהדרא בתיוכתא בבחרותיה קודם דיזקין בו יצר־הרע״ (דער מענש זאָל אויפשטעהן און תשובה טהון איידער ער ווערט אַלט, איידער עס ווערט אין איהם פערעלטערט דער יצר־הרע, פון וועלכען ער וועט מעהר נישט אימשטאַנד זיין זיך צו בעפרייען)...

(רעיא מהימנא פנחס)

„כל תלמיד חכם שאינו עומד בפני רבו נקרא רשע ואינו מאריך ימים וכו׳״ (קידושין ל״ג)

פאַרוואָס קומט איהם דער עונש פון „ואינו מאריך ימים״?

ענטפערט דערויף דער חתם סופר בדרך־צחות:

עס איז מדה כנגד מדה, ווייל ער איז נישט געווען קיין „עומד בפני רבו״, וועט

ער נישט מאריך ימים זיין, נישט אַלט ווערען, וממילא נישט זוכה זיין צום „מפני שיבה תקום״, מען וועט זיך אויך פאַר איהם נישט אויפשטעלען...

מפני שיבה תקום והדרת פני זקן... (יט. לב.)

פאַרהאַן אַ מדרש־פליאה: „כשעלה משה למרום מצאו להקב״ה כותב מפני שיבה תקום, אמר ליה מאי מפני שיבה תקום, א״ל היינו דכתיב קום בתולת ישראל״...

וואָס איז דער זין פונ׳ם דאָזיגען מדרש?

נאָר די שאלה פון משה רבינו איז געווען, ווי אַזוי עס לייענט זיך דאָס וואָרט „תקום״, צי געהער עס צום ערשטען האַלבען פסוק — „מפני שיבה תקום״, אָדער עס בעציהט זיך אויך צום צווייטען האַלבען פסוק — „תקום והדרת פני זקן״, אַז אויך ביי איהם איז מען חייב בקימה והידור? און דערויף איז געקומען דער ענטפער: „היינו דכתיב קום בתולת ישראל״, אַז פונקט ווי אינ׳ם פסוק „נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל״, איז דאָס וואָרט „קום״ שייך צו די לעצטע ווערטער און מען לייענט: „נפלה לא תוסיף, קום בתולת ישראל״, אַזוי איז אויך דאָ מיט׳ן וואָרט „תקום״...

(רבי שלום מרדכי מברעזאַן)

והדרת פני זקן... (יט. לב.)

האָט געפרעגט דערויף רבי יאַנקעלע ראַדזימינער: אויב „זקן״ הייסט נור אַזעל־כער „שקנה חכמה״, טאָ ווי וועט זיין דער פשט אין דער גמרא: „זקני עם הארץ כל־זמן שמזקינין דעתן מטורפת עליהן, אבל זקני תורה אינו כן, כל־זמן שמזקינין דעתן מתישבת עליהן״ (סוף קנים). ווי געשיקט זיך צו רופען די עמי־הארצים מיט׳ן נאָמען „זקני״, וועלכער פאַסט זיך בלויז פאַר אַזעלכע „שקנו חכמה״?

נאָר — האָט ער דערויף געענטפערט — די זקנים אַליין זענען דאָ איןביידע פאַלען תלמידי־חכמים און ריידען רעדט זיך עס בלויז וועגען זייערע תלמידים און חסידים: פאַרהאַן אַזעלכע רביים, „זקני תורה״, וועלכע זענען געבענשט מיט לייטישע חסידים, מיט בני־תורה און יראי־שמים, און אַזעלכע, וועלכע זענען „זקני עם הארץ״, וואָס די חסידים זייערע בעשטעהען פון גראָבע יונגען און עמי־הארצים. די „זקני תורה״, וואָס די חסידים זייערע קומען צו זיי שמועסען אין לערנען און אין חסידות, אַזעלכע חסידים פערשאַפען דעם רבי׳ן אַ נחת־רוח און — „כל־זמן שמזקינין דעתן מתישבת עליהן״. דאַגעגען אָבער „זקני עם הארץ״, אויב מען איז אַ רבי פון פּראָסטע, עמי־הארצ׳ישע חסידים, וועלכע פערדרעהען איהם כסדר דעם קאָפּ און קומען צו איהם טאָג־טעגליך נאָך עצות וועגען זייערע וואָכעדיגע גשמיות׳דיגע עסקים, ווערט נעביך דער קאָפּ זיינער וואָס־וויי־טער אַלץ־מעהר איבערפולט מיט נאַרישקייטען און — „כל־זמן שמזקינין דעתן מטורפת עליהן״...

כאזרח מכם יהיה לכם הגר וכו׳ ואהבת לו כמוך... (יט. לד.)

דאָס איז אַ סך מעהר ווי עמאַנציפּאַציע, אַ סך מעהר ווי גלייכבערעכטיגונג, נישט נור גלייכע רעכט זאָלסטו געבען דעם פרעמדען, נאָר אויך ליעב האָבען זאָלסטו איהם — „ואהבת לו כמוך!״...

(ילקוט הדרוש)

איפת צדק והין צדק יהיה לכם... (יט. לו.)

„על כל עבירות אין הקב"ה נפרע עד שתמלא סאתו, חוץ ממי שמודד במדה קטנה"...
(סנהדרין)

ווייל ע ר איז נישט מקפיד אויף דער מאָס, האַנדעלט מען אויך מיט א י ה ם נישט לויט דער מאָס... „מדה" כנגד „מדה"!...
(רבי יונתן אייבעשיץ)

צו רבי יהושע'לע קוטנער זענען אַמאָל געקומען צוויי בעלי־דינים אויף אַ דין־תורה. אויסהערענדיג זייערע טענות, ווענדעט ער זיך צו איין בעל־דין און פרעגט איהם, צי ער איז גרייט צו פערזיכערען מיט זיין הין־צדק, אַז אַלץ, וואָס ער האָט גע'טענה'ט, איז אמת. רבי! — רופט זיך יענער אָן — כ'בין גרייט צו געבען נישט איינעם, נאָר הונדערט הין־צדק'ס!...

רבי יהושע'לע האָט, בעקומענדיג דעמדאָזיגען ענטפער, אַנ'איראָנישען שמייכעל געטהון און אָנשטאָט אַ שבועה האָט ער פאָרגעלעגט די בעלי־דינים אַ פשרה.

אַז מען האָט איהם שפּעטער געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט יענעם בעל־דין נישט געלאָזט שווערען, האָט ער ערקלערט:

אויפ'ן וואָרט „הין" זאָגט רש"י (שמות ל. כד.): „הין אחד י"ב לוגין" — איז אויב איין א י י ן „הן" זענען פאַרהאַן צוועלף ליגענס („לוגין"), טאָ ווי גרויס ליגנער מוז שוין זיין אַזאַ איינער, וועלכער איז גרייט צו געבען גאַנצע הונדערט „הן'ס"!...

אני ד' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים... (יט. לו.)

„אשר הוצאתי אתכם — על מנת כן" (רש"י)

צוקומענדיג צום דאָזיגען פסוק האָט רבי זושא אַניפּאָלער זיך אויסגעטענה'ט מיט'ן רבונו של עולם און געזאָגט:

אמת טאַקי, אַז דו האָסט אונז אַרויסגענומען פון מצרים מיט אַ תנאי, אַז מיר זאָלען מקיים זיין דיינע מצוות אָן מיר זענען דעם תנאי ליידער נישט מקיים. דער דין איז אָבער, אַז צווישען די זיבעצן זאַכען, וואָס אַ תנאי דאַרף ענטהאַלטען, דאַרף אויך זיין, אַז מען זאָל עס קענען מקיים זיין דורך אַ שליח און „דאפשר לקיומיה על ידי שליח הוי תנאה, תנאה דלא אפשר לקיומיה על ידי שליח לא הוי תנאה" (כתובות ע"ד), און ביי יציאת־מצרים ווערט דאָך געזאָגט: „אני ולא מלאך, אני ולא שליח", און קוים האָט עס נישט געקענט זיין דורך אַ שליח, איז דער תנאי קיין תנאי נישט...

דער „זכר ליציאת מצרים" ווערט דערמאָהנט אין דער תורה נישט נאָר ביי די ימים־טובים, נאָר אויך ביי אַנדערע מצוות: „לא תעשו עול במשפט במדה במשקל ובמשורה וכו' — אני ד' א' אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים", „ובשר בשדה טריפה לא תאכלו — אני ד' א' המוציא אתכם מארץ מצרים", און אין פיעל אַנדערע שטעלען.

דען „מצרים" איז דער סימבאָל פון קנעכטשאַפט און עס ווערט דעריבער ביי יעדער געלעגענהייט אָנגעזאָגט צו בעפרייען זיך פון יעדע מין עבדות. נישט־נור ביי יענעם זאָל מען נישט זיין פערשקלאַפט, נאָר אויך ביי זיך זעלבסט: נישט זיין פער־

שקלאפט צום געלד, צוליעב וועלכען מען איז גרייט צו נארען, צו שווינדלען, אבצו־טהון כל מיני געמיינהייטען, נישט זיין פערשקלאפט צו דער תאות־האכילה א. א. וו.
(ילקוט פנינים)

איש איש מבני ישראל וכו׳ אשר יתן מזרעו למולך... (כ. ב.)

„מזרעו ולא כל זרעו, המעביר כל זרעו למולך פטור" (סנהדרין ס״ד)

א כומר האט אמאל אין א ויכוח מיט׳ן מהר״ל מפראג זיך אבגעשטעלט אויפ׳ן דאזיגען מאמר און געפרעגט: וואס איז עס פאר א שכל? „מזרעו" איז ער חייב און „כל זרעו" פטור. וואו איז דא די לאגיק?

— דיזעלבע שאלה — האט איהם דער מהר״ל דערויף געענטפערט — וואלט מען אויך געקענט פרעגען וועגען א צווייטען דין. דער דין איז, אז „העושה כל גרנו תרומה אין תרומתו תרומה". איז דאך עס א חידוש. היתכן? צי דערפאר, ווייל מען איז יוצא מיט וועניגער, טאר מען שוין נישט געבען מעהר? אדרבה!... נאר דער תירוץ איז: אויב א מענש גיט אוועק די גאנצע תבואה אלס תרומה, איז עס א סימן, אז מיר האבען פאר זיך נישט קיין נארמאלען מענש, דען די תורה פערלאנגט עס נישט פון דיר און עס איז נישט דער דרך־העבודה... און דאס זעלבע איז אויך דא. דער „דרך־העבודה" פון מולך איז געווען, אז די עלטערען זאלען פון צווישען זייערע קינדער מקריב זיין איין זוהן פאר דער עבודה־זרה. איז אויב א איד טהוט דאס זעלבע, וואס עס בעוויזט, אז ער איז געווארען אנ׳אנהענגער פון מולך, דארף מען איהם משפט׳ן און בעשטראפען ווי דער דין איז, אבער ווען ער נעהמט און איז מקריב אלע זיינע קינדער צום מולך, א זאך, וואס די פארשריפטען פון דער דאזיגער עבודה־זרה פאדערען עס גארנישט, בעווייזט עס קלאר, אז מיר האבען פאר זיך נישט קיין געצענ־דינער, נאר אנ׳אוננארמאלען קראנקען מענש, א משוגע׳נעם, און א משוגע׳נעם משפט מען נישט...

והתקדשתם והייתם קדושים... (כ. ז.)

דערויף ווערט געזאגט אין מדרש: „מכאן שמקבלים גרים".

וואס פאר א שייכות האט עס צום דאזיגען פסוק?

ענטפערט דערויף רבי אברהם, דער רב־הכולל פון סאלאניקי (וועלכער איז אליין געווען א גר און האט געלעבט לערך מיט הונדערט יאהר צוריק) אין זיין ספר „רץ אברהם":

ביי יעדען אנדערען פאלק זענען פארהאן מיסיאנערען, וועלכע ווערבירען נפשות און אגיטירען פאר זייער אמונה. אידען אבער נויטיגען זיך נישט אין קיין מיסיאנערען, די אידישע מיסיע בעשטעהט פון „והייתם קדושים", איהר זאלט זיין הייליג, פיהרען א ריין זויבער לעבען, און נישט מיט ווערטער, נאר מיט דער הייליגקייט פון אייער אויפפיהרונג זאלט איהר איבערצייגען די מענשען אינ׳ם אמת פון דער אידישער אמונה.

און דאס איז די כוונה: „והייתם קדושים — מכאן שמקבלים גרים", דער אופן און דרך מקבל צו זיין ביי אידען גרים זאל זיין דורכ׳ן „והייתם קדושים"...

ואיש אשר ינאף את אשת איש אשר ינאף את אשת רעהו... (כ. י.)

פאַרוואָס ווערט עס צוויי מאָל איבערגעחזר׳ט „אשר ינאף את אשת איש״ און דאַן נאָכאַמאָל: „אשר ינאף את אשת רעהו״?

נאָר דער פשט איז: „ואיש אשר ינאף״, אויב אַ מענש וועט זינדיגען, „את אשת איש״, מיט דער פרוי פון אַ מאַן, „אשר ינאף את אשת רעהו״, וואָס אויך ער, דער דאָזיגער מאַן, איז בעגאַנגען דיזעלבע זינד מיט אַ פרוי פון זיין חבר... אין אַזאַ פאַל וואָלט דאָך אַלזאָ געקענט זיין אַ הוה־אמינא, אַז קוים איז דער מאַן פון דער דאָזיגער פרוי בעגאַנגען די זעלבע זינד, פאַר וועלכע ער איז חייב מיתה, האָט ער דעם דין פון אַ גברא קטילא וממילא איז שוין די פרוי נישט קיין אשת־איש און מען דאַרף איהר, ווי אויך דעם מענש, וואָס האָט מיט איהר געזינדיגט, דן זיין גלייך ווי זי וואָלט געוועזן אַ פנויה... און דערויף קומט די אזהרה: „מות יומת הנואף והנואפת״!...

(מקרי דרדקי)

ארץ זבת חלב ודבש... (כ. כד.)

דער דין איז, אַז אַ „דבר היוצא מן הטמא — טמא״. אַן׳אויסנאַהם איז בלויז חלב ודבש. חלב שטאַמט אַליין פון אַ דבר־טומאה, פון בלוט, ווי עס ווערט פעסטגע־שטעלט דורך די חז״ל: „דם נעקר ונעשה חלב״ (בכורות י׳) און דאָך ווערט עס נאָכהער פערוואַנדעלט אין אַ דבר־טהור. און דאָס זעלבע איז אויך מיט דבש דבורים. די דבורה, די ביהן זעלבסט, איז אַ שרץ טמא, אָבער דער האָניג וואָס קומט פון איהר איז טהור. און מיט אָט די זעלבע אייגענשאַפטען, וואָס חלב ודבש, איז אויך געבענשט ארץ־ישראל. דאָס דאָזיגע לאַנד איז מסוגל צו פערוואַנדלען דעם „דבר היוצא מן הטמא״ — אין אַ טהור...

(ר׳ מאיר שפירא)

והבדלתם בין הבהמה הטהורה לטמאה ובין העוף הטמא לטהור... (כ. כה.)

פאַרוואָס שטעהט ביי בהמה פריהער „הטהורה״ און ביי עוף — „הטמא״ פריהער?

ווייל בייביידע מינים ווייזט אונז אָן דער פסוק אויף דעם מיעוט, וואָס מען האָט אויסצוקלויבען פונ׳ם רוב: ביי בהמות דאַרף מען אויסקלויבען די טהורות, דען דער רוב בהמות זענען טמא, דאַגעגען ביי עופות דאַרף מען אויסקלויבען די טמאים, דען דער רוב עופות זענען טהור...

(הכתב והקבלה)

והייתם לי קדושים וכו׳ ואבדל אתכם מן העמים... (כ. כו.)

נאָר דעמאָלס, ווען מיר וועלען זיין מובדל פון די פעלקער און עקזיסטירען אַלס זעלבסטשטענדיג פאָלק אויף אונזער אייגען לאַנד, וועט מעגליך זיין פאַר אידען צו לעבען ווי קדושים...

(כתב סופר)

באבן ירגמו אותם דמיהם בם... (כ. כז.)

חסידים דערצעהלען: דער קאָצקער רבי, רבי מענדעלי, האָט איינמאָל פרייטאָג־צו־נאַכט געעפענט די טיר פון זיין חדר, וואו ער איז געזעסען אָבגעשלאָסען יאָהרען־לאַנג, און איז אַריין אין בית־המדרש, וואו עס זענען געזעסען עטליכע חסידים און ער האָט אַ געשריי געטהון צו זיי:

— וואָס פאַר אַ סדרה געהט היינט?

— קדושים — האָט אַ דערשראָקענער חסיד געענטפערט.

— אַזוי? קדושים? — האָט דער קאָצקער עטליכע מאָל איבערגעחזר'ט דאָס וואָרט — קדושים? און צי ווייסט איהר, אַז די תורה איז „נעוץ סופה בתחלתה", אַז דער סוף מיט'ן אָנהויב זענען צווישען זיך ענג געבינדען? אַזוי איז עס אין דער גאַנצער תורה און ביי יעדע סדרה. די היינטיגע סדרה הויבט זיך אָן מיט „קדושים תהיו" און ענדיגט זיך מיט „דמיהם בם". וואָס איז דער ענין דערפון? דער ענין איז: „דמיהם בם", בלוט זאָל עס קאָסטען, בלוט זאָל זיך גיסען און — „קדושים", הייליגע אידען זאָלט איהר זיין!...

(דערצעהלט פון רבי צבי יחזקאל מיכעלזאָהן)

אֱמוֹר

אמור אל הכהנים... (כא. א.)

„רבי תנחום בר׳ חנילאי פתח, אמרות ד׳ אמרות טהורות וכו׳ מצינו שעיקם הכתוב ח׳ אותיות ולא הוציא דבר מגונה מפיו וכו׳ ״ (מדרש רבה)

וואס פאר אַ שייכות האָט דער דאָזיגער גאַנצער דרש מיט׳ן פסוק „אמור אל הכהנים״ און ווי קומט עס דאָ אַהער?

די מפרשים בעמיהען זיך צו זאָגען דערויף פערשיעדענע פשטים, באמת אָבער לאָזט זיך עס ערקלערען גאַנץ איינפאַך:

דעם בעל־המדרש האָט געאַהרט, פאַרוואָס עפיס ווערט די גאַנצע פרשה פון טומאת־המת געזאָגט בלשון נסתר: „לנפש לא יטמא בעמיו״ וכו׳, און ערשט צוקו־מענדיג צו דער פרשת הקברות, ווערט שוין פון דאָרט אָן גערעדט בלשון נוכח: „לרצונכם תמים זכר בבקר״ וכו׳? און דערויף קומט די ערקלערונג, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל אין דער דאָזיגער פרשה רעדט זיך אַלץ וועגען דברים מגונים, וועגען עניני טומאה, און אַ דבר רע — ווי מיר געפינען אין שבועות ל״ו — דאַרף מען מהפך זיין נגד אחרים, נישט רידען דירעקט, נאָר בלשון נסתר, ווי צו אַ דריטע פערזאָן, דען ווי ווייט די תורה איז נזהר אין אַזעלכע זאַכען זעהען מיר דערפון — „שעיקם הכתוב ח׳ אותיות וכו׳״...

(דבש וחלב)

אמור אל הכהנים וכו׳ ואמרת אליהם... (כא. א.)

„להזהיר גדולים על הקטנים״... (רש״י)

די „גדולים״, די דערוואַקסענע, וועלכע זענען זיך מטפל מיט׳ן מת, ווערען דער־מיט געוואָרענט, אַז אויסער דעם בר־מינן, זאָלען זיי אין זינען האָבען און געדענקען אויך אין די „קטנים״ — צו פערזאָרגען די איבערגעבליבענע לעבעדיגע יתומים!...

(חתם סופר)

לנפש לא יטמא בעמיו כי אם לשארו הקרוב אליו... (כא. א.)

דערויף ווערט געזאָגט אין אברבנאַל, אַז צוליב דעם, וואָס נאָך מיתת נדב ואביהו איז נישט ערלויבט געוואָרען, אַז אהרן, ווי אויך זיינע קינדער, זאָלען זיך מתעסק זיין מיט זייער קבורה, און געטהון האָבען דאָס מישאל ואלצפן בני עוזיאל, האָבען די כהנים געהאַט דאַן אַ גרונד צו מיינען, אַז אַפילו אַ כהן הדיוט טאָר זיך אויך נישט מטמא זיין צו קיין קרובים, איז דעריבער, אַלזאָ, איצט נויטיג געווען

בפירוש צו ערקלערן, אַז דעמאָלס איז נאָר געווען אַנ׳אויסנאַהם פאַל, אָבער אויף להבא איז — „לנפש לא יטמא בעמיו, כי אם לשארו הקרוב אליו״, אַז צו די קרובים מעגען זיך די כהנים הדיוטים יאָ מטמא זיין.

די דאָזיגע ערקלערונג שטימט אָבער נישט מיט די ווערטער פון די חז״ל, וועלכע זאָגען, אַז „שמונה פרשיות נאמרו בו ביום שהוקם המשכן״ (גטין ס.). צווישען די דאָזיגע שמונה פרשיות ווערט אויך אויסגערעכענט די פרשה פון „אמור אל הכהנים״, און דער „יום שהוקם המשכן״ איז דאָך געווען פאַר מיתת נדב ואביהו!?...

(כנסת הגדולה)

אין רשב״ם הויבט זיך אָן דער פסוק ב׳ מיט די ווערטער: „לאחיו ולאחותו לא יטמא בהם״, און דערויף קומט די קורצע ערקלערונג: „ולא נאמר בהם״.

איז, ערשטענס, געפינט זיך גאָרנישט דאָ דער דאָזיגער פסוק, נאָר אין פרשת נשא (ו. ז.), צווייטענס, וואָס איז בכלל דער פשט אין רשב״ם׳ס ווערטער?

באמת אָבער איז דאָ בעגאַנגען געוואָרען אַ טעות דורכ׳ן מדפיס, וועלכער האָט פערטיילט דעם זאַץ, אין וועלכען עס רעדט זיך וועגען זעלבען ענין, אויף צוויי פסוקים, אַריינשטעלענדיג סאַמע אין מיטען די בעצייכענונג פון פסוק ב׳, ובאמת איז עס אַ המשך צו די פריהערדיגע ווערטער, און נעמליך: דער רשב״ם ערקלערט, אַז אינ׳ם פסוק „לנפש לא יטמא בעמיו״, בעציהט זיך דאָס וואָרט „בעמיו״ אויף די כהנים, אַז דער עם הכהנים זאָל זיך נישט מטמא זיין לנפש־אדם, וואָרום אויב מען זאָל טייטשען, אַז דער זין איז: דער כהן זאָל זיך נישט מטמא זיין צו זיין פאָלק, וואָלט דאָך געדאַרפט שטעהן: „לעמיו״, פונקט אַזוי ווי עס שטעהט: „לנפש לא יטמא״, נישט מיט אַ ב׳, „בנפש״, נאָר מיט אַ ל׳, ווי אויך אין פסוק „לאחיו ולאחותיו לא יטמא להם״ (אין פ׳ נשא), וואו עס שטעהט נישט „בהם״ מיט אַ ב׳, נאָר „להם״, מיט אַ ל׳.

ר׳ צדוק כהן, דער רב־הכולל אין פראַנקרייך, איז אַמאָל נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה פון אַ געוויסען אָנגעזעהענעם פראַנצויזישען מלוכה־מאַן. אויפ׳ן וועג צום קריסט־ליכען בית־עולם איז די לויה דורכגעגאַנגען דורכ׳ן אידישען בית־עולם. ר׳ צדוק, וועלכער איז געווען אַ כהן, איז געגאַנגען אַרום און אַרום, ביז ער איז צוגעקומען צום קריסטליכען בית־הקברות און האָט בייגעוואוינט די קבורה.

איינער פון די מיניסטאָרען, מיט וועלכען ער איז פערזענליך בעקאַנט געווען, האָט דאָס בעמערקט און איהם געפרעגט:

— פאַרוואָס, מסיו ראַבינער, האָט איהר אויסגעמיטען דעם אידישען בית־עולם?

— ווייל כ׳בין אַ כהן — ענטפערט איהם ר׳ צדוק — און ביי אידען טאָר אַ כהן נישט געהן אויפ׳ן בית־עולם.

— טאָ פאַרוואָס — פרעגט יענער איהם ווייטער — זענט איהר אויפ׳ן קריסט־ליכען בית־הקברות יאָ געקומען? זענען גויים קיין מענשען נישט?

— כ׳וועל דיר זאָגען, אדוני מיניסטער — ענטפערט איהם ר׳ צדוק — א י י ע ר רבי האָט ערקלערט, אַז ער וועט נישט שטאַרבען און אַז אַלע, וואָס גלויבען אין איהם, שטאַרבען נישט — זענען דעריבער זייערע קברים נישט מטמא... א ו נ ז ע ר רבי אָבער, משה, האָט געזאָגט בפירוש, אַז ער וועט שטאַרבען, און איז איז געשטאָרבען. מיר אידען, שטאַרבען אַלע, אָהן אויסנאַהם... נו, זענען דערפאַר די אידישע קברים יאָ מטמא...

צווישן די אַמאָליגע „קאַזיאָנע“ רבנים אין רוסלאַנד האָבן זיך געפונען, כידוע, גאָר גרויסע „לומדים“...

וועגן איינעם אַזאַ „לומד'ישן“ רב, וועלכער האָט זיך נאָך גרויס מיה אויס־געלערנט שרייבן אַ פּאָר ווערטער לשון־קודש, דערצעהלט מען, אַז איינמאָל איז מען געקומען צו איהם נאָך אַנ'ערלויבעניש וועגן מקבר־זיין אַ מת — און היות ווי ער האָט געוואוסט, אַז אין אַ בריעף, וואָס ווערט געשיקט פון איינעם צום צווייטען דורך אַ שליח, געברויכט מען שטענדיג דאָס וואָרט „המוכ״ז“ („המוסר כתב זה“), האָט ער, אַלזאָ, גענומען און אָנגעשריבן אויף אַ צעטעל: „הנני נותן רשות לקבור את המוכ״ז“!...

(מקור ברוך)

וועגן אַ געוויסען בעקאַנטען ראַבינער פון מערב־איראָפּע דערצעהלט מען, אַז עס האָט אַמאָל פּאַסירט אין זיין שטאָדט אַ פאַל, אַז איינער איז בעגאַנגען זעלבסט־מאָרד, איבערלאָזענדיג אַ פרוי אָהן קינדער — האָט דאַן דער ראַבינער גע'פסק'ענט, אַז די פרוי דאַרף נישט נעהמען קיין חליצה, מחמת אין יורה־דעה איז פאַרהאַן אַ בפירוש'ע הלכה: „המאבד עצמו לדעת אין חולצין עליו“ („חולצין“ איז דאָרט דער טייטש — קריעה רייסען)...

כי אם לשארו הקרוב אליו לאמו ולאביו... (כא. ב.)

דערויף בעמערקט דער אבן־עזרא, אַז דערפאַר ווערט דאָ דערמאָהנט „אמו“ פ א ר „אָביו“, וויל על־פי־רוב לעבן זכרים לענגער פון נקבות.

פרעגט מען: אין אַ וויטערדיגען פסוק אין דערזעלבער פרשה ווערט דאָך אויך דייטליך געזאָגט: „לאָביו ולאמו לא יטמא“ — אַלזאָ, „אָביו“ פ א ר „אמו“?...

פון די פערשידענע תירוצים אויף דערדאָזיגער האַרבער פראַגע זעהט אויס צו זיין אַמריכטיגסטען דער ענטפער, וואָס ווערט געגעבען דערויף אין ספר „אמרי בינה“, און נעמליך:

דער צווי צום כהן־גדול: „לאָביו ולאמו לא יטמא“ איז געזאָגט געוואָרען אין מ ד ב ר, וואו די איינציגע כהנים זענען געווען אהרן און זיינע זיהן. פאַר אהרנ'ען זעלבסט איז דערדאָזיגער געבאָט געווען איבעריג, וואָרום דאַן האָבן שוין זיינע עלטערן סיי־ווי נישט געלעבט. דער געבאָט איז, אַלזאָ, געווענדעט געווען נאָר צו זיינע זיהן, אייגענטליך נאָר צו אלעזר'ן, וועלכער איז געוואָרען כהן־גדול נאָך אהרן'ס טויט — און צו איהם, אלעזר'ן, האָט מען דאָך נישט געקאָנט זאָגען דאָס וואָרט „לאמו“ פריהער: „לאמו ולאביו לא יטמא“... וואָרום ווען זיין מוטער זאָל שטאַרבען פ א ר ' ן פאָטער, עס הייסט ביי אהרן'ס לעבען, וואָלט דאָך נאָך אלעזר דעמאָלס קיין כהן־גדול נישט געקאָנט זיין און דאַן קאָן דאָך נאָך אויף איהם נישט חל זיין דער דין פון „לא יטמא“; דעריבער האָט דאָ, אַלס אויסנאַהם, געמוזט געזאָגט ווערען פריהער דאָס וואָרט „לאָביו“, און ערשט נאָכדעם — „לאמו“...

אַ שאַרפזיניגער תירוץ ווערט אויך געגעבען דערויף אין נאָמען פון לב־אריה'ס טאָכטער, די בעריהמטע מלומדת זלאַטע:

אין כתובות (פ״ג) זאָגט תוספות, אַז דעריבער איז ביי נשים מיתה שכיחא, וויל „ברוב פעמים מסתכנת בלידה“ (דען „על שלשה דברים נשים מתות בשעת לידתן“),

און אין יומא (מ״ו) ברענגט רש״י פאר׳ן ירושלמי, אז „אשה צנועה ראויה לצאת ממנה כהן גדול״. וויבאַלד, אַלזאָ, אַן׳אשה האָט אַ זוהן אַ כהן־גדול, איז עס אַ סימן, אַז זי איז אַ צנועה און ממילא איז ביי איהר נישט „מיתה שכיחא״, און זי איז נישט „מסתכנת בשעת לידה״, און דעריבער שטעהט נישט ביי כהן גדול „לאמו״ פריהער...

פאַרוואָס — פרעגען די מפרשים — שטעהט ביים כהן־הדיוט פריהער „לאמו״ און ביים כהן־גדול „לאָביו״ פריהער — „לאָביו ולאמו לא יטמא״?

דער תירוץ איז אָבער גאַנץ איינפאַך: „לאמו ולאָביו״ איז משמע, אַז די מוטער שטאַרבט פריהער, ווען דער פאָטער לעבט נאָך, דאַגעגען, „לאָביו ולאמו״ בעדייט פערקעהרט, פריהער איז געשטאַרבען דער פאָטער און נאָכהער די מוטער. איןביידע פאַלען זאָגט אונז, אַלזאָ, די תורה אַ רבותא: דער כהן־הדיוט מעג זיך מטמא זיין אויב זיין מוטער שטאַרבט, ווען אַפילו דער פאָטער לעבט נאָך, און ער, דער פאָטער, קאָן זיך דאָך מתעסק זיין מיט׳ן מת. דאַגעגען דער כהן־גדול טאָר זיך נישט מטמא זיין ביי זיין מוטער׳ס טויט, אַפילו ווען דער פאָטער, וועלכער זאָל זיך מתעסק זיין מיט איהר, לעבט נישט מעהר...

(אור תורה)

ולאחותו הבתולה הקרובה אליו וכו׳ לה יטמא:... (כא. ג.)

אונפערשטענדליך איז די שטעלע אין „דעת זקנים מבעלי התוספות״ אויפ׳ן דאָזיגען פסוק. עס ווערט דאָרט נעמליך געזאָגט: „אמרו ז״ל, לאחותו הוא דאינו מטמא, אבל מטמא הוא למת מצוה״.

דער פסוק זאָגט דאָך בפירוש פערקעהרט: „ולאחותו הבתולה וכו׳ לה יטמא״, אַז צו אַ שוועסטער מעג ער זיך יאָ מטמא זיין! און דער דרש פון די חז״ל: „לאחותו הוא דאינו מטמא, אבל מטמא הוא למת מצוה״ (נזיר מ״ח), בעציהט זיך דאָך נאָר אויף אַ נזיר, וועגען וועלכען די תורה זאָגט (במדבר ו. ז.) „ולאחותו לא יטמא״?...

אין דער גמרא (סוטה ג׳) ווערען אויסגערעכענט דריי זאַכען, אין וועלכע רבי ישמעאל און רבי עקיבא זענען צווישען זיך מחולק: „וקנא את אשתו — רשות, דברי רבי ישמעאל; רבי עקיבא אומר — חובה; לה יטמא — רשות, דברי רבי ישמעאל; רבי עקיבא אומר — חובה; לעולם בהם תעבודו — רשות, דברי רבי ישמעאל; רבי עקיבא אומר — חובה״.

פרעגט דאָרט תוספות: וואָס טהוען זיי מיט׳ן מאמר „שש מאות וי״ג מצוות נאמרו למשה מסיני״ (מכות כ״ג). לויט רבי ישמעאל וועט דאָך אויסקומען מיט דריי מצוות וועניגער און לויט רבי עקיבא מיט דריי מעהר?

אַ זעהר טרעפליכע תשובה אויף דער דאָזיגער קשיא געפינען מיר אין ספר „משיב ציון״ פון רבי דוד אפּענהיים. עס ווערט דאָרט נעמליך אָנגעוויזען אויף דער משנה אין מנחות: „ד׳ ציציות מעכבות זו את זו שארבעתן מצוה אחת, רבי ישמעאל אומר ארבעתן ארבע מצוות״ (מנחות כ״ח), אַז רבי ישמעאל האַלט, דאָס די פיער ציציות זענען גאַנצע פיער מצוות, וממילא שטימט שוין דער חשבון: אַנשטאָט די פריהערדיגע דריי מצוות, וועלכע פעהלען לויט רבי ישמעאל׳ן, קומען צו די איבעריגע דריי מצוות פון ציצית...

ואשה גרושה מאישה לא יקחו... (כא. ז.)

אין עסטרייך האט זיך אמאל שטארק געקאכט מיט א געשיכטע וועגן א בעקאנטען אידישען גביר, א כהן, וואס האט געוואלט חתונה האבען מיט א גרושה, וועלכע האט גע׳גט איהר מאן, און די רבנים האבען נאטירליך נישט געוואלט געבען קיין חופה וקידושין.

דער גביר, וועלכער איז געוועזן א מקורב למלכות, האט פערקלאגט די רבנים פאר דער רעגירונג און מאטיווירט האט ער זיין אנקלאגע מיט דער ערקלערונג, אז דאס, וואס די תורה פערווערט א כהן צו נעהמען א גרושה, איז עס דערפאר, וויל אויב דער מאן האט זי גע׳גט, בעווייזט עס, אז זי איז אנ׳אונווירדיגע פרוי און עס איז דעריבער נישט פאסענד פאר א כהן מיט אזא פרוי צו הייראטען. דא אבער איז דער פאל א גאנץ אנדערער: נישט דער מאן האט איהר גע׳גט, נאר זי — דעם מאן און די רבנים האבען דעריבער נישט דאס רעכט צו שטערען איהם.

די רעגירונג האט זיך דאן געווענדעט מיט אנ׳אנפראגע צו די רבנים, וועלכע האבען געענטפערט מיט פאלגענדער תשובה:

אין דער תורה זעלבסט ווערט לגמרי נישט דערמאהנט וועגן דער מעגליכקייט, אז א ווייב זאל מעגען גט׳ן א מאן. דאס איז א תיקון חכמים, וואס מען האט מתיר געווען אין די שפעטערדיגע צייטען, כדי צו בעפרייען די פרוי פון א שלעכטען מאן און צו צווינגען איהם, אז אויב זי פערלאנגט עס, מוז ער איהר געבען גט... ווען אבער דער דאזיגער גביר וויל זיך נישט רעכענען מיט די חז״ל, וועלכע זענען נישט מבחין פון א גרושה ביז א מגרשה, און ער גלויבט נור וואס עס שטעהט אין תורה שבכתב, איז לויט דער תורה איז זי דאך כלל נישט קיין גרושה, נאר אנ׳אשת איש...
(שו״ת חתם סופר)

עס איז געווען אמאל א מעשה מיט א געוויסען גאליציאנער רבי׳ן, צו וועלכען עס איז געקומען א פרוי מיט א „קוויטעל״, ער זאל פאר איהר מתפלל זיין. דעם רבי׳ן, וועלכער איז דאן געווען אנ׳אלמן, איז די פרוי געפעלען געווארען און ער האט דאן געשיקט צו איהר דעם משמש און גע׳פועל׳ט, זי זאל זיך גט׳ן מיט׳ן מאן און דער רבי האט מיט איהר חתונה געהאט.

מיט דער דאזיגער געשיכטע האט דעמאלס געקאכט גאנץ גאליציען און רבי יצחק שמעלקיש, דער לעמבערגער רב, האט דאן געזאגט, אז איצט ווערט איהם פערשטענדליך, פארוואס מען האט ארויסגעגעבען אנ׳איסור אויף די כהנים, אז „ואשה גרושה מאישה לא יקחו״. דאס איז מסתמא דערפאר, וויל צום כהן פלעגען קומען א סך פרויען מיט זייערע קרבנות, פונקט ווי זיי קומען היינט צום רבי׳ן מיט פדיונות און קוויטלעך, און בכדי עס זאל נישט פאסירען מיט׳ן כהן אזא עהנליכע געשיכטע, ווי עס האט פאסירט מיט׳ן גאליציאנער רבי׳ן, אז איינע פון די פרויען זאל איהם געפעלען ווערען און ער זאל זי אברייסען פון מאן, האט דעריבער די תורה געווארענט און שטרענג אנגעזאגט: „ואשה גרושה מאישה לא יקחו״!...

והכהן הגדול מאחיו... (כא. י.)

„גדלהו משל אחיו״ (יומא י״ח)

זיין גדלות זאל שטאמען משל אחיו, פון זיינע ברידער, זיי זאלען איהם גרויס מאכען, פון זיי זאל ער בעקומען די כהונה, נישט פון פרעמדע... (רבי יונתן אייבעשיץ)

„בנוי בכח, בעושר ובחכמה ובשנים" (תנחומא)

דעריבער — האָט דערויף געזאָגט באַראָן בנימין זאב ראָטשילד — איז געווען נויטיג, אַז ער זאָל אויך זיין רייכער פון אַלע אַנדערע כהנים, ווייל דער כהן־גדול, אַלס העכסטע אויטאָריטעטע פערזאָן, האָט געדאַרפט זיין פאַלקאָם זעלבסטשטענדיג און ניט אָבהענגיג פון קיינעם, און ער וואָלט דאָס נישט געקענט זיין, אויב עס וואָלט זיך געפונען צווישען די כהנים אַ גרעסערער עושר פון איהם, ווייל אַן עושר איז מען געוועהנט צו חנפ'נען, פאַר אַן עושר האָבען אַלע דרך־ארץ...

ועל כל נפשות מת לא יבוא... (כא. יא.)

דער כהן־גדול דאַרף זיין אויסגעטהון פון זיין אייגענער משפחה, ער דאַרף זיך אויפהויבען העכער פון די דאָזיגע באַגרענעצטע ד' אמות און אין זינען האָבען דעם כלל און טראַכטען נאַר וועגען כלל. און דעריבער: „ועל כל נפשות מת לא יבא, לאביו ולאמו לא יטמא", ער טאָר זיך נישט פיהלען נעהנטער צו זיינע פאַמיליען־קרובים, ווי צו יעדען אַנדערען איד...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

אשר יהי' בו מום לא יקרב... (כא. יז.)

דער כהן דאַרף זיין געאַכטעט ביים פאָלק און דעריבער האָט די תורה פערבאָטען, אַז אַ בעל־מום זאָל נישט טהון די עבודה, דען דער המון האָט אַכטונג נאַר פאַר אַזעלכע מענשען, וועלכע זענען אויך קערפערליך שען און טראָגען שענע קליידער...

(מורה נבוכים)

די גאַנצקייט פון גוף סימבאַליזירט אויך די גאַנצקייט פון נפש, דען דער בעל־מום איז בטבע מקנא דעם פיזיש געזונטען און דאָס ווירקט אויף איהם, ער זאָל זיין שלעכט און פערביטערט...

אגב, איז פון דאַנען אויך צו זעהען, אַז די אידען האָבען די ערשטע אַרויסגעוויזען אַ בעדייטענדען זין פאַר עסטעטיק...

(פילון)

וועגען אַ געוויסען גאון ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט געהאַט אַ ווייב, וועלכע איז געווען געבענשט מיט אַלע מעלות: אַ הינקענדיגע אויף אַ פוס, אַ האָרבאַטע און מיט אַ בלאָנע אויף אַן אויג, און צו דעם אַלעם איז זי נאָך געווען אַ שלעכטע, אַ שרייערין...

האָט דער גאון זיך אויסגערעדט אַמאָל פאַר זיינעם אַ פריינד, וועלכען ער האָט געגעבען צו פערשטעהן, אַז דאָס, וואָס זיין אידענע איז „געבענשט" מיט אַזוי פיעל מעלות, איז דערפאַר, ווייל זי שטאַמט פון אַ פאַמיליע מיט גרויסע מיוחסים... ווען מען האָט אין הימעל — האָט ער עס איהם מסביר געווען — אויסגערופען ארבעים יום קודם יצירת הולד, אַז פלונית בת פלונית זאָל זיין מיין באַשערטע, איז געקומען צו לויפען דער זיידע איהרער, אַ גרויסער גאון, און גע'טענה'ט, אַז דער שידוך מיט מיר שטעהט איהם נישט אָן. נו, האָט איהם דערויף דער מלאך געענטפערט, אַז דאָס דאָזיגע איניקעל זיינס וועט זיין אַ הינקענדיגע, און דאַן איז ער שוין מרוצה געוואָרען

און האָט מסכים געווען. שפּעטער איז געקומען צו לויפן אַ צווייטער זיידע, נאָך אַ גרעסערער צדיק, און ווייטער נישט בעשטאַנען אויפ׳ן זיווג. אַפילו אַזאַ הינקענדיגע יחסנ׳טע האָט ער מיר נישט פערגינען. האָט מען איהם געענטפערט, אַז זי וועט זיין אַ האָרבאַטע. אַ דריטען קרוב ווידער, וועלכער איז געקומען מיט פּרעטענזיעס, האָט מען מפייס געווען מיט דער ערקלערונג, אַז זי וועט האָבען אַ בלאָנע אויפ׳ן אויג. אַ גליק — האָט דער גאון פאַרענדיגט מיט אַ ביטערען שמייכעל — וואָס זי האָט שוין אפּנים נישט געהאַט מעהר קיין מיוחסים אין דער משפחה, וואָרום דעמאָלט, ווער ווייסט, וואָסערע נאָך „מתנות״ מען וואָלט מיר צוגעגעבען...

נבלה וטרפה לא יאכל לטמאה בה... (כב. ח.)

צום לעמבערגער רב, רבי יעקב אָרענשטיין, איז אַמאָל געקומען אַ קריסטין, אַנ׳אינהאַבערין פון אַ גאָרקיך, און זיך געקלאָגט פאַר איהם, אַז צווישען די אידישע געסט, וועלכע קומען אַריין צו איהר עסען, זענען פאַרהאַן אַזעלכע וועלכע האָבען ביי איהר אַ לענגערע צייט געגעסען מיטאָגען אויף קרעדיט און איצט בעצאָהלען זיי איהר נישט.

— כ׳האָב פאַר דיר אַנ׳עצה — ענטפערט איהר דער לעמבערגער רב — דער ערשטער איד, וואָס וועט צו דיר מאָרגען אַריינקומען עסען, זאָלסטו איהם דערלאַנגען אַ חשבון פון אַלע געלדער, וואָס עס קומט דיר ביי יענע אידען, און אויב ער וועט נישט וועלען בעצאָהלען, זאָלסטו איהם רופען צום רב.

האָט די קריסטין געפאָלגט.

צומאָרגענס קומט אַריין אַ איד אין גאָרקיך, זעצט זיך אַוועק ברייטליך און הייסט זיך געבען אַ פעטען מאָלצייט. נאָכ׳ן עסען דערלאַנגט איהם די בעל־הבית׳טע אַ חשבון — ווערט איהם פינסטער פאַר די אויגען. סטייטש — קוקט ער אויף איהר פערוואונ־דערט — אַזויפיעל פאַר איין מאָלצייט?

— אַט דאָס — ענטפערט זי איהם — קומט מיר ביי דיינע אידישע ברידער, וועלכע האָבען ביי מיר געגעסען און נישט בעצאָהלט.

— וואָס הייסט — טענה׳ט ער — וואָס בין איך שולדיג? בין איך דען מחויב צו בעצאָהלען פאַר אַנדערע אידען?

— טאָ קומט־זשע — מאַכט די קריסטין — צום רב.

ווי ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער שנעל אַרויסגעכאַפּט און בעצאָהלט דעם גאַנצען חשבון און תיכף געמאַכט פּיס...

(די וועלט דערצעהלט)

צו רבי ישראל וויזשניצער, וועלכער איז געווען אַ שאַרפער געגנער פון השכלה, איז אַמאָל געקומען איינער פון די משכילים און פערפיהרט מיט איהם אַ שמועס:

— פאַרוואָס — מאַכט ער — רבי, זאָלען חסידים אַזוי פיינד האָבען די משכילים? זענען מיר דען נישט אַלע אידען, קינדער פון איין פאָטער?

— יאָ — ענטפערט איהם רבי ישראל — אָבער נישט פון איין מוטער.

— וואָס הייסט? — פערשטעהט נישט יענער.

— פערשטעהט איהר מיך — איז איהם רבי ישראל מסביר — וואָס ביי אייך איז מותר (מוטער) איז ביי אונז אסור...

בשעת דער מלבי״ם איז איינמאָל געווען אין יעקאַטערינאָסלאוו, איז די גאַנצע פּני פון שטאָדט געקומען איהם מקבל פּנים זיין, צווישען זיי אויך איניגע, וועלכע האָבען זיך פאַרגעשטעלט פאַר׳ן מלבי״ם, אַז זיי זענען די משכילים פון שטאָדט.

— דאָס הייסט — פּערטייטשט עס דער מלבי״ם — די קענערס?

— וואָס שייך צו זאָגען קענערס — מאַכען זיי עניוות׳דיג — ווער קאָן דאָס זאָגען אויף זיך, אַז ער קען?

— פּערשטעהט איהר מיך — שמייכעלט דער מלבי״ם — אויב איהר זענט משכילים, זענט איהר קענערס. איהר קענט דאָס, וואָס אַ איד אַ שומר מצוה, קען נישט. אָט נעהמט, למשל, מיך. איך, אַז כ׳שטעה אויף אין דער פריה און וויל טרינקען אַ גלעזעל טהיי — קען איך נישט, כ׳האָב נאָך נישט אָבגעגאָסען קיין נעגעל־וואַסער, נישט געזאָגט קיין ברכות־השחר; אַז כ׳טרינק אָב טהיי און איך וויל עסען — קען איך ווידער נישט, כ׳האָב נאָך נישט געדאַווענט; נאָכ׳ן דאַווענען — קען איך ווייטער נישט עסען, כ׳מוז זיך וואַשען. איהר אָבער, משכילים, זענט די אמת׳ע קענערס, איהר קענט אַלץ...

רבי שמשון רפאל הירש פלעגט זאָגען:

זינט עס זענען אויפגעקומען די דר. ראַבינערס, זינט רבנים זענען געוואָרען דאָקטוירים — האָט דאָס אידישקייט נעביך אָנגעהויבען שטאַרק צו קרענקען...

ושמרו את משמרתי ולא ישאו עליו חטא... (כב. ט.)

דער בעוואוסטער משכיל, יוסף ראָזענטאַל, האָט זיך אַמאָל געטראָפען מיט רבי יאָשע בער בריסקער און ער האָט איהם געפרעגט:

— ווי אַזוי ערלויבט איהר זיך, רבנים, אַרויסצוגעבען יעדעס מאָל אַלץ פרישע חומרות און סיגים, צו וועלכע עס נעהמט גאָר קיין סוף נישט. דאָס איז דאָך געגען די תורה, וואו עס שטעהט בפירוש: „לא תוסיפו״?

האָט איהם רבי יאָשע בער געענטפערט:

נאָך די ווערטער „ושמרו את משמרתי״, פון וועלכע עס ווערט גע׳דרשנ׳ט: „עשו משמרת למשמרתי״, ווערט גלייך צוגעגעבען אין פסוק: „ולא ישאו עליו חטא״, אַז דאָס איז קיין חטא נישט, אַזביים מאַכען אַ „משמרת למשמרת״ איז מען נישט עובר אויף „לא תוסיפו״.

דאָס איז פונקט — האָט רבי יאָשע בער דערביי צוגעגעבען — ווי אַ מעדיצין, וואָס מען דערלאַנגט אַ קראַנקען און מען גיט איהם דערויף טהיי נאָכצוטרינקען. פון דער מעדיצין טאָר מען נישט נעהמען איין טראָפּען מעהר, ווי דער דאָקטאָר האָט פערשריבען; טהיי אָבער מעג ער נאָכטרינקען, וויפיעל ער וויל. די חומרות און סיגים אונזערע — דאָס איז די טהיי צו דער מעדיצין...

וזרע אין לה ושבה אל בית אביה... (כב. יג.)

כמעט אין אַלע שטעלען ווערט אין תרגום־אונקלוס דאָס וואָרט „זרע״ איבער־זעצט אויף „זרעא״ (ווי אין דער סדרה „אמור״ זעלבסט, אין די פסוקים: „ולא יחלל זרעו בעמיו״, „כל איש אשר בו מום מזרע אהרן״, „איש איש מזרע אהרן״), בלויז דאָ, אויפ׳ן פסוק „וזרע אין לה״, מאַכט דער תרגום: „ו ב ר לית לה״, ווי וועלענדיג

דערמיט בעטאָנען, אַז אויב נאָר זי האָט נישט קיין זיהן, אַפילו ווען זי האָט טעכטער, מעג זי זיך אומקעהרען „אל בית אָביה" און עסען תרומה. ווי־זשע געשיקט זיך עס? דאָס איז דאָך געגען דער הלכה!...

אויספיהרליכע ערקלערונגען איבער דערדאָזיגער האַרבער פראַגע ווערען געגעבען אינ׳ם פירוש אויפ׳ן תרגום „נתינה לגר" פון רבי נתן אַדלער, אין ספר „עוטה אור", ווי אויך אין די „אגרות שי"ר" מכתב ד׳.

שור או כשב או עז כי יולד... (כב. כז.)

מיר האָבען דאָ פאָר זיך דריי פסוקים, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגען דריי פערשיעדענע דיני־קרבנות און אין יעדע פון זיי ווערט דער זמן פון דער נאַכט גערעכענט לויט אַ גאַנץ אַנדער אופן... אין ערשטען פסוק ווערט געזאָגט: „שור או כשב או עז כי יולד והיה שבעת ימים תחת אמו" און ערשט אויפ׳ן אַכטען טאָג מעג מען עס מקריב זיין אַלס קרבן, וואָס שייך אָבער די נאַכט צווישען זיבענטען און אַכטען טאָג, איז דער דין, אַז מקריב זיין טאָר מען נאָך דאַן נישט, אָבער עס מקדיש זיין פאַר אַ קרבן מעג מען שוין יאָ. אויף אַזאַ אופן איז, אַלזאָ, די נאַכט אַ זמן בפני עצמה, נישט זי געהער צום פערגאַנגענעם טאָג, וואָרום דאַן טאָר מען דאָך אַפילו נישט מקדיש זיי, און נישט צום מאָרגענדיגען, אַכטען טאָג, אין וועלכען מען מעג דאָך שוין זאָגאַר מקריב זיין... אין צווייטען פסוק רעדט זיך וועגען „אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד", און דאָ איז דער דין, אַז וויבאַלד מען האָט די מוטער געשאָכטען בייטאָג, מעג מען שוין אויפדערנאַכט שעכטען דעם ולד. הייסט עס, אַלזאָ, אַז די נאַכט ווערט צוגערעכענט צום מאָרגענדיגען טאָג... אין דריטען פסוק רעדט זיך וועגען אַ קרבן תודה, אַז „ביום ההוא יאכל לא תותירו ממנו עד בקר", מען מעג עס עסען אַ גאַנצען טאָג און ביינאַכט (אַ תודה — ביז האַלבע נאַכט, און שלמים — אַ גאַנצע נאַכט), אָבער צומאָרגענס נישט. הייסט עס, אַז די נאַכט געהער נישט צום מאָרגענדיגען, נאָר צום פערגאַנגענעם טאָג... אין יעדען פסוק ווערט, אַלזאָ, אַנדערש גערעכענט דער זמן פון דער נאַכט, און דעריבער טאַקי קומט נאָך די דאָזיגע פסוקים דער אויספיהר — „אני ד׳". אַזוי איז דאָס געזעץ, „ואין לך רשות להרהר אחריו!"...

(רבי חיים זונדעל)

שור או כשב או עז כי יולד והיה שבעת ימים תחת אמו... (כב. כז.)

און דאָס איז דער פשט אין דער גמרא: „כי עליך הורגנו כל היום, נחשבנו כצאן טבחה וכו׳ ר׳ יהושע בן לוי אומר, זו מילה שניתנה בשמיני" (גטין כ"ז).

די כוונה איז, אַז די מצות מילה האָט דעם זעלבען דין, וואָס „צאן טבחה", ביי וועלכען עס ווערט געזאָגט: „שבעת ימים יהי׳ תחת אמו ומיום השמיני והלאה ירצה לקרבן"...

(דבש וחלב)

אין דער תפלה פון מוסף לשבת זאָגען מיר: „תכנת שבת רצית קרבנותיה". וואָס איז די כוונה פון „רצית קרבנותיה"? צי דען נאָר די קרבנות פון שבת זענען ביים אויבערשטען בעוויליגט און אַלע אַנדערע קרבנות נישט?

נאָר אין פסיקתא, אויפ׳ן פסוק „והיה שבעת ימים תחת אמו", ווערט געזאָגט:

„משל למלך שנכנס למדינה והוציא כרוז ואמר: כל אדם לא יראה פני עד שיראה פני מטרונה תחלה. כך אמר הקב"ה לישראל: אל תקריבו לפני קרבן עד שיעבור עליו השבת, שאין ז' בלא שבת ואין מילה בלא שבת".

און דערפאַר איז „והיה שבעת ימים תחת אמו", ווייל מען טאָר נישט מקריב זיין קיין קרבן, ביז ער איז נישט פריהער דורכגעגאַנגען דעם שבת. און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין: „תכנת שבת, רצית קרבנותיה", דו האָסט פעסטגעשטעלט דעם שבת, אַז אַלע קרבנות זאָלען פריהער מוזען דורך איהר דורכגעהן און נאָר דאַמאָלס זענען זיי פאַר דיר לרצון...

(רבי צדקיהו הרופא מן רומא)

ולא תחללו את שם קדשי ונקדשתי בתוך בני ישראל... (כב. לב.)

רבי עקיבא גראַניצער האָט אַמאָל געמוסר'ט איינעם, הלמאי ער שיקט זיין זוהן שטודירען אין אַ גוי'אישע שול און דערצו נאָך אויך אום שבת. דערויף האָט איהם יענער געענטפערט, אַז ער טהוט עס פאַר'ן אידישען פאָלק, פאַר וועלכען עס איז נויטיג צו האָבען געבילדעטע אידען, וועלכע זאָלען קענען פערטיידיגען דעם אידישען כבוד. אַלס ביישפיעל האָט ער איהם דערביי אָנגעוויזען אויפ'ן דאַמאָלסדיגען ד"ר נתן בלאָך פון וויען, וועלכער האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין פערטיידיגען דעם תלמוד געגען אַנטיסעמיטישען גלח דר. ראָהלינג. אויך זיין זוהן, האָפט ער, וועט אַלס געבילדעטער מאַן קענען שפעטער מקדש שם זיין און פערטיידיגען דעם אידישען כבוד געגען די שונאי־ישראל.

— געגען אַזאַ מין היתר — ענטפערט איהם דערויף רבי עקיבא — צו זיין שוין איצט אַ מחלל את השם און אַ מחלל את השבת, ווייל שפעטער וועט ער אפשר זיין אַ מקדש שם, וואָס עס איז נאָך אַלענפאַלס אַ גרויסער ספק, וואָרענט אונז טאַקי די תורה. אַט זאָגט זי אונז טאַקי בפירוש: „ושמרתם מצותי ועשיתם אותם וכו' ולא תחללו את שם קדשי ונקדשתי בתוך בני ישראל". זייט נישט מחלל דעם אויבערשטענ'ס נאָמען מיט'ן אויסרייד און אויף דער קאָנטא פון „ונקדשתי בתוך בני ישראל", אַז שפעטער וועט איהר מכלומר'שט זיין אַ מקדש את השם...

אלה הם מועדי וכו' ששת ימים תעשה מלאכה... (כג. ב.)

עס איז אַ בעקאַנטער האַרבער פסוק. אָנהויבען הויבט ער זיך אָן: „אלה הם מועדי", דאָס זענען די ימים־טובים, און גערעדט ווערט גאָר וועגען שבת: „ששת ימים תעשה מלאכה"?!... און דאָן, נאָכוואָס ווערט אין צווייטען פסוק נאָכאַמאָל איבערגע'חזר'ט: „אלה מועדי ד' מקראי קדש" וכו'?

לויט דער ערקלערונג פון „אור החיים", מיינט דאָ די תורה פעסטצושטעלען דעם אונטערשיעד צווישען די ימים־טובים און שבת: די בעשטימונג פון די ימים־טובים ווערט איבערגעגעבען אין רשות פון בית־דין, וועלכע האָבען דאָס רעכט, אויב זיי געפינען פאַר נויטיג, מעבר צו זיין די חדשים און דאָס יאָהר, דורך וואָס די ימים־טובים ווערען אַזוי־אַרום איבערגערוקט אויף אַ שפעטערער צייט; דאַגעגען דער טאָג פון שבת לאָזט זיך אויף קיין פאַל נישט ענדערען און איבעררוקען. און דאָס, אַלזאָ, איז דער פשט: „אלה הם מועדי" — מ י י ן „מועד", וועלכער איז פעסט בעשטימט אויף שטענדיג, איז „ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון" — דער־

דאָזיגער „מועד״, שבת, לאָזט זיך אויף קיין פאַל נישט אונטערוואַרפען אונטער קיין שום ענדערונג; דאַגעגען „אלה מועדי ד׳ מקראי קדש״, די ווייטער אויסגערע־כענטע ימים־טובים, ווי פסח, שבועות, ראש־השנה א. א. וו., אויף זיי ווערט געזאָגט: „אשר תקראו אותם במועדם״ — „אל תקרי אותם, אלא אתם״, זיי ווערען בע־שטימט לויט דעם איינזעהן פון בית־דין...

דער ווילנער גאון ערקלערט דעמדאָזיגען פסוק אויף אַנ׳אַנדער אופן, נעמליך: אינ׳ם פסוק „ששת ימים תעשה מלאכה״ רעדט זיך דאָ נישט וועגען שבת, נאָר טאַקע וועגען די ימים־טובים, וועלכע, לויט דער תורה, ענטהאַלטען זיי צוזאַמען זיעבען טעג: צוויי טעג פסח (דער ערשטער טאָג און דער זיעבעטער), צוויי טעג סוכות (דער ערש־טער און דער אַכטער, שמיני עצרת), איין טאָג שבועות, איין טאָג ראש־השנה און איין טאָג יום־כפור. אָבער נישט אַלע ימים־טובים זענען גלייך און נישט אַלע האָבען זיי דעמזעלבען דין. אַלזאָ: „אלה הם מועדי״, פון אָט דידאָזיגע ווייטער־אויסגערע־כענטע ימים־טובים, איז „ששת ימים תעשה מלאכה״, זענען זעקס טעג, פסח, שבועות, ראש־השנה, סוכות, ערלויבט צו טהון אין זיי אַ מלאכה פון „אוכל־נפש״; אָבער „וביום השביעי״, איין טאָג יום־טוב איז פאַרהאַן, יום־כפור, וועלכער איז „שבת שבתון מקרא קדש, כל מלאכה לא תעשו״...

(נתינה לגר)

לויט אָט דעם אופן לאָזט זיך אויך ערקלערען, פאַרוואָס אין נוסח פון „ותודיענו״, וואָס ווערט געזאָגט אין דער נאַכט פון יום־טוב וואָס געפאַלט אום מוצאי־שבת, חזר׳ט זיך איבער צוויי מאָל: „ותבדל... בין יום השביעי לששת ימי המעשה״, און דאַן — „ואת יום השביעי מששת ימי המעשה קדשת״... לויט דער דערמאָהנטער ערקלערונג פון ווילנער גאון, בעציהט זיך דערדאָזיגער צווייטער זאַץ אויף די ימים־טובים — און דער פשט איז: „ואת יום השביעי מששת ימי המעשה קדשת״, אַז דער זיעבעטער טאָג יום־טוב, יום־כפור, איז מיט זיין הייליגקייט אַנ׳אויסנאַהם פון די איבעריגע זעקס יום־טוב־טעג!...

אלה מועדי ד׳ מקראי קדש... (כג. ד.)

פאַר די חכמים און יודעי־התורה איז די תורה דער „מקרא קדש״, די לעהרע פון אַלע הייליגקייטען; פאַר׳ן המון, אָבער, פאַר וועלכען די תורה איז אַ ספר החתום, אַ פערשלאָסען בוך, דיענען די שבתים און ימים־טובים אַלס „מקראי קודש״, אין וועלכע זיי לייענען און בעקענען זיך מיט אַלע הייליגקייטען פון יהדות. דער שבת לערענט זיי, אַז השי״ת האָט בעשאַפען די וועלט, פון פסח דערוויסען זיי זיך דעם ענין פון יציאת־מצרים, און אַזוי ווייטער...

(כנפי נשרים)

ולחם וקלי וכרמל לא תאכלו עד עצם היום הזה... (כג. יד.)

אין קידושין ל״ח ברענגט תוספות די קשיא פון ירושלמי: פאַרוואָס האָט מען נישט מתיר געמאַכט, אַז מצה זאָל מען מעגען עסען אויך פון דער נייער תבואה? דער עשה פון „בערב תאכלו מצות״ דאַרף דאָך דוחה זיין דעם לא תעשה פון „חדש״?

ענטפערט דערויף ר׳ יונתן אייבעשיץ:

די גמרא זאָגט, אַז בימי אבלו של משה זענען פערגעסען געוואָרען דריי הונדערט הלכות. איינע פון זיי איז געווען די הלכה פון „שיעורין״, ווי גרויס עס דאַרף זיין דער שיעור פון יעדע מצוה, האָט מען דעריבער נישט געקאָנט מתיר מאַכען, אַז מען זאָל קאָנען יוצא זיין די מצוה פון אכילת מצה מיט דער תבואה פון חדש, וואָרום וויפיעל זאָל ער מעגען עסען? זאָל ער עסען אַ כזית? טאָמער איז גאָר דער שיעור פון אכילת מצה צוויי זיתים, האָט ער דאָך דאַן נישט מקיים געווען די מצוה און איז עובר אויף אַ חצי שיעור. זאָל ער עסען צוויי זיתים? אפשר איז דער שיעור פון דער מצוה אַ כזית, טאָר ער דאָך שוין דעם צווייטען כזית נישט עסען! און אָט דערפאַר האָט מען עס נישט געקאָנט מתיר מאַכען...

וספרתם לכם ממחרת השבת... (כג. טו.)

פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיין „שהחיינו״ איבער דער מצוה פון ספירת־העומר?

ווייל — ערקלערט דערויף דער רשב״א — די ספירה אַליין איז נור געווען אַ מיטעל און אַ פאַרבערייטונג צו דער הויפּט־מצוה. דער זין פון דער ספירה איז געווען, אַז נאָך די אָבגעצעהלטע צאָהל טעג זאָל מען מקריב זיין די „שתי הלחם״. מיר אָבער בעגנוגענען זיך היינט בלויז מיט׳ן צעהלען, אָהן מקיים צו זיין דערביי די עיקר מצוה, און דעריבער קענען מיר נישט זאָגען: „שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה״, דען דער „זמן הזה״ פערשאַפט אונז בלויז צער, דערמאָהנענדיג אונז אינ׳ם חורבן בית־המקדש...

נאָך ספירת־העומר זאָגען מיר: „הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה במהרה בימינו״. פאַרוואָס עפּיס זאָגען מיר דאָס נור ביי דער דאָזיגער מצוה?

דען מדאורייתא איז די מצוה פון ספירת־העומר נור נוהג בזמן המקדש, בשעת מען האָט מקריב געווען דעם עומר. בזמן הזה דאַגעגען איז עס נור מדרבנן אַלס זכר, און דעריבער זענען מיר מתפלל: „הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש״ און דאַמאָלס וועלען מיר צוריק קענען מקיים זיין די מצוה פון ספירת־העומר לויט איהר אמת׳ן זין און תכלית...

(ילקוט יצחק)

די ספירה, האָט די תורה בעשטימט, דאָס צעהלען די טעג ביז צום יום־טוב פון קבלת־תורה, זאָל מען אָנהויבען דאַן, ווען מען ברענגט דעם עומר און מען שניידט די נייע תבואה, און פערקעהרט ווידער, דער עומר איז בעשטימט געוואָרען צו ברענגען דאַן, ווען מען וועט אָנהויבען צעהלען די ספירה צו קבלת־התורה, עס איז הא בהא תליא — „אם אין קמח אין תורה״ און „אם אין תורה אין קמח״...

(מהר״ל מפראָג)

דעריבער זאָגען מיר אינ׳ם ערשטען ספירה־טאָג: „היום יום אחד לעומר״, נישט „יום ראשון״, אַזוי ווי מיר זאָגען אין די ווייטערע טעג — „יום שני״, „יום שלישי״ וכו׳, כדי דערמיט אָבצוווענדען די מיינונג פון די קראים, וועלכע טייטשען, כידוע, אַז „ממחרת השבת״ מיינט מען זונטאָג, אַז אין וועלכען טאָג דער פסח זאָל נישט געפאַלען, דאַרף מען אָנהויבען צו צעהלען ספירה אינ׳ם ערשטען זונטאָג׳דיגען טאָג

פון דער נעכסטער וואך... איז דערפאר זאגען מיר נישט „יום הראשון" פון וועלכען עס וואלט דאך געקאנט זיין משמע, אז עס ווערט דערמיט געמיינט — זונטאג...
(רבי צבי הירש חיות)

אינטערעסאנט! אין ספר „מטה משה" ווערט געבראכט אין נאמען פון רבינו יהודה החסיד, אז דער טעם, פארוואס די תורה האט געהייסען צעהלען ספירה איז, ווייל אין די דאזיגע טעג, צווישען פסח און שבועות, איז דאס פאלק בעשעפטיגט ביי דער ארבעט אויפ'ן פעלד, און זייענדיג די גאנצע צייט דערוייטערט פון שטאדט און היים קאן אמאל פאסירען, אז זיי זאלען פערגעסען די צייט־רעכענונג און זיך טועה זיין אינ'ם חשבון, ווען עס דארף אויספאלען דער יום־טוב שבועות, האט מען זיי דעריבער געהייסען די גאנצע צייט צעהלען יעדען טאג ספירה, כדי זיי זאלען קיין טעות נישט האבען...

דער מלבי"ם איז אמאל געקומען אין א שטאדט אריין, האט מען איהם דערצעהלט, אז עס איז פארהאן ביי זיי אין שטאדט אנ'אלטער אפיקורס, וועלכער האט אבגעדרוקט א חבור געגען די דברי־חז"ל און אין דער הסכמה צום חיבור וויצעלט ער זיך און שרייבט, אז דערפאר האט ער אבגעווארט מיט'ן דרוקען דאס ווערק ביז איצט, ווען ער איז שוין אויף דער עלטער, ווייל איך די מיטעלע יאהרען, ווען ער האט געהאט טעכטער חתונה צו מאכען, האט ער מורא געהאט אריינצופאלען אין לייטענ'ס מיילער, איצט אבער, ווען ער האט שוין אלע קינדער אויסגעגעבען, האט ער שוין דערפאר קיין מורא נישט...

שבת האט דער מלבי"ם געהאלטען אין שוהל א פייערדיגע דרשה און צווישען אנדערעס האט ער געזאגט: מיר געפינען אין דער גמרא, אז די בייתוסין האבען גע־האלטען, אז שבועות שטענדיג געפייערט ווערען אום זונטאג, ווייל דעם פסוק „וספרתם לכם ממחרת השבת" האבען זיי נישט געטייטשט: צומארגענס נאך יום־טוב, נאר בוכשטעבליך: צומארגענס נאך שבת. האט זיי רבי יוחנן בן זכאי געפרעגט: „שוטים מנין לכם? ולא היה אדם אחד שהיה משיבו חוץ מזקן אחד שהיה מפטפט כנגדו" (מנחות ס"ה). איז אייגענטליך, פארוואס האט בלויז איין זקן גערעדט אנטקעגען? דער תירוץ איז: באמת זענען זיי אלע געווען כופרים גמורים, נאר זיי האבען מורא געהאט צו ריידען, ווייל זיי האבען מסתמא געהאט טעכטער חתונה צו מאכען און, פונקט ווי דער אפיקורסישער מחבר פון אייער שטעדטעל, האט זיך דערויף ערלויבט בלויז אזעלכער, וועלכער איז שוין געווען א זקן...

שבע שבתות תמימות תהיינה... (כג. טו.)

דערויף ווערט געזאגט אין מדרש: „אימתי הן תמימות? בשעה שישראל עושים רצונו של מקום".

וואס ווערט געמיינט דערמיט?

נאר ביים עומר איז דער דין: „קצירה וספיחה בלילה והבאה ביום" (מנחות ס"ו), נאר אויב עס האט זיך געטראפען א סיבה און די קצירה האט נישט געקאנט פאר־קומען בייגאכט, מעג מען עס בדיעבד דורכפיהרען בייטאג, הגם דאמאלס זענען שוין די אבגעצעהלטע נ"ין און פיערציג טעג נישט קיין תמימות, קיין שלמות.

צווישען די „עשרה נסים שנעשו לאבותינו בבית המקדש", ווערט אויך אויס־

גערעכענט, אז „ולא נמצא פסול בעומר", און דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש, אַז די דאָזיגע נסים האָבען פּאַסירט נאָר דאַן, ווען די אידען האָבען געטהון רצונו של מקום.

און דאָס, אַלזאָ, איז די כוונה: „אימתי הן תמימות? — בשעה שישראל עושים רצונו של מקום", וואָרום אין געגענפאַל האָט געקענט טרעפען, אַז די קצירה פון עומר זאָל אויפגעהאַלטען ווערען צוליעב אַ פּסול און דאַן זענען שוין די זיעבען וואָכען נישט געווען קיין תמימות...

(רבי ר' העשיל)

אויף אַן־אַנדער אופן:

בזמן המקדש איז שבועות, פּונקט ווי יעדער אַנדער יום־טוב, געווען נאָר איין טאָג, אין גלות דאַגעגען פּראַוועון מיר צוויי טעג משום ספיקא דיומא, ווייל מיר ווייסען נישט, צי דער ערשטער טאָג שבועות איז באמת דער פופציגסטער טאָג, ווי דער דין איז, אָדער ערשט דער צווייטער טאָג שבועות. ווי אַזוי אַלזאָ עס זאָל נישט זיין, זענען מיר אַלץ נישט אין אָרדענונג: איז דער ערשטער טאָג שבועות דער ניין־און־פיער־ציגסטער — קומט דאָך אויס, אַז מיר האָבען נישט געצעהלט קיין ספירה אין דער ריכטיגער צייט און ס'זענען נישט געווען קיין „שבע שבתות תמימות", וואָרום מיר האָבען דאָך אויפגעהערט צו צעהלען ספירה מיט אַ טאָג פריהער, אינ'ם אַכט־און־פיערציגסטען־טאָג. איז ווידער דער ערשטער טאָג שבועות דער פופציגסטער טאָג, דאַן איז דאָך דער צווייטער טאָג שבועות דער איין־און־פופציגסטער, און ווי אַזוי קע־נען מיר דעם דאָזיגען טאָג, צוויי טעג שפּעטער נאָך די שבע שבתות, פייערען אַלס שבועות?

און דאָס, אַלזאָ, בעמערקט דער מדרש: „שבע שבתות תמימות תהיינה, אימתי הן תמימות? — בשעה שישראל עושים רצונו של מקום", איידער זיי זענען צוליעב זייערע זינד פערטריבען געוואָרען פון ארץ־ישראל, וואָרום שפּעטער, אין גלות, וואו עס ווערען געפּראַוועט צוויי טעג יום־טוב, איז מען מעהר נישט זיכער, צי מען צעהלט טאַקי „שבע שבתות תמימות"...

(ארוחת תמיד)

און דערמיט, ווערט דערויף צוגעגעבען, ווערט ממילא אויך פערענטפערט די סתירה אין פסוק, וועלכער הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „שבע שבתות תמימות תהיינה", אַז צעהלען דאַרף מען נאָר שבע שבתות, זיעבען וואָכען, ניין־און־פיערציג טעג, און ענדיגט זיך מיט „עד ממחרת השבת השביעית תספרו חמשים יום", אַז מען זאָל צעהלען גאַנצע פופציג טעג. ווי איז עס מעגליך?

נאָר „שבע שבתות תמימות תהיינה, אימתי? בשעה שישראל עושים רצונו של מקום", בזמן המקדש; דאַגעגען ווען אָבער אַמאָל קומען אַן־אַנדערע צייט, דער זמן הגלות, ווען עס וועט זיין „תספרו חמשים יום"...

(עיר דוד)

וקראתם בעצם היום הזה מקרא קודש... (כג. כא.)

בלויז ביי שבועות און יום־כפור שטעהען די ווערטער „בעצם היום הזה", און נישט ביי אַלע אַנדערע ימים־טובים. מיט וואָס ערקלערט זיך עס?

עס איז מעגליך דערפאַר, ווייל אַלע אַנדערע ימים־טובים זענען אַ זכר צו זאַכען,

וואס זענען אמאל געווען: יציאת־מצרים, ענני הכבוד וכו׳ און וואס היינט האבען מיר עס נישט מעהר. אנ׳אויסנאהם זענען בלויז שבועות און יום־כפור, דען די תורה וואס מיר האבען מקבל געווען אום שבועות האבען מיר ב״ה ביז׳ן היינטיגען טאג און יום־כפור איז עד־היום גילטיג אלס טאג פון מחילת עוונות, און דעריבער שטעהט געשריבען ביי אט די צוויי ימים־טובים: „בעצם היום הזה״. מיר פייערען זיי, הייסט עס, נישט בלויז אלס זכר, נאר זיי זענען פאקטישע ימים־טובים. פאר אונז אויך היינט — „בעצם היום הזה״...

(רבי יצחק אליהו לאנדוי)

לא תכלה פאת שדך... (כג. כב.)

אין ירושלמי מס׳ פאה (פרק ד׳ הלכה ב׳) ווערט געזאגט: „מפני חמשה דברים לא יתן אדם פאה אלא בסוף שדהו: מפני גזל עניים; מפני בטול עניים; מפני הרמאים; מפני מראית העין; ומפני שאמרה תורה לא תכלה פאת שדך״.

דער אויספיהר: „ומפני שאמרה תורה״, אלס א בעזונדערער פינפטער טעם, זעהט־אויס צו זיין אונפערשטענדליך. אויך די איבעריגע פיער טעמים בעציהען זיך דאך אלס פירוש און ערקלערונג צו דעם, וואס די תורה זאגט?

נאר די חז״ל — האט געזאגט דעריף רבי מענדעלי קאצקער — זענען אויסען דערמיט צו בעמערקען, אז הגם עס זענען פאראן גאנצע פיער טעמים, פארוואס פאה דארף געגעבען ווערען בסוף שדהו, דאך דארף מען עס דער עיקר טהון נאר און בלויז דערפאר — „מפני שאמרה תורה לא תכלה פאת שדך״, ווייל אזוי האט די תורה געהייסען!...

אגב, ווערט אנגעוויזען אין „תוספת ברכה״, אז אין תלמוד בבלי (שבת כ״ג) ווערען בלויז אויסגערעכענט די ערשטע פיער טעמים, אהן דעם אויספיהר „מפני שאמרה תורה״...

בחודש השביעי באחד לחודש... (כג. כד.)

„בכסה ליום חגנו, איזהו חג שהחודש מתכסה בו, הוי אומר זה ראש־השנה״ (ר״ה ח׳)

וואס מיינט מען „שהחודש מתכסה בו״? אין רש״י און הויפטזעכליך אין תוספות ווערען געבראכט דעריף פערשיעדענע פירושים. מען קאן עס אבער אויך ערקלערען גאנץ איינפאך:

ראש־חודש איז אמאל געפייערט געווארען ביי אידען אלס אמת׳ער יום־טוב. אנ׳עדות דעריף איז דער פסוק „חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי״, פון וואס עס איז צו זעהן, אז אויך ראש־חודש איז געווען א פייער־טאג, א מועד. יעדער ראש־חודש האט געהאט א מעגליכקייט געפייערט צו ווערען אלס בעזונדערער יום־טוב, א חוץ ראש־חודש תשרי, ווייל אינ׳ם דאזיגען טאג איז דער יום־טוב פון ראש־השנה און צוליעב דעם גרויסען יום־טוב האט מען ממילא דעם קלענערען יום־טוב, דעם ראש־חודש, נישט אנגעזעהן, און דאס איז דער פשט: „חג שהחודש מתכסה בו״, א יום־טוב, אין וועלכען דער ראש־חודש ווערט פערדעקט, פערטונקעלט, און וועלכער יום־טוב איז דאס — „הוי אומר זה ראש־השנה״...

(שפת היריעה)

שבתון זכרון תרועה מקרא קדש... (כג. כד.)

צו רבי ברוך מעזשיבוזשער איז אַמאָל געקומען אַ געוויסער מתנגד׳ישער רב, וועלכער האָט זיך גרויס געהאַלטען מיט זיין לומדות, און רבי ברוך, הגם ער איז געווען בעקאַנט אַלס גרויסער מכניס־אורח, האָט איהם אויפגענומען זעהר קאַלט, אָהן שום כבוד. די מקורבים האָט עס שטאַרק געוואונדערט — האָט זיי רבי ברוך געענט־פערט דערויף:

— ווי בעקאַנט, צייכענט זיך שבת אויס מיט דער זעלטענער מדה פון הכנסת־אורחים: קומט צו איהר ראש־חודש (שבת ראש־חודש) — גיט זי איהם אַוועק דעם מפטיר; קומט יום־טוב — דערלאַנגט זי איהם דאָס גאַנצע קריאת־התורה; יום־כפור — גיט זי איהם אַפילו דאָס עסען אַוועק; בלויז דאָס תקיעת־שופר אום ראש־השנה וויל זי נישט אַוועקגעבען, און אַז ראש־השנה געפאַלט אום שבת, לאָזט זי נישט בלאָזען קיין שופר. פאַרוואָס? — דער תירוץ איז, וויל מען האָט פיינט אַנ׳אורח, וואָס בלאָזט זיך!...

ועניתם את נפשותיכם... (כג. כז.)

פאַסטען אַליין איז וועניג. דער הויפּט־צוועק און הויפּט־זין פון יעדען תענית איז תשובה און צדקה, „הלא פרוס לרעב לחמך ועניים מרודים תביא בית" און „אגרא דתעניתא — צדקתא", ווארום אַנדערש וואָלט דאָך אויסגעקומען, אַז ער פערדיענט גאָר מיט דעם פאַסטען, איינברענגענדיג זיך אַ טאָג עסען...

די תורה וואָרענט אונז אַלזאָ: „ועניתם את נפשותיכם — וכל מלאכה לא תעשו בעצם היום הזה", זאָלסט נישט מאַכען קיין מלאכה, קיין ריוח, פונ׳ם נישט עסען אינ׳ם דאָזיגען טאָג...

(ארץ צבי)

ועניתם את נפשותיכם וכו׳ וכל מלאכה לא תעשו... (כג. כז. כח.)

צוליעב וואָס ווערט שפּעטער (אין פסוק לא.) נאָכאַמאָל איבערגעחזר׳ט דיזעלבע אזהרה — „כל מלאכה לא תעשו"?

נאָר דער ערשטער „וכל מלאכה לא תעשו" בעציהט זיך אויפ׳ן „ועניתם עת נפשותיכם". עס איז אַ בעזונדערע אזהרה, אַז פייניגען זאָל מען זיך נישט צופיעל, אַז מען זאָל דערביי נישט נאָכטהון דעם געצענדינערישעןביישפּיעל פון „ויתגודדו בחרבות וברמחים כמשפטם". טאַקי „ועניתם את נפשותיכם", אָבער — „וכל מלאכה לא תעשו", קיין מלאכה אויף צו פייניגען זיך, קיין מלאכת־ענוי זאָל דערביי נישט אָנגעווענדעט ווערען...

(מלאכת מחשבת)

וכל מלאכה לא תעשו וכו׳ כי כל הנפש אשר לא תעונה בעצם היום הזה ונכרתה מעמיה... (כג. כח. כט.)

וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג האָט די מלאכה צום תענית, אַז דערפאַר איז „וכל מלאכה לא תעשו", וויל „כי כל הנפש אשר לא תעונה וכו׳"?

נאָר יום־כּפּור איז אַן־אויסנאַהם פון אַלע ימים־טובים, אין וועלכע עס איז מותר צו טהון אַ מלאכה, וואָס איז נויטיג לצורך אוכל נפש, אום יום־כּפּור איז אויך די דאָזיגע מלאכה פערבאָטען; „וכל מלאכה לא תעשו בעצם היום הזה“, קיין שום מלאכה אַפילו לצורך אוכל נפש. פאַרוואָס? און דערויף ערקלערט דער פסוק: ווייל „כי כל הנפש אשר לא תעונה בעצם היום הזה ונכרתה מעמיה“, יום־כּפּור טאָר מען נישט עסען, און אויב מען טאָר נישט עסען, איז דערפאַר אויך פערבאָטען יעדע מלאכה, וועלכע איז נויטיג צום עסען, לצורך אוכל נפש...

(דובנער מגיד)

כי כל הנפש אשר לא תעונה בעצם היום הזה ונכרתה מעמיה... (כג. כט.)

אַ איד, וואָס פיהלט נישט אינ׳ם דאָזיגען הייליגען טאָג קיין פיינליכקייט און אונרוהיגקייט אין האַרצען, קיין חרטה און הרהור־תשובה, איז עס אַ בעוויז, אַז „ונכרתה מעמיה“, אַז זיין נשמה איז שוין לגמרי אָבגעריסען פון אידען!...

(לב שמח)

כל מלאכה לא תעשו חקת עולם לדורותיכם... (כג. לא.)

פאַרוואָס ווערט נישט דער „חקת עולם“ געזאָגט אויפ׳ן „ועניתם את נפשותיכם“, נאָר בלויז אויפ׳ן „כל מלאכה לא תעשו“?

נאָר אויפ׳ן פסוק „ויעש שלמה בעת ההיא את החג“ (מלכים א׳ ח.) זאָגען די חז״ל: „אותה שנה לא עשו ישראל את יום הכפורים“ (מועד קטן ט׳), אַז בימי שלמה האָט מען אין די טעג פון חנוכת בית המקדש מבטל געמאַכט דעם תענית פון יום־כּפּור, און פון דער גמרא דאַרט איז צו זעהן, אַז בלויז דעם תענית האָט מען מבטל געמאַכט, דאַגעגען קיין מלאכה האָט מען אינ׳ם דאָזיגען טאָג נישט געטהון, און דעריבער ווערט דער „חקת עולם לדורותיכם“ געזאָגט נאָר אויפ׳ן „כל מלאכה לא תעשו“, אָבער נישט אויפ׳ן „ועניתם את נפשותיכם“, דען עס האָט דאָך איינמאָל פאַסירט, ווען מען האָט מבטל געווען דעם תענית...

(רבי מאיר שמחה דווינסקער)

ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש... (כג. לב.)

דערויף זאָגען די חז״ל: „כל האוכל ושותה בתשיעי — כאילו מתענה תשיעי ועשירי“... טאָ פאַרוואָס ווערט נישט געזאָגט דייטליך, אַז מען זאָל אינ׳ם דאָזיגען טאָג עסען? נאָכוואָס האָט מען עס געדאַרפט שרייבען פערשטעלט, מיט׳ן לשון „ועניתם“? — ווייל אויב די תורה וואָלט געווען אָנגעשריבען אַ בפירוש׳ע מצות־עשה — „ואכלתם“, וואָלטען זיך אידען אַזוי מורא׳דיג געווען צוגעכאַפּט צו דער אכילה, אַז זיי וואָלטען נאָכדעם נישט אימשטאַנד געווען צו געהן צו „כל־נדרי“!...

(דובנער מגיד)

„וכי בתשעה מתענין? וכו׳ אלא כל האוכל ושותה בתשיעי מעלה עליו הכתוב כאילו התענה תשיעי ועשירי“ (יומא פ״א)

צוליב וואָס אַזש „כאילו התענה תשיעי ועשירי“? אינ׳ם עשירי, אין טאָג פון יום־כּפּור, פאַסט מען דאָך סיי־ווי?

נאר — האט געזאגט דערויף רבי ישעיה׳לע פראגער בדרך־הלצה — די חז״ל זאגען: „כל תענית שאין בה מפושעי ישראל אינה תענית״ (כריתות ו׳), און היות ווי מען איז נישט זיכער מיט די פושעי־ישראל, און אויב זיי וועלען אום יום־טוב נישט פאסטען וועט דאך דאן דער תענית קיין תענית נישט זיין, האבען דעריבער די חז״ל בעווארענט, אז אויב מען עסט אום ערב יום־כפור זאל עס זיין „כאילו התענה תשיעי ועשירי״, גלייך ווי מען וואלט געפאסט נישט־נאר אינ׳ם ניינטען, נאר אויך אינ׳ם צעהנטען טאג, און די דאזיגע מצוה, צו עסען אום ערב יום־כפור, וועלען זיי דאך די פושעי־ישראל זיכער מקיים זיין, וממילא וועלען זיי שוין זיין אין כלל פון תענית, און ער וועט שוין האבען דעם דין פון א „תענית שיש בו מפושעי ישראל״...

ולקחתם לכם ביום הראשון... (כג. מ.)

דערויף ווערט געזאגט אין אבן־עזרא: „אנחנו נאמין בדברי המעתיקים כי לא יכחישו הכתוב, אף על פי שמצאנו ויקחו להם שה לבית אבות״.

דער זין פון די דאזיגע ווערטער ווערט דורך די מבארים ערקלערט אויף פערשיעדענע אופנים, וועלכע בעפרידיגען אבער נישט. דער ריכטיגסטער און איינפאכסטער פשט שיינט צו זיין פאלגענדער: די מצוה פון אתרוג איז, לויט דעם אופן ווי זי ווערט אויסגעפיהרט, אנ׳אויסנאהם פון אלע אנדערע מצוות, מחמת מיר געפינען נישט נאך אזא עהנליכע מצוה, וועלכע זאל בעשטעהן בלויז פון נעהמען דעם אנגעוויזענעם געגענשטאנד אין דער האנד און דערמיט אליין זאל מען שוין האבען מקיים געוועזן די מצוה, און ווען נישט די „מעתיקים״, די חז״ל הייסט עס, וועלכע לערנען אונז, אז די דאזיגע מצוה דארף אויסגעפיהרט ווערען נור אויף אזא אופן, וואלט מען געקאנט זאגען, אז דאס ווארט „ולקחתם״ האט דא די זעלבע בעדייטונג ווי דער „ויקחו להם איש שה לבית אבות״, וואו מען מיינט נישט בלויז נעהמען, נאר עסען, אבער — „אנחנו נאמין בדברי המעתיקים״...

(ח. סלוזעווסקי)

ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר... (כג. מ.)

ארויסגעהענדיג פון דער מדבר, פון די וויסטעניש, אהן יעדע פרוכט און געוויקס און אהן וואסער צום טרינקען, און אריינקומענדיג אינ׳ם בליהענדען און פרוכטבארען לאנד, האט די תורה אינ׳ם חג־האסיף געהייסען נעהמען אלס צייכען פון פרייד די שענסטע פון צווישען די פירות (אתרוג), די הערליכסטע פון די צווישען די בלעטער (לולב), די אויסגעצייכענטע פון צווישען די ריחות (הדס) און די בעסטע פון צווישען די גראזען (ערבה)...

(מורה נבוכים ח״ג פרק מ״ג)

ויצא בן אשה ישראלית והוא בן איש מצרי וכו׳ וינצו במחנה... (כד. י.)

אויב ער האט זיך געקריעגט מיט די בני ישראל אין דער מחנה, טא וואס עפיס פלוצים „ויקוב וכו׳ את השם״?

נאר אויף „והוא בן איש מצרי״ זאגט רש״י: „הוא המצרי שהרג משה״, און דעם מצרי (ווי רש״י זאגט אויפ׳ן פסוק „הלהרגני אתה אומר״) האט משה גע׳הרג׳עט מיט׳ן

שם המפורש, און דעריבער האָט ער אויסגעלאָזט דעם כעס צום „שם", צוליעב וועלכן דער פאָטער זיינער איז אומגעקומען...

(תולדות יעקב)

אין מדרש רבה אויפ'ן דאָזיגען פסוק ווערט געזאָגט: „ובעל כנפים יגיד דבר, ר' לוי אמר אזנים לדרך ואזנים לכותל".

און אין ברכות (ח') אויפ'ן מאמר „וכשיועצין אין יועצין אלא בשדה" זאָגט רש"י: „דאמרי אינשי אזנים לכותל". פאַרוואָס ברענגט נישט רש"י דעם אָנגעוויזענעם מקור פון מדרש און זאָגט סתם: „דאמרי אינשי"?

(י. ווידעלעץ)

ויצא... ויצא בן אשה ישראלית... וינצו במחנה בן הישראלית ואיש הישראלי... (כד. י.)

די תורה רופט נישט אָן זייערע נעמען, ווייל געוועהנליך זענען די ערשטע, וואָס איילען זיך אַרויסצושפּרינגען ביי יעדער מחלוקה און קריגעריי, די סאַמע נידעריגסטע מענשען, די „בני־בלי־שם" — אַזעלכע, וואָס מען ווייסט רעכט נישט, ווער זיי זענען און ווי זיי הייסען...

(כלי יקר)

וסמכו כל השומעים את ידיהם על ראשו... (כד. יד.)

„כל השומעים — אלו העדים" (רש"י)

דער דאָזיגער דין פון סמיכה, אַז די עדות דאַרפען אַרויפלעגען זייערע הענד אויפ'ן קאָפּ פון פעראורטיילטען, ווערט געזאָגט נור ביי אַ מגדף. פאַרוואָס עפּעס נאָר אינ'ם דאָזיגען פאַל און נישט ביי אַלע אַנדערע חייבי מיתות בית־דין?

נאָר דער ענין פון סמיכה בעדייט, אַז עס ווערען אויפ'ן קאָפּ פון בעשולדיגטען אַרויפגעלעגט די זינד, סיי זיינע אייגענע, סיי די פרעמדע זינד, פאַר וועלכע ער טראָגט די פעראַנטוואָרטליכקייט, ווי עס ווערט געזאָגט: „וסמך אהרן את שתי ידיו על ראש השעיר החי והתודה עליו את כל עוונות בני ישראל וכו' ונתן אותם על ראש השעיר" (ויקרא טז. כא.). ביי אַ מגדף ווערען די עדות געשטעלט אין אַ זעהר פּיינליכער לאַגע: זיי מוזען לויט'ן דין איבערחזר'ן פאַר'ן בית־דין די אַלע שענדליכע ווערטער, גענוי ווי זיי זענען אַרויס פון מגדף'ס מויל, „והדיינין עומדין על רגליהן וקורעין" (סנהדרין נ"ו) און דעריבער — „וסמכו כל השומעים את ידיהם על ראשו", לעגען די עדות אַרויף אויף איהם די הענד, אַלס התנצלות און פּערענטפערונג אַז מען טאָר אויף זיי קיין תרעומת נישט האָבען. נישט פון גוטען ווילען, חלילה, טהוען זיי דאָס און נישט אין זיי איז די שולד. דאָס האָט ער, דער זינדיגער, גורם געווען צו דער דאָזיגער זינד, אַז זיי זאָלען געצוואונגען זיין איבערצוחזר'ן די דברי חירוף וגידוף און — אויף זיין קאָפּ זאָל עס פאַלען...

(תוספת ברכה)

כגר כאזרח בנקבו שם יומת... (כד. טז.)

אַז דער גר זאָל אין זיינע בירגערליכע רעכט ערגער בעהאַנדעלט ווערען און געניסען פון ווייניגער זכיות, ווי דער אזרח, וועגען דעם האָט ביי אידען, לויט דער

אידישער תורה, גאַר קיין הוה־אמינא נישט געקאָנט זיין. די הוה־אמינא איז בלויז געווען, אַז מען זאָל דעם גר צוטיילען בעזונדערע פריווילעגיעס און איהם בעפרייען פון צו טראָגען די זעלבע פליכטען, וואָס דער אזרח, און דערויף געפינט די תורה פאַר נויטיג אָנצוזאָגען: „כגר כאזרח בנקבו שם יומת״, אַז דער גר דאַרף געניסען נישט נאָר פון די זעלבע רעכט, נאָר ער דאַרף אויך טראָגען אויף זיך די זעלבע פליכטען.

אָט אַזוי האָט אויסגעזעהן די אידישע עטיק נאָך אין יענער צייט, מיט טויזענדער יאָהרען צוריק!...

(אמרי חן)

כאשר יתן מום באדם... (כד. כ.)

„כאשר יתן מום באדם״ — אויב איינער געפינט שטענדיג אויפ׳ן צווייטען חסרונות און פעהלערן, איז דערפון אַ סימן — „כ ן י נ ת ן ב ו״, אַז ער אַליין איז פול מיט חסרונות... „כל הפוסל — במומו פוסל״!...

(קומץ־המנחה)

וירגמו אותו אבן... (כד. כג.)

אַ געוויסער משכיל און אפיקורס האָט אַמאָל געפרעגט ביי רבי ישעיה׳לע פּראַגער, פאַרוואָס ביים מ ק ו ש ש שטעהט: „וירגמו אותו באבנים״, און ד אָ — „וירגמו אותו אָ ב ן״? — האָט ער איהם דערויף געענטפערט: וועגען מ ק ו ש ש זענען פאַרהאַן ביי די חז״ל פערשידענע דעות, פאַרוואָס ער איז געווען חייב־מיתה; פאַרהאַן זאָגאַר אַ מאן־דאָמר, וואָס האַלט, אַז „לשם־שמים נתכוון״. דעריבער, בשעת די אידען האָבען איהם פערוואָרפען מיט שטיינער, האָט יעדער שטיין־וואַרפער געהאַט דערביי אַן־אַנדער כוונה: איינער האָט איהם פערשטיינט מיט חשק, האַלטענדיג איהם אַלס רשע; אַ צווייטער — אָהן חשק, בעטראַכטענדיג איהם אַלס צדיק, וועלכען מען מוז אָבער הרג׳ענען, ווייל אַזוי איז דער רצון השם... און דערפאַר ווערט געזאָגט — „ ב א ב נ י ם ״, לשון־רבים. דאַגעגען וועגען מ ג ד ף איז „וירגמו אותו אָ ב ן ״, איהם האָבען אַלע פערשטיינט מיט איין כוונה און מיט איין געדאַנק, מחמת וועגען איהם איז קיינער נישט מחולק — ע ר (וועלענדיג דערמיט אַ שטאָך טהון דעם משכיל) איז געווען אַ כופר ל כ ל ־ הדעות!...

בְּהַר

כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם... (כה. ב.)

בשעת ר׳ נחמן בראַצלאַווער איז געווען אין ארץ־ישראל, האָט ער געזאָגט, אַז ערשט איצט איז איהם פערשטענדליך פאַרוואָס די תורה, רײדענדיג וועגען ארץ־ישראל, בענוצט זי זיך שטענדיג מיט אַ לשון הוה: „נותן לכם", מחמת בשעת דער איד איז זוכה צו זיצען אין ארץ־ישראל, פיהלט ער יעדען טאָג, ווי מען וואָלט איהם היינט געגעבען דאָס לאַנד, יעדען טאָג פיהלט ער דערין אַ פרישען טעם...

ושבתה הארץ שבת לד׳... (כה. ב.)

אין אַנהויב פון דער חבת־ציון באַוועגונג, בשעת עס זענען געגרינדעט געוואָרען אין ארץ־ישראל די ערשטע קאָלאָניעס, האָט זיך צווישען די רבנים דאַמאָלס געפיהרט, כידוע, אַ שטאַרקער שטרייט אַרום דער פראַגע, צי שמיטה איז בזמן הזה נוהג אין ארץ־ישראל, אָדער נישט. רבי שמואל מאָהילעווער און רבי מרדכי עליאשבערג זענען געווען פון די מקילים און דער וואָלאָזשינער נצי״ב פון די מחמירים.

די מחמירים האָבען זיך געשטיצט אויפ׳ן רמב״ם, הלכות שמיטין ויובלות, וואו עס שטעהט בפירוש: „שמיטה נוהגת בפני הבית ושלא בפני הבית". דערויף אָבער האָט רבי מרדכי עליאשבערג אָנגעוויזען אויף אַ צווייטע שטעלע אין רמב״ם, סוף הלכות מלכים, וואו עס ווערט געזאָגט: „המלך המשיח עתיד לעמוד ולהחזיר מלכות דוד ליושנה, לממשלה הראשונה, ובונה המקדש ומקבץ נדחי ישראל וחוזרין כל המשפטים בימיו כשהיו מקודם: מקריבין קרבנות ועושין שמיטין ויובלות ככל מצותה האמורה בתורה". פון דאַנען איז אַלזאָ דייטליך צו זעהען, אַז די מצוה פון שמיטה ויובל וועט צוריק איינגעפיהרט ווערען ערשט נאָך ביאת המשיח, און דאָס וואָס דער רמב״ם שרייבט דאָרט, אַז עס איז נוהג אויך „שלא בפני הבית", ווערט געמיינט, מעגליך, אידער דאָס בית־המקדש איז געבויט געוואָרען, אָבער נישט נאָכדעם, ווי עס איז חרוב געוואָרען...

את ספיח קצירך לא תקצור ואת ענבי נזיריך לא תבצור... (כה. ה.)

דאַגעגען אין ווייטערען פסוק, ביי יובל, שטעהט: „ולא תקצרו את ספיחיה ולא תבצרו את נזריה" (כא. יא.), אַ לשון נסתר.

דען אין שמיטה טאָר ער בלויז דאָס פעלד נישט בעאַרבייטען, אָבער בלייבען בלייבט דאָס פעלד ווייטער זיין אייגענטום, ווערט דעריבער געזאָגט: „את ספיח קצירך — את ענבי נזירך", אין יובל, אָבער, געהט אויך דאָס פעלד גופא אַרויס פון זיין רשות, „בשנת היובל תשובו איש אל אחוזתו", און דערפאַר קומט דער אויסדרוק: „ולא תקצרו

את ספיחיה ולא תבצרו את נזריה", נישט דיינע געוויקסען, נאר איהרע, די ערד'ס, דען זי איז נישט מעהר דיין...

(תוספת ברכה)

ביום הכפורים תעבירו שופר בכל ארצכם... (כה. ט.)

„ממשמע שנאמר ביום הכפורים איני יודע שהוא בעשור לחדש וכו'? אלא לומר לך, תקיעת עשור לחדש דוחה שבת בכל ארצכם ואין תקיעת ראש־השנה דוחה שבת בכל ארצכם אלא בבית־דין בלבד" (רש"י).

דערויף זאגט דער רמב"ן: „והנה הרב מפני בקיאותו בתלמוד והכל לפניו כשלחן ערוך, אינו חושש וסותם הברייתות והן מטעות לשאר בני אדם, שידוע הוא וברור בגמרא כי התקיעות כולן של ר"ה ויום־הכפורים ואפילו של רשות מותרות הן בשבת, לפי שהיא חכמה ואינה מלאכה, ותוקעין היו כדין־תורה בשבת של ר"ה ושל יוה"כ בכל מקום, וענין התקיעה בבית־דין תקנת רבי יוחנן בן־זכאי היא משחרב בית־המקדש וכו'".

דאס הייסט, אז ערשט נאכ'ן חורבן המקדש האט מען מתקן געווען דעם דין, אז בראש־השנה שחל להיות בשבת זאל מען בלאזען שופר נור ביי בית־דין, דאגעגען בימי־הבית האט תקיעת שופר של ראש־השנה לויט'ן דין פון דער תורה דוחה געווען שבת בכל מקום.

די דאזיגע ווערטער פון רמב"ן רופען ארויס ביי אלעמען גרויס פערוואונדערונג. עס איז דאך א בפירוש'ע גמרא: „כתוב אחד אומר שבתון זכרון תרועה וכתוב אחד אומר יום תרועה יהי' לכם? לא קשיא, כאן ביו"ט שחל להיות בשבת וכאן ביו"ט שחל להיות בחול" (ראש־השנה כ"ט). פונוואנען עס איז דייטליך צו זעהען, אז דער דין, דאס שופר של ראש־השנה איז נישט דוחה שבת, איז מן התורה?...

(כנסת הגדולה)

וקראתם דרור בארץ לכל יושביה... (כה. י.)

געדארפט וואלט דאך אייגענטליך שטעהן: „וקראתם דרור לכל עבדיה", נישט „לכל יושביה", דען בעפרייט האט מען דאך בלויז די עבדים?

נאר די גמרא זאגט: „כל הקונה עבד עברי קונה אדון לעצמו" (קידושין כ'), וממילא איז עס גלייכצייטיג א „דרור לכל יושביה": דער עבד ווערט פריי פון בעל־הבית און דער בעל־הבית — פון עבד...

(פני־יהושע)

וקראתם דרור בארץ... ושבתם איש אל אחוזתו... (כה. י.)

אויך דאן, ווען עס וועט זיין „דרור בארץ", ווען איהר וועט אין אייערע וואוין־ערטער געניסען פון אלע פרייהייטען און פון אלע בירגער־רעכט, זאלט איהר פונדעסט־וועגען נישט פערשכור'ט ווערען און נישט מיינען, אז איהר זענט שוין אויף אייביג געהאלפען; אויך דאמאלס זאלט איהר נישט מסיח־דעת־זיין און נישט אויפהערען צו שטרעבען צום „ושבתם איש אל אחוזתו", אומצוקעהרען זיך אין אייער אייגען לאנד, אין אייער אייגענער אלטער היים!...

(ילקוט הדרוש)

ושבתם איש אל אחוזתו ואיש אל משפחתו תשובו... (כה. י.)

בשעת עס וועט זיין „ושבתם איש אל אחוזתו", בעת מיר וועלען זיך אומקעהרען אין אונזער לאַנד, צו אונזער אַלטער אַחוזה, דאַן — „ואיש אל משפחתו תשובו", וועלען מיר דאַן צוריק געווינען אונזערע משפחות, אונזערע קינדער, וועלכע מיר פערלירען אין גלות, וועלכע האַלטען זיך לידער אין איין דערווייטערען פון אונז, אין איין אַנט־לויפען פון אידישען פאָלק און פון דער אידישער תורה...

(רבי שמואל מאָהילעווער)

בעת אַ מענש איז פעראָרימט, איז די משפחה צו איהם פרעמד און דערווייטערט; ערשט ווען עס איז „ושבתם איש אל אחוזתו", ווען ער ווערט פלוצים אויפגעריכט און קויפט זיך אַ נחלה, דאַן איז „ואיש אל משפחתו תשובו", נעהמט זיך די גאַנצע משפחה מיט איהם חבר'ן און עס הויבען זיך אָן דערנעהנטערן צו איהם די ווייטסטע קרובים...

און דאָס איז אויך דער טייטש: „וישגב אביון מעוני — וישם כצאן משפחות" (תהלים קז.) — בעת דער אביון ווערט געהאָלפען און ער ווערט אויס אָרימאַן, דאַן פרוכפערט זיך, אָהן עין־הרע, די משפחה זיינע, ווי די שאָף!...

(כנפי יונה)

אויף אַנ'עהנליכען אופן:

„אָח לצרה יולד"... בשעת דער מענש איז אין אַ צרה, דאַרף ער וואַרטען, עס זאָל פאַר איהם ערשט געבוירען ווערען אַ גוטער־פריינד, מחמת אַלע זיינע פריהערדיגע קרובים און פריינד ווערען מיט איינמאַל ווי אויסגערונען!...

(בינה לעתים)

„רבי יהודה אומר, לאחוזתו ואל משפחתו הוא שב ואינו שב לשררה שהיתה בידו" (ילקוט)

אַלץ קאָן מען דעם עבד צוריקגעבען: די פריהייט, די נחלה, די משפחה. דאַגעגען די שררה, די מענשליכע ווירדע און שטאָלץ — דאָס קאָן מען איהם נישט צוריקגעבען. קוים האָט ער עס איינמאָל פערלוירען, פערקויפענדיג זיך פאַר אַ שקלאַף, קאָן ער עס מעהר צוריק נישט געווינען...

(חות יאיר)

או קנה מיד עמיתך אל תונו איש את אחיו... (כה. יד.)

דערפון דרש'ענען די חז"ל, אַז נור אויף מטלטלין, אויף „דבר הנקנה מיד ליד" איז שייך אונאה, דאַגעגען איז „אין אונאה לקרקעות".

דער טעם דערפון איז, ווייל דער ווערט פון יעדע זאַך האַלט זיך אין איין ענדערען און איז נישט תמיד גלייך, אַמאָל ווערט עס טייערער און אַמאָל ביליגער. ביי קרקעות איז דעריבער נישט שייך קיין אונאה, ווייל „הארץ לעולם עומדת", די ערד איז אַ שטענדיגע, איביגע זאַך, און וואָס פאַר אַ פרייז מען זאָל דערפאַר נישט האָבען געגעבען, מוז סוף־כל־סוף, ווען עס זאָל נישט זיין, קומען אַמאָל אַ צייט, ווען עס וועט צוריק צוקומען צום דאָזיגען פרייז, וועגען מטלטלין דאַגעגען קאָן מען דאָס נישט זאָגען, מחמת ביז די דאָזיגע צייט וועט ווען עס איז קומען, קענען זיי שוין אַמאָל אויף דער וועלט נישט זיין...

(כלי יקר)

„או קנה מיד עמיתך — דבר הנקנה מיד ליד, יצאו קרקעות שאינן מטלטלין" (ב"מ נ"ו)

פרעגט זיך: אינ'ם ווייטערען פסוק ווערט דאָך דייטליך געזאָגט: „במספר שני תבואות ימכר לך", בפירוש, אַז דאָס בעציהט זיך אויך אויף קרקעות?

ווי עס ווייזט אויס, האָט אויך דעם רמב"ן געאַהרט די דאָזיגע קשיא און דעריבער שרייבט ער טאַקי אויפ'ן דאָזיגען פסוק, אַז הגם דער דין איז: „אין אונאה לקרקעות", דאָך אויפ'ן לאַו פון „לא תונו" איז מען אויך ביי קרקעות עובר.

(רבי מנחם מענדיל קרענגיל)

אל תונו איש את אחיו... (כה. יד.)

דערויף זאָגט רש"י: „זו אונאת ממון", דאַגעגען אויפ'ן ווייטערען פסוק, „ולא תונו איש את עמיתו", מאַכט רש"י: „כאן הזהיר על אונאת דברים".

פונוואַנען איז עס מדויק פון פסוק, אַז דאָרט מיינט מען נור „אונאת ממון" און דאָ — אַפילו „אונאת דברים"?

ווייל אין ערשטען פסוק רעדט זיך וועגען אַ ברודער, „איש את אחיו", און אַ ברודער איז שווער צו נאַרען מיט ווערטער, דען איין ברודער דעם צווייטען קען צו־גוט און דעריבער מיינט מען דאָרט נור „אונאת ממון". דאַגעגען אין צווייטען פסוק רעדט זיך וועגען אַ חבר, „איש את עמיתו", און דעריבער איז „כאן הזהיר על אונאת דברים", דען אַ חבר קאָן מען אויך נאַרען מיט רייד...

(זר זהב)

אַנ'אייגענעם ברודער, אָדער אַנ'אַנדערען נאָהנטען קרוב, איז מען זיך אָפט לייכטער מתיר צו בעשווינדלען, איידער אַ פרעמדען, טראַכטענדיג זיך דערביי: מה רעש? ער איז דאָך מיך סיי־ווי מחויב צו שטיצען, ס'שטעהט דאָך בפירוש „וכי ימוך אחיך והחזקת בו" און „מבשרך אל תתעלם", טאָ זאָל זיך דוכטען, אַז כ'האָב אַזוי ביי איהם גענומען עטליכע גילדען... ווערט דעריבער געוואָרענט: „אל תונו איש את אחיו", נישט נאָר אַ פרעמדען, נאָר אַפילו אַנ'אייגענעם ברודער טאָר מען אויך נישט אָבנאַרען!...

(כפלים לתושיה)

ולא תונו איש את עמיתו... (כה. יז.)

אַפילו ווען יענער איז עמיתך, דיין חבר אין רמאות, אַזאַ רמאי ווי דו — אַפילו אַזעלכען טאָרסטו נישט אָבנאַרען...

(אַלשיך)

על־פי דין — דאַרף מען י ע נ ע ם נישט נאַרען; לפנים משורת הדין איז — מען זאָל אויך ז י ך אַ ל י י ן נישט נאַרען...

(רבי נפתלי ראָפשיצער)

די חז"ל דערצעהלען: „שמואל זבין מכותי לקנא דדהבא במר דפרזלא בד' זוזי ואבלע ליה חד זוזא" (ב"ק קי"ג), אַז שמואל האָט געקויפט ביי אַ גוי אַ גאָלדען קריגעל אַלס אַנ־אייזערנע און ביים בעצאָהלען האָט ער איהם מבליע געווען איין גילדען, דאָס הייסט — אַזוי טייטשט מען געוועהנליך — ער האָט איהם בעצאָהלט מיט אַ גילדען ווענינער.

איז דאָך עס אַ פּלא: ערשטענס, ווי קומט עס אַז שמואל זאָל אָבנאַרען אַ גוי, אויסנאַרענדיג ביי איהם אַ גאָלדען קריגעל אַלס אַנ'איזערנע, און דערצו נאָך צוגזל'ענען ביי איהם אַ גילדען? היתכן? צווייטענס, צוליב וואָס דערצעהלען עס די חז"ל? צי זענען זיי דערמיט אויסען, חלילה, צו לערנען אונז, ווי אַזוי צו גנב'ענען?...

נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי נתן אדלער — דער פּשט פון „אבלע ליה חד זוזא" און דער מוסר־השכל פונ'ם דאָזיגען ספּור איז אַ גאַנץ אַנדערער און נעמליך: שמואל האָט געזעהען, אַז דער גוי פערלאַנגט פאַר אַ גאָלדען קריגעל, וואָס איז ווערט פיעל געלד, נישט מעהר ווי פיער גילדען, און דאָס איז געוועזן פאַר איהם זעהר אויפ־פאַלענד: ענטוועדער — האָט שמואל געטראַכט — דער גוי ווייסט נישט אַז עס איז גאָלד, ער מיינט, אַז דאָס קריגעל איז פון אייזען און דעריבער הייסט ער זיך געבען דערפאַר אַזוי וועניג, דאַרף מען איהם אין אַזאַ פאַל אויפקלערען דעם אמת, כדי איהם נישט אָבצונאַרען, אָדער ער ווייסט יאָ אַז ס'איז גאָלד, נאָר ער האָט עס געגנב'עט און אַלס גנבה פערקויפט ער עס אַזוי ביליג, דאַרף מען עס אַלזאָ מציל זיין פון איהם, בעצאָהלען איהם דעם פערלאַנגטען ביליגען פּרייז און דאַן אויפזוכען און עס אָבגעבען דעם אייגענטימער.

ווי אַזוי דערגעהט מען דאָס? איז שמואל געפאַלען אויף אַ המצאה און — „אבלע ליה חד זוזא". אין דער גמרא האָט דאָס וואָרט „מבליע" די בעדייטונג, אַז מען גיט מעהר ווי עס קומט, ווי למשל: „מבליע דמי אתרוג בלולב" (סוכה ל"ט). ער האָט, אַלזאָ, מבליע געוועזן אַ גילדען, אנשטאט די אָבגערעדטע פיער גילדען האָט ער איהם געגעבען פינף, בכדי איהם אַזוי אַרום אויסצופּרובען: וועט ער איהם צוריקגעבען דעם איבעריגען גילדען, וועט עס זיין אַ סימן, אַז ער איז אַנ'ערליכער מאַן און דאַמאָלס וועט ער איהם אויפמערקזאַם מאַכען אויפ'ן טעות, אַז דאָס קריגעל איז נישט פון אייזען נאָר פון גאָלד, און איהם צוצאָהלען דעם אונטערשיעד. אויב אָבער ער וועט דעם גילדען נישט צוריק־געבען, וועט דאָס זיין אַ בעוויז, אַז ער איז אַ גנב און דאָס קריגעל איז ביי איהם גנבה און דערפאַר פערקויפט ער עס אַזוי ביליג, וממילא איז עס אַ מצוה אַרויסצוקריגען פון איהם פאַר וויפיעל עס לאָזט זיך און אויפזוכען דעם אייגענטימער...

אָט צוליב וואָס די חז"ל דערצעהלען עס אונז; אַלס מוסר־השכל און ביישפּיל, ווי ווייט מען דאַרף זיין נזהר אין די דינים פון אונאה אַפילו אין בעצוג צו אַ גוי...

(התלמוד ומדעי התבל)

דער שטרענגער איסור פון אונאה בעציהט זיך נישט־נור אין בעצוג פון איין איד צום צווייטען, נאָר בנוגע צו יעדען איינציגען מענש, אָהן אונטערשיד פון אמונה און נאַציע.

אין רמב"ם (פירוש המשנה למס' כלים, פרק י"ב משנה ז') ווערט וועגען דעם דייטליך געזאָגט: „וכן אסור הבדוי והתחבולה ומיני הרמאות והאונאות והעקיפים על בני האומות השונות, ואלו הרעות כולן השי"ת יתעב אותן ואת עושיהן, וכמאמר הכתוב (שופטים כה. טז.): כי תועבת ד' כל עושה עול".

און דאָס זעלבע אין ספר חסידים (סימן תתרצ"ד): „אל יעשה אדם עול לאיש מאומות העולם כמו לישראל, ומעשה עול כזה מורידין את האדם ואין הצלחה בנכסיו, ואם השעה עומדת לו — יהי' נפרעים מזרעו".

און אין מהרש"א (כתובות ס"ז): „ויש שמקבצין עושר שלא באמונה ובחלול השם ואח"כ מנדבים מאותו ממון ואין זה אלא מצוה הבאה בעבירה ואין לעושר זה קיום".

און אין באר־הגולה (חשן משפט סימן שמ"ח) ווערט געזאָגט: „ואני כותב זאת

לדורות, שראיתי מי שהעשירו מן טעות של גוים וסופם הי׳ שירדו נכסיהם לטמיון ולא הניחו אחריהם ברכה, ורבים אשר קדשו את השם והחזירו טעות בני אומות העולם בדבר חשוב, גדלו והצליחו והניחו יתרה לעולליהם״.

דערביי איז כדאי צו בעמערקען, אז דער מחבר פון „באר הגולה״, רבי משה רבקש, האט אליין איבערגעלעבט די מורא׳דיגע פאגראמען פון גזירות ת״ח ות״ט און איז אנט־לאפען בערום ובחוסר כל, אנקומענדיג נאך לאנגע וואגלענישען קיין אמסטערדאם. פון זיין גאנץ פערמעגען — שרייבט ער אין דער ערשטער הקדמה צום „באר־הגולה״ — האט ער ארויסגעראטעוועט און מיטגענומען מיט זיך בלויז א לוח׳ל, א קאלענדאר, בכדי צו וויסען אויף זיין וואנדער־וועג דעם סדר הזמנים... און דאך האט ער נאך דעם אלעם געהאלטען פאר זיין פליכט צו ווארענען, אז מען טאר, חלילה, קיין גוי נישט אבנארען...
(הרב ברוך עפשטיין)

דאס ווייב פון רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער איז געקומען זיך קלאגען פאר׳ן בערדיטשעווער בית־דין, באשר דער מאן גיט איהר נישט אויף אלע נויטיגע הצטרכות׳ן און ער איז נישט מקיים די הבטחה, וואס איז איינגעשריבען אין דער כתובה: „איזון ואפרנס יתיכי לכי כדרך גוברין יהודאין״... דערויף האט רבי לוי־יצחק געענטפערט, אז תיכף נאך דידאזיגע ווערטער ווערט דאך צוגעגעבען: „דמפרנסין לנשיהון בקושטא״, אז מפרנס־זיין דארף מען מיט אמת, מיט עהרליך־פערדיענט געלד, אהן רמאות, אהן שווינדעל — און אזא געלד צו פערדיענען איז בעוונותינו הרבים נישט פון די לייכטע זאכען!...

ולא תונו איש את עמיתו ויראת מאלקיך... (כה. יז.)

אויך מיט׳ן י ר א ת ־ ש מ י ם, מיט׳ן פרומקייט, זאלט איהר נישט נארען איינער דעם צווייטען!...
(רבי לייב משפאלא)

דו זאלסט איהם נישט נארען מיט דיין פרומקייט, איינרעדענדיג איהם, בכדי צו געווינען זיין צוטרוי, אז דו ביזט א „ויראת מאלקיך״, א ירא־שמים...
(רבי ברוך מעזשיבוזשער)

אהן דעם „ולא תונו איש את עמיתו״ קאן נישט זיין קיין „ויראת מאלקיך״, האט דאס פרומקייט און מכלומר׳שטע יראת־שמים קיין שום ווערט נישט...
(אמרי נועם)

די ערשטע פראגע, וואס מען שטעלט דעם מענשען אויפ׳ן עולם־האמת, איז: — „עסקת באמונה״, צי האסטו נישט אמאל געמאכט קיין ע ס ק י ם מיט דער „אמונה״?...

חסידים דערצעהלען:

דער סאקאלאווער רבי האט אמאל געפרעגט דעם רבי׳ן פון גער: וואס איז דער פשט אין דער גמרא: „אין הקב״ה נותן חכמה אלא למי שיש בו חכמה שנאמר יהב חכמתא לחכימין״ (ברכות נ״ה). אויב חכמה גיט מען נור דעם, וועלכער איז שוין פריהער א חכם, טא פונוואנען האט דער חכם געגומען די ערשטע חכמה?

דערויף זאָל איהם דער גערער רבי האָבען געענטפערט: „ראשית חכמה — יראת ד׳״... דאָס איז די סאַמע ערשטע חכמה און דערצו קאָן מען שוין אַליין דער־גרייכען, דען „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים״...

ולא תונו איש את עמיתו וכו׳ ועשיתם את חקותי ואת משפטי... (כה. יז. יח.)

אויב איהר וועט נישט נאַרען איינער דעם אַנדערען און וועט פיהרען אַנ׳עהרליך לעבען, וועט איהר דאַן זיכער אָבהיטען אויך אַלע אַנדערע חוקים ומשפטים פון דער תורה, דען דאָס איז די גאָלד־פּראָבע — דאָס איז די הויפּט־פּראָבע... פון אַנ׳עהרליכען מאַן איז לייכט צו מאַכען אַנ׳עהרליכען איד...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

רבי מענדעלי קאָצקער פלעגט טייטשען: „אמת קנה ואל תמכור״ (משלי כג. כג.), פאַרהאַן מענשען, וועלכע זענען שטאַרקע אָנהענגער פון אמת — פאַר יענעמ׳ס וועגען. די גאַנצע וועלט וואָלט זיי וועלען מזכה זיין מיט׳ן אמת — אַ חוץ זיך אַליין... צו אָט אַזעלכע ווערט עס געזאָגט: אמת קנה — קויף דעם אמת פאַר זיך זעלבסט, פאַר׳ן אייגענעם געברויך — ואל תמכור, האַלט איהם נישט בלויז צום פערקויפען פאַר יענעם...

חסידים דערצעהלען, אַז דער רבי ר׳ בונם, אין׳ם טאָג וואָס ער האָט דערפיהלט, אַז ער האַלט ביי בלינד ווערען ל״ע (כידוע, איז דער רבי ר׳ בונם געווען אין די לעצטע יאָהרען אַ סגי נהור), האָט ער כסדר גע׳חזר׳ט דעם פסוק: „העבר עיני מראות שוא״ און ביי יעדען מאָל די ווערטער פערטייטשט אויף אידיש: נעהם בעסער צו ביי מיר, רבונו של עולם, די אויגען, איידער איך זאָל צוזעהן דעם שקר!...

וישבתם על הארץ לבטח וכו׳ ואכלתם לשובע וישבתם לבטח עליה... (כה. יח. יט.)

נאָכוואָס שטעהט עפּיס צוויי מאָל: „וישבתם על הארץ לבטח״ און „וישבתם לבטח עליה״?

נאָר פערשידען זענען די געפאַהרען, אויף וועלכע אַ לאַנד איז אָפטמאָל אויסגעשטעלט. הערשט אין לאַנד אַ קריזיס און הונגער, דראָהט דאַן די געפאַהר פון מהומות און אויפשטאַנדען מצד דער אינערליכער בעפעלקערונג גופא, צווישען וועל־כער עס וואַקסט די אונצופרידענהייט און פערביטערונג. הערשט ווידער אין לאַנד אַ זאַטקייט און וואוילשטאַנד, דאַן לעבט די בעפעלקערונג גופא צווישען זיך בשלום, דערפאַר אָבער איז דאַמאָלס די געפאַהר גרויס מצד די אויסערליכע שכנים, ביי וועלכע עס דערוועקט זיך די קנאה און דער חשק איינצושלינגען דאָס זאַטע און רייכע לאַנד.

די הבטחה ווערט, אַלזאָ, געגעבען אין ביידע פאַלען: ערשטענס, „וישבתם על הארץ לבטח ונתנה הארץ פריה ואכלתם לשובע״, עס וועט אין לאַנד זיין אַ גערעטעניש, אַלע וועלען עסען צו דער זעט, וממילא וועט דאַן הערשען אַנ׳אינערליכע רוהיגקייט און אַלגעמיינע צופרידענהייט. גלייכצייטיג אָבער, כאָטש דאָס לאַנד וועט זיך אויס־

ציכענען מיט איהר וואוילשטאַנד און רייכטום וועט אייך אויך נישט דראָהען קיין געפאַהר מצד די אויסערליכע שכנים און — „וישבתם לבטח עליה"...

(כתב סופר)

ואכלתם לשובע וישבתם לבטח עליה... (כה. יט.)

זאָגט דערויף רבי פנחס הלוי הורוויץ בדרך־צחות:

אַ מענש, וואָס איז עלול צו ווערען אין כעס, טאָר נישט עסען צו דער זעט, דען זאַטקייט בשעת כעס איז געפעהרליך, ווי די חז"ל זאָגען: „אכול שליש ושתה שליש והנח שליש, לכשתכעוס תעמוד על מילואך" (גיטין ע׳), און אין נדרים (כ"ב) זאָגט די גמרא: „ונתן ד׳ לך שם לב רגז, שם בבבל, אבל בארץ ישראל לא".

און דאָס טאַקי איז מרומז אין פסוק: „ואכלתם לשובע", נור דאָרט, אין ארץ ישראל, וועט איהר קענען און מעגען עסען צו דער זעט, ווייל עס וועט זיין — „וישבתם לבטח עליה"...

וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית... (כה. כ.)

געדאַרפט וואָלט דאָך אייגענטליך שטעהן: „מה נאכל בשנה השמינית", די שאלה דאַרף דאָך זיין וועגען אַכטען יאָהר, וואָרום אויפ׳ן זיבעטען יאָהר זענען זיי דאָך פערזאָרגט מיט דער נייער תבואה פונ׳ם זעקסטען יאָהר? — דערויף ענטפערט דער רמב"ן (ווי אויך די בעלי־התוספות), אַז די ווערטער אינ׳ם דאָזיגען פסוק דאַרפען ווערען איבערגעשטעלט, מען דאַרף לייענען, גליין ווי עס וואָלט געשטאַנען: „וכי תאמרו בשנה השביעית מה נאכל" און די פראַגע פון „מה נאכל" בעציהט זיך טאַקי אויפ׳ן שפעטערדיגען, אַכטען יאָהר.

דאָגעגען בעמערקען אייניגע אַנדערע מפרשים, אַז נאָך די ווערטער „מה נאכל" קומט אַ הפסקה און נעמליך: „וכי תאמרו מה נאכל, בשנה השביעית הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתנו", אין זיבעטען יאָהר וועלען מיר דאָך נישט זייהען און נישט איינזאַמלען קיין תבואה, טאָ וואָס וועלען מיר עסען אין אַכטען יאָהר?...

„כל מי שיש לו פת בסלו ואומר מה אוכל למחר — אינו אלא מקטני אמנה" (סוטה מ"ח)

נישט דערפאַר, ווייל ער זאָרגט אויף מאָרגען איז ער „מקטני אמנה", נאָר ווייל ער מיינט, אַז מיט׳ן היינטיגען טאָג איז ער שוין זיכער, אַז דאָס ברויט וואָס ער האָט אָנגעגרייט אויף היינט איז שוין זיכער זיינס און ער וועט שוין זיכער דערפון געניסען... באמת, אָבער, טאָר אַ מענש אויף איין מאָמענט נישט זיין זיכער מיט זיך, ווען אַפילו ער איז פערזאָרגט מיט אַלעם גוטען און — „אל תתהלל ביום מחר, כי לא תדע מה ילד יום" (משלי כז. א).

(תולדות אפרים)

וכי תאמרו מה נאכל... וצויתי את ברכתי לכם... (כה. כ.)

די וועלט איז פול מיט נויט און ליידען, ווייל דער גביר גלויבט נישט דעם אָרי־מאַן, דער זאַטער פיהלט נישט דעם טעם פונ׳ם הונגעריגען... בעת אָבער עס וועלען אויספאַלען צוזאַמען שמיטה און יובל, ווען מען וועט דריי יאָהר נישט אַקערן און נישט

זיהען, און אויך די גבירים וועלען דאַן מוזען אָנהויבען פרעגען די פראַגע פון „מה נאכל״, דאַן — „וצויתי את ברכתי לכם״, וועט דאָס זיין אַ ברכה און אַ תועלת פאַר דער וועלט: דער גביר, דערפיהלענדיג אַליין אויף אַ מאָמענט דעם טעם פון הונגער, וועט דורכדעם ווערען מוכשר צו בעגרייפען אויך די לאַגע פונ׳ם אָרימאַן און ער וועט זיך שוין גיכער אינטערעסירען מיט איהם...

(צרור המור)

והארץ לא תמכר לצמיתות... כי גרים ותושבים אתם... (כה. כג.)

די ערד איז אַ שטענדיגע, אַנ׳אייביגע; דער מענש אויף דער ערד — אַ צופעליגער, אַ פרעמדער! וואָס פאַר אַ רעכט האָט־זשע דער צופעליגער צו פערקויפען און צו הערשען איבער דעם שטענדיגען?...

(דברי שאול)

צו אַ געוויסען רב זענען אַמאָל געקומען צוויי בעלי־דינים, וועלכע האָבען געהאַט צווישען זיך אַ סכסוך וועגען אַ שטח ערד. יעדער פון זיי האָט גע׳טענה׳ט: „כולה שלי״!... דער פלאַץ איז מיינער!... דער רב, זעהענדיג, ווי זיי זענען איינגע׳עקשנ׳ט און ווילען צווישען זיך נישט דורכקומען, האָט זיך איינגעבויגען צו דער ערד, צוגע־לעגט צו איהר דאָס אויער און זיך אָנגערופען:

— רבותי, מיר האָבען דאָ נאָך אַ דריטען בעל־דין!... די ערד טענה׳ט, אַז איהר זענט ביידע א י ה ר ע!...

כי גרים ותושבים אתם עמדי... (כה. כג.)

איך מיט אייך — זאָגט השי״ת — זענען שטענדיג צווישען זיך בבחינת גרים ותושבים: אויב איהר האַלט זיך אויף דער וועלט ווי גרים און איהר געדענקט, אַז איהר זענט דאָ נאָר צייטווייליג, אַז דאָס אַלץ איז נישט מעהר ווי אַ פרוזדור, דאַן בין איך ביי אייך אַ תושב. אויב אָבער איהר בעטראַכט זיך אויף דער וועלט ווי תושבים, ווי פעסטע איינגעבירגערטע בעלי־בתים, דאַמאָלס בין איך ביי אייך אַ גר...

„כי גרים ותושבים אתם עמדי״, אָדער איהר זענט די תושבים און איך דער גר, אָדער — איהר די גרים און איך דער תושב...

(דובנער מגיד)

„כי גרים ותושבים אתם עמדי״... וואָס מעהר גר, וואָס מעהר פרעמד און איינזאַם דער מענש פיהלט זיך אויף דער וועלט, אַלץ מעהר תושב, אַלץ נעהענטער פיהלט ער זיך צו גאָט, און דאָסזעלבע אויך פערקעהרט...

(רבי ברוך מעזשיבוזשער)

ובכל ארץ אחוזתכם גאולה תתנו לארץ... (כה. כד.)

„ובכל ארץ אחוזתכם״, אין אַלע לענדער, וואו איהר זאָלט נישט זיין און וואו איהר זאָלט זיך נישט אויפהאַלטען — „גאולה תתנו לארץ״, זאָלט איהר געדענקען אויסצולייזען די ערד פון ארץ ישראל...

(קרבן העני)

גאולה תתנו לארץ... כי ימוך אחיך... (כה. כד. כה.)

פון אַט דער סמיכות צווישען די צוויי פסוקים איז אַ ראיה צו די דברי חז״ל, אַז — „אין משיח בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס״ (סוכה נ״ב). דער „גאולה תתנו לארץ״ וועט קומען ערשט דאַן, ווען עס וועט זיין — „כי ימוך אחיך״...
(רבי שלמה קלוגער)

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי שמואל מאָהילעווער — איז „אין משיח בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס״, מחמת דער שטן איז כסדר מקטרג אויף אידען, אַז זיי זענען נישט ראוי צו ווערען אויסגעלייזט פון גלות, דען עס שטעהט געשריבען: „ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה״, אַז די גאולה וועט קומען דורך צדקה, און היות ווי אידען ווילען קיין צדקה נישט געבען און זיי האָבען אויפגעהערט רחמנות צו האָבען איינער אויפ׳ן צווייטען, דאַרף מען אויך פון הימעל אויף זיי קיין רחמנות נישט האָבען... אָבער אַז עס איז שוין ר״ל „כלתה פרוטה מן הכיס״, און מען האָט מעהר נישט צו געבען, פאַלט דאָך שוין דאַן ממילא אַוועק אָט דער גאַנצער קטרוג...

מען האָט מיט׳ן פאָלק ישראל — פלעגט זאָגען רבי מאיר יחיאל מאָגעלניצער — געמאַכט צוויי פערשידענע פּרובען. פריהער, ערב די ערשטע גאולה, האָט מען זיי פערזאָרגט מיט עשירות. אַז אידען, איז געווען דער חשבון, וועלען האָבען פרנסה און זיין רייך, וועלען זיי דיענען דעם אויבערשטען, מקיים זיין די תורה און געהן בדרך־הישר. אויסגעלאָזען האָט זיך אָבער פערקעהרט — „וישמן ישורון ויבעט״... פאַר דער צווייטער גאולה, פאַר דער גאולה האחרונה, איז דעריבער געבליבען צו פּרובען זיי מיט אָרימקייט — בשעת אַ מענש איז אָרים, ווערט ער גוט און פרום און האָט מורא פאַר גאָט. ווייזען ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז אויך דאָס פּועל׳ט נישט, פערקעהרט — „עניות מעבירה את האדם על דעתו ועל דעת קונו״, זיי ווערען נאָך דאַדורך וואָס אַמאָל ערגער, און וויבאַלד אַזוי, וויבאַלד דאָס צווייטע מיטעל פון „כלתה פרוטה מן הכיס״ העלפט שוין אויך נישט, איז שוין אויף אַזאַ אופן נישטאָ מיט׳ן ביסעל אידען וואָס צו מאַכען און — עס מוז שוין קומען משיח...

ואיש כי לא יהיה לו גואל והשיגה ידו... (כה. כו.)

אומגליקליך איז אָפּט דער יעניגער, וועלכער איז געבענשט מיט „גואלים״, מיט רייכע קרובים. פערלאָזענדיג זיך אויף די רייכע קרובים, צו וועלכע ער האַלט אין איין לויפען, פערנאַכלעסיגט ער צו זוכען פאַר זיך אַ וועלכע עס איז אַרבייט און בעשעפ־טיגונג. אגב, אַלס יחסן און זוהן פון אַ רייכער משפחה, איז נישט מיט יעדע בעשעפ־טיגונג שטעהט איהם אָן צו פערנעהמען זיך און דער סוף איז, אַז ער איז דעם גאַנצען לעבען אַנ׳עני ואביון... דאַגעגען אָבער „ואיש כי לא יהיה לו גואל״, פערלאָזט ער זיך נישט אויף קיינעם, ער שעמט זיך נישט מיט קיין שום אַרבייט און — „והשיגה ידו״...
(רבי משה חפץ)

כי ימוך אחיך ומכר מאחוזתו... (כה. כח.)

אין די פריהערדיגע פסוקים ווערט כסדר גערעדט בלשון רבים, צוקומענדיג אָבער צו דער מצוה פון העלפען איינער דעם צווייטען, הויבט די תורה אָן צו ריידען

בלשון יחיד: „כי ימוך אָחיך“, ווייל געוועהנליך בשעת מען דאַרף וועמען העלפען, שיקט איינער צום צווייטען: זאָל דער געבען און זאָל יענער געבען, דער איז מעהר נגיד און יענער איז מעהר עושר... דעריבער רעדט די תורה בלשון יחיד, צו יעדען יחיד בעזונדער; אויף יעדען איינעם פון אייך ליגט די פליכט צו העלפען דעם פּער־אָרימטען, קיינער קען זיך נישט פּטר'ן מיט'ן צווייטען...

(אלשיך)

ואם לא מצאה ידו די השיב לו... (כה. כח.)

לויט'ן אור־החיים בעציהען זיך די אַלע פסוקים פון דער פּרשה אַלס רמז אויף די חבלי הגאולה, און דער אויספּיהר איז: „ואם לא מצאה ידו די השיב לו“, בשעת השי"ת וועט זעהען, אַז די אידען האָבען קיין כח נישט מעהר צו ליידען און זייערע זינד זענען גרויס און ס'איז נישטאָ קיין אויסזיכטען, אַז זיי זאָלען קענען אויסגעליזט ווערען דורכ'ן „די השיב לו“, דורך תשובה, דאַן — „והיה ממכרו ביד הקונה אותו עד שנת היובל“, וועט סוף־כל־סוף מוזען קומען דער בעשטימטער און אָנגעצייכענטער זמן פון דער גאולה, „ויצא ביובל ושב לאחוזתו“, אין דער בעשטימטער צייט וועט עס אַ סוף נעהמען צום גלות, אַפילו ווען די אידען זאָלען, חס־ושלום, דאַן זיין רשעים גמורים...

ואיש כי ימכור בית מושב עיר חומה... (כה. כט.)

וואָס איז דער שכל אייגענטליך און מיט וואָס ערקלערט זיך עס, וואָס ביי אַ „בית מושב עיר חומה“ (אויב מען לייזט עס נישט אויס אינ'ם ערשטען יאָהר), איז דער פערקויף גילטיג לצמיתות, לדורות, דאַגעגען ביי „בתי החצרים אשר אין להם חומה“ איז די קניה חל נור ביז יובל?

ווייל אַ הויז אין אַ גרעסערער שטאָדט, אין אַ „מושב עיר חומה“, ווערט גע־וועהנליך געבויט פון דויערהאַפטען מאַטעריאַל, עס ווערט דערביי זעהר פּיעל מיה און אַרבייט אַוועקגעלעגט, מיט דער אויסרעכענונג, אַז דאָס הויז זאָל קענען לאַנג עקזיסטירען, און אַ דאַנק דער דאָזיגער מיה און אַרבייט האָט דער בעל־הבית און בויער פון דעם הויז דאָס רעכט עס צו בעטראַכטען אַלס זיין אַבסאָלוט אייגענטום און צו פערקויפען עס לצמיתות. דאַגעגען „בתי חצרים“ מיינט מען דאָרפישע, פּראָ־וויזאָרישע הייזלעך, וועלכע ווערען אויפגעבויט לצורך שעה און זענען נישט אויס־גערעכענט אויף קיין לאַנג־דויערענדע עקזיסטענץ, און דעריבער ווערט ביי זיי געזאָגט: „על שדה הארץ יחשב“, זיי האָבען דעם דין פון אַ פעלד, פון אַ געוועהנליכען שטיק באָדען, וועלכען דער בעל־הבית האָט נישט דאָס רעכט צו בעטראַכטען אַלס זיין אַב־סאָלוט אייגענטום, מחמת נישט מיט זיין מיה און פלייס האָט ער דעם באָדען ערוואָר־בען און — „והארץ לא תמכר לצמיתות, כי לי הארץ“...

(הכורם)

די ערי חומה, אַלס פעסטונגס־שטעדט, האָבען געדינט אַלס שוץ פאַר דער בע־פעלקערונג: געגען אַ מלחמה־בעלאַגערונג. אין אַ פעסטונגס־שטאָדט ווערען די הייזער געבויט לויט אַ ספּעציעלען סיסטעם צוגעפּאַסט צו אַ מלחמה־צייט, מיט אונטערערדישע בעהעלטענישען און געהיימע אויסגענג, מיט וועלכע עס זענען געגוי בעקאַנט נאָר די

שטענדיגע אַלט־געזעסענע איינוואוינער. ווען, אַלזאָ, די הייזער פון אַ עיר־חומה זאָלען אין אַ יובל־יאָהר צוריקגעהן צו די אַמאָליגע אייגענטימער פון צעהנדליגער יאָהרען צוריק, וואָלט די שטאָדט מיט איינמאָל באַזעצט געוואָרען מיט נייע מענשען, וועלכע וואָלטען ביי אַ פּלוצלינגען מלחמה־אויסברוך נישט געוואוסט פון די אַלע איינגע־אָרדענטע שוץ־מיטלען, ווי אַזוי צו פערטיידיגען די שטאָדט. און דעריבער האָט די תורה געמאַכט אַנ׳אויסנאַהם, אַז אויף די הייזער פון אַזעלכע שטעדט זאָל דער יובל נישט חל זיין...

(רבי מאיר שמחה מדווינסק)

וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו... (כה. לה.)

פריהער, אין דער פרשת שמיטה, ווערען די אידען געוואָרענט, זיי זאָלען האָבען בטחון, זיי זאָלען אין שמיטה־יאָהר נישט זאָרגען פאַר׳ן „ואם תאמר מה נאכל״, נאָר פערלאָזען זיך אויפ׳ן אויבערשטען און אויף זיין הבטחה פון „וצויתי את ברכתי״. דאָס אַלץ איז אָבער בנוגע דיר זעלבסט, דאַגעגען ווען עס קומט צו דיר אַנ׳אָרימאַן נאָך הילף, איהם טאָרסטו נישט אָב׳פּטר׳ן מיט דער מדה פון בטחון, מיט׳ן „וצויתי את ברכתי״, נאָר — „והחזקת בו״...

און דערפאַר טאַקי זאָגט דער מדרש אויפ׳ן דאָזיגען פסוק: „הדא הוא דכתיב אשרי משכיל אל דל״, בנוגע צום אָרימאַן מעגסטו דוקא זיין אַ „משכיל״, אַ שטיקעל „אפיקורס״, נישט טרייסטען איהם בלויז מיט בטחון, אַז דער אויבערשטער וועט איהם העלפען. קודם־כל זאָלסטו איהם אַליין העלפען — „והחזקת בו״!...

(קהלת יצחק)

די העכסטע מדרגה פון צדקה איז, ווען דו העלפסט דיין פריינד אין אַ מאָמענט פון „ע מ ך״, בשעת אויך דו זעלבסט געפינסט זיך בשפל־המדרגה... און דאָס איז די כוונה פון פסוק: „אַשרי משכיל אל דל ביום רעה״ — אין אַ צייט, ווען אויך ער, דער נותן, געפינט זיך אין אַ „יום רעה״!...

(אמרות טהורות)

„גדולה גמילות־חסדים יותר מן הצדקה״ (סוכה מ״ט)

ביי צדקה איז דער שטייגער, אַז צום ערשטען מאָל גיט מען יענעם אַ שענע נדבה; דאָס צווייטע מאָל — שוין ווענינער; און וואָס ווייטער — אַלץ „פוחת והולך״... ביי גמילות־חסדים דאַגעגען איז פערקעהרט: בעת יענער קומט צום ערשטען מאָל לייהען אַ גמילות־חסד, באָרגט מען איהם נישט קיין סך, מען האָט מורא... צום צווייטען מאָל, ווען ער האָט אָבגעגעבען צו דער צייט, ווערט ער שוין אַ שטיקעל בטוח און מען גיט איהם שוין מעהר; און אויב ער איז ווידער אַמאָל פּינקטליך, דאַן איז מען איהם יעדעס מאָל מוסיף, און דאָס איז דער טייטש: „ג ד ו ל ה גמילות־חסדים״... ביי גמילות־חסדים ווערט די נתינה יעדעס מאָל אַ גרעסערע, להיפוך ווי ביי צדקה...

עס טרעפט אָפט, בעוונותינו הרבים, אַז בעת מען באָרגט ווענען אַ גמילת־חסד, איז לאַ־די, וואָס יענער בעצאָהלט נישט, האָט מען נאָך פון איהם אויסצושטעהן

זלזולים און בזיונות!... דאָס איז מסתמא דערפאַר, ווייל „עבד לווה לאיש מלוה", און דאָס איז דאָך ידוע, אַז „הקונה עבד עברי — קונה אָדון לעצמו"...
(קדושת לוי)

אל תקח מאתו נשך ותרבית וכו' וחי אחיך עמך... (כה. לו.)

ביי די מלוי־ברבית לעבען דער מלוה און דער לווה נישט גלייך: דער מלוה וואָלט וועלען, אַז די טעג זאָלען פאַריבער וואָס שנעלער, מחמת מיט יעדען טאָג וואַקסען די צינזען, דאַגעגען דער לווה וואָלט וועלען, זיי זאָלען זיך ציהען וואָס־לענגער. ביים מלוה איז אַ טאָג אַ יאָהר און ביים לווה — אַ יאָהר אַ טאָג... אָבער ווען „אל תקח מאתו נשך ותרבית", ווען עס וועט איינער ביים צווייטען נישט נעהמען קיין פּראָצענט, דאַן „וחי אחיך עמך", וועלען ביידע לעבען גלייך. ביי ביידע וועט זיין אַ טאָג — אַ טאָג, און אַ יאָהר — אַ יאָהר...
(אלשיך בדרך צחות)

פאַר'ן לווה איז עס „נ ש ך", ווי געביסען פון אַ שלאַנג, וואָס זויגט פון איהם דאָס בלוט אויס. דאַגעגען פאַר'ן מלוה איז עס — „ת ר ב י ת", מעהרענדיג און פאַרגרעסערענדיג זיין פערמעגען אויף יענעמ'ס חשבון, פון יענעמ'ס פּראָצע...
(כלי יקר)

בשעת ר' עקיבא אייגער איז געווען רב אין פּויזנא, איז איינמאָל דאָרט גע־שטאָרבען אַ געוויסער פּראָצענטניק, וועלכער האָט געהאַט אַ שם מיט זיין רשעות און אויסטערלישע קמצנות. די חברא־קדישא, ווי דער שטייגער איז, האָט זיך „גע־וואַשען" צו איהם און פערלאַנגט פון די יורשים גאָר אַ היבשע סומע קבורה־געלד. זענען די יורשים אַוועק מיט אַן אַנקלאַגע צו דער מאַכט, וועלכע האָט געשיקט רופען דעם רב, ר' עקיבא אייגער, און געפאָדערט פון איהם אַן ערקלערונג, הלמאַי די חברה־קדישא פערלאַנגט פאַר'ן דאָזיגען בר־מינן מעהר געלט, ווי פאַר אַנדערע פערשטאָר־בענע גבירים.

— די זאַך איז גאַנץ איינפאַך — האָט זיי רבי עקיבא אייגער ערקלערט: — מיר, אידען, גלויבען אין תחית־המתים, אַז נאָכדעם, ווי משיח וועט קומען, וועלען די מתים צוריק אויפשטעהן פון די קברים; און היות ווי מיר ערוואַרטען, אַז משיח זאָל קומען אַ ליאָדע טאָג, קומט־אויס, אַז דער קבר, וואָס יעדער בר־מינן בעקומט פון דער חברה־קדישא, איז נאָר אויף אַ לפי־ערך גאַנץ קורצער צייט — און וויבאַלד נאָר אויף אַ קורצער צייט, דאַרף מען דערפאַר קיין סך נישט בעצאָהלען... ד אַ אָבער האַנדעלט זיך וועגען אַזאַ איינעם, וועלכער איז ביים לעבען געווען אַ פּראָצענטניק, און „מלוי ברבית — זאָגען אונזערע חכמים — אין להם חלק לעולם הבא", דידאָזיגע לייט וועלען נישט אויפשטעהן קיין תחית־המתים; הייסט דאָך עס, אַז דער קבר איז פאַר איהם אַ שטענדיגער, אַן'אייביגער, און פאַר אַן'אייביגען קבר איז וויפיעל מען נעהמט — איז עס אַלץ ווייניג!...

וחי אחיך עמך... (כה. לו.)

„עד שבא רבי עקיבא ולימד, וחי אחיך עמך, חייך קודמים לחיי חברך" (בבא מציעא ס"ב)

— נאָר אַזעלכער ווי רבי עקיבא — האָט געזאָגט דערויף דער חדושי הרי"ם —

וועלכער האָט געזאָגט אויף זיך: „כל ימי הייתי מצטער על פסוק זה וכו׳ מתי יבוא לידי ואקיימנו״ (ברכות ס״א), וואָרטענדיג כל ימיו, אַז ער זאָל קענען דאָס לעבען זיינס אַוועקגעבען אויף קידוש־השם, נאָר ער האָט געהאַט דאָס רעכט זיך אויסצו־דריקען: „חייך קודמים״, דען ער האָט דאָך נישט געברויכט דאָס דאָזיגע לעבען פאַר זיך, פאַר׳ן אייגענעם געניס. דער יעניגער אָבער, וועלכער לעבט לשם הנאה ותענוג, האָט קיין רעכט נישט צו זאָגען, אַז זיין לעבען איז בילכער פאַר יענעמ׳ס...

ווען צוויי מענשען געהען אין וועג (אין אַ מדבר) און איינער פון זיי בעזיצט אַ קליין ביסעל וואַסער, וואָס אויב מען זאָל עס פונאַנדערטיילען צווישעןביידע, וועט עס נישט קלעקען און זיי וועלען ביידע אויסגעהן פון דורשט און זיכער שטאַרבען, דאַגעגען איינעם קאָן עס יאָ דערהאַלטען ביים לעבען, ביז ער וועט צוקומען צו אַ ישוב — וואָס טהוט מען אין אַזאַ פאַל? בן־פטורא זאָגט: בעסער זאָלען ביידע טריג־קען און שטאַרבען, איידער איינער פון זיי זאָל צוזעהן דעם צווייטענ׳ס טויט; רבי עקיבא אָבער האַלט: „וחי אחיך עמך — חייך קודמים״, ד י י ן לעבען איז פריהער פאַר דיין חבר׳ס לעבען!...

(בבא־מציעא ס״ב)

די דאָזיגע מצוה, ווי יעדע מצוה, זענען נישט אַלע גלייך מקיים. פאַרהאַן דערביי פערשידענע מדרגות... פאַרהאַן אַזעלכע, וועלכע בענוצען זיך מיט רבי עקיבא׳ס כלל נאָר אין דעם פאַל, ווען עס גענוגט נישט פאַר ביידע, ווען כדי יענעם צו דער־האַלטען דאַרף ער אַליין אונטערגעהן... אַנדערע זענען מחמיר און געהען נאָך ווייטער, אַנווענדענדיג דעם „חייך קודמים״ אפילו ווען ער האָט אַליין גענוג און עס קאָן קלעקען פאַר יענעם אויך!... פאַרהאַן אָבער „מהדרין מן המהדרין״, וועלכע זענען זיך נוהג מקיים צו זיין יעדע מצוה לפנים משורת הדין — און כדי יוצא צו זיין דעם „חייך קודמים״ לויט אַ ל ע דעות, טהוט ער אַלץ, וואָס נאָר מעגליך איז, יענעם צו דערשטיקען!...

(דרשות על עמי)

את כספך לא תתן לו בנשך... (כה. לז.)

צום חתם־סופר איז אַמאָל אַריינגעקומען דער פרעשבורגער ראש־הקהל, וועלכער איז געווען אָנגענומען אין שטאָדט אַלס גרויסער סוחר, אַ גביר אדיר, און מיט אַ געבראָכען געמיט, גאָרנישט ווי זיין שטייגער, האָט ער איינגערוימט דעם רב, אַז ער וויל מיט איהם עפּיס ריידען ביחידות.

דער חתם־סופר האָט איהם אַריינגעבעטען אין אַ חדר־מיוחד, צוגעשלאָסען די טהיר און דאָ האָט דער ראש־הקהל פּלוצים אויסגעבראָכען אין אַ געוויין און געגומען דערצעהלען, אַז ער געפינט זיך ל״ע אין אַ מורא׳דיגען מצב. ער האָט געמאַכט אַ שלעכט געשעפט, ביי וועלכען ער האָט דאָס גאַנצע פערמעגען פערלוירען, אַזוי, אַז עס קומט איהם אויס צו נעהמען אַ טאָרבע און געהן, חלילה, איבער די הייזער.

דער חתם־סופר פּרובט איהם, ווי דער שטייגער איז, טרייסטען, אָבער יענער הערט נישט אויף צו גיסען מיט טרעהרען: אויסער, וואָס ער האָט זיין אייגען געלד פערלוירען, איז ער אויך אַ גרויסער בעל־חוב, ער האָט אויסגעשטעלט וועקסלען, וועלכע זענען אין איניגע מאָנאַטען אַרום צאָהלבאַר און ער זעהט נישט קיין שום

מבוא, ווי אַרויסצוגעהן פון דער פּערצוויפעלטער לאַגע. איצט ווייסט נאָך קיינער נישט וועגען דעם מצב זיינעם, אַפילו זיין אייגען ווייב ווייסט נישט, אָבער סוף־כל־סוף וועט מען זיך דערוויסען, ווי נאָר ער וועט דאָס ערשטע וועקסעל נישט צאָהלען וועט גלייך מפורסם ווערען, אַז ער איז אַ באַנקראָטניק, אַנ׳אָנזעצער, און ווי אַזוי וועט ער גאָר אימשטאַנד זיין איבערצוטראָגען די חרפה?... אָט שטעלט זיך איצט דער גרויסער לייפּציגער יריד, צו וועלכען ער האָט נאָך קיין איין יאָהר, זינט ער איז סוחר, נישט פערפעהלט צו פאָהרען, איז אויב ער וועט איצט נישט פאָהרען, וועט מען זיך אין שטאָדט גלייך אָנשטויסען, אַז עס איז מיט איהם נישט אין אָרדנונג, זאָל ער ווידער יאָ פאָהרען — וואָס וועט ער דאָרט טהון אָהן געלד, ובפרט, אַז ער האָט אַפילו אויף קיין הוצאות נישט...

— וויפיעל קאָסט — פרעגט דער חתם־סופר — אַ נסיעה קיין לייפּציג?

— פון די אַמאָליגע נסיעות מיינע — קרעכצט דער ראש־הקהל — איז דאָך אָפּגערעדט, היינט וואָלט איך געמאַכט אַ נסיעה פאַר הונדערט גילדען, אָבער אַפילו דאָס פערמאָג איך נישט.

— הונדערט גילדען סך־הכל? איך באָרג אייך הונדערט גילדען און פאָהרט תיכף אי״ה מאָרגען קיין לייפּציג, און נישט געזאָרגט, השי״ת וועט העלפען! — און דאָס זאָגענדיג איז דער חתם־סופר צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, אַרויסגענומען הונדערט גילדען, זיין גאַנץ „אַבגעשפּאָרטען קאַפּיטאַל", און דערלאַנגט דעם ראש־הקהל.

יענער האָט לכתחילה נישט געוואָלט נעהמען דאָס געלד. געקומען איז ער צום רב אויסריידען זיך דאָס האַרץ, פרעגען אַנ׳עצה, אָבער נישט, חלילה, בעטען ביי איהם געלד, בפרט אַז ער ווייסט נישט, פונוואַנען ער וועט נעהמען אָבצוגעבען. אָבער דער חתם־סופר האָט איהם נישט געלאָזט ריידען, בגוואַלד איהם אַריינגעשטופּט דאָס געלד אין האַנט און זיך געזעגענט מיט איהם און אָנגעווינשען, אַז ער זאָל מצליח זיין.

— כ׳האָב נישט קיין ווערטער צו דאַנקען אייך, רבי — האָט זיך דער ראש־הקהל בעגאַסען מיט טרעהרען.

— דאַנקען? חלילה! אויב איהר וועט מיר דאַנקען, וועל איך מוזען צוריקנעהמען דאָס געלד. איך בין איצט אייער מלוה און טאָר פון אייך קיין פּראָצענט נישט נעהמען, אַפילו אַ גוט וואָרט איז פּראָצענט... פאָהרט לחיים ולשלום און השי״ת וועט אייך העלפען!

בקיצור, דער פּרעשבורגער ראש־הקהל איז מיט די הונדערט גילדען אַוועקגע־פאָהרען קיין לייפּציג. תיכף ווי־נור ער איז געקומען אויפ׳ן יריד און אַרויס אויפ׳ן מאַרק בעגעגענט ער זיך מיט אַ בעקאַנטען סוחר, וועלכער לעגט איהם פאָר צו קויפען ביי איהם אַ ריעזיגען טראַנספּאָרט קאַווע אויף קרעדיט. ער האָט געקויפט און אינ׳ם זעלבען טאָג איז דער מקח פון קאַווע געשטיגען און ער האָט פערקויפט די סחורה מיד ליד און פערדיענט אין די שווערע טויזענדער, און אַזוי האָט איהם דאָס מזל געשפּיעלט די גאַנצע צייט פון יריד; וואָס ער האָט געקויפט, האָט ער מיד ליד פער־קויפט מיט גרויס רווחים און במזומנים.

פאַר׳ן אַהיימפאָהרען האָט ער זיך מיישב געווען: מען דאַרף דעם רב ברענגען עפּיס אַ שענע מתנה, און היות דער חתם־סופר איז געווען אַ גרויסער מבין אויף בריליאַנטען, האָט ער פאַר איהם געקויפט אַ גאָלדענעם רינג מיט אַ טייערען שטיין.

קומענדיג קיין פּרעשבורג איז ער תיכף אַריין צום רב מיט אַ שמחה:

— רבי! — האָט ער אויסגערופען — אייער ברכה איז מקוים געוואָרען. נאָט

איך האָב די הונדערט גילדען און דאָס, רבי, איז אַ קליינע מתנה פאַר אייער גרויסער טובה, וואָס איהר האָט מיר געטהון — און ער דערלאַנגט איהם דעם רינג.

דער חתם־סופר נעהמט דעם רינג, בעטראַכט דעם בריליאַנט און זאָגט מיט התפעלות:

— אָווא, אַ יופי שביופי, אַ זעלטענער בריליאַנט... אַזאַ בריליאַנט איז זיכער נישטאָ אין גאַנץ פרעשבורג — און ער לאָזט נישט אַרויס דעם רינג פון האַנד.

דער ראש־הקהל איז מלא־שמחה, ער קוועלט פון צופרידענהייט, וואָס ער האָט דעם רב אַזוי צוגעטראָפען מיט דער מתנה...

דער חתם־סופר האַלט אין איין בעטראַכטען דעם שטיין און הערט נישט אויף אַרויסצוזאָגען זיין התפעלות:

— אַ טייערער שטיין, ריין ווי וואַסער, אָהן אַ שום שמץ... אַ יופי שביופי...

און דאַן, אין עטליכע מינוטען אַרום, דערלאַנגט ער דעם ראש־הקהל צוריק דעם רינג און מאַכט צו איהם:

— כ'זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז אַזאַ בריליאַנט האָב איך נאָכנישט געזעהען, ס'איז באמת אַ כלי־יקר, נוצט עס געזונטערהייד.

— וואָס הייסט — בלייבט דער ראש־הקהל פער'חידוש'ט — דעם רינג האָב איך דאָך, רבי, געקויפט פאַר אייך, אַלס מתנה...

— ניין, מיין ליעבער איד — ענטפערט איהם דער חתם־סופר — ווען איך וואָלט אייך נישט געגעבען קיין הלואה, וואָלט איך אפשר גענומעןביי אייך די מתנה, איצט אָבער טאָר איך נישט — ס'שמעקט מיט רבית...

נאָכדעם ווי דער ראש־הקהל, וועלכער האָט פון דעם ענטפער געהאַט גרויס עגמת־נפש, איז אַרויס פון דאָרט, האָט איינער פון חתם־סופר'ס תלמידים, וועלכער איז גראַד געזעסען דערביי, זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און געפרעגט:

— האָט קיין פעראיבעל נישט, רבי. אויב איהר האָט נישט געוואָלט נעהמען דעם רינג צוליעב רבית, טאָ הלמאי האָט איהר איהם די גאַנצע צייט נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנד און איהם בעטראַכט מיט אַזאַ התפעלות און מיט אַזאַ שמחה?

— איך האָב זיך געפרעהט, מיין קינד — האָט איהם דער חתם־סופר געענטפערט — וואָס עס איז מיר צוגעשיקט געוואָרען אַזאַ גרויסע מצוה. וואָרום ווען קען איך, אַ רב ביי אידען, מקיים זיין די מצוה פון נישט נעהמען קיין רבית? ווען קאָן מיר אויסקומען צו באָרגען אַ מענש געלד? און ווער ווער ווער אַ רב געבען פראָצענט? איצט, אַז עס איז מיר אומגעריכט אונטערגעקומען די דאָזיגע מצוה, האָב איך געהאַט גרויס שמחה...

(די וועלט דערצעהלט)

ובמרבית לא תתן אכלך... (כה. לז.)

מאַך דיר נישט קיין פרנסה און ציה נישט דיין חיונה, דיין אכילה, פון רבית...
(קב בשמים)

את כספך לא תתן לו בנשך וכו׳ אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים... (כו. לז. לח.)

דערוייטער זיך פון דער דאָזיגער פרנסה, לעב נישט פון געבען געלד אויף

פּראַצענט, וואָרום „אני ד׳ אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים לתת לכם את ארץ כנען״, און דאָס דאַזיגע לאַנד איז אַ זעהר גוט לאַנד, אַן ארץ זבת חלב ודבש, וואו דו וועסט קענען געפינען פאַר זיך אַ סך בעסערע און מעהר כשר׳ע פּרנסות...

(כפלים לתושיה)

והתנחלתם אותם לבניכם... (כה. מו.)

דאָס, וואָס די תורה האָט בעשטימט אַלס געזעץ, אַז ירשנ׳ען זאָלען נאָר די זיהן און נישט די טעכטער, איז צוליעב דעם גאַנץ איינפאַכען און לאָגישען טעם, וואָס פּאַקטיש וועט נישט דער זוהן דערפון עפּעס געווינען און נישט די טאָכטער וועט דאַדורך עפּעס פערלירען. וואָרום די טאָכטער, איז אָדער זי האָט שוין געהייראַט, אָדער זי וועט הייראַטען מיט אַ מאַן, וועלכער וועט בעקומען ירושה פון זיין פאָטער׳ס נכסים, און דאָס זעלבע אויך דער זוהן: אָדער ער האָט שוין געהייראַט, אָדער ער וועט הייראַטען מיט אַ פרוי, וועלכע וועט נישט בעקומען קיין ירושה פון איהר פאָטער. אויף אַזאַ אופן ווערען, אַלזאָ,ביידע גלייכגעשטעלט אין דער ירושה־פערטיילונג: נישט דער זוהן פערמאָגט סוף־כל־סוף מעהר ווי די טאָכטער, און נישט די טאָכטער ווייניגער ווי דער זוהן...

(סניגור)

את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו... (כו. ב.)

דעריבער ווערט ספּעציעל אויף שבת אָנגעזאָגט: „ומקדשי תיראו״, ווייל אַם־מערסטען ווערט דער חלול־המקדש בעגאַנגען אום שבת. ס׳רוב מחלוקת׳ן און קריגע־רייען אין די שוהלען און בתי־מדרשים קומען פאַר ביי אידען אינ׳ם שבת׳דיגען טאָג...

(צרור המור)

דער דובנער מגיד איז אַמאָל פערבייגעגאַנגען שבת אין בערלין פאַר אַ רעפאָר־מירטער סינאַגאָגע און געזעהען, ווי די שמשים וואַרפען זיך ביים אַריינגאַנג אויף די פערעמדע, וועלכע ווילען זיך אַריינבעקומען אין סינאַגאָגע אָהן איינטריטס־קאַרטען, און שלאָגען זיי מכות־רצח.

— עס איז מיר אַ גרויסער חידוש — רופט זיך אָן דערויף דער דובנער — אויף די מפרשים, וועלכע מאַטערען זיך צו זאָגען אויפ׳ן פסוק „ומקדשי תיראו״ פער־שיעדענע פּשטים, ווערענד ווי איך זעה, איז דער פשט גאַנץ איינפאַך: „ומקדשי תיראו״ — איהר זאָלט מורא האָבען פאַר׳ן מקדש, ווייל די שמשים קאָנען אייך נאָך דאָרט די ביינער אָנברעכען...

ומקדשי תיראו... (כו. ב.)

אין זהר ווערט זעהר פיעל אַרומגערעדט וועגען די האַרבע זינד פון „מאן דמשתעי בבי כנישתא״, פון די, וואָס שמועסען אין שוהל ביים דאַווענען.

צוליעב׳ן דאַזיגען איסור — ערקלערט רבי משה פאַלאַק — איז דעריבער אין בית הכנסת דבאַלכסנדריא של מצרים, ווי די חז״ל דערצעהלען אונז, איינגעפיהרט געווען, אַז — „לא היו יושבין מעורבין אלא זהבין בפני עצמן וכספין בפני עצמן ונפחין

בפני עצמן וטרסיים בפני עצמן וגרדיים בפני עצמן וכו׳״ (סוכה נ״א)... דאָס האָט מען בכיוון אָוועקגעזעצט יעדע גרופּע בעלי־מלאכה צוזאַמען, ווייל עס איז דאָך אַ כלל, אַז „כל אומן שונא את בני אומנתו״, און קוים האָבען זיי זיך פיינד, וועלען זיי דאָך זיכער די גאַנצע צייט שווייגען און נישט רעדען צווישען זיך ביים דאַוונען...

אין ספר „ויעש אברהם״ איז איבערגעדרוקט פון אַ מאַנוסקריפּט אין דער אָקס־פאָרדער ביבליאָטעק דער נוסח פון אַ „מי־שברך״, וואָס דער תוספות־יום־טוב, וועל־כער איז געווען רב אין פראג, האָט מתקן געווען לכבוד די מתפללים, וואָס רעדען נישט ביים דאַוונען. דער „מי־שברך״ פלעגט געזאָגט ווערען יעדען שבת דורכ׳ן חזן אין דער פּראַגער שוהל און האָט געהאַט פאָלגענדען נוסח:

„מי שברך אבותינו אברהם יצחק ויעקב משה אהרן דוד ושלמה הוא יברך השומר פיו ולשונו מלהפסיק בשום דיבור מן ברוך שאמר עד גמר התפלה ובשעת קריאת ספר תורה שבצבור אפילו בדברי תורה כל שכן בשיחות חולין וספורי שמועות, ויחולו עליו כל הברכות הכתובות בתורת משה רבינו עליו השלום ובכל ספרי הנבואות, יראה זרע כשר חיים וקיימים ויזכה לשני שלחנות שבשני עולמים שהם העולם הזה שעליו נאמר והנה טוב והעולם הבא שהוא יום שכלו ארוך וגם טוב ונאמר אמן״...

בְּחֻקֹּתַי

אם בחוקותי תלכו... (כו. ג.)

„תלכו", איהר זאָלט געהן אין די חוקות התורה. דער מענש דאַרף כסדר זיין אַ הולך, כסדר שטייגען אַלץ ווייטער און העכער, נישט שטעהן אויף אַנ'אָרט...

(רבי ר' בונם)

„אם בחוקותי תלכו — שתהי' עמלים בתורה" (רש"י)

אויף דער געגעבענער הבטחה, אַז „אם בחוקותי תלכו — ונתתי גשמיכם בעתם", פרעגען פערשידענע מפרשים (און אַזוי פרעגט אויך דער כלי־יקר): מיר האָבען דאָך אַ כלל, אַז „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא"? און דערויף ענטפערט דער מהרש"א, אַז דער „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא" איז נור געזאָגט געוואָרען בנוגע דעם קיום פון דער מצוה גופא, דאַגעגען פאַר דער טרחה, וואָס מען האָטביים מקיים זיין די מצוה, אָדער פאַר דער שמחה של מצוה, דערויף בעקומט מען יאָ דעם שכר בהאי עלמא.

ווי עס ווייזט אויס, איז אויך רש"י'ן קשה געווען די זעלבע פראַגע און דערויף קומט די בעמערקונג: „אם בחוקותי תלכו — שתהי' עמלים בתורה", אַז דער שכר פון „ונתתי גשמיכם בעתם וכו'" וועט געגעבען ווערען, נישט פאַר'ן מקיים זיין די מצוות גופא פון דער תורה, נאָר פאַר'ן „שתהיו עמלים בתורה", פאַר דער טרחה של מצוה...

(שערי שמחה)

ונתתי גשמיכם בעתם... (כו. ד.)

„בעתם, בשעה שאין דרך בני אדם לצאת, כגון בלילי שבתות" (רש"י)

אַ צדיק איז בכח מיט זיין תפלה איינצוהאַלטען דעם רעגען, ווי די גמרא דער־צעהלט וועגען רבי חנינא בן דוסא, אַז בשעת ער איז געגאַנגען אין וועג און עס האָט אָנגעהויבען רעגענען, האָט ער אויסגערופען: „רבונו של עולם! כל העולם כולו בנחת וחנינא בצער? — פסק מיטרא" (תענית כ"ד). אין דער צייט, אַלזאָ, פון „אם בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמורו", ווען אַלע וועלען זיין צדיקים, קאָן דאָך דאָן דראָהען אַ געפאַהר, אַז עס זאָל קיינמאָל נישט געהן קיין רעגען, דען יעדעס מאָל וועט זיך דאָך געפינען ערגיץ־וואו אויפ'ן וועג אַ צדיק, פאַר וועלכען דער רעגען וועט זיין אַנ־אונבעקוועמליכקייט, און דעריבער ווערט ערקלערט: „ונתתי גשמיכם בעתם — בלילי שבתות", ווען די צדיקים זיצען דאָן אין שטוב...

(בדרך צחות, ילקוט הגרשוני)

ואכלתם לחמכם לשובע וישבתם לבטח בארצכם... (כו. ה.)

ווען ס'איז נישטאָ קיין פרנסה, קריגט מען זיך אַרום: איין איד מיט'ן צווייטען קאַנקורירט, איינער דעם צווייטען רייסט דעם ביסען ברויט פון מויל, איינער דעם צווייטן מסר'ט, אָבער ווען „ואכלתם לחמכם לשובע", ווען עס וועט זיין פרנסה, דאַן „וישבתם לבטח", וועט זיין מנוחה און שלום ביי אידען...

(ארונו של יוסף)

ווען עס איז נישטאָ קיין פרנסה איז מען געצוואונגען צו נעהמען דעם וואַנדער־שטעקען און צו עמיגרירען: „כי תעבוד את האדמה לא תוסיף תת כחה לך — נע ונד תהי' בארץ" (בראשית ד. יב.) און „ויהי רעב בארץ — וילך אברם מצרימה לגור שם", און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין פון דער געגעבענער הבטחה: „ואכלתם לחמכם לשובע — וישבתם לבטח בארצכם", איהר וועט האָבען ברויט צו דער זעט און איהר וועט קענען פעסט און זיכער זיצען אין לאַנד, איהר וועט נישט דאַרפען אויסוואַנדערען...

(תוספת ברכה)

„ואכלתם לחמכם לשובע — אוכל קמעא והוא מתברך במעיו" (רש"י)

אויב — האָט געפרעגט דערויף דער ביאַלער רבי רבי משה מיכל — די תורה איז מבטיח, אַז מען וועט זיין געבענשט מיט כל־טוב, טאָ נאָכוואָס איז דערביי נויטיג די ברכה פון „אוכל קמעא והוא מתברך במעיו", ער האָט דאָך אַ ברירה צו עסען וויפיעל ער וויל?

איז דערפון — האָט ער געענטפערט — דאַרף מען זיך טאַקי אָראָבלערנען, אַז אַפילו ווען מען האָט פון אַלעם גוטען, דאַרף מען אויך נישט זיין אַריינגעלאָזט צופיעל אין אכילה ושתיה און צופיעל שטאָפען דעם חומר...

רבי ישראל ריזשינער איז געווען אַ זעהר קנאַפּער עסער, מעהר ווי איין לעפעל פלעגט ער נישט עסען, דערביי פלעגט ער דאָס מאכל פריהער אַזוי פערזאַלצען, אַז קיינער האָט דערנאָך נישט געקאָנט עסען דערפון.

ויהי היום, איז זיך דער ריזשינער איינמאָל צונויפגעקומען מיט זיין מחותן, דער קאָסאָווער רבי, און מען האָט געפראַוועט פאַר זיי, ווי דער שטייגער איז, אַ סעודה. דער קאָסאָווער רבי האָט געגעסען כדרך כל האדם, דער ריזשינער אָבער האָט פון יעדען מאכל בלויז עפּעס טועם געווען.

— פאַרוואָס עסט איהר גאָרנישט, מחותן? — פרעגט איהם דער קאָסאָווער.

— אידער מיר זענען אַראָב אויף דעם עולם — ענטפערט איהם דער ריזשינער — האָבען מיר אויסגענומען מיט אונזער גוף אַ תנאי, אַז מיר קענען זיך מיט איהם אַנדערש נישט מתחבר זיין, סיידען ער וועט מסכים זיין צו זיין אַ מסתפק במועט, צו געניסען ווי אַמווייניגסטען פון די נויטיגע צרכי הגוף. דער גוף האָט דערויף מסכים געווען און די גאַנצע צייט איז ער דעם תנאי מקיים.

דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער האָט דער קאָסאָווער רבי אַוועקגעלעגט דעם לעפעל, אָבגערוקט דעם טעלער און אויפגעהערט צו עסען.

— און איהר, מחותן — פרעגט איהם דער ריזשינער — פאַרוואָס עסט איהר נישט? צי האָט אויך אייער גוף געגומען אויף זיך די זעלבע התחיבות?

— ניין — ענטפערט דער קאָסאָווער מיט אַ שמייכעל — אונזער גוף האָבען מיר

קיין שום תנאי נישט געשטעלט און דערפאַר זענען מיר זיך נוהג צו געבען איהם צו עסען וויפיעל ער דאַרף, אָבער איצט איז מיר פערענטפערט געוואָרען אַנ'ענין, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט רעכט פערשטאַנען. כידוע, איז פרייטאָג אויף דער נאַכט, בשעת אַ איד קומט אַהיים פון שוהל, בעגלייטען איהם צוויי מלאכים, וועלכע ער איז מקבל פנים מיט אַ „שלום עליכם מלאכי השרת", מיט זמירות און תהלות ותשבחות, אָבער תיכף ומיד פערטיגט ער זיי אָב און רופט אויס: „צאתכם לשלום מלאכי השלום!" ער הייסט זיי געהן געזונדערהייט... איז דאָך קשה: פאַרוואָס שיקט ער זיי עפּעס אַזוי גיך אַוועק, פאַרוואָס לאָזט ער זיי נישט זיצען בשעת'ן עסען?...

נאָר דער תירוץ איז: אַ מענש קאָן נישט עסען, בשעת עס זיצען נעבען איהם מלאכים וואָס עסען גאָרנישט...

וישבתם לבטח בארצכם...

נאָר אין א י י ע ר ל אַ נ ד וועט איהר קאָנען זיצען רוהיג; איהר וועט אָבער נישט קאָנען זיצען רוהיג אין חוץ־לאָרץ!...

(ספרי)

ונתתי שלום בארץ ושכבתם ואין מחריד... (כו. ו.)

עס שטעהט דאָך שוין פריהער: „וישבתם לבטח בארצכם"?

— נאָר — טייטשט איינער פון די קדמונים — דער „ואין מחריד" איז אַ המשך צום „בארץ", און דער זין איז: „ונתתי שלום בארץ", אויך די ערד זעלבסט וועט זיין פריעדליך, „ואין מחריד", עס וועט קיינער דורך איהר נישט ציטערען — עס וועט נישט פאָרקומען קיין ערד־ציטערניש...

בשעת עס איז קיין שלום נישטאָ און עס הערשט צווישען די מענשען קנאה ושנאה, ווערט זיי דער שלאָף געשטערט, ווי ס'ווערט געזאָגט אין פסוק: „מתוקה שנת העובד אם מעט ואם הרבה יאכל והשובע לעשיר איננו מניחו לו לישון" (קהלת ה. יא.), אַז די קנאה לאָזט דעם מענש נישט שלאָפען. בעת אָבער עס וועט זיין „ונתתי שלום בארץ", אַז עס וועט הערשען ביי אייך שלום, דאַן — „ושכבתם ואין מחריד", וועט איהר קאָנען שלאָפען במנוחה...

(כתב סופר)

בעת דער בעריהמטער מחלוקת צווישען צאַנז און סאַדיגור, האָבען דאַן ביידע צדדים אַרויסגעגעבען פערשיעדענע פאַמפלעטען־ספרים, ווי „ילקוט הרועים", „שבר פושעים" וכדומה, אין וועלכע מען האָט ציטירט פערשיעדענע מאמרים פון די קדמונים, און איטליכער צד האָט זיך בעמיהט אויפצווייזען מיט ראיות ברורות, אַז דער זוהר, רבי שמעון בן יוחאי און דער בעש"ט האָבען בפירוש נוטה געווען, לויט איין צד — צו דער שיטה פון סאַדיגור, לויט'ן צווייטען צד — צו דער שיטה פון צאַנז...

האָט דאַן רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן געזאָגט, אַז איצט איז איהם פערשטענדליך דער פשט פון פסוק: „ונתתי שלום בארץ ושכבתם ואין מחריד". בשעת עס איז שלום בארץ איז „ושכבתם ואין מחריד", האָבען די פערשטאָרבענע צדיקים מנוחה און קיינער בעאונרוהיגט זיי נישט. דאַגעגען בעת מחלוקת, האָבען אויך די צדיקים אין קבר קיין רוה נישט. אויף זיי ווערען, ליידער, אַריינגעצויגען אין דער מחלוקת, דען יעדער בעמיהט זיך אויסצושפּיעלען זיי אויף זיין צד...

ונפלו אויביכם לפניכם לחרב... (כו. ח.)

„שיהיו נופלין לפניכם שלא כדרך הארץ" (רש"י)

פונוואַנען איז עס דער בעוויז אַז „שלא כדרך הארץ"?

דען אויפ'ן פסוק „ויפול על פניו ארצה" ביי גלית'ן (שמואל א' יז. מט.) זאָגט דאָרט רש"י (אין נאָמען פון ילקוט): „לא היה צריך ליפול אלא לאחוריו כדרך הנופלים, אלא כדי שלא יצטרך דוד לילך לחתוך ראשו". דערפון איז, אַלזאָ, צו זעהען, אַז דער דרך הנופלים איז צו פאַלען הינטער זיך, לאחוריהם, טאָ פאַרוואָס שטעהט דאָ: „ונפלו אויביכם לפניכם"? איז דערפון דרינגט דער דרש: „שיהיו נופלין לפניכם שלא כדרך הארץ"...

(רבי ר' העשיל)

וישן מפני חדש תוציאו... (כו. י.)

דער דין איז: „אין מוציאין פירות מארץ־ישראל דברים שיש בהם חיי נפש, כגון יינות שמנים וסלתות" (בבא בתרא צ'). די שפע אין ארץ־ישראל וועט אָבער זיין אַזוי גרויס, אַז „וישן מפני חדש תוציאו", אַז איהר וועט זיך קענען און מעגען ערלויבען אַרויסצופיהרען און צו עקספאָרטירען תבואה קיין חוץ־לארץ, זאָגאַר „מפני חדש", אין דער צייט פאַר'ן חדש, פאַר'ן שניט פון פרישען גערעטעניש, וואָס דאַמאָלס פיהלט זיך געוועהנליך אין יעדען לאַנד אַ מאַנגעל אין תבואה...

(ספורנו)

ואם לא תשמעו לי ולא תעשו את כל המצות האלה... (כו. יד.)

דער חתם־סופר האָט זיך אַמאָל אויסגעשמועסט מיט זיינע קהלה־לייט און זיי גע'מוסר'ט: היתכן? כ'בין שוין אַזוי פיעל יאָהרען ביי אייך רב אין פּרעשבורג און איך האָב די גאַנצע צייט נישט די מינדעסטע פעולה אויף אייך. לאָמיר אָננעהמען, אַז איהר זענט טאַקי קלוגער פון מיר און אַז די אַלע עצות און אָנווייזונגען, וואָס איך געב אייך, טויגען נישט. אָבער איז דען מעגליך, אַז במשך פון דער גאַנצער צייט, פון די אַלע יאָהרען, זאָל איך נישט האָבען געזאָגט קיין איין גוטע זאַך, קיין איין ריכטיגע עצה? דאָס קאָן דאָך נישט זיין, און אויב איהר טהוט תמיד פערקעהרט פון דעם, וואָס איך זאָג אייך, איז עס נישט אַנדערש, נאָר אַז איהר זענט אויסען צו טהון מיר צו להכעיס...

און דערויף — האָט ער אויסגעפיהרט — קלאָגט זיך אויך די תורה: „ואם לא תשמעו לי ולא תעשו את כל המצות האלה", ווען איהר זאָלט פון אַלע מצוות נור עטליכע מצוות האָבען מקיים געווען, וואָלט מען געקענט זאָגען, אַז די איבריגע מצוות געפעלען אייך נישט, זיי זענען נישט געווען קלוג, געווען שכל'דיג, אָבער בשעת עס איז „ולא תעשו את כ ל המצות האלה", איהר האָט אַ בונד געמאַכט געגען אַ ל ע מצוות, איהר זענט קיין איינע פון זיי נישט מקיים, בעוויזט עס, אַז איהר זענט דערביי אויסען בלויז דעם „אם לא תשמעו לי", דען עס געשיקט זיך דאָך נישט, אַז צווישען אַלע תרי"ג מצוות זאָל זיך נישט געפינען קיין איין פאַסענדע און קיין איין שכל'דיגע מצוה, דאָס איז דאָך אונמעגליך! און נישט אַנדערש, נאָר אַז איהר זענט סתם צו־להכעיס'ניקעס און וויל איך זאָג אַזוי — טהוט איהר דוקא להיפוך, דוקא פערקעהרט!...

ואם בחוקותי תמאסו... (כו. טו.)

ביי די ברכות האָט די תורה געשטעלט נור איין תנאי: „אם בחוקותי תלכו וכו׳ — ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה וכו׳״, ווען זיי זענען מקיים נור דעם איינעם תנאי, בעקומען זיי באַלד דעם שכר. ביי די קללות דאַגעגען איילט זיך נישט די תורה מיט׳ן עונש און שטעלט גאַנצע זיבען תנאים: „ואם בחוקותי תמאסו, ואם את משפטי תגעל נפשיכם, לבלתי עשות את כל מצותי וכו׳״ (זעה אין רש״י), ערשט דאַמאָלס, ווען די מאָס וועט שוין זיין איבערפולט, ווען זיי וועלען שוין האָבען עובר געווען אויף אַלע זיבען תנאים, ערשט דאַן וועלען זיי נענש ווערען...

(כנפי נשרים)

ורדו בכם שונאיכם... (כו. יז.)

„שאיני מעמיד שונאים אלא מכם ובכם, שבשעה שאומות העולם עומדין על ישראל אינם מבקשים אלא מה שבגלוי וכו׳ אבל בשעה שאעמיד עליכם מכם ובכם הם מחפשים אחר מטמוניות שלכם״ (רש״י)

די גרעסטע צרות זענען מיר תמיד אויסגעשטאַנען פון די אינערליכע שונאים, פון די משומדים און פעררעטער, וועלכע פלעגען ביי אונז ענטדעקען אַזעלכע „מטמוניות״, אַזעלכע אויסטערלישע בעהאַלטענע פערברעכענס און ווילדע בלבולים, וואָס עס וואָלט קיין שום גוי נישט געקאָנט איינפאַלען...

ונסתם ואין רודף אתכם... (כו. יז.)

אין פלוג איז דאָך דער „ואין רודף אתכם״ גאָר קיין קללה נישט, דען די שרעק און די בהלה פונ׳ם אַנטלויפענדיגען איז דאָך, אדרבה, פיעל שטאַרקער דאַמאָלס, ווען ער זעהט הינטער זיך דעם רודף!... נאָר אויפ׳ן פסוק „והאלקים יבקש את נרדף״ דרש׳ענען די חז״ל: „אפילו צדיק רודף רשע״ — און אָט דאָס, אַלזאָ, איז די קללה: „ונסתם ואין רודף״, איהר וועט אינגאַנצען פאַר זיך קיין רודף נישט זעהן, וממילא וועט איהר נישט קאָנען האָפען, אַז השי״ת זאָל זיך אָננעהמען פאַר אייערטוועגען!...

(מלבי״ם)

ויספתי ליסרה אתכם שבע על חטאתיכם... (כו. יח.)

דער מספר „שבע״ — בעמערקט דערויף דער רשב״ם — ווערט נישט געמיינט אין בוכשטעבליכען זין, נאָר ער ווערט בלויז בענוצט אַלס אויסדרוק פון אַ גרעסערע צאָהל.

דעם דאָזיגען מספר געפינען מיר אין זעהר פיעל פסוקים, ווי: „כי שבע יפול צדיק וקם״ (משלי כד. טז.) „והחזיקו שבע נשים באיש אחד״ (ישעי׳ ד. א.), „ובשבעה דרכים ינוסו מפניך״ (דברים כח. ז.), „אשר היא טובה לך משבעה בנים״ (רות ד. טו.), „שבע ביום הללתיך״ (תהלים קי״ט), „כי שבע תועבות בלבו״ (משלי כו. כה.), „על אבן אחת שבעה עינים״ (זכרי׳ ג. ט.), און אין פיעל אַנדערע ערטער.

ואם תלכו עמי קרי... (כו. כא.)

דערויף ווערט געזאָגט אין דער מסורה: „סימן בהדין ענינא, קדמאה תניינא וחמשאה קרי, תליתאה רביעאה שתיתאה שביעאה בקרי, וכך דינן, אַן דאית את — קרי, אָן דאית ואת — בקרי".

אַהן אַ שיעור מבארים האָבען זיך געמאַטערט צו פערשטעהן דעם פשט אין דער דאָזיגער מסורה, אָבער די ריכטיגע ערקלערונג גיט דערויף דער ווילנער גאון (ווערט אויך געבראַכט אין מנחת שי):

זיבען מאָל ווערט אין דער דאָזיגער פרשה דערמאָהנט דאָס וואָרט „קרי". אין ערשטען, אין צווייטען און אין פינפטען אָרט, שטעהט „קרי", אָהן אַ ב', און פיער מאָל, אין דריטען, אין פיערטען, אין זעקסטען און אין זיבעטען אָרט שטעהט „בקרי", מיט אַ ב'. און כדי דאָס צו געדענקען ווערט אין דער מסורה אָנגעגעבען אַלס סימן דער פסוק אין מלכים א' ח.: „ביום ההוא קדש המלך את תוך החצר אשר לפני בית ד', כי עשה שם את העֹלה ואת המנחה ואת חלבי השלמים, כי מזבח הנחושת אשר לפני ד' קטן מהכיל את העולה ואת המנחה ואת חלבי השלמים".

אינ'ם דאָזיגען פסוק געפינען מיר זיבען מאָל דאָס וואָרט „את", לויט דעם זעלבען סדר וואָס דאָ ביי „קרי". דריי מאָל, אין ערשטען, אין צווייטען און אין פינפטען אָרט, שטעהט „את" אָהן אַ ו', און פיער מאָל, אין דריטען, אין פיערטען, אין זעקסטען און אין זיבעטען אָרט — „ואת", מיט אַ ו'. און דאָס, אַלזאָ, איז דער סימן: אויף די ערטער, וואו דאָרט שטעהט „את" — שטעהט דאָ „קרי", און דאָרט וואו עס שטעהט „ואת" — שטעהט דאָ „בקרי"...

ונאספתם אל עריכם... (כו. כה.)

אויף אַנ'אסיפה פון עסקנים אין תל־אביב, איז אַמאָל בעהאַנדעלט געוואָרען די אָנגעוועהטאָגטע פראַגע, וואָס דער גרעסטער טייל עולים קאָנצענטרירט זיך אין די שטעדט און דאָס דאָרף ווערט פערוואָהרלאָזט און פערנומען דורך אַראַבער און אַראַבישע אַרבייטער. אין דער אסיפה האָט זיך אויך בעטייליגט דער תל־אביב'ער רב, רבי שלמה אראָנסאָהן, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז די דאָזיגע פּלאָג איז פאָראויסגעזעהן אין דער תוכחה וואו צווישען פערשידענע אַנדערע צרות ווערט אויך אויסגערעכענט די צרה פון — „ונאספתם אל עריכם", איהר וועט זיך קאָנצענטרירען אין די שטעדט, איבערלאָזענדיג דאָס דאָרף אויף פרעמדע הענד און פרעמדע אַרבייט...

ויסרתי אתכם אף אני... (כו. כח.)

בשעת אַ טאַטע שלאָגט זיין קינד, טהוט אויך איהם וועה, האָט ער אויך אַליין דערפון גרויסע יסורים. „ויסרתי אתכם — אף אני"...

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער)

ואכלתם בשר בניכם... (כו. כט.)

מען מיינט עס נישט דווקא אין בוכשטעבליכען זין, נאָר אין זין פון פסוק: „ואשר אכלו שאר עמי ועורם מעליהם הפשיטו" (מיכה ג. ג.), און די כוונה איז: איהר וועט דאַרפען אָנקומען צו אייערע קינדער און עסען ביי זיי — דאָס אַליין איז שוין אַ געגוג שווערע קללה...

(דברי חכמים)

בשעת אידען וועלען זוכה זיין — ווערט געבראכט — וועלען אַלע קללות פון דער תוכחה נהפך ווערען אויף ברכות און אויך דער „ואכלתם בשר בניכם" וועט אַמאָל ווערען אַ ברכה... עס וועט קומען אַ צייט, ווען אידישע עלטערן וועלען עס האַלטען פאַר אַ גרויסע זכיה, אויב זיי וועלען ביי זייערע קינדער אין הויז מעגען עסען אַ שטיקעל פלייש!...

(געהערט)

ונתתי את עריכם חרבה והשמותי את מקדשיכם... (כו. לב.)

פאַרהאַן שוטים — שרייבט רבי משה חאגיז אין זיין ספר „שפת אמת" — וועלכע זאָגען, אַז די וואָס וואוינען היינט אין ארץ־ישראל זענען עובר אויף די גזירה פון השי"ת: „ונתתי את עריכם חרבה". אָבער דער וואָס זאָגט אַזוי, איז ער אָדער אַ שוטה אָדער אַ מין, דען עס ערקלערען אונז די חז"ל: „והשימותי את מקדשיכם — אף על פי ששוממין הן בקדושתן" (מגילה כ"ח), און אין פיעל ערטער ווערט געזאָגט, אַז אַפילו נאָכ'ן חורבן המקדש לא זזה שכינה ממקומה ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „והיו עיני ולבי שם כל הימים"...

והשמותי אני את הארץ ושממו עליה אויביכם... (כו. לב.)

דאָס איז באמת אַ בשורה־טובה פאַר אידען. עס איז דער רצון פון השי"ת, אַז די פיינד זאָלען נישט האָבען קיין חשק צו ארץ־ישראל, כדי דאָס לאַנד זאָל די גאַנצע צייט בלייבען וויסט און פריי פאַר דער אידישער אויפבויאונג...

(תורת כהנים)

ואתכם אזרה בגוים... (כו. לג.)

סיי ביי גלות־בבל, סיי אינ'ם לעצטען גלות איז נגזר געוואָרען, אַז אידען זאָלען זיין מפוזר ומפורד איבער דער וועלט; בלויז אין גלות־מצרים זענען די אידען קאָנ־צענטרירט געווען אין איין אָרט — אין גושן, ווייל דאַמאַלס איז נאָך געווען פאַר מתן־תורה, און אָהן דער תורה וואָלטען די אידען, אויב זיי זענען מפוזר, קיין תקומה נישט געהאַט...

(רבי אברהם'לע סאָכאַטשעווער)

ורדף אותם קול עלה נדף... וכשלו איש באחיו... (כו. לו. לז.)

לא־די, וואָס דער שונא וועט זיי רודפ'ן — וועט אויך זיין „וכשלו איש באחיו", וועט איין איד רודפ'ן דעם צווייטען, וועלען זיי זיך אַליין, צווישען זיך גופא, ארומ־רייסען!...

(כלי יקר)

וכשלו איש באחיו כמפני חרב... (כו. לז.)

דער שפּאַנישער קעניג אַלפאָנס, ווערט דערצעהלט, איז אַמאָל שטאַרק אין כעס געוואָרען אויף די אידען און ער האָט זיי געוואָלט אומברענגען, אָבער איינער פון זיינע

פריינד האָט איהם אָבגעהאַלטען פון אויספיהרען אַזאַ אכזריות און דערביי האָט ער איהם גערעכט, אַז אויב ער וויל דורכאויס נקמה נעהמען אין די אידען, איז דאָ דערצו אַ פיעל „ליבעראַלער" מיטעל: ער זאָל בעשטימען פאַר די אידען פון גאַנצען לאַנד איין וואוין־פּלאַץ, וואו זיי זאָלען זיך אַלע האַלטען צוזאַמען, קיין איין פרעמדער זאָל זיך צווישען זיי נישט געפינען און אויך די בעאַמטע און מושלים זאָלען זיין אידען, און דאַן — האָט ער פערענדיגט זיין עצה טובה — וועסטו זעהן, ווי אין אַ קורצע צייט וועלען זיי זיך אַליין אומברענגען און אויפעסען איינער דעם צווייטען...

והבאתי אותם בארץ אויביהם... (כו. מא.)

„בארץ אויביהם" מיינט מען דאָ נישט קיין פרעמד לאַנד, אין גלות, נאָר ארץ־ישראל. נאָכדעם ווי עס וועט זיין „והתודו את עונם ואת עון אבותם", וועט נאָכנישט קומען די ריכטיגע גאולה, נאָר פריהער — „והבאתי אותם בארץ אויביהם", וועל איך זיי ברענגען קיין ארץ־ישראל, וואו זיי וועלען דאָרט גופא אַ לאַנגע צייט אַרומגערינגעלט זיין מיט פיינד, און ערשט שפּעטער, נאָכ'ן „או אָז יכנע לבבם הערל ואז ירצו את עונם", ערשט דאַן — „וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק וכו'", וועלען זיי דאָרט, אין ארץ־ישראל, זוכה זיין צו דער גאולה שלימה...

(לויט'ן רמב"ן)

דער רבי ר' בונם האָט געטייטשט דעם פסוק „ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם" (תהלים קו. לה.): בעקבתא דמשיחא וועט זעהר שווער זיין פאַר אידען צו האָבען פרנסה. די סיבה וועט זיין: „ויתערבו בגוים", די אידען וועלען זיך צונויפמישען מיט די גוים, זיך מתחבר זיין מיט זיי און נאָכגעהן זייערע דרכים און דאַן — „וילמדו מעשיהם", וועלען זיך די גוים אויסלערנען די אידישע מסחרים און מלאכות און זיי וועלען אַוועקנעהמען ביי זיי די פרנסות...

והבאתי אותם בארץ אויביהם או אז יכנע לבבם הערל... (כו. מא.)

זאָלען די אידען נישט איינרעדען זיך און זאָגען: „אויב מיר זענען יאָ פערטריבען געוואָרען צווישען די אומות, טאָ לאָמיר זיין גלייך מיט זיי און לאָמיר נאָכטהון זייערע מעשים"... — ניין! בעל־כרחם וועל איך איבער זיי אויפשטעלען נביאים, וועלכע זאָלען זיי אַרונטערברענגען אונטער מיינע פליגעל... „והעולה על רוחכם — הי' לא תהי'"!...

(תורת כהנים)

וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק... (כו. מב.)

ווי קומט דערדאָזיגער פסוק אין מיטען דער תוכחה?

נאָר אויך ד אָ ס ווערט דערמאָהנט אַלס פאָרוואורף. ווען לתרבות־רעה געהט אַרויס אַזאַ איינער וואָס שטאַמט פון נידריגע, פּראָסטע עלטערן, איז די שולד זיינע נישט אַזוי גרויס, ווי ווען דאָס טהוט אַזעלכער, וועלכער שטאַמט פון אַ שענער, יחוס'דיגער פאַמיליע, וואָס זיין זיידע איז געווען — י ע ק ב, זיין עלטער־זיידע — י צ ח ק א. א. וו.!...

(של"ה)

וזכרתי את בריתי יעקב וכו׳ והארץ אזכור... (כו. מב.)

אויך דאָס געהערט צו דער תוכחה... אידען וועלען אויפהערען צו געדענקען און צו טראַכטען וועגען ארץ־ישראל! בלויז איך אַליין וועל עס געדענקען...

(רבי יעקב־שמשון שעפעטיװקער)

די תוכחה וועט דערפיהרען צום „והארץ אזכור", צום דערמאָהנען זיך און צו געדענקען אינ׳ם אידישען לאַנד...

(הנ״ל)

דאָ, אין פ׳ בחקותי, ווערט די תוכחה געזאָגט בלשון רבים, דאַגעגען אין פ׳ תבוא — בלשון יחיד.

מחמת די ערשטע תוכחה — זאָגען די חז״ל — איז געװענדעט געגען בית־ראשון, וועלכער איז חרוב געוואָרען צוליעב די זינד פון עבודה־זרה וגלוי עריות, דאַגעגען די צווייטע תוכחה איז געזאָגט געוואָרען אויפ׳ן בית־שני, וועלכער איז געוואָרען חרוב צוליעב שנאת־חנם, מען האָט זיך איינעם דעם צווייטען פיינד געהאַט, יעדער האָט געלעבט אָבגעזונדערט, ביחידות, זאָרגענדיג נאָר פאַר זיך, און דעריבער ווערט דאָרט די תוכחה גערעדט צום יחיד...

(אמרי חן)

וזכרתי את בריתי יעקב וכו׳ והארץ תעזב מהם... (כו. מב. מג.)

וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג איז פאַרהאַן צווישען די דאָזיגע פסוקים און מיט וואָס ערקלערט זיך עס, וואָס נאָכ׳ן דערמאָהנען ביים ענדיגען די תוכחה דעם זכות אבות ווערט באַלד אין ווייטערען פסוק ווידעראַמאָל איבערגעגאַנגען צו די דברי־תוכחה?

נאָר מיר געפינען אין מדרש איכה (פרשה ד׳): „מזמור לאסף, אלקים באו גוים בנחלתך. אמרו לו לאסף, הקב״ה החריב היכל ומקדש ואתה מזמר? אמר להם, מזמר אנכי על ששפך חמתו על העצים ועל האבנים ולא על ישראל", און דער זין איז פונ׳ם דאָזיגען ענטפער, אַז חרוב איז בלויז געוואָרען דאָס לאַנד, די בנינים פון עצים ואבנים, אָבער נישט, חלילה, דאָס פאָלק ישראל, און חרוב׳ע בנינים קאָן מען צוריק אויפשטע־לען און צוריק אויפבויען.

און דאָס איז אויך דער זין און צוזאַמענהאַנג פון די דאָזיגע פסוקים: „וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק" וכו׳, און בעשטעהן וועט דער זכות־אבות אין דעם, וואָס — „והארץ תעזב מהם ותרץ את שבתותיה בהשמה מהם", בלויז דאָס לאַנד וועט חרוב ווערען, דאָס פאָלק אָבער וועט ווייטער בלייבען עקזיסטירען און מיט דער צייט וועט עס זיך צוריק אומקעהרען און צוריק אויפבויען דאָס חרוב־געוואָרענע לאַנד...

(תוספת ברכה)

„וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק" וכו׳.

פאַרוואָס ווערען דאָ די אבות אויסגערעכענט לויט׳ן פערקעהרטען נישט גלייכען סדר: אברהם, יצחק ויעקב?

דען — האָט געזאָגט דערויף רבי שמעלקי ניקעלשבורגער — „על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים", דאָס זענען די דריי הויפט־יסודות, אויף וועלכע עס האַלט זיך דער קיום פון פאָלק ישראל, און יעדער פון די

אבות האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איינע פון די דריי הויפט־מצוות. תורה — אין זכות יעקב, וועלכער האָט געלערנט תורה ביי שם ועבר, עבודה — אין זכות יצחק, וועלכער האָט זיך צוליעב עבודת השם געלאָזט פיהרען צו דער עקידה, גמילות־חסדים — אין זכות אברהם, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין הכנסת־אורחים, און דער פסוק רעכענט, אַלזאָ, אויס די זכותים, אַ דאַנק וועלכע די אידען וועלען קענען איבערטראָגען די שווערסטע תוכחה־צייטען, לויט'ן סדר פון די שלשה דברים: תורה ועבודה וגמילות־חסדים...

(אמרי פז)

ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם... (כו. מד.)

עס איז אַ משל צו איינעם, וועלכער איז פערליעבט אין אַ פרוי, און די פרוי וואוינט אין אַ גאַס פון גאַרבערס, וואו עס הערשט אַ זעהר שטיקענדע, פערדאָרבענע לופט. ווען זיין געליעבטע וואָלט נישט געוואוינט דאָרט, וואָלט ער קיינמאָל אַהין נישט געגאַנגען; אָבער אַז דאָרט געפינט זיך זיין געליעבטע, איז די גאַס געגליכען אין זיינע אויגען ווי אַ גאַס פון בשמים, וועלכע שמעקט מיט די פיינסטע ריחות!... און דאָס־זעלבע איז אויך דאָ: „ואף־גם־זאת בהיותם בארץ אויביהם" — בשעת ישראל וועט זיך געפינען אין לאַנד פון שונא, כאָטש עס איז אַן אומריין, טמא־אָרט, פונדעסטוועגען — „לא מאסתים ולא געלתים" — וועט זיך כביכול נישט מיאוס'ען צו זיין מיט זיי צוזאַמען. פאַרוואָס? — „ל כ ל ת ם" — צוליב זייער כ ל ה ׳ ש אַ פ ט: ווייל ישראל, זיין כ ל ה, זיין האַרץ־געליעבטע, וואוינט דאָרט...

(זוהר)

„ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים"... ווי שלעכט די אידען זאָלען זיך נישט אויפפיהרען און ווי נידריג זיי זאָלען נישט האָבען געפאַלען, אָבער „בהיותם בארץ אויביהם", בשעת זיי וועלען זיצען אין לאַנד פון זייערע שונאים, וועט זיך דאַן אַרויסווייזען, אַז יענע זענען אין זייערע מעשים און מדות פיעל, פיעל ערגער פון זיי!...

(שמן המור)

פאַרהאַן פעלקער, וואָס זייער שטאַם איז געבליבען, אָבער זייער נאָמען עקזיסטירט נישט מעהר. נישטאָ מעהר קיין פאָלק מיט'ן נאָמען פלשתים, קיין פאָלק עמלק, קיין עמון, מואב, בבל א. א. וו. דאַגעגען ווידער זענען פאַרהאַן פעלקער, וואָס זייער נאָמען איז פערבליבען, אָבער זייער שטאַם עקזיסטירט נישט מעהר, ווי למשל, מצרים, וועלכע איז במשך פון עטליכע חורבנות פולשטענדיג פערניכטעט געוואָרען און דאָס לאַנד איז באַזעצט געוואָרען דורך אַנדערע, וועלכע האָבען נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט די אַמאָליגע מצרים. אידען, אָבער, איז געגעבען געוואָרען די הבטחה, אַז „כאשר השמים החדשים והארץ החדשה אשר אני עושה עומדים לפני נאום ד' כן יעמד זרעכם ושמכם" (ישעי' סו.), סיי אייער שטאַם, אייערע קינדער, סיי אייער נאָמען, וועלען אייביג עקזיסטירען...

(העקרים פרק מ"ב)

„...די השגחה העליונה, וועלכע האָט בעשטימט, אַז ישראל זאָל זיין בע־ונד אין

פערשידענע לענדער, ביז עס וועט ווערען ראוי די צייט פאַר'ן ריכטיגען קץ, האָט אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז די אידישע אומה זאָל קענען איבערטראָגען די אַלע שטורמדיגע כוואַליעס און נישט אַסימילירען זיך צווישען די פעלקער. דאָס איז אויך געווען די אויפגאַבע פון אַלע גדולי־האומה, וועלכע האָבען צו דעם צוועק אונז בעוואָרענט מיט פערשידענע גדרים און סייגים. דער ערשטער איז געווען אונזער פאָטער יעקב, וועלכער האָט דערזעהען, וואָס עס וועט פּאַסירען באחרית הימים מיט זיינע קינדער, וועלכע זענען אין אַ צאָל פון ס"ה זיבעציג נפשות פערוואָגעלט געוואָרען קיין מצרים, דורך וועלכער זיי קענען, חלילה, זעהר לייכט איינגעשלונגען ווערען, האָט ער דעריבער צווישען אַזאַ גרויסע און מעכטיגע אומה, געזאָרגט קודם־כל, אַז זיי זאָלען וואוינען צוזאַמען אין אַנ'אָבגעזונדערט ווינקעל, אין גושן, וואו זיי זאָלען לעבען אָבגעזונדערט מיט זייער שפּראַך, מיט זייערע נעמען און מיט זייערע מלבושים און דערצו האָט ער זיי שטרענג אָנגעזאָגט, אַז נאָך זיין טויט זאָלען זיי איהם אַריבערפיהרען קובר זיין אין ארץ־כנען, בכדי זיי זאָלען נישט פערגעסען און זיך נישט מיאש זיין און וויסען, אַז דער יחוס פון אידען איז פערבינדען אויסשליסליך מיט'ן דאָזיגען לאַנד, און דאָס איז דער פשט: „ויגר שם, מלמד שלא ירד יעקב אבינו להשתקע אלא לגור שם". די כוונה איז: „מלמד", ער האָט זיי געלערנט, דאָס איז געווען אַ לימוד לדורות אויף אַלע צייטען, אין יעדען גלות זאָלען אידען געדענקען, אַז זיי זענען נישט געקומען אַהין, חלילה, „להשתקע, אלא לגור שם"... און די זעלבע צוואה האָט אויך איבערגעלאָזט יוסף און אַלע זיינע ברידער, און דאָס איז דער פשט: „ויקוצו מפני בני ישראל", די מצרים האָבען געזעהען, אַז די אידען זענען מיט זייער אויפפיהרונג און אָבגעזונדערטקייט געגליכען צו קוצים, דערנער, וועלכע לאָזען זיך נישט מרכיב זיין מיט קיין שום אַנדערע בוימער און פלאַנצונגען... און דעריבער איז אויך דער דרך־ההשגחה, אַז נאָכדעם, ווי די אידען זענען אָב אין אַ לאַנד אַ לענגערע צייט, עטליכע הונדערט יאָהר, וואו זיי ווערען איינגעוואָרצעלט עקאָנאָמיש און גייסטיג און זיי הערען אויף צו פיהלען אַז זיי זענען פרעמדע אין דאָזיגען לאַנד, ברעכט דאַן אויס פּלוצים אַ שטורם־ווינד, וואָס רייסט זיי אויס פונ'ם איינגעוואקסענעם שורש און דערמאָהנט זיי, ווער און וואָס זיי זענען און צווינגט זיי אויסצווואַנדערען אין אַנ'אַנדער לאַנד און אָנצוהויבען פון דאָס־ניי אַ ריין אידיש לעבען... ביז עס געהט אַריבער אַ לענגערע צייט און זיי פאַרגעסען ווידער ווער זיי זענען, האַלטענדיג זיך פאַר איינגעזעסענע בירגער, איבערנעהמענדיג די קולטור, די שפּראַך און די מנהגים פון לאַנד און בערלין פערנעהמט ביי זיי דאָס אָרט פון ירושלים, דאַן ברעכט־אויס נאָכאַמאָל אַ פיעל־שטאַרקערער שטורם, וואָס רייסט זיי אַרויס פון אָרט. און אַזוי חזר'ט זיך עס איבער כסדר אין דער אידישער געשיכטע... און דאָס איז דער פשט: „ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר בריתי אתם", איך האָב זיי נישט פערמיאוס'ט און נישט אויסגעשפּיגען פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען, כדי חלילה זיי אומצוברענגען און איבערצורייסען מיין פערבינדונג מיט זיי, נאָר פערקעהרט, דער „מאסתים" און דער „געלתים" איז נויטיג, כדי זיי זאָלען נישט ווערען אומגעברענגט, כדי זיי זאָלען נישט ווערען אויסגעמישט און פערשלינגען צווישען די פרעמדע פעלקער, כדי צו דערהאַלטען זייער עקזיסטענץ אַלס אידען און צו דערמאָהנען זיי, אַז „כי אני ד' אלקיהם"...

דער דאָזיגער וואונדערליכער מאמר (פון וועלכען מיר ברענגען נור אַ קיצור) איז גענומען פון ספר „משך חכמה", פון דווינסקער גאון, רבי מאיר שמחה. אינ'ם דאָזיגען מאמר, ווי עס איז צו זעהען, ווערט ווי ברוח־נבואה פאָראויסגעזאָגט די טראַ־

גערדיע פון די דייטשע אידען, וועלכע האָבען בעטראַכט בערלין אַלס ירושלים...
געדרוקט איז געוואָרען דאָס ספר אין יאָהר תרפ״ז, אַ יאָהר נאָך זיין פטירה...

אַ פאָטער, וואָס זיין זוהן איז צוליעב אַ שווערען חטא פערשיקט געוואָרען קיין סיביר, האָט געשיקט דעם זוהן אַ גרעסערע סומע געלד און איהם געשריבען, ער זאָל זעהן פאַר דעם געלד זיך איינצואָרדענען און זיך נעהמען דאָרט צו עפּעס אַ מסחר. האָט דער זוהן, דערהאַלטענדיג דאָס געלד, זיך צעוויינט און אָבגעענטפערט דעם פאָטער: ביז איצט האָב איך כסדר געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז די שטראָף וועט מיר געשענקט ווערען און איך וועל זיך קאָנען אומקעהרען צוריק אַהיים. איצט אָבער, ווי באַלד דו שיקסט מיר געלד און דו שרייבסט, אַז איך זאָל מיך דאָ איינאָרדענען, זעה איך, אַז איך בין שוין אַ פערפאַלענער...

די אידען, דערהערענדיג די הבטחה, אַז „ואף גם היותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר בריתי אתם", אַז השי״ת איז זיי מבטיח, אַז ער וועט זיי אין גלות נישט פערלאָזען און אַז ער וועט דאָרט זאָרגען פאַר זיי, קענען זיי דאָך מיינען אַז אויב אַזוי, ווי באַלד מען געהט זיי דאָרט איינאָרדענען, איז עס, חלילה, אַ בעוויז, אַז זיי וועלען שוין בלייבען דאָרט שטענדיגע תושבים, אַז זיי וועלען שוין קיינמאָל פון גלות נישט אַרויס. ווערט דעריבער נאָכ׳ן דאָזיגען פסוק צוגעגעבען אַ צווייטע הבטחה: „וזכרתי להם ברית ראשונים וכו׳", אַז דאָס איז נישט, חלילה, אויף שטענדיג...

(רבי אליהו גריידיצער)

וזכרתי להם ברית ראשונים אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים... (כו. מה.)

כ׳וועל זיך דערמאָהנען, אַז אויך יענע אידען, די מצרים־אידען, זענען נישט בעסער געוועזען פון זיי... און דאָס איז דער פשט: „זכור עדתך קנית קדם גאלת שבט נחלתך" (תהלים עד. ב.). ווען איינער טהוט מיט זיין טאָכטער אַ געלד־שידוך און נאָכהער ווייזט זיך אַרויס, אַז דער חתן איז גאָר אַנ׳אָרימאַן, נישט קיין פערדיענער, האָט דער מחותן דאָס רעכט אין כעס צו זיין, הלמאי מען האָט איהם אָבגענאַרט. אָבער אויב ער ווייסט פריהער, אַז יענער איז אַנ׳אָרימאַן אַ קבצן, און דאָך איז ער מסכים אויפ׳ן שידוך — קאָן ער נאָכהער צו איהם קיין טענות נישט האָבען, באשר ער פערמאָגט גאָרנישט... „זכור עדתך קנית קדם", דערמאָהן דיך, רבונו של עולם, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד דו האָסט אונז געקויפט און זיך מיט אונז משדך געווען, מיר האָבען דאַן אַבסאָלוט גאָרנישט פערמאָגט, דלים וריקים זענען מיר געוועזען, אָהן שום מצוות ומעשים טובים, און דאָך — „גאלת שבט נחלתך", האָסטו אונז אויסגעלייזט פון מצרים און מסכים געווען אויפ׳ן שידוך, טאָ וואָס פאַר אַ טענה קענסטו צו אונז האָבען, אויב מיר געפינען זיך אויך היינט אינ׳ם זעלבען, דאַמאָלס׳דיגען צושטאַנד?...

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער)

כ׳וועל זיך דערמאָהנען, אַז אויך יענע אידען, די מצרים־אידען, זענען געשטאַנען אויף דער נידריגסטער מדרגה, פערזונקען אין די מ״ט שערי־טומאה, און פונדעסטוועגען האָב איך זיך אויף זיי מרחם געווען און אויסגעלייזט זיי פון גלות...

(כתב סופר)

איש כי יפליא נדר... (כז. ב.)

ערשט נאָך דער „תוכחה" ווערט אַ איד פרום און גוטהאַרציג, ערשט דאַן, לייי־דער, ווערט ער ווייכהאַרציג און הויבט אָן מנדר זיין נדרים און געבען נדבות...

(כלי יקר)

איש כי יפליא נדר בערכך נפשות... (כז. ב.)

וואָס האָט מען עפּעס געשטעלט די פּרשה פון ערכין נאָך דער תוכחה?

— וויל בשעת אַ איד — האָט דערויף געענטפערט דער „חוזה" פון לובלין — לייענט דורך די „תוכחה", קאָן ער, חלילה, אַריינפאַלען אין עצבות און מיינען, אַז ער איז שוין חס־ושלום נישט ווערט. וואָס די ערד טראָגט איהם, האָט מען דעריבער באַלד דערנאָך אַוועקגעשטעלט די פּרשה פון ערכין, כדי צו ווייזען איהם, אַז נאָך אַלעמען האָט ער נאָך פונדעסטוועגען אַ שטיקעל ערך און ער איז נאָך ב"ה עפּיס ווערט...

דעריבער איז די פּרשה פון ערכין געשטעלט געוואָרען נאָך דער תוכחה, וויל אויב נאָכדעם, ווי אידען האָבען אויסצושטעהן אַזויפיעל צרות און עס ווערט אויף זיי אויסגעגאָסען די תוכחה, בלייבען זיי פונדעסטוועגען ווייטער אידען — איז טאַקי דער ערך און דער ווערט פונ'ם איד גאָר גרויס, ממש גאָרנישט אָבצושאַצען!...

(רבי אליעזר אשכנזי)

לא יחליפנו ולא ימיר אותו טוב ברע או רע בטוב... (כז. י.)

„חליפין" בעדייט אין לשון־קודש, ווען מען בייט אויס אַן'ערגערע זאַך אויף אַ בעסערע, ווי „ויחלף שמלותיו" (בראשית מא. יד.), אַז מען האָט די אַלטע ביליגע תפיסה־קליידער אויסגעביטען אויף נייע, אָדער „וקווי ד' יחליפו כח" (ישעי' מ. לא.), אנשטאָט דעם שוואַכען כח וועלען זיי ווערען געקרעפטיגט מיט שטאַרקערע כחות, דאַגעגען „תמורה" בעדייט פערקעהרט, ווען מען בייט אויס אַ בעסערע זאַך אויף אַן'ערגערע, און דערפאַר ווערט אַ משומד, למשל, אָנגערופען אין תלמוד מיט'ן נאָמען „מומר"...

(הכורם)

וכל מעשר בקר וצאן כל אשר יעבור תחת השבט העשירי יהי' קודש לד'... (כז. לב.)

„כשבא לעשרן מוציאן בפתח זה אחר זה והעשירי מכה בשבט צבועה בסקרא להיות ניכר שהוא מעשר" (רש"י)

אויב נאָר צוליב דעם סימן — האָט געפרעגט דער אַסטראָווצער רבי — טאָ פאַר־וואָס איז גראָד געקומען צו שלאָגען דאָס צעהנטע, דאָס אויסדערוועהלטע הייליגע שעפּסעל? מען האָט דאָך געקענט דעם זעלבען סימן מאַכען פערקעהרט אויף די אַנדערע ביין, אַז די, וואָס וועלען האָבען אויף זיך דעם צייכען פון דער געפאַרבטער רוט זענען נישט קודש?

נאָר אַזוי איז שוין דער בעשטימטער גורל פון שטענדיג אָן: שמייסען שמייסט מען דעם קודש, דער קודש בעקומט די קלעפּ...

פִּרְקֵי אָבוֹת

פרק ראשון

כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא...

מיט עולם־הבא איז פערזיכערט דער „כל ישראל", דער כלל; וואָס אָנבעלאַנגט אָבער דעם ר' ישראל, דעם יחיד — ווענדעט זיך עס אין זיין אויפפירונג, אויב ער וועט ווערט זיין דערצו, אויב ער וועט זיך עס פערדינען...

(דובנער מגיד)

ועמך כלם צדיקים לעולם...

אין פערגלייך מיט'ן „עולם", מיט דער וועלט, מיט די מעשים פון אַלע אַנדערע פעלקער — אַנטקעגען זיי זענען מיר, אידען,ווירקליך צדיקים...

(פרי חדש)

כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב וכו' משה קבל תורה מסיני...

עס איז בעקאַנט די קשיא פון די מפרשים: פאַרוואָס איז „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא", הקב"ה איז דאָך דערמיט עובר, כביכול, אויף זיין אייגענעם געבאָט: „לא תלין פעולת שכיר"? ענטפערט מען דערויף, אַז דער דין איז, וויבאַלד דער פועל ווערט נישט געדונגען דירעקט דורכ'ן בעל־הבית, נאָר דורך אַ שליח, איז דאַן דער בעה"ב נישט עובר אויף „לא תלין". די זעלבע קשיא האָט אויך געאַרט דעם תנא פון דער משנה: „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא", פאַרוואָס עפעס ערשט לעולם־הבא, פאַרוואָס נישט דאָ באַלד אויפ'ן אָרט, די תורה זאָגט דאָך בפירוש: „לא תלין פעולת שכיר"? דערויף קומט דער ענטפער: „משה קבל תורה מסיני", די תורה איז די אידען געגעבען געוואָרען דורך אַ שליח, דורך משה'ן, און וויבאַלד דורך אַ שליח איז שוין דאַן נישט שייך דער „לא תלין"...

(חוות יאיר)

משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע... (א.)

אַ בעוויז, אַז „משה קבל תורה מסיני", אַז משה האָט נישט דיקטירט די תורה מפי עצמו, אַז ער האָט קיין שום זאַך נישט געטהון מיט'ן אייגענעם ווילען, איז דערפון, וואָס „ומסרה ליהושע", וואָס ער האָט איבערגעגעבען די פיהרונג אַ פרעמדען, יהושע'ן, נישט איינעם פון זיינע קינדער, ווי דער שטייגער איז פון יעדן מושל...

(מלל לאברהם)

והעמידו תלמידים הרבה ועשו סיג לתורה... (א.)

די תלמידים, וואָס איהר וועט אויפשטעלען, אָט דאָס גופא וועט זיין דער „סיג", די אייזערנע מויער, וואָס וועט דערהאַלטען און פערזיכערען דעם קיום התורה...
(הרב ש. קליין)

על שלשה דברים העולם עומד... (ב.)

„העולם עומד" — די וועלט שטעהט און וואַרט דערויף. דערווייל, ליידער, זעהט מען עס נישט...
(דברי אבות)

דער נודע־ביהודה פלעגט מוסר'ן די אידען פון פראַג, פאַרוואָס זיי זענען נישט עוסק אין גמילת־חסדים. געזעהען, אַז זיין מוסר ווירקט נישט און זיי הערען איהם נישט, האָט ער איינמאַל געזומען און פערשלאָסען די ישיבה און איז אַוועק און זיך אַרומגעדרעהט שפּאַצירען אויפ'ן מאַרק.

— וואָס זאָל דאָס בעדייטען, רבי? — האָבען איהם פערוואונדערט געפרעגט די בעלי־בתים.

— גאַר פשוט — האָט ער זיי געענטפערט — אַ טיש, וואָס שטעהט אויף דריי פיס און איין פוס ווערט צובראָכען, שפּאַרט מען איהם אונטער מיט עפּעס, אָבער ווען אויך דער צווייטער פוס צוברעכט זיך, דאַן העלפט שוין גאָרנישט און אָדער מען שטעלט אַריין אַנדערע צוויי פיס, אָדער מען נעהמט אַרויס אויך דעם דריטען פוס, כדי ער זאָל כאָטש קענען ליגען אויף דער ערד.

— די וועלט — פיהרט ער אויס — ווי עס זאָגען אונז די חז"ל, שטעהט אויף דריי פיס: „על התורה ועל העבודה ועל גמילות־חסדים". איין פוס, די „עבודה", איז שוין, נעביך, לאַנג צובראָכען געוואָרען, זינט דעם חורבן בית־המקדש איז בטל גע־וואָרען די עבודה. איהר, פון אייער זייט, האָט צובראָכען דעם צווייטען פוס — „גמילות־חסדים", און וויבאַלד אַזוי, האָב איך זיך מיישב געווען, איז אויך דער דריטער פוס, די „תורה", אַן איבריגע זאַך, דען אויף איין פוס איז אונמעגליך, אַז דער טיש זאָל זיך קענען האַלטען...

אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס... (ג.)

אין תלמוד געפינען מיר גאַנץ אָפט די ערקלערונג, אַז „האומר על מנת כאומר מעכשיו דמי", אַז דער אויסדרוק „על מנת" האָט די בעדייטונג פון „עכשיו". מעגליך, אַלזאָ, אַז דאָס איז די כוונה פון דער משנה: „אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס", איהר זאָלט נישט ערוואַרטען צו בעקומען דעם שכר פאַר די מצוות תיכף אויפ'ן אָרט, „על מנת", דען — „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא"...
(שמעון זאַקאַן)

ויהי מורא שמים עליכם... (ג.)

צו אהרן הארין, איינער פון די ערשטע רעפאָרמירטע רבנים אין אונגאַרן, איז אַמאָל אַריינגעקומען איינער פון זיינע געגנער און זיך געווענדעט צו איהם:

— רבי — מאַכט ער — איך וואָלט וועלען ביי אייך האָבען אַ דין־תורה.
— מיט וועמען? — פרעגט איהם חאַרין, וועלכער האָט דעם איד נישט געקענט
— ווער איז דיין בעל־דין?
— די דין־תורה — ענטפערט דער איד — וויל איך האָבען מיט׳ן רבונו־של־עולם, כ׳האָב צו איהם גאָר גרויסע טענות.
— איז הלמאי גראַד — שמייכעלט חאַרין — זענט איהר מיט דער דאָזיגער דין־תורה געקומען דוקא צו מיר, עס פעהלען רבנים ביי אידען?
— ניין — ענטפערט יענער — צו די אַנדערע רבנים האָב איך קיין צוטרוי נישט, עפ״י רוב זענען די אַלע רבנים יראי־שמים, זיי האָבען מורא פאַר׳ן רבונו־של־עולם און זיי וועלען איהם אודאי נושא־פנים זיין און האַלטען מיט איהם. מיט אייך, אָבער, בין איך זיכער, אַז איהר וועט איהם נישט נושא־פנים זיין, פון אייער אויפפיהרונג זעהט מען, אַז איהר האָט פאַר׳ן רבונו־של־עולם קיין מורא נישט...

והוי מתאבק בעפר רגליהם... (ד.)

מען האָט אַמאָל געפרעגט רבי יעקב יצחק פשיסכער (דער „יוד הקדוש״), פאַרוואָס די חז״ל זאָגען: „כל המחובר לטהור טהור״, היתכן? איז עס דען אַ יושר, אַז איינער, וועלכער האָט אָבגעהאָרעוועט אַ גאַנץ לעבען על התורה ועל העבודה, זאָל אַוועקגעשטעלט ווערען אויף איין מדרגה מיט דעם, וועלכער נעהמט זיך מיט איהם חבר׳ן און יענער זאָל פאַר׳ן בלויזען התחברות ווערען צו איהם אַ גלייכער שותף?
— דאָס איז דערפאַר — האָט ער דערויף געענטפערט — ווייל צו ווערען אַ „מחובר לטהור״ איז אַ סך שווערער, ווי צו ווערען אַליין אַ טהור...

דער בעקאַנטער גאון, דער „בעל מחנה לוי״, פלעגט זאָגען בדרך־הלצה, אַז דערפאַר ווערט וואָס אַמאָל׳ וועניגער די צאָהל פון די, וואָס זענען מכבד תלמידי־חכמים, ווייל די חז״ל זאָגען: „מאן דמוקיר רבנן הוו ליה בנין רבנן, מאן דרחים רבנן הוו ליה חתנין רבנן״, האָט מען דעריבער אויפגעהערט מכבד צו זיין תלמידי־חכמים, ווייל מען האָט מורא, מען זאָל חלילה נישט האָבען קיין זיהן, אָדער איידעמס רבנים...

יהי ביתך פתוח לרוחה ויהי׳ עניים בני ביתך ואל תרבה שיחה עם האשה... (ה.)

בעת עס האַנדעלט זיך וועגען אָריינעהמען אָרימעלייט אין שטוב, זאָלסטו זיך נישט צופיעל וועגען דעם מיישב זיין מיט׳ן ווייב, וואָרום — „אשה עיניה צרה באורחים״...

יהי ביתך פתוח לרוחה... (ה.)

אַ איד אַ סוחר איז אַמאָל געקומען קיין גאָסטינין שפעט ביינאַכט און נישט וויסענדיג אין דער פינסטער וואו צו געהן, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער טיר, וואָס ער האָט אָנגעטראָפען. געווען איז דאָס גראָד די טיר פון גאָסטינינער רבי׳ן, רבי יחיאל־מאיר.

רבי יחיאל־מאיר האָט איהם געגעבען שלום, געשטעלט אַ שטוהל און פערבעטען צום עסען. די רבי׳צין איז שוין דאַן געשלאָפען, האָט איהם רבי יחיאל־מאיר אַליין משמש געווען און אונטערגעטראָגען איהם וואַסער צו וואַשען. דער אורח האָט אויפ־געגעסען די דערלאַנגטע מאכלים און זיך גוזשאַלעוועט אַז ער איז נאָך הונגעריג; איז רבי יחיאל־מאיר אַריין אין קיך און דערזעהענדיג שטעהן אַ טעפּעל קאַשע, האָט ער אַריינגעטהון דערין שמאַלץ, צוגעשטעלט עס צום קאָכען און אַריינדערלאַנגט דעם איד, ביז ער האָט איהם זאַט געמאַכט.

נאָכ׳ן עסען האָט ער איהם אָנגעוויזען אַ צימער מיט אַ בעט. דאָס בעט איז געווען דעם גאָסטינינער רבי׳נס און ער האָט גערעכענט צו שלאָפען מיט איהם צוזאַ־מען, אָבער דער איד האָט פון גרויס מידקייט צולעגט זיך אויפ׳ן בעט אין די שטיוועל און גלייך איינגעשלאָפען. רבי יחיאל־מאיר האָט איהם נישט געוואָלט אויפוועקען, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט לערנען אַ גאַנצע נאַכט, אויסגעטהון די שטיוועל און אַרומגעגאַנ־גען אין די זאָקען, כדי ער זאָל חלילה נישט אויפוועקען דעם אורח.

צומאָרגענס אין דער פריה, ווען דער איד איז אַוועק אין בית־המדרש אַריין, האָט ער זיך דערוואוסט, וואו ער האָט גענעכטיגט, מיט וועמען ער האָט זיך בעדיענט און וועמען ער האָט דאָס בעט צוגענומען, און מלא־צער איז ער גיך אַוועקגעלאָפען צו רבי יחיאל־מאיר׳ן איהם מפייס זיין, בעטענדיג, ער זאָל איהם מוחל זיין דעם כבוד־התורה, וואָס ער האָט אונגערן פוגע־בכבוד געווען.

דערויף האָט איהם רבי יחיאל־מאיר געענטפערט, אַז ער וועט אָננעהמען פון איהם דעם פּיוס נור בתנאי זה, אויב ער וועט איהם צוזאָגען מקיים צו זיין דאָס, וואָס ער וועט פערלאַנגען פון איהם.

דער איד האָט זיך אַפילו אין תחילת געקווענקעלט: מי יודע וואָס דער רבי וועט דאָ פערלאַנגען פון איהם? אָבער באין־ברירה האָט ער איהם צוגעזאָגט.

— איך פערלאַנג פון אייך — מאַכט צו איהם דער גאָסטינינער רבי — אַז ווען איהר וועט דורכפאָהרען גאָסטינין, זאָלט איהר איינשטעהן ביי מיר, זאָלט איהר האַלטען ביי מיר אכסניא!

און דער איד האָט נעביך געמוזט מבטיח זיין...

דער מאָהרער רב, רבי עמרם, פלעגט זיך נוהג זיין מיטצוברענגען אַהיים יעדען שבת פון שוהל צוויי אורחים. איינמאָל איז אין שוהל איבערגעבליבען אַ דריטער אורח, וועלכער האָט נישט געהאַט צו וועמען צו געהן. רבי עמרם האָט איהם מיטגענומען מיט זיך. אָבער מורא האָבענדיג, אַז די רביצין וועט תרעומות האָבען, הלמאי ער ברענגט איהר אַזויפיל אורחים, האָט ער דעם דריטען אורח געלאָזט שטעהן אין דרויסען פאַר דער טהיר און דאַן מאַכט ער צו דער רביצין:

— וואָס זאָגסטו דערצו? אַהיימגעהענדיג פון דאַווענען איז מיר אַנטקעגענגעקומען דער בעל־שם. דו האָסט דאָך אוודאי געהערט פון בעל־שם!... טאַ שטעל דיר פאָר, אַז דער בעל־שם דרעהט זיך אַרום איבער׳ן שטאָדט און ער האָט נישט וואו צו עסען...

— דער בעל־שם?! — ווערט די רביצין דערציטערט — וואָס־זשע שטעהסטו? לויף שוין אַרויס און בעט איהם אַריין אין שטוב!...

דער רב האָט גלייך אַריינגעפיהרט דעם דריטען אורח, אַוועקגעזעצט איהם אויי־בענאָן און די רביצין האָט איהם מאכיל ומשקה געווען פון שענסטען און פון בעסטען.

דער דאָזיגער אורח איז גראָד געווען אַ פּראָסטער מענש, און זיין התנהגות האָט

אַרויסגערופֿען ביי דער רביצין גרויס פֿערוואונדערונג און נאָכדעם ווי ער האָט אָבגעגעסן און איז אַוועק, רופֿט זי זיך אָן צום רב:

— עפּיס האָב איך אַ חשד, אַז דו האָסט מיך אָבגענאַרט. זאָג מיר דעם אמת, איז טאַקי דער דאָזיגער פּראָסטער איד געווען דער בעל־שם?

— חלילה — ענטפֿערט איהר דער רב — כ׳האָב דיך נישט אָבגענאַרט. יעדער אורח איז אַ בעל־שם. ער האָט אַ ברירה צו מאַכען דער בעל־הבית׳טע אַ גוטען אָדער אַ שלעכטען שם. עס ווענדעט זיך ווי אַזוי מען בעהאַנדעלט איהם...

„צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר" (משלי יג. כה.)

אַ צדיק, אַז ער בעט אַהיים אַנ׳אורח צום טיש, בעמיהט ער זיך צו עסען וואָס מעהר, כדי דער אורח זאָל זיך נישט שעמען און אויך עסען. דער רשע, דאַגעגען, דער קמצן און צר־עין, עסט וואָס ווייניגער און גיהט אַוועק פֿון טיש מיט אַ לעדיגען בויך, כדי דער אורח, פֿערקוקענדיג זיך אויפֿ׳ן בעל־הבית, זאָל חלילה נישט עסען צו־פֿיעל...
(דברי חפץ)

רבי ישראל ריזשינער איז אַמאָל געקומען צו גאַסט צו רבי העשיל אַפּטער. דער ריזשינער איז געווען אַ קנאַפּער עסער, דער אַפּטער דאַגעגען האָט געקענט אַ סך עסען. דאָס מאָל, אַז זיי האָבען זיך געזעצט צום טיש, האָט דער ריזשינער בעמערקט, אַז דער אַפּטער עסט זעהר ווייניג, קוים וואָס ער איז טועם. וואָס איז די מעשה, אַפּטער רב — פֿרעגט ער איהם — וואָס איהר עסט עפּעס היינט נישט?

ענטפֿערט איהם דער אַפּטער: לגבי די ששת ימי המעשה איז שבת אַנ׳אורח, און אַז דער אורח קומט, פֿאַרעט מען זיך פֿאַר זיינעטוועגען און מען גרייט צו פֿאַר איהם עטליכע סעודות מיט בשר ודגים וכל מטעמים. יום־טוב ווידער, וועלכער קומט נאָר עטליכע מאָל אין יאָהר, איז לגבי דעם שבת אַנ׳אורח און אויב דער יום־טוב קומט צוזאַמען מיט׳ן שבת איז מען מוסיף פֿאַר זיין כבוד נאָך עטליכע מאכלים. ווי איז אָבער אַז עס קומט אַזאַ וויכטיגער אורח, וועלכער האָט אָבער אַ טבע נישט צו עסען, ווי יום־כפּור, למשל? דאַמאָלס, אויב ער קומט מיט׳ן שבת צוזאַמען, איז דאַן דער שבת מוותר אויף זיין געוואוינהייט און לכבוד איהם עסט ער אויך נישט...

ויהי׳ עניים בני ביתך... (ה.)

דער אבן־עזרא, וועלכער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן און האָט שטאַרק געליטען און קיין הצלחה נישט געהאַט אין זיין לעבען, איז איינמאָל אויף זיין וואַנדער־וועג אָנגעקומען אין אַ שטאָדט, וואו עס האָט געוואוינט איינער פֿון די אָנגעזעהענסטע רייכע אידען אין יענער צייט. דער אבן־עזרא האָט זיך .געוואָלט מיט איהם בעקענען, אָבער די טיהרען פֿונ׳ם רייכען הויז זענען געווען פֿאַר איהם געשלאָסען; יעדעס מאָל ווען ער איז געקומען אַהין האָט איהם די דינערשאַפֿט פֿערשטעלט דעם וועג און יעדעס מאָל מיט אַנ׳אַנדערען תירוץ. אַ פֿערביטערטער האָט דאַן דער אבן־עזרא אָנגעשריבען אויף דער וואַנד פֿון הויז פֿאָלגענדען עפּיגראַם:

„אשכים לבית־השר, אומרים: כבר רכב;
אבוא לעת־ערב, אומרים: כבר שכב;
או יעלה מרכב, או יעלה משכב;
אויה לאיש עני — נולד בלי כוכב"...

עשה לך רב... (ה.)

אַ רעפאָרם־ראַבינער האָט אַמאָל געפרעגט אַן אָרטאָדאָקסישען רב:

— וואָס איז די מעשה, וואָס איך, פרומע רבנים, גיט מען אַזעלכע קאַרגע שכירות און דער רוב פון איך לײַדט ממש דחקות, ווערהענד מיר, מאָדערנע ראַבינער, בעקומען ריעזען־פענסיעס און ווערען אויסגעהאַלטען בכבוד־גדול?

— כ׳וועל איך געבען אַ משל — האָט איהם דער רב געענטפערט — בשעת אַ סוחר פאָהרט קיין לײַפּציג אויפ׳ן יריד, איז אויב ער טרעפט גראָד אַ פוהר, וועלכע פאָהרט סײַ־ווי קיין לײַפּציג און האָט אַ חוץ איהם נאָך גענוג אַנדערע פּאַסאַזשירען, דאַרף איהם די נסיעה קיין סך נישט קאָסטען, ווען אָבער די פוהר מוז פאָהרען ספּעציעל מיט איהם, מוז ער שוין דאַן בעצאָהלען אַ גרעסערע סומע.

דאָס זעלבע איז אויך מיט אונז. מיר, אָרטאָדאָקסישע רבנים, ווען מען זאָל אונז אַפילו נישט דינגען אַלס פיהרער און וועג־ווייזער פון די קהלות, וואָלטען מיר סײַ־ווי אויך אַהן זיי געפאָהרען אויפ׳ן זעלבען וועג, אויפ׳ן דרך־התורה, און דערפאַר איז מען לגבי אונז יוצא מיט קאַרגע שכירות. איהר, דאַגעגען, ווען מען זאָל איך נישט דינגען אַלס ראַבינער, וואָלט איהר דאָך קיין „לײַפּציג״ אינגאַנצען נישט געפאָהרען, מוז מען איך דעריבער צאָהלען ספּעציעל...

רבי נתן אַדלער האָט אַמאָל אויף דער זעלבער פראַגע אַן אַנדערע תשובה געגעבען.

פאַר אַ בילד פון אַ קינסטליך־געמאָלטען אָקס — האָט ער געענטפערט — צאָהלט מען אַ סך, אַ סך מעהר, ווי פאַר אַ נאַטירליכען און לעבעדיגען...

„עשה לך רב״...

— חסידים און מתנגדים — פלעגט זאָגען רבי מנשה אילייער — לעבען בײַדע אין טעות. מתנגדים מיינען, אַז זיי דאַרפען נישט קיין רבי׳ן. חסידים מיינען, אַז זיי האָבען אַ רבי׳ן...

אַ צווייטער נוסח:

מתנגדים מיינען, אַז זיי האָבען אַ ספר, דאַרפען זיי נישט קיין רבי׳ן. חסידים מיינען, אַז זיי האָבען אַ רבי׳ן, דאַרפען זיי נישט קיין ספר...

עשה לך רב וכו׳ והוה דן את כל האדם לכף זכות... (ו.)

דער דאָזיגער מאמר — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפּשיצער — איז געזאָגט געוואָרען אַנטקעגען יענע חסידים־שוטים, וואָס יעדער פון זיי האַלט בלויז פון „זײַן״ רבי׳ן. זײַן רבי איז גרויס; זײַן רבי איז אַ קדוש, זײַן רבי איז אַ מלאך, און קוים איז זײַן רבי גרויס, האָבען שוין אַלע אַנדערע קיין שום ווערט נישט און ער מעג שוין אויסרעדען אויף זיי אסור־לדבר... שוטה איינער! „עשה לך רב״, מאַך דיר פאַר אַ רבי׳ן וועמען דו ווילסט, אָבער „והוה דן את כל האדם לכף זכות״, מעגסט דערבײַ פונדעסטוועגען אויך אויף אַ צווייטען רבי׳ן אַ שטיקעל זכות געפונען...

— מה־דאָך — פלעגט זאָגען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — אויף אַ יחיד האָבען אונזערע חכמים געוואָרענט, מען זאָל איהם דן זײַן לכף־זכות, מכל־שכן אויף

אַ רבים טאָר מען דאָך אודאי און אודאי קיין שלעכט וואָרט נישט רעדן, אויפ'ן כלל־ישראל דאַרף מען דאָך אודאי און אודאי מלמד זכות זיין!...

עס איז ממה־נפשך גוט — פלעגט זאָגען דער איד הקדוש פון פשיסכע — דן צו זיין דעם צווייטען לכף זכות: איז יענער ווירקליך אונשולדיג און האָט קיין שלעכטס נישט געטהון — האָט מען דאָך ריכטיג געהאַנדעלט און מכוון געווען צום אמת. אלא ווידער טאָמער איז יענער יאָ שולדיג — איז אויך נישט קיין אומגליק. ווי עס זאָל נישט זיין, האָט מען דערוויל מקיים געווען די משנה פון „הוה דן את כל האדם לכף זכות". דאַגעגען אָבער ווען מען בערעדט יענעם איז ממה־נפשך שלעכט: איז יענער אונשולדיג — האָט מען דאָך אויף איהם מוציא־שם־רע געווען, און ווען אַפילו יענער איז יאָ שולדיג — איז מען דאָך אַלץ עובר אויף דער משנה, וועלכע הייסט יעדען איינעם דן זיין לכף זכות...

וקנה לך חבר... (ו.)

איז דערפאַר טאַקי זעהען מיר, אַז עפ"י רוב, ליידער, האַלט־אָן דאָס פריינדשאַפט און דאָס חבר'שאַפט פון די חברים נאָר אַזוי לאַנג, כל־זמן מען קויפט זיי און מען בעצאָהלט זיי דערפאַר. מיט'ן מאָמענט, אָבער, ווען מען הערט זיי אויף צו צאָהלען און צו פערבעטען אויף סעודה'לעך, ווערען זיי מיט איינמאָל, די אַלע נעכטיגע חברים און גוטע פריינד, ווי אויסגערינען...

קויף דיר אַ פריינד — שונאים וועסטו קריגען אומזיסט...

ואל תתיאש מן הפורענות... (ז.)

אין דער ברייתא אין סוף מסכתא סוטה ווערען אויסגערעכענט אַ רייה פערשידענע צרות, וואָס מיר וועלען האָבען אויסצושטעהן „בעקבתא דמשיחא", און די ברייתא ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „ועל מי לנו להשען? — על אבינו שבשמים". אין פלוג בעהמען מיר דאָס אָן אַלס נחמה און טרייסט צו דעם אַלעם, וואָס ווערט פריהער גע־זאָגט. באמת אָבער געהער אויך דאָס צום צעטעל פון די אויסגערעכענטע פורעניות'ן. עס וועט נעמליך „בעקבתא דמשיחא" זיין אַ צייט, ווען די אידען וועלען זיצען מיט פערלעגטע הענד און נישט וועלען טהון די מינדעסטע זאַך אום צו ראַטעווען זיך פון די צרות, יוצא־זייענדיג בלויז מיט די ווערטער: „מן השמים ירחמו", מיט „על מי לנו להשען, על אבינו שבשמים"...

(רבי יצחק וואָלאָזשינער)

דעריבער, פלעגט זאָגען רבי יצחק אייזיק זידיטשעווער, איז דער דין, אַז אַ גנב איז קונה מיט יאוש־בעלים, אַז אויב דער בעל־הבית האָט זיך מייאש געווען פון דער גנבה, איז דער גנב נישט מחויב מעהר אומצוקעהרען איהם דאָס חפץ, נאָר ער האָט דאָס רעכט צו בעצאָהלען דערפאַר, ווייל אַ מענש טאָר זיך קיינמאָל, אַפילו אין די האָפנונגסלאָזע מאָמענטען, נישט מייאש זיין, און אויב איינער איז זיך מייאש, דאַרף מען איהם דערפאַר קנס'נען און בעשטראָפען, אַז צוליעב זיין יאוש זאָל יענער די זאַך קונה זיין...

יהודה בן טבאי הי' אומר אל תעש עצמך כעורכי הדינין... (ח.)

וועגען יהודה בן טבאי, וועלכער איז געווען אַנ'אב־בית־דין, ווערט דערצעהלט אין דער גמרא, אַז ער האָט פּעראורטיילט צום טויט אַנ'עד זומם, געגען דער מיינונג פון די חכמים, אַז „אין העדים זוממין נהרגין עד שיזומו שניהם", אָבער נאָכדעם, ווי שמעון בן שטח האָט איהם ערקלערט: „אראה בנחמה אם לא שפכת דם נקי!" האָט יהודה בן טבאי חרטה געהאַט און געליטען גרויס צער, „וכל ימיו של רבי יהודה בן טבאי היה משתטח על קברו של אותו העד" (מכות ה'), און וואַרשיינליך האָט ער אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן דאָזיגען טראַגישען פאַל געפונען נאָכהער פאַר נויטיג צו וואָרענען און אויסרופען: „אל תעש עצמך כעורכי הדיינין!"...

(מנחת יהודה)

וכשיהיו בעלי הדין עומדים לפניך... (ח.)

רבי אייזיל חריף, רבי יצחק אלחנן און דער קאָברינער רב זענען אַמאָל געזעסען צוזאַמען ביי אַ דין־תורה. גראָד איז דאַמאָלס געווען אַ שרעקליך הייסער טאָג, אַז זיי האָבען ממש נישט געקאָנט איינזיצען.

— וואָס איז דער חידוש? — רופט זיך אָן צו זיי רבי אייזיל — די גמרא זאָגט: „לעולם יראה דיין בעצמו כאילו גיהנום פתוחה לו מתחתיו" (סנהדרין ז'). היינט אַז עס זענען זיך צונויפגעקומען אַזש דריי דיינים און אונטער יעדען דיין ברענט דאָס גיהנום, איז דאָך קיין וואונדער נישט, וואָס עס איז אַזוי מורא'דיג הייס...

שמעון בן שטח אומר הוי מרבה לחקור את העדים... (ט.)

דער זוהן פון שמעון בן שטח, ווי עס ווערט דערצעהלט אין דער גמרא (ירושלמי סנהדרין פ"ו) איז פאַר'משפט געוואָרען צום טויט צוליעב אַ בלבול פון עדי־שקר, און דעריבער האָט שמעון בן שטח געהאַלטען פאַר זיין חוב צו וואָרענען און אָנצוזאָגען: „הוי מרבה לחקור את העדים!"

(אבות דר' אלעזר)

אהב את המלאכה... (י.)

אין דער משנה אין קידושין ווערט געזאָגט: „ר' מאיר אומר לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה, ר' נהוראי אומר מניח אני את כל אומניות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה". עס קומט, אַלזאָ, אויס, אַז ר' מאיר און ר' נהוראי זענען צוויי פּערזאָנען, צוויי מאַן דאמר'ס, און דאָס איז דאָך אין סתירה צו דער גמרא אין עירובין (עירובין י"ג): „נהוראי שמו ולמה נקרא שמו מאיר שמאיר עיני חכמים בהלכה", אַז מאיר און נהוראי זענען איין און די זעלבע פּערזאָן?

דער תירוץ איז:ביידע מימרות אין דער משנה געהערען צו ר' מאיר'ן, נאָר איינע האָט ער געזאָגט פאַר אַנדערע און איינע פאַר זיך. מיט'ן רבים, מיט'ן כלל, האָט מאיר, דער פּוסק און מורה־דרך, דער „מאיר עיני חכמים בהלכה", געלערנט, אַז „לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה", אַז מען דאַרף נישט בלויז עוסק זיין בתורה, נאָר אויך בעשעפטיגען זיך מיט אַרבייט, מיט מלאכה, דאַגעגען פאַר זיך אין

זיין פריוואַט־לעבען, אַלס נהוראי, האָט ער מחמיר געווען און געזאָגט: „מניח אני את כל אומניות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה", דען אַזוי דאַרף זיין, „מחמיר לעצמו ומקיל לאחרים", און נישט פערקעהרט...

(רבי מאיר פרעמישלאנער)

אונצעהליגע מאמרים זענען פאַרהאַן אין די חז״ל, אין וועלכע עס ווערט גערופען צו לערנען אַ מלאכה און צו לעבען פון פיזישע אַרבייט:

„גדולה מלאכה, שכל הנביאים התעסקו בה" (מדרש גדול פרק י״ד)

„גדולה מלאכה, שלא שרתה שכינה בישראל עד שעשו מלאכה" (דאַרט)

„גדול הנהנה מיגיעו יותר מירא־שמים" (ברכות ח׳)

„גדולה מלאכה, שלא חרב דוד המבול אלא מפני הגזל" (ירושלמי מעשרות פ״ב הלכה ו׳)

„גדולה מלאכה, שמכבדת את בעליה" (נדרים מ״ט)

„פשוט נבילתא בשוקא ושקיל אגרא ואל תאמר כהנא אנא וגברא רבא אנא" (פסחים קי״ג).

„מי שיש לו חצרות או שדות חרבות ילך ויתעסק בהן, מפני שאין אדם מת אלא מתוך הבטלה" (אבות דרבי נתן פי״א).

„חביבה היא המלאכה מזכות אבות" (ילקוט תורה רמז ק״ל).

„זכות מלאכה עומדת במקום שזכות אבות אינה יכולה לעמוד" (תנחומא ויצא י״ג).

„ובחרת בחיים — זו אומנות" (ירושלמי פאה פ״א).

„חייב אדם ללמד בנו אומנות, רבי יהודה אומר כל שאינו מלמדו אומנות — מלמדו לסטות" (קידושין י״ב).

„ילמד אדם אומנות והקב״ה מפרנסו" (קהלת רבה פ״ו).

„כל שאין בידו אומנות למה הוא דומה? — לכרם שאינו מוקף גדר ולחריץ שאינו מוקף סייג וכו׳ לכרם פרוץ שבהמה וחיה נכנסין לתוכו" (תוספתא קידושין פ״א).

„יברכך ד׳ אלקיך — יכול אפילו אתה יושב בטל? תלמוד לומר בכל מעשה ידך אשר תעשה, אם עושה אדם מתברך ואם לאו אינו מתברך" (תנא דבי אליהו י״ד).

„שונה אדם שתי הלכות בשחרית ושתי הלכות בערבית ועוסק במלאכתו כל היום מעלין עליו כאלו קיים את כל התורה כולה" (מכילתא בשלח).

און צעהנדליגער עהנליכע מאמרים.

אַ איד — פלעגט זאָגען רבי ישראל סאַלאַנטער — שטאַרבט נישט פון הונגער, נאָר פון גאוה: די אַרבייט פאַסט איהם נישט, יענע בעשעפטיגונג איז נישט לפי כבודו, דאָס שטעהט איהם נישט אָן וכדומה, ווי מיר זענען עס אָפט געוואוינט צו הערען...

צו רבי יהושע׳לע קוטנער איז אַמאָל געקומען אַנ׳אָרימער בעל־מלאכה און גע־בעטען, ער זאָל איהם געבען אַ בריוועל צו אַ אידישען פאַבריקאַנט צו בעקומען ביי איהם אַרבייט.

אַריינלאָזענדיג זיך מיט׳ן בעל־מלאכה אין אַ שמועס, האָט רבי יהושע׳לע דער־זעהען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ איד אַ למדן, אַ גרויסער תלמיד־חכם. ער האָט איהם גלייך אָנגעשריבען דעם פערלאַנגטען בריעף און דערביי האָט ער איהם געוואָרענט:

— למען־השם ר׳ איד, איהר זאָלט זיך נישט אַמאָל אַרויסכאַפּען פאַר׳ן פאַברי־קאַנט, אַז איהר זענט אַ בן־תורה, דאָס וועט אייך ברענגען די גרעסטע ריעותא. פאַר

אונזערע פאַבריקאַנטען איז אַ רעליגיעזער איד און דערצו אַ בן־תורה גאָר נישט קיין גרויסע מעלה...

— און דאָס — האָט רבי יהושע׳לע צוגעגעבען — איז דער פשט פון דער גמרא: „פשוט נבילתא בשוק ושקיל אגרא, ואל תאמר כהנא אנא גברא רבה אנא" (פסחים קי"ג), וואָרום אויב דו וועסט זאָגען, אַז דו ביסט אַ כהנא, אַ גברא רבה, אַ איד אַ תלמיד־חכם, מעגסטו שוין דאַן זיין אַן׳ערשט־קלאַסיגער אַרבייטער, וועט מען דיך האַלטען פאַר אַ טויגעניכטס, אַ בטלן, און דיר קיין אַרבייט נישט געבען...

ושנא את הרבנות... (י.)

רבי יאָסעלע סלאָנימער, רבי אייזיל׳ס אידעם, האָט פיינד געהאַט ס׳רבנות. אַז ער האָט געהאַלטען ביים שידוך־טהון מיט אַ טאָכטער, האָט ער געזאָגט:

— כ׳זוך אַן׳אידעם, וואָס זאָל זיין אַן׳עם־הארץ גמור, מחמת טאָמער קאָן ער עברי, בין איך ביי היינטיגע צייטען נישט זיכער מיט איהם ער זאָל קיין רב נישט ווערען...

אויך וועגען רבי עקיבא אייגער דערצעהלט די וועלט, אַז ער האָט נישט ליעב געהאַט דאָס רבנות און אויף דער עלטער האָט ער געשטרעבט לגמרי דערפון פטור צו ווערען.

איינמאָל איז ער געוואויר געוואָרען, אַז אין אַ שטעדטעל נעבען פויזנא איז געשטאָרבען דער בעדער, האָט ער אַוועקגעשריבען אַ בריעף צו זיינעם אַ פריינד אין יענעם שטעדטעל מיט אַ בקשה, ער זאָל קריגען פאַר איהם דעם מרחץ אין אַרענדע, מחמת ער וויל כאָטש אויף די עלטערע יאָהרען האָבען אַ כשר׳ע פרנסה...

רבי אייזיל חריף איז אַמאָל געקומען אין אַ שטעדטעל און, כנהוג, האָט ער געמאַכט אַ וויזיט ביים רב. פערפיהרענדיג מיט איהם אַ שמועס אין לערנען דערזעהט רבי אייזיל, אַז דער רב יכול׳ט נעבעך נישט, נישט אין הלכה, נישט אין אגדה, נישט אין הוראה, מאַכט ער צו איהם:

— זאָלט איהר געזונד זיין, רב, עס איז מיר אַ חידוש אויף אייך, ווי אַזוי איהר וואוינט אין דעם דאָזיגען שטעדטעל. מילא די אַלע שטאָדטישע בעלי־בתים וואוינען דאָ, ווייל זיי זענען זיך סומך אויף אייך און זיי מיינען, אַז זיי האָבען אַ רב, איהר אָבער ווייסט דאָך יאָ, אַז דאָ איז קיין רב נישטאָ, טאָ ווי אַזוי מעג אַ איד וואוינען אין אַ שטאָדט, וואָס האָט נישט קיין רב?...

מיט אַ עהנליכע שאלה האָט זיך אַמאָל ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער געווענדעט צו אַ דאָקטאָר. רבי איצעלע אַליין האָט געהאַט אַ שטאַרקע ידיעה אין מעדיצין, מען האָט זאָגאָר געזאָגט אויף איהם, אַז ער האָט געקענט לאַטיין און געשריבען רעצעפּטען. ויהי היום, איז איינער פון זיינע בני־בית קראַנק געוואָרען און מען האָט געשיקט נאָכ׳ן דאָקטאָר, וואָס האָט געוואוינט אין נאָהענטען שטעדטעל, איוואָניץ. אַז דער דאָקטאָר איז געקומען און רבי איצעלע האָט זיך מיט איהם פונאַנדערגעשמועסט, האָט ער דערזעהען, אַז ער האָט פאַר זיך גאָר אַ גרויסען עם־הארץ, מאַכט ער צו איהם:

— וועדליג כ׳האָב געהערט, זענט איהר אַ אידישער מענש און עס איז מיר דעריבער אַ גרויס חידוש אויף אייך, הלמאי איהר זיצט אין איוואָניץ. מילא, די אַנדערע

אידען דאָרט זענען זיכער, אַז זיי האָבן אַ דאָקטאָר אין שטאָט און זיי מעגען דאָרט וואוינען, איהר אָבער ווייסט דאָך יאָ, אַז איוואַניץ האָט נישט קיין דאָקטאָר, טאָ ווי אַזוי מעגט איהר דאָרט זיצען, עס איז דאָך אַ בפירוש'ע גמרא: „כל עיר שאין בה רופא, אין תלמיד־חכם רשאי לדור בתוכה" (סנהדרין י"ז) ?...

רבי יעקב עמדין, ווי בעקאַנט, האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אָננעהמען קיין רבנות, און אין איינעם פון זיינע בריעף דריקט ער זיך אויס, אַז יעדען טאָג מאַכט ער אַ ברכה: „שלא עשני אב"ד" („אב־בית־דין").

דער בעקאַנטער גאון, רבי קאָפּיל ליקאָווער, האָט געהאַלטען אין ליקאָווע אַ שענק און כסדר געהאַט צו טהון מיט גויים, וועלכע האָבען איהם שטאַרק מכבד געווען.

איינמאָל האָט ער דערהאַלטען אַ בריעף פון דער אַמסטערדאַמער קהלה מיט אַ פאָרשלאַג, אַז זי איז איהם גרייט אויפצונעהמען אַלס אב־בית־דין. דערויף האָט ער זיי אָבגעענטפערט, אַז איידער צו ווערען אַ משועבד צו קהל און זיין אַ „אב־בית־דין", וויל ער בעסער זיך מפרנס זיין פון דעם שענק און זיין אַ „אב־המון־גויים"...

מאָהילעוו איז אַ צייט לאַנג נאָך דער פטירה פון מלבי"ם געבליבען אָהן אַ רב. איינמאָל, בשעת רבי יאָשע־בער, דער שפּעטערדיגער בריסקער רב, האָט זיך ענטזאָגט פון זיין רבנות אין סלוצק, זענען געקומען צו איהם די מאָהילעווער ראשי־הקהלה און איהם פאָרגעלעגט, ער זאָל ביי זיי ווערען רב. רבי יאָשע־בער האָט דערויף נישט מסכים געווען.

— פאַרוואָס ווילט איהר נישט? — וואונדערן זיך די ראשי־הקהל — צי דען איז פאַר אייך אַ פחיתת הכבוד צו פערנעהמען דעם מלבי"מ'ס כסא־רבנות, אָדער זענען אפשר די שכירות וואָס מיר לעגען אייך פאַר צו־ווייניג?

— חס ושלום! — ענטפערט רבי יאָשע־בער — עס קאָן גאָר קיין שענער רבנות נישט זיין, צו זיצען אויפ'ן מלבי"מ'ס אָרט איז באמת פאַר מיר אַ גרויסע זכיה. איך האַלט אָבער, אַז אויב ס'איז איינעם בעשערט חתונה צו האָבען מיט אַן'אלמנה, זאָל ער נעהמען נור אַזאַ אלמנה, ביי וועלכער דער צער איז נאָך פריש און זי האָט ערשט נישט לאַנג דעם מאַן פערלוירען. אַזאַ אלמנה מיינט, אַז אָהן אַ מאַן קאָן מען גאָרנישט לעבען אויף דער וועלט, זי וועט נישט האָבען ווער ס'זאָל איהר מפרנס זיין, ווער עס זאָל איהר מוצא זיין מיט קידוש והבדלה, און אַזעלכע, קאָן מען זיכער זיין, וועט דעם צווייטען מאַן שטאַרק בכבוד האַלטען. אַנדערש אָבער איז, ווען מען האָט חתונה מיט אַ פערזעסענע אלמנה, וועלכע האָט זיך שוין במשך פון דער צייט צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז בדיעבד קאָן מען ב"ה אויסקומען אָהן אַ מאַן און אַליין פערדינען אויף פרנסה און מיט קידוש והבדלה קאָן מען זיך אויך אַנ'עצה געבען. פון אַזאַ אלמנה האָט דער צווייטער מאַן נישט צו ערוואַרטען קיין גרויס נחת...

— און דאָס זעלבע — האָט אויסגעפיהרט רבי יאָשע־בער — איז אויך מיט רבנות. אַ קהלה, וועלכע איז ערשט אַ קורצע צייט אָהן אַ רב געבליבען, מיינט, אַז אָהן אַ רב קאָן מען גאָרנישט עקזיסטירען. ווער וועט איהר פסקנ'ען שאלות? צו וועמען וועט מען געהן מיט אַ דין־תורה? ווער וועט אין שבת־שובה און אין שבת־הגדול האַלטען אַ דרשה אין שוהל? פון אַזאַ שטאָדט קאָן מען אַלזאָ ערוואַרטען, אַז זי וועט האָבען דרך־ארץ פאַר'ן נייעם רב און איהם קריכען אונטער די נעגעל. אַנדערש איז אָבער מיט מאָהילעוו, וועלכע זיצט שוין יאָהרען־לאַנג אָהן אַ רב און זי זעהט, אַז

מען קאַן ב״ה אַזוי אויך עקזיסטירען, און חתונה צו האָבען מיט אַזאַ קהלה איז דעריבער זעהר אַ ריזיקאַלישע זאַך...

רבי אייזיל חריף איז אַ געוויסע צייט געווען רב אין קוטנע. בעת ער איז אַוועק פון דאָרט, האָבען די ראשי־הקהל שטאַרק חרטה געהאַט, הלמאי זיי האָבען אַוועק־געלאָזט פון זיך אַזאַ גרויסען גאון און זיי האָבען געשיקט צו איהם אַ שליח־מיוחד מיט אַ נייעם כתב־רבנות.

האָט זיי רבי אייזיל אָבגעענטפערט דורכ׳ן שליח: די גמרא זאָגט: „קרי לה נערה וקרי לה קטנה, ואמר רב פדת קטנה דמן נעורן" (חולין ה׳), און דערויף זאָגט דאָרט תוספות: „נעורן שם מקום דכתיב למזרח נערן ולמערב גזר". איז וואָס איז אייגענטליך תוספות אויסען צו זאָגען דערמיט? נאָר תוספות האָט געטאָרט: פאַרוואָס עפּעס „קטנה דמן נעורן" און נישט פערקעהרט: „נערה דמן קוטנא"? און דערויף קומט דער ענטפער: „נעורן שם מקום", נעורן געפינען מיר, אַז עס איז געווען אַ שטאָדט, קוטנע אָבער איז קיין שטאָדט נישט...

רבי מאיר שפּירא, איידער ער איז געוואָרען לובלינער רב, איז ער געווען פריהער רב אין פערשידענע קלענערע קהלות און די געגנער פלעגען איהם תמיד פאַרוואַרפען, אַז ער קאָן זיך לאַנג נישט דערהאַלטען אויף אַנ׳אָרט. דערויף האָט זיי רבי מאיר שפּירא איינמאָל געענטפערט:

— אַ רב, רבותי, איז גּעגליכען צו אַ טשוואָק, וואָס מען האָט אַריינגעקלאַפּט טיעף אין אַ ברעט. אויב דער טשוואָק האָט אַ קאָפּ, קאָן מען איהם יעדעס מאָל ווען מען דאַרף, אַרויסנעהמען און אַריינזעצען אין אַ צווייט אָרט, ווי איז אָבער, אַז דער טשוואָק האָט קיין קאָפּ נישט? דאַמאָלס איז צו איהם קיין עצה נישטאָ און ער מוז שטענדיג זיצען אויפ׳ן זעלבען אָרט...

אויף אַנ׳אסיפת רבנים, אין וועלכער עס האָט זיך אויך בעטייליגט רבי חיים בריסקער, איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע און עס איז געוואָרען בעשלאָסען, אַז ס׳איז די פליכט פון אַ רב צו קענען די לאַנדעס־שפּראַך.

— איך וואָלט וועלען בעטען די חשוב׳ע רבנים — האָט זיך דאַן אָנגערופען רבי חיים — אָנצונעהמען אַ צווייטע החלטה, אַז אויסער די שפּראַך פון דער מדינה איז אַ רב מחויב אויך צו קענען לערנען...

פאַרוואָס — פלעגט זאָגען רבי אייזיל חריף — שטעהט אַ רב לאַנג שמונה־עשרה? וויל „המאריך בתפלתו מאריכין לו ימיו ושנותיו", לאַנג דאַווענען איז אַ סגולה צו אריכת־ימים, און אַ רב נויטיגט זיך אין דער דאָזיגער סגולה, דען — „הרבנות מקברת את בעליה", רבנות איז מקצר די יאָהרען...

רבי יאָשע־בער פלעגט זאָגען:

אַמאָל האָבען זיך די רבנים אונטערגעשריבען „הקטן" און די וועלט האָט זיי נישט געגלויבט און זיי דוקא געהאַלטען פאַר גדולים, היינט ווידער חתמ׳עט זיך יעדער איינער מיט׳ן טיטול „הרב" און די וועלט גלויבט זיי ווייטער נישט און מען האַלט זיי דוקא פאַר קטנים...

מען האָט אַמאָל דערצעהלט פאַר׳ן וואַרשאָווער ראש בית־דין, רבי זיינוועלע קלעפּפּיש, וועגען איינעם אַ יונגען רב׳ל, וועלכער וויל זיך אַריינרייסען בגוואלד אין אַ געוויסע שטאָדט, וואו עס איז פריי געוואָרען דאָס כסא־רבנות, בענוצענדיג זיך דערביי מיט זעהר נישט קיין שענע דרכים.

האָט רבי זיינוועלע געשיקט נאָך איהם, איהם שטאַרק אויסגעמוסר׳ט, און צווישען אַנדערען מאַכט ער צו איהם:

— דו ווייסט דאָך אודאי, יונגערמאַן, וואָס די גמרא זאָגט: „אוי לה לרבנות שמקברת את בעליה" (פסחים פ"ז), רבנות איז געגליכען צו קבורה, און אויף אַ בית־הקברות, בשעת מען „פיהרט" וועמען אַהין — בלייבט ער דאָרט, ווען מען געהט אָבער אַליין — קומט מען צוריק...

בשעת דער „נודע ביהודה" איז אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין פּראָג, האָט ער דאָרט געהאַט זעהר אַ סך געגנער, וועלכע האָבען איהם שטאַרק מצער געווען.

איינמאָל האָבען זיי איהם שרעקליך בעליידיגט, און פון גרויס עגמת־נפש איז דער „נודע ביהודה" אַוועק אַהיים, אַריין צו זיך אין בית־המדרש און זיך פונאַנדער־געוויינט.

געהט גראָד פאַרביי איינער פון זיינע מתנגדים און דערהערענדיג, אַז דער רב וויינט, שטעלט ער זיך אַוועק און קלאַפּט אַריין צו איהם אין פענסטער:

— רבי, רבי! דאָס פּראַגער רבנות קויפט מען נישט מיט טרעהרען...

ושנא את הרבנות ואל תתודע לרשות... (י)

איהר זאָלט פיינד האָבען אַזאַ רבנות, וואָס ווערט געקויפט מיט דער הילף פון — „התודעות לרשות", דורך פּראָטעקציע ביי דער מאַכט...

(מדרש שמואל)

חכמים הזהרו בדבריכם שמא תחובו חובת גלות... (יא)

די צוויי צדיקי הדור, די ברידער רבי אלימלך און רבי זישא, האָבען כידוע אַ לענגערע צייט אָבגעריכט גלות, אַרומשלעפּענדיג זיך נע־ונד איבער דער וועלט אַלס מכלומר׳שטע קבצנים און שנאָרער.

ויהי היום, זענען זיי אויפ׳ן וועג איינמאָל אַריין אין אַ קרעטשמע. גראָד איז דאַן אין דער קרעטשמע פאָרגעקומען אַ דאָרפישע חתונה און די צוויי ברידער, אַריינ־קומענדיג אַהין, האָבען זיך פאַרשטעקט ערגיץ אין אַ ווינקעל. די צעהוליעטע ישוב־ניקעס, זייענדיג בגילופין, האָט זיך פערגלוסט צו טרייבען אַ ביסעל שפּאַס פון די צוויי אונבעקאַנטע קבצנים און זיי האָבען גענומען רבי זישא׳ן (מחמת רבי אלימלך איז געזעסען הינטער איהם, ביי דער וואַנד, און מען האָט איהם נישט אַרויסגעזעהן), וועלכען זיי האָבען אַוועקגעלעגט אויף דער ערד און נאָך יעדען טאַנץ האָט איהם איטליכער פון די געסט, מכלומר׳שט אויף קאַטאָוועס, דערלאַנגט אַ מתנת־יד. בעת דער „שפּאַס" האָט זיך שוין אַזוי געהאַט איבערגע׳חזר׳ט עטליכע מאָל, רופט זיך אָן דער רבי אלימלך צום רבי׳ן ר׳ זישא:

— ברודער־סערדצע! פאַרוואָס קומט עס דיר, אַז דו זאָלסט קריגען אַלע קלעפּ און איך גאָרנישט? זעץ דו זיך איצט אויף מיין אָרט און איך וועל דיין פּלאַץ פאַר־נעהמען.

האָט רבי זישא מסכים געווען און בשעת דער עולם האָט זיך געדרעהט אינ׳ם שיכור׳ן טאַנץ, האָבען זיך די ברידער געביטען מיט די ערטער: רבי זישא האָט זיך געזעצט צו דער וואַנט און רבי אלימלך — צום עולם.

אָבגעטאַנצט, רופט זיך אָן איינער פון די געסט:

— חברה! איצט לאָמיר זיך נעהמען צום צווייטען קבצן, וואָס זיצט ביי דער וואַנד, זאָל ער אויך פערזוכען אַ קלאַפּ און געדענקען, אַז ער איז אויך געווען אויף דער חתונה...

און ווידער אַמאָל האָט מען גענומען רבי זישא׳ן, אָוועקגעלעגט איהם אויף דער ערד און געשלאָגען.

— זעהסטו, ברודער־לעב — רופט זיך אָן רבי זישא צו רבי אלימלך׳ן — די קלעפּ זענען מיר בעשערט געווען, און פון בעשערטע קלעפּ קאָן זיך דער מענש נישט אויסקויפען...

הוה מתלמידיו של אהרן אוהב שלום וכו׳ ומקרבן לתורה... (יב.)

נאָר אַזאַ שלום, דורך וועלכען אהרן האָט מקרב געווען די אידען צו דער תורה, אָבער נישט יענעם שלום, וועלכער האָט גורם געווען צו מאַכען אַן עגל...

(רבי משה פאָליאַק)

אוהב שלום ורודף שלום... (יב.)

ורודף שלום, דעם שלום מוז מען שטאַרק נאָכיאָגען און איהם היטען, נישט אַראָבלאָזען פון איהם קיין אויג, דען ער האָט אַ טבע אַרויסצוגליטשען זיך זעהר לייכט פון די הענד און צו אַנטלויפען...

(אמרי אבות)

אוהב את הבריות ומקרבן לתורה... (יב.)

נור דורך אהבת־הבריות, מיט גוטען, מיט מתינות, קאָן מען די מענשען מחזיר־למוטב זיין און זיי מקרב זיין צו דער תורה.

(בית מאיר)

פון דער דאָזיגער משנה — פלעגט זאָגען דער נצי״ב פון וואָלאָזשין — איז צו זעהען, אַז עס איז אַ מצוה צו לעבען בשלום און ליעב צו האָבען אויך די נישט־פרומע אידען, וועלכע פיהרען זיך נישט עפ״י רוח התורה, וואָרום קוים ווערט צוגע־געבען: „ומקרבן לתורה״, אַז מען דאַרף זיך בעמיהען זיי מקרב צו זיין צו דער תורה, הייסט דאָך עס, אַז ביז איצט זענען זיי ווייט פון איהר...

נגד שמא אבד שמיה... (יג.)

אויב איינער איז אַ „נגיד״ אָהן אַ „יוד״ (אָהן אידישקייט) — „אבד שמיה״, ווערט זיין נאָמען גיך פערלוירען ווערען, וואָס ווערט בלייבען פון איהם, ווער וועט איהם געדענקען נאָכ׳ן טויט?...

(רבי ברוך מרדכי עפשטיין)

מען האָט אַמאָל דערצעהלט רבי יאָשע־בער׳ן וועגען אַ געוויסען רייכען בעל־הבית, וועלכען עס האָט זיך פלוצים פערגלוסט צו ווערען אַ רב און ער האָט זיך איינגעקויפט אַ כסא־רבנות פאַר געלד.

— אָט דאָס — האָט דערויף בעמערקט רבי יאָשע־בער — איז דער טייטש: „נגד שמא אבד שמיה״. פריהער, בשעת ער איז געווען אַ געוועהנליכער בעל־הבית, האָט ער אין פערגלייך מיט אַנדערע פּראָסטע בעלי־בתים געהייסען אַ למדן. איצט, אָבער, ווען ער איז געוואָרען אַ רב, איז ער אין פערגלייך מיט אַנדערע רבנים — אַן׳עם־הארץ...

הוא היה אומר אם אין אני לי מי לי... (יד.)

דען אין דער פריהערדיגער משנה זאָגט הלל: „ודאשתמש בתגא חלף״, אַז מען טאָר זיך נישט משמש זיין מיט אַ תלמיד־חכם, און אין אַ צווייטען אָרט, אין ברכות אין פרק אלו דברים, זאָגט הלל „שאסור להשתמש בשמש עם־הארץ״, אַז מען טאָר זיך נישט משמש זיין מיט קיין עם־הארץ, און דעריבער פיהרט ער אויס: „אם אין אני לי מי לי״, אַז אויב ער אַליין וועט זיך נישט בעדיענען, וועט ער נישט האָבען ווער עס זאָל איהם בעדיענען, וואָרום מען טאָר זיך דאָך נישט שאַפען, נישט מיט קיין תלמיד־חכם און נישט מיט קיין עם־הארץ...

(נודע ביהודה)

ואם לא עכשיו אימתי... (יד.)

און דאָס איז דער פשט: „ומבני יששכר יודעי בינה לעתים״ (ד״ה א. יב.). זיי זענען געווען מבינים אויף דער צייט, זיי האָבען פערשטאַנען, ווי טייער די צייט איז...

(רבי ר׳ בונם)

והוה מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות... (טו.)

„בסבר״ — פלעגט זאָגען רבי יצחק וואָרקער — אַפילו ווען יענער מיינט בלויז, אַז דו ביזט איהם מקבל מיט פנים־יפות, אַפילו ווען באמת קענסטו איהם נישט סובל זיין און דו ביזט נישט גערן, אַז ער קומט צו דיר, אויך אַזעלכען זאָלסטו גוט אויפ־נעהמען...

ולא מצאתי לגוף טוב משתיקה... (יז.)

דער מענש איז בעשאַפען געוואָרען מיט צוויי אויערען און איין מויל, הערען זאָל ער וואָס מעהר, רעדען — וואָס ווייניגער...

(שיורי מדות)

רבי רפאל וואָלאָזשינער איז געווען, כידוע, אַ גרויסער שתקן, פלעגט ער זאָגען אויף זיך:

— די וועלט מיינט, אַז כ׳קאָן נישט רעדען; ניין, כ׳קאָן שווייגען...

וכל המרבה דברים מביא חטא... (יז.)

די אײַזענבאַהן — פֿלעגט זאָגען אברהם יעקב סאַדיגורער — לערנט אונז, אַז יעדע מינוט שפּיעלט אַ ראָליע, צוליעב איין מינוט קאָן מען אַלץ פֿערשפּעטיגען. דער טעלעגראַף לערנט אונז, אַז מען דאַרף זיך רעכענען מיט יעדען וואָרט, יעדעס וואָרט ווערט געצעהלט און גע'חשבונ'ט. דער טעלעפֿאָן לערנט אונז, אַז אַלץ וואָס ווערט דאָ גערעדט — ווערט דאָרט געהערט...

על שלשה דברים העולם קיים על האמת ועל הדין ועל השלום... (יח.)

די אַלע דריי זאַכען זענען צווישען זיך ענג געבונדען: נור אַ דין של אמת ברענגט צו שלום. אַ דין של שקר אָבער איז נישט־נור, וואָס ער בערוהיגט נישט די צדדים, נור ער איז גורם צו נאָכמעהר מחלוקת און קריגערייען...

(הון עשיר)

פרק שני

והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה... (א.)

„דיבור בלשון הקדש" (פ' המשניות להרמב"ם)

אַ געוויסער משכיל און חובב־שפת־עבר האָט אַמאָל אָנגעוויזען דעם וואָלאָזשינער נצי"ב אויפ'ן מאמר חז"ל אין ירושלמי, שבת פרק א': „המדבר בלשון־הקודש מובטח לו שהוא בן עולם הבא", און ער האָט געפרעגט: היתכן? פאַרוואָס ווערט די דאָזיגע מצוה אַזוי גרינגגעשעצט ביי די אָרטאָדאָקסישע אידען און זיי וויזען אַרויס אַזאַ פיינדליכע בעציאונג צו די ענטשטאַנענע חברות, וועלכע פערנעהמען זיך מיט פערשפרייטען דעם לימוד פון לשון־קודש?

— איהר האָט רעכט — האָט איהם דער נצי"ב געענטפערט — אָבער פאַרוואָס וויזט איהר מיר בלויז דעם ערשטען האַלבען מאמר און נישט אויך די צווייטע העלפט — „והקורא קריאת־שמע שחרית וערבית"?

דער אונגאַרישער רב, אהרן חארין, איז געווען איינער פון די ערשטע רעפאָרם־ראַבינער, וועלכע האָבען זיך געשטעלט בראש פון דער בערלינער און האַמבורגער רעפאָרם־בעוועגונג. די ערשטע „תיקונים בדת", וואָס דער דאָזיגער ראַבינער האָט דורכגעפיהרט, זענען בעשטאַנען פון קלייניגקייטען. מען האָט זיך אין תחלת בעגנוגענט דערמיט, וואָס מען האָט אָבגעשאַפט דעם צווייטען „יקום־פורקן", אויפגעהערט צו זאָגען פרייטאָג־צו־נאַכטס „במה מדליקין", מבטל געמאַכט דעם „יהי־רצון" ביים בלאָזען שופר, דאָס קלאַפּען המנ'ען ביים לייענען די מגילה, דעם מנהג פון שלאָגען כפרות, דאָס אויסשפייען ביי „עלינו", דאָס אויפקלעבען „שיר־המעלות"־קוויטלעך אין הויז פון אַ קינפעטאָרין, מתיר געמאַכט צו שטעלען אַ חופה אין שוהל, נישט אונטער'ן פרייען הימעל, וכדומה אַזעלכע אין פלוג אונבעדייטענדע „רעפאָרמען". ביסלעכווייז אָבער, מיט דער צייט, איז דער זעלבער ראַבינער חארין אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז ער האָט מתיר געמאַכט צו פאָהרען שבת מיט דער באַהן, איינגעפיהרט צו דאַווענען אויף דייטש, אַריינגעשטעלט אין דער שוהל אַן אָרגעל, אויף וועלכען מען האָט געשפּילט אום שבת, בעזייטיגט פון די תפלות אַלע שטעלען, אין וועלכע מען איז מתפלל אויף דער אויפריכטונג פון ציון וירושלים, ביז ער האָט אָנגעהויבען אַרויסצוטרעטען עפענטליך מיט שאַרפע אָנפאַלען געגען תלמוד און ענדליך האָט ער אַרויסגעגעבען אַן „ערלויבעניש" צו ענדערען די „תורה־שבכתב" און צו בעזייטיגען פון איהר פערשידענע מצוות, וועלכע זענען נישט צוגעפאַסט צו די מאָדערנע לעבענס־בעדינגונגען...

(דור דעה)

צום בריסקער רב, רבי יאָשע־בער, זענען אַמאָל געקומען איניגע אָנגעזעהענע משכילים און פערפיהרט מיט איהם אַ שמועס וועגען דער נויטיגקייט צו פערלייכטערן אַ ביסעל דאָס אידישקייט און אָבצושאַפען פערשידענע חומרות, וועלכע עס איז שווער איבערצוטראָגען. בשעת זיי האָבען גערעדט, האָט רבי יאָשע־בער כסדר צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אַלס צייכען פון הסכמה און דאַן האָט ער זיי ערקלערט, אַז אויך ער טראַגט זיך שוין לאַנג אַרום מיט׳ן דאָזיגען געדאַנק און אַז אין זיינע ספרים, וועלכע זענען בכתב־יד, בעמיהט ער זיך מקיל צו זיין אין אַ גאַנצע רייה דינים און הלכות. די משכילים זענען פונ׳ם דאָזיגען אונערוואַרטעטען ענטפער שטאַרק איבערראַשט און דערפרעהט געוואָרען און זיי האָבען דערביי אויסגעדריקט זייער בקשה, צי וואָלט ער נישט געוואָלט זיין אַזוי פריינדליך און זיי בעקענען כאָטש מיט אַ טייל פון די דאָזיגע היתרים און קולא׳ס, וואָס ער האָט בדעה דורכצופיהרען.

— אדרבה! — מאַכט צו זיי רבי יאָשע־בער — אָט זענען איניגע ביישפּיעלען: א) כידוע, זענען פאַרהאַן איניגע פוסקים, וועלכע זענען מחמיר, אַז מעריב טאָר מען נישט דאַוונען לענגער ווי ביז חצות, איך אָבער האָב איינגעפונען, אַז דאָס איז אַ צו־שווערע חומרא און האָב בעשלאָסען מקיל צו זיין, אַז מען זאָל מעגען דאַוונען אַ גאַנצע נאַכט ביז פאַרטאָג! ב) פאַרהאַן מחמירים, וואָס האַלטען, אַז רבינו תם׳ס תפילין מעגען לעגען נור יחידי סגולה, אָנערקענטע תלמידי־חכמים, איך אָבער האָב בעשלאָסען מקיל צו זיין און אַרויסגעבען אַ היתר, אַז יעדער איינער איד, אָהן אויסנאַהם, מעג לעגען צוויי פּאָר תפילין! ג) פאַרהאַן אַ חומרא, אַז מען טאָר נישט זאָגען קיין פּיוט אין מיטען דאַוונען, ווייל דאָס איז אַ הפסק בתפלה, איך האָב בעשלאָסען אָבצושאַפען די דאָזיגע חומרא און מתיר מאַכען צו זאָגען פּיוט וויפיעל מען וויל, מחמת איך געפין, אַז דאָס איז כלל נישט קיין הפסק! ד) אַ טייל פוסקים זענען מחמיר, אַז אויב מען פערגעסט איין נאַכט צו צעהלען ספירה טאָר מען שוין אין די ווייטערע נעכט נישט צעהלען קיין ספירה מיט אַ ברכה, איך האַלט, אַז דאָס איז אַ צו־שווערע גזירה און איך האָב דעריבער בעשלאָסען מתיר צו מאַכען, אַז מען זאָל יאָ מעגען צעהלען מיט אַ ברכה! ה) טייל זענען מחמיר, אַז מען טאָר ערב תשעה באב נישט לערנען אַפילו ווען דער דאָזיגער טאָג געפאַלט אום שבת, האָב איך זיך בעמיהט מתיר צו מאַכען, אַז אויב ערב תשעה באב געפאַלט אום שבת זאָל מען אינ׳ם דאָזיגען טאָג יאָ מעגען לערנען! ו) פאַרהאַן מחמירים, וואָס פּסק׳נען, אַז מען טאָר נישט פאַסטען אום ראש־השנה, איך אָבער בעמיה זיך אויפצוווייזען אויף׳ן גרונד פון פערשידענע מקורות, אַז מען מעג יאָ, אַז ווער נור עס וויל האָט דאָס רעכט צו פאַסטען אום ראש־השנה זאָגאַר ביידע טעג!...

(מקור ברוך)

דע מה למעלה ממך עין רואה ואוזן שומעת... (א.)

די אַלע זאַכען זענען למעלה ממך און דו האָסט איבער זיי קיין שליטה נישט; דאָס אויג זעהט געגען דיין רצון, דאָס אויער הערט געגען דיין רצון און אויך „וכל מעשיך בספר נכתבים" — געגען דיין רצון...

(כתב סופר)

עין רואה ואוזן שומעת וכל מעשיך בספר נכתבים... (א.)

רבי דוב דינאַווער האָט אַמאָל געזאָגט וועגען די עמי־הארצ׳ישע חסידים, וואָס

נישט זיי קענען לערנען, נישט זיי האָבען אַ ידיעה אין חסידות און זיי בעמיהען זיך בלויז נאָכצוטוהן, וואָס דער רבי טהוט, אַז וועגען זיי ווערט געוואָרענט אין דער משנה: „עין רואה ואוזן שומעת וכל מעשיך בספר נכתבים". דו קענסט זעהן, דו קענסט הערען, אָבער „וכל מעשיך", בעת עס קומט צו מעשים, „בספר נכתבים", זאָלסטו אַריינקוקען אין ספר, אין שלחן־ערוך, נישט סתם נאָכטהון דעם רבי'ן...

רבן גמליאל בנו של רבי יהודה הנשיא אומר יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ... (ב.)

אומעטום, אין גאַנץ ש"ס, וואו עס ווערט דערמאָהנט דער נאָמען פון רבי גמליאל, ווערט ער אָדער אָנגערופען סתם „רבן גמליאל", אָדער „רבן גמליאל בר רבי". בלויז דאָ, אין דער דאָזיגער משנה, ווערט ער טיטולירט באריכות: „רבן גמליאל בנו של רבי יהודה הנשיא". דערמיט האָט דער מסדר המשנה געוואָלט בעטאָנען, אַז כאָטש ער האָט געשטאָמט פון אַזאַ אַריסטאָקראַטיש און מיוחס'דיג הויז, אַ זוהן פון אידישען נשיא, וועלכער איז דערצו געווען איינער פון די גרעסטע עשירים ביי אידען, איז ער דאָך געווען אַן אָנהענגער פון „יפה תורה עם דרך־ארץ", האַלטענדיג, אַז אויסער תורה דאַרף זיך יעדער איד אויסלערנען אַ מלאכה...

(פרדס יוסף)

„יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ"...

אויך בשעת'ן עוסק זיין אין דרך־ארץ, אין מסחר, אין משא־ומתן, זאָל מען גע־דענקען אין דער תורה — אין „לא תונו", „לא תשקרו", „איפה ואיפה" וכו'...

(דברי אמת)

אויך אַ למדן און אַ בן־תורה דאַרף זיין אַ בעל דרך־ארץ...

(רבי שלמה הלוי)

צו רבי הלל איבעשיץ איז אַמאָל אַ שווער מיט אַן איידעם געקומען האָבען אַ דין־תורה. דער איידעם האָט געטענה'ט, אַז דער שווער האָט איהם פאַר דער חתונה צוגע־זאָגט צעהן יאָהר קעסט, בכדי ער זאָל זיצען און לערנען און איצט וויל ער נישט האַלטען די התחייבות און ער הייסט איהם געהן האַנדלען. דערויף האָט דער שווער געענטפערט, אַז אמת טאַקי, ער האָט איהם צוגעזאָגט, עס איז אָבער אַ בפירוש'ע משנה, אַז אַ מענש דאַרף נישט זיצען בלויז און לערנען, נאָר — „יפה תורה עם דרך־ארץ".

אויסהערענדיג די טענות, האָט רבי הלל גע'פסק'נט, אַז דער שווער מוז האַלטען די התחייבות און איהם געבען די צוגעזאָגטע קעסט.

— און וואָס ס'איז שייך — האָט ער אויסגעפיהרט — צום „תורה עם דרך־ארץ", איז אַ סך גלייכער, אַז דיין איידעם זאָל לערנען און מקיים זיין די גאַנצע תורה אַ חוץ די איינע משנה, איידער ער זאָל מקיים זיין די איינע משנה און זיך אָבזאָגען פון דער גאַנצער תורה...

וכל העוסקים עם הצבור יהיו עוסקים עמהם לשם שמים... (ב.)

פריהער, פאַר דעם, ווערט געזאָגט: „וכל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה", און אַלס המשך דערצו ווערט צוגעגעבען, אַז דאָס בעציהט זיך אויך אויף די „עוסקים

עם הצבור״, אויך זיי דאַרפֿען זיך פּערנעהמען מיט אַ מלאכה, אָדער מיט מסחר, און נישט לעבען פון כלל־טהועריי, וואָס דאַרף געטהון ווערען לשם־שמים, אָהן אַ מתן שכרה בצדה...

(רבי אלעזר הכהן)

ווי עס איז צו זעהען פון פערשיעדענע שטעלען האָבען זיך די חז״ל בעצויגען זעהר קריטיש און זאָגאַר מיט אַ געוויסער אַנטיפּאַטיע צו פערשיעדענע כלל־טוער און גבאים. גלייכצייטיג, למשל, מיט דעם מאמר (ב״ב ח׳) „ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד, אלו גבאי צדקה״, ווערט אויך געזאָגט: „ופקדתי על כל לוחציו ואפילו על גבאי צדקה״... איבערהויפּט קומט די דאָזיקע קריטישע מיינונג צום אויסדרוק אינ׳ם זעהר סאַרקאַסטישען דרש אין מדרש רבה ויקרא פרשה כ״ה, נעמליך: „...אם אינו למוד לקרות ולשנות מה יעשה ויחיה? ילך ויעשה פרנס על הצבור וגבאי צדקה והוה חי״...

„שלוחי מצוה אינן ניזוקין״ — פלעגט ר׳ איזיל סלאָנימער זאָגען בדרך־הלצה — איז דער פּשט, אַז די שלוחי־מצוה האָבען קיין היזק נישט אין זיי דערלעגען נישט צו זייער שליחות...

ואתם מעלה אני עליכם שכר הרבה... (ב.)

דעם שכר פאַר אייער אַרבייט זאָלט איהר, עוסקים בצרכי־צבור, וואַרטען, ביז א י ך וועל אייך געבען. אַליין זאָלט איהר נישט נעהמען...

(מעשי אבות)

הוו זהירים ברשות... (ג.)

דער דאָזיגער מאמר קומט אַלס צוגאָב צום פריהערדיגען מאמר: „וכל העוסקים עם הצבור״ וכו׳, די „עוסקים עם הצבור״, די כלל־טהוער און שתדלנים קומט אויס אָממעהרסטען צו האָבען צו טהון מיט פערשיעדענע מלוכה־בעאַמטע, און צו זיי איז, אַלזאָ, געווענדעט די וואָרנונג: „הוו זהירים ברשות!״ זייט פאָרזיכטיג מיט די דאָזיגע לייט, פערלאָזט זיך נישט צופיעל אויף זייערע הבטחות, וואָרום — „שאין מקרבין לו אלא לצורך עצמן וכו׳״...

(מהר״ם שיף)

אל תפרוש מן הצבור... (ה.)

אַ שלעכטע אָבגעריבענע מטבע — פלעגט זאָגען דער רבי ר׳ בונם — איז שווער אויסצוגעבען, סיידען זי ווערט אויסגעמישט צווישען אַנדערע גוטע מטבעות.

און דאָס איז אויך דער טייטש: „ערוב עבדך לטוב״, מיש מיך אויס מיט׳ן „טוב״...

„פניו כלפי העם סימן יפה לו, פניו כלפי כותל סימן רע לו״ (כתובות ק״ג).

אויב דער מענש איז אין זיין לעבען געווענדעט געוועזען מיט׳ן פנים צום פאָלק, אָבגעבענדיג זיך מיט צרכי צבור, דאַן איז „סימן יפה לו״, אָבער אויב „פניו כלפי

כותל", ווען ער איז אַלע זיינע יאָהרען געווען אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צו דער וואַנד, לעבענדיג בלויז פאַר זיך — „סימן רע לו"...

(בית יצחק)

ואל תאמין בעצמך עד יום מותך... (ה.)

זאָלסט נישט גלויבען אינ'ם „עצמך", נישט איינרעדען זיך, אַז דו קענסט אויס־קומען אָהן אַנדערע, אָהן געזעלשאַפט, אַ בעוויז דערויף איז דער — „יום מותך", ווען אַפילו דער גרעסטער בריה מוז סוף־כל־סוף אָנקומען נאָך הילף צו פרעמדע מענשען, וועלכע זאָלען זיך מיט איהם מתעסק זיין...

(תקון משה)

יעדער אַנדערער שונא, בשעת זיין געגנער איז איהם איינמאָל ובפרט נאָך עטליכע מאָל מנצח, רעזיגנירט ער און טרעט אָב און וואָגט נישט מער איהם אָנצוגרייפען. דער יצר־הרע, אָבער, איז אַזאַ געפעהרליכער און פערעקשנ'טער שונא, אַז אַפילו ווען דו וועסט איהם טויזענד מאָל מנצח זיין, וועט ער זיך אַלץ נישט אונטערגעבען און נאָך אַלץ פון דיר נישט אָבטרעטען!...

(חובת הלבבות)

ואל תדין את חברך עד שתגיע למקומו... (ה.)

דערקענען ריכטיג אַ מענשען קאָן מען נאָר „במקומו", אויפ'ן אָרט, דאָרט וואו ער וואוינט, נישט אין דער פרעמד, וואו עס איז איהם לייכט צו פערמאַסקירען זיך...

(אוהל יעקב)

רבי אליהו בחור, דער מחבר פון „תשבי", שרייבט אין אַנ'אָרט בדרך־הלצה:

„איין בקשה האָב איך צו די מבקרים פון מיינע ספרים: זיי זאָלען מיך נאָך מיין פּטירה נישט קריטיקירען אונטער די אויגען, נאָר ענטוועדער זיי זאָלען מוחל זיין און אַריבערקומען צו מיר, אָדער זיי זאָלען אַביסעל צוואַרטען, ביז עס וועט זיין תחית־המתים און איך וועל קומען צו זיי"...

ולא עם הארץ חסיד... (ו.)

דער מחבר פון „חמש ידות" דערצעהלט אין זיין ספר, אַז בעת ער איז געווען רב אין דער רוסישער שטאָדט וויאַזמאַ, איז איינמאָל אום שבת אַריינגעקומען צו איהם אַ שטאָדטישער בעל־הבית מיט אַ שאלה: היות, פרעגט ער, ווי עס איז שוין אַריבער דער דריטער טאָג, צי מעג ער היינט עפענען די קראָם? — אין תחלת האָט דער רב נישט פערשטאַנען, וואָס ער רעדט צו איהם און האָט איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט, ערשט נאָך אַ לענגערען פערהער איז ער ענדליך דערגאַנגען, אין וואָס דאָ האַנדעלט זיך: דער איד איז ל"ע געווען אַנ'אבל און אַלס אבל האָט ער געהאַלטען די קראָם געשלאָסען און היות ווי פרייטאָג איז שוין געווען דער דריטער טאָג פון אבילות, איז ער דעריבער געקומען פרעגען דעם רב אַ שאלה, צי ער מעג שוין היינט, שבת, עפענען די קראָם...

דער ראַדאָמסקער רבי, דער „תפארת שלמה״, איז אַמאָל געווען אין ברעסלוי. צוריקקומענדיג פון דאָרט האָבען איהם די מקורבים געפרעגט, ווי אַזוי עס זעהט אויס דאָרט דער מצב פון אידישקייט.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגען — ענטפערט זיי דער „תפארת שלמה״ — די אידען פון יענער געגענד זענען אַזוי פרום, אַז אויב אַ האָן, למשל, איז מחלל־שבת און קרעהט אום פרייטאָג־צו־נאַכטס, טראָגט מען איהם גלייך אַוועק שבת אין דער פריה, אַלס עונש, צום שוחט...

ובמקום שאין אנשים השתדל להיות איש... (ו.)

די משנה הויבט זיך אָן: „אין בור ירא שמים ולא עם הארץ חסיד וכו׳״, און דערויף קומט דער אויספיהר: „ובמקום שאין איש״, אַז אויב עס זענען נישטאָ קיין בעסערע פאַר דיר, געהט דער דאָזיגער כלל נישט אָן, דאַן „השתדל להיות איש״, מוזטו אויף זיך נעהמען אויסצופיהרען די ראָל פון ירא־חטא און חסיד, הגם דו פער־מאָגסט נישט דערביי די נויטיגע בעטרעפענדע מדות...

מרבה נכסים מרבה דאגה... (ח.)

גאַנץ איינפאַך: „מי שיש לו מנה רוצה מאתים״, דער וואָס פערמאָגט הונדערט גילדען, וויל ער צוויי הונדערט, ווען ער האָט אָבער צוויי הונדערט וויל ער פיער הונדערט און אַזוי ווייטער, דען „אין אדם מת וחצי תאותו בידו״... קומט דאָך במילא אויס, אַז וואָס גרעסער עס איז זיין פערמעגען, אַלץ גרעסער זענען זיינע אַספיראַציעס און אַלץ גרעסער די זאָרג...

(נודע ביהודה)

מרבה נכסים מרבה דאגה... (ח.)

רבי נחום טשערנאָבילער איז כל ימיו געווען אַן׳עני מדוכא. אינ׳ם פנקס פון דער טשערנאָבילער חברה משניות איז פערשריבען: „הרב המגיד מו״ה ר׳ מנחם נחום האָט געבאָרגט אין דער „חברה משניות״ איין רובעל, אויף וועלכען ער האָט איינ־געלעגט דעם „ספר חסידים״ אַלס משכון״... זיין זוהן, רבי מרדכי טשערנאָבילער, האָט שוין דאַגעגען געפיהרט אַ „הויף״ ביד רחבה, אויפ׳ן רייכען שטייגער, פון וואָס דער פאָטער איז שטאַרק נישט צופרידען געווען. איינמאָל, דערצעהלט מען, האָבען עטליכע חסידים פאַר איהם פערמסר׳ט, אַז זיין זוהן, רבי מרדכי, פיהרט זיך ווי אַן־אמת׳ער אַריסטאָקראַט, אַז אין זיין שטוב געפינען זיך די טייערסטע חפצים און אין מיטען דער וואָך קאָכט מען ביי איהם פיש... רבי נחום האָט דאַן אָנגעטהון די שבת׳דיגע מלבושים און איז אַוועק צום זוהן. אַריינקומענדיג האָט ער אויסגערופען: „גוט שבת, מיין קינד!״ — און זיך געהייסען ווייזען אַלע זילבערנע און גאָלדענע חפצים, וואָס עס געפינען זיך ביי איהם.

רבי מרדכי האָט געפאָלגט, ער האָט אַרויסגענומען אַלע חפצים און אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש. רבי נחום האָט זיי בעטראַכט און געפרעגט: — נאָכוואָס טויג דיר דאָס אַלץ? — דערויף האָט איהם רבי מרדכי געענטפערט:

— כידוע איז רבינו הקדוש אַ גרויסער עושר געווען, דער גרעסטער עושר אין זיין צייט, און פונדעסטוועגען דערצעהלט אונז די גמרא, אַז „בשעת פטירתו של רבי

זקף עשר אצבעותיו כלפי מעלה ואמר לא נהניתי מהעולם הזה אפילו כאצבע קטנה" (כתובות ק"ד). פרעגט זיך: אויב ער האט פון דער וועלט קיין שום הנאה נישט געהאט, טא נאכוואס האט איהם געטויגט אזא גרויס עשירות? איז דערפון צו זעהען, אז אויך אין דעם איז פאראן א דרך צו עבודת־השם...

(הרב ש. י. זעווין)

אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך... (ט.)

זאלסט נישט האלטען די גוטע, די בעקוועמע זאכען פון דער תורה „לעצמך", פאר זיך, און די חומרות פאר אנדערע...

(רבי מנחם מענדיל מקאצק)

רבי חיים בריסקער האט געהאט א ברודער, וועלכער איז מיט עטליכע יאהר געוועזן עלטער פון איהם. איינמאל האט דער פאטער, רבי יאשע־בער, זיך געווענדעט צום צעהן־יעהריגען חיים׳קען און איהם געפרעגט: ווער פון זיי עס קאן בעסער לערנען, ער צי דער ברודער?

— עס איז מיר שווער צו זאגען — האט דערויף חיים׳קע געענטפערט — ווארום זאל איך זאגען, אז ער קען בעסער, וועט עס דאך זיין א ליגען, זאל איך ווידער זאגען, אז איך קאן בעסער — וועט עס דאך הייסען גאות...

— וואס האסטו דא אויפגעטהון? — ענטפערט איהם דער פאטער — איצט ביזטו געבליבען אי א ליגנער, אי א בעל־גאוה...

רבי מענדיל וויטעבסקער האט אלס אינגעל געלערנט ביים מעזריטשער מגיד, וועלכער האט איהם פאר זיינע גאונ׳ישע פעהיגקייטען שטארק ליעב געהאט. איינמאל, פארנאכט נאכ׳ן לערנען, בעמערקט דער מגיד, ווי מענדעלי לויפט ארום אויפ׳ן הויף, דאס היטעל פעררוקט אן א זייט, לאכט און שטיפט און איז גאר שטארק אויפגערוימט. שטעלט ער איהם אב און פרעגט איהם: וואס איז מיט דיר די שמחה אזוי גרויס, וויפיעל בלאט גמרא האסטו עס היינט געלערנט?

— זעקס בלאט גמרא! — ענטפערט מענדעלי מיט גדלות.

— אזוי? — שאקעלט דער מגיד מיט׳ן קאפ — אויב נאך זעקס בלאט גמרא טראגט מען שוין דאס היטעל פעררוקט אן א זייט, טא וויפיעל בלאט גמרא דארף מען לערנען, מען זאל שוין אינגאנצען געהן אהן א היטעל?

מענדעלי האט פערשטאנען די אידעלע אנצוהערעניש פון די דאזיגע ווערטער און ער איז אוועק אין א ווינקעל און זיך פונאנדערגעוויינט...

אל תחזיק טובה לעצמך... (ט.)

רבי שלמה פאליאטשעק, דער תלמיד פון ר׳ חיים בריסקער, בעקאנט אלס דער „מאטשעטער עילוי", איז געוועזן בעריהמט אלס א גרויסער גאון און צוגלייך אלס א גרויסער עניו, וואס האט זיך שטארק מבטל געמאכט.

איינמאל, זיצענדיג מיט נאך אידען אין בית־מדרש, איז דער שמועס ארויף אויף ארץ־ישראל. האט זיך ר׳ שלמה אבגערופען, אז ער וואלט שטארק וועלען פאהרען קיין ארץ־ישראל און ווערען דארט א גמרא־מלמד, נאר אז ליידער איז עס נישט

מעגליך, מחמת ער קאָן קיין העברעאיש נישט. האָט איהם דערויף איינער פון די אַנוועזענדע געזאָגט: פונוואַנען ווייסט איהר וואָס איהר קאָנט יאָ און וואָס איהר קאָנט נישט? איהר מיינט דאָך, אַז לערנען קאָנט איהר אויך נישט!...

אין וואָלאָזשין פלעגט דער נאָמען „עילוי" געגעבען ווערען נאָר אין זעלטענע פאַלען און נאָר צו אויסדערוועהלטע לומדים, צו אמת עילוי׳שע קעפּ. געווען זענען אַזעלכע, וועלכע מען פלעגט רופען „אַ האַלבער עילוי" — און אויך דאָס האָט געהערט אין וואָלאָזשין צו אַ גאָר הויכער מדרגה.

פלעגט מען זאָגען אין וואָלאָזשין בדרך־הלצה: אַ עילוי איז דער וואָס קאָן אַ סך לערנען און איז אַביסעל משוגע, אַ „האַלבער עילוי" הייסט: אַז משוגע איז מען און לערנען קאָן מען נישט...

הוא הי׳ מונה שבחן וכו׳ רבי יוסי הכהן חסיד... (י.)

ווי קאַרג און בעשיידען אונזערע חכמים זענען געווען אין׳ם איינטיילען שבחים: „רבי יוסי הכהן חסיד", נישט מעהר... היינט איז מען דווקא אין די דאָזיגע זאַכען גרויסע פזרנים, היינט איז דער קלענסטער טיטול — „ראש כל בני הגולה", „פאר הדור ותפארתו", „איש אלקים קדוש יאמר לו", „עיר וקדיש מן שמיא נחית" א. אַז. וו. און דאָס איז דער טייטש: „שירו לד׳ שיר חדש תהלתו בקהל חסידים", זינגט צום אויבערשטען אַ נייע געזאַנג, ווארום „תהלתו בקהל חסידים", די חסידים האָבען שוין פאַר זייערע רביים אַלע תהלות ותשבחות צוגענומען, זיי האָבען שוין פאַר׳ן רבונו־של־עולם באַלד גאָרנישט איבערגעלאָזט...

(רבי שמואל מאָהילעווער)

בור סיד שאינו מאבד טפה... (יא.)

רבי יאָשע דינאַבורגער, דער „ראָגאַטשאָווער עילוי", איז איינמאָל, אַלט געווען איז ער דעמאָלט אַ יאָהר זיעבצעהן, אַרויסגעפאָהרען אַביסעל איבער דער מדינה, זעהען — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — „צי די וועלט קאָן עפּיס לערנען"... געקומען איז ער פריהער קיין וואַרשא, וואו ער האָט געשמועסט אין לערנען מיט אַלע וואַרשאווער בני־תורה און ער האָט ערקלערט, אַז אין וואַרשא איז דאָ סך־הכל איין יונגערמאַן (קיין נאָמען האָט ער נישט אַנגערופען), וואָס קאָן אַביסעל לערנען... פון וואַרשא איז ער געפאָהרען קיין לובלין, וואו ער איז אַוועק ריידען אין לערנען מיט׳ן „תורת חסד". אַריינקומענדיג, האָט איהם דער „תורת־חסד" דערלאַנגט שלום און געזאָגט: „שב בני", האָט דער ראָגאַטשאָווער עילוי, נישט זעצענדיג זיך, אָנגעהויבען אויסרעכענען, וויפיעל מאָל עס געפינט זיך דער אויסדרוק „שב בני" אין גאַנץ ש״ס בבלי, וויפיעל מאָל אין ירושלמי, אין מדרש א. אַז. וו. און אַזוי שטעהענדיגערהייד האָט זיך צווישען זיי פערוויקעלט אַ פּלפּול פון היבשע עטליכע שעה. אַרויסגעהענדיג פון דאָרט איז דער ראָגאַטשאָווער געלאָפען איבער דער גאַס און געהאַלטען אין איין ריידען צו זיך: „ס׳איז זיך זעהר שען, זעהר שען, דער אַלטיטשקער קען זיך לערנען"... פון „תורת־חסד" איז ער אַוועק צום „כהן", רבי צדוק. אָנהויבענדיג מיט איהם צו שמועסען אין לערנען מאַכט צו איהם רבי צדוק: גלויבט מיר, יונגערמאַן, מיר זענען אויך אַמאָל געווען יונגעלייט און מיר האָבען זיך אויך אַמאָל נאַריש געמאַכט, אָבער

די חז״ל זאָגען אונז: „יראת ד׳ היא אוצרו, אין לו להקב״ה בבית גנזיו אלא אוצר של יראת שמים בלבד״ (ברכות ל״ה). נאָך די דאָזיגע ווערטער האָט זיך דער ראָגאַטשאָווער עילוי געזעגענט און איז אַוועק און אויפ׳ן וועג האָט ער זיך יעדעס מאָל אָבגעשטעלט און געזאָגט: „וועה, וועה, דעם אַלטיטשקענ׳ס ווערטער קריכען טיעף אַריין אין האַר־צען״...

איזו היא דרך טובה שידבק בה האדם... (יג.)

דערויף זאָגט רבי אליעזר: „עין טובה״, רבי יהושע זאָגט: „חבר טוב״, רבי יוסי: „שכן טוב״ א. אַז. וו. דאַגעגען ווידער אויף „איזוהי דרך רעה שיתרחק ממנה האדם״ ווייזט יעדער פון זיי אָן אויפ׳ן געגענזאַץ: „עין רעה״, „חבר רע״, „שכן רע״ א. אַז. וו. בלויז רבי שמעון, ביים אָנווייזען אויפ׳ן דרך־טובה, ערקלערט ער: „הרואה את הנולד״, דאַגעגען אויף דרך־רעה זאָגט ער: „הלווה ואינו משלם״, פאַרוואָס זאָגט ער אויך נישט דעם היפוך, דעם געגענזאַץ: „שאינו רואה את הנולד״?

באמת, אָבער, מיינט אויך רבי שמעון צו זאָגען דאָס זעלבע, נאָר ער אילוסטרירט עס בלויז מיט אַ קאָנקרעטעןביישפּיעל. דער היפוך פון אַ „רואה את הנולד״ איז אַ „לווה ואינו משלם״, וועלכער באָרגט לכתחילה מיט דער דעה נישט צו בעצאָהלען, נישט פאַראויסזעהענדיג די פאָלגען און קאָנסעקווענצען, אַז באַנקראָט־געלד האָט קיין קיום נישט און עס האָט זיך נאָך קיינער דערמיט אויף די פיס נישט געשטעלט...

(ר׳ ברוך פרענקעל)

איזו היא דרך טובה וכו׳ רבי שמעון אומר הרואה את הנולד... (יג.)

דער, וואָס איז מחדש עפּעס אַ שענעם, לאָגישען געדאַנק, אַ שאַרפזיניגע סברא, הייסט ער אַ „מוליד״, און די זאַך, וואָס ער איז מחדש, ווערט אָנגערופען „נולד״. רבי שמעון לערנט אונז דערמיט, אַז מען זאָל זיין אַ „מקבל את האמת ממי שאומרו״ און „אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו״ און „מכל מלמדי השכלתי״, אַז לעגען דאַרף מען בעיקר אַכט נישט אויפ׳ן „מוליד״, נאָר אויף דעם „נולד״, וויכטיג איז נישט, ווער עס זאָגט, נאָר וואָס ער זאָגט...

און דאָס איז אויך דער פּשט: „מה נמלצו להבי אמרתך מדבש לפי״ (תהלים קיט. קג.), פונקט ווי דבש דבורים איז מותר באכילה און מען מאַכט דערויף אַ ברכה כאָטש די דבורה אַליין איז אַ שרץ עוף טמא, אַזוי דאַרף אויך זיין מיט דברי תורה, מען דאַרף זיי מקבל־זיין פון יעדען, וואָס זאָגט אַ דבר הגון און דבר־אמת...

רבי אלעזר אומר לב טוב... (יג.)

— דאָס גרעסטע רחמנות — פלעגט זאָגען רבי נחמן בראַצלאַווער — איז אויף דער מדה פון... רחמנות, וועלכע ליעגט נעביך אַ פאַראיינזאַמטע אין אַ ווינקעל און עס וויל זיך קיינער צו איהר נישט צוריהרען, עס וויל זיך קיינער איבער איהר נישט מרחם זיין...

(ברכת משה)

אחד הלוה מן האדם כלוה מן המקום... (יד.)

דער, וואָס צאָהלט נישט די חובות וואָס ער איז שולדיג מענשען, איז ער אויך נישט בעגלויבט אויף די חובות, וואָס ער איז שולדיג דעם אויבערשטען. אַזאַ איינער, איז זיכער, צאָהלט אויך יענע חובות נישט...

(כפת המנעול)

רבי אליעזר אומר יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך... (טו.)

וועגען רבי אליעזר זאָגען די חז״ל, אַז „שלא אמר דבר שלא שמע מפי רבו לעולם״ (יומא ס״ו), און צוליב דעם פלעגט ער זעהר אָפט בעקעמפען די דרשות פון די חכמים און נישט געוואָלט זיך אונטערוואַרפען דער מיינונג פונ׳ם רוב. ווי עס איז צו זעהען פון דער בעקאַנטער פּאָלעמיק, וואָס טראָגט דעם נאָמען „תנור של עכנאי״, וואו רבי אליעזר האָט זיך עקשנות׳דיג געהאַלטען ביי זיין מיינונג און אויסגעדריקט זיך: „אם הלכה כמותי — חרוב זה יוכיח! וכו׳, אם הלכה כמותי — אמת המים יוכיחו! וכו׳, אם הלכה כמותי — כותלי בית־המדרש יוכיחו! וכו׳, אם הלכה כמותי — מן השמים יוכיחו!״ (בבא מציעא נ״ט)... נישט זעלטען פלעגט ער אויך אין כעס ווערען אויף זיינע בעלי־פלוגתא און זיך אויסדריקען געגען זיי מיט זעהר שאַרפע ווערטער, ווי עס איז צו זעהען פון דער שטעלע: „כשחלה רבי אליעזר נכנסו רבי עקיבא וחבריו לבקרו וכו׳ אמר להן, תמיה אני אם ימותו מיתת עצמן, אמר לו רבי עקיבא שלי מהו? אמר לו, שלך קשה משלהן״ (סנהדרין ס׳)... ווי אויך פונ׳ם ענטפער, וואָס ער האָט אַמאָל געגעבען רבי עקיבא׳ן: „עקיבא, בשחיטה השבתני, בשחיטה תהא מיתתו״ (פסחים ס״ט)...

ווי עס ווייזט אויס, האָט רבי אליעזר שפּעטער חרטה געהאָט אויף זיין שטרענגע בעציהונג צו זיינע חברים און ער האָט דעריבער ערקלערט: „יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך, ואל תהי נוח לכעוס״...

(הרב דר. זאב מישעל)

אין רמב״ם הלכות תשובה פרק ו׳ ווערט געזאָגט: „המתכבד בקלון חבירו אין לו חלק לעוה״ב״. דערויף פרעגט דאָרט דער כסף־משנה: פון וואַנען האָט עס דער רמב״ם גענומען? וואו איז דער מקור דערצו?

ובאמת איז עס אַ בפירוש׳ער ירושלמי חגיגה פרק ד׳, ווי אויך אין מדרש־רבה בראשית.

בעת רבי שמעלקי ניקעלשבורגער איז אָנגעקומען קיין ניקעלשבורג איבערצונעהמען דאָס רבנות, איז איהם די גאַנצע שטאָדט, ווי דער שטייגער איז, אַרויסגעגאַנגען מקבל־פּנים זיין, אויפנעהמענדיג איהם מיט אַן׳אויסערגעוועהנליכען כבוד. אויסשטייגענדיג פון דער קאַרעטע האָט רבי שמעלקי געבעטען דעם עולם, מען זאָל איהם לאָזען אויף אַ וויילע אַליין אין אַ חדר־מיוחד, וואָס מען האָט איהם, פערשטעהט זיך, צוליעב געטהון.

איינער פון עולם, וועלכער איז זעהר טשיקאַווע געווען צו וויסען, וואָס רבי שמעלקי טהוט איצט ביחידות, האָט זיך אַוועקגעשטעלט הינטער דער טהיר, און דאַן הערט ער, ווי רבי שמעלקי רעדט צו זיך אַליין:

— ברוך־הבא, ניקעלשבורגער רב! שלום עליכם רבי! זעצט אייך, רבי שמעלקי!...

הויבט דער איד מיט די פלייצעס פון פערוואונדערונג און שפעטער, בעת רבי שמעלקי איז ארויס צום טיש, געהט ער צו צו־איהם און פרעגט:

— האט נישט פעראיבעל, רבי, וואס כ׳וועל אייך פרעגען: זאגט מיר, רבי, וואס בעדייט עס, וואס איהר האט געדעדט צו זיך אליין?

— כ׳וועל אייך זאגען — ענטפערט איהם רבי שמעלקי — זעהענדיג, וואס פאר א גרויסען כבוד דער עולם גיט מיר אב, האב איך אנגעהויבען מורא האבען, כ׳זאל חלילה נישט אריינפאלען אין גיאות. נו, מאך איך דעריבער פראבע אויף מיר אליין. כ׳גיב מיר אליין אב כבוד, אזוי פיעל כבוד, ביז איך הויב אן פערשטעהן דעם פשט פון „יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך". פונקט ווי דער כבוד, וואס דו גיסט דיר אליין אב, האט א פנים פון חוזק, אזא פנים זאל אויך האבען ביי דיר דער כבוד, וואס יענער גיט דיר אב...

ואל תהי נוח לכעוס... (טו.)

אויפ׳ן בעל „צמח צדק" דערצעהלט מען, אז בעת עס פלעגט איהם ווער דער־צערנען, פלעגט ער זיך הייסען דערלאנגען דעם שולחן־ערוך מעיין צו זיין פריהער און נאכצוזוכען דעם דין, צי ער מעג אויף אזא זאך ווערען אין כעס... און ביני־לביני פלעגט דער כעס פון איהם אבגעהן.

רבי יוסי אומר יהי ממון חברך חביב עליך כשלך... (יז.)

אין א פריהערדיגע משנה (משנה ח׳), אויסרעכענדיג די מעלות פון רבי יוחנן בן זכאי׳ס תלמידים, ווערט וועגען רבי יוסי׳ן געזאגט: „רבי יוסי הכהן — חסיד". און איצט ווערט ערקלערט: מיט וואס איז ער געווען א חסיד? „רבי יוסי אומר, יהי ממון חברך חביב עליך כשלך" — אט דאס האט ער געהאלטען אלס איינע פון די גרעסטע מדות פון חסידות!...

(רבי אברהם אזולאי)

אין קעלץ איז אמאל געשטארבען דער גרעסטער גביר פון שטאדט, אבער א זעהר פראסטער מענש און א גרויסער קמצן. צו דער לויה איז זיך צונויפגעקומען די גאנצע שטאדט און די קרובים פון פערשטארבענעם זענען דאן אוועק צום רב, רבי משה נחום ירושלימסקי, און פערלאנגט, ער זאל דעם נפטר מספיד זיין. רופט זיך אן צו זיי דער קעלצער רב: אין פרק שטעהט „יהי ממון חברך חביב עליך כשלך", איז מה־דאך איך האב מיין אייגען געלד נישט מספיד געווען (דער קעלצער רב האט געשטאמט פון א רייכער פאמיליע און איז אין דער יוגענד אליין געווען זעהר רייך), זאל איך זיך אוועקשטעלען מספיד זיין פרעמד געלד?...

והתקן עצמך ללמוד תורה שאינה ירושה לך... (יז.)

דער שאגת־אריה דערצעהלט, אז זייענדיג איינמאל אין וואלאזשין, האט ער דארט אונטערגעהערט א שמועס פון צוויי יונגלעך. איינער פון זיי, א צוועלף־יעהריג יונגעל (געווען איז דאס רבי חיים וואלאזשינער), האט זיך געווענדעט צו א יונגעל פון צעהן יאהר (רבי זלמן וואלאזשינער) און איהם געפרעגט: די חז"ל זאגען „לא ימושו מפיך

ומפי זרעך ומפי זרע זרעך, עד ג׳ דורות, מכאן ואילך התורה מחזרת על אכסניא שלה״ און מיר אַלע קומען דאָך אַרויס פון אברהם, יצחק ויעקב, איז דאָך שוין די תורה דאַן געווען ביי גאַנצע דריי דורות, טאָ פון וואַנען נעהמען זיך היינט צו אידען עמי־הארצים?... — דערויף האָט איהם דער צעהן־יעהריגער חבר גענטפערט: אָט וועל איך עס דיר ערקלערען. דער שטייגער איז פון יעדען רייזענדען, בשעת ער קומט אין אַ שטאָדט אַריין, צו פערפאָהרען אין דער זעלבער אכסניא, וואו ער איז שוין איינמאָל איינגעשטאַנען. דאָס אַלץ איז גערעדט געוואָרען, ווען די בעלי־בתים פון דער דאָזיגער אכסניא זענען איהם מקבל בסבר פנים יפות. ווי איז אָבער, ווען מען נעהמט איהם נישט גוט אויף און מען לאָזט איהם שטעהן פאַר דער טהיר — נעהמט דאַמאָלס דער אורח דעם טשעמאָדאַן און געהט זיך אַוועק זוכען אַן אַנדערע אכסניא...

(תולדות אדם)

וכל מעשיך יהיו לשם שמים... (יז.)

— רבונו־של־עולם! — האָט רבי מאיר׳ל פרעמישלאַנער איינמאָל אויסגעשריען בײם דאַווענען — איך ווייס וואויל, אַז ווען מען זאָל נעמען און גוט אויסקוועטשען די תפלות, וואָס די אידען זענען צו דיר מתפלל, וועט זייער תמצית זיין געלד, נור געלד... איך ווייס אָבער אויך וואויל, אַז ווען מען זאָל נעמען און אויסקוועטשען דאָס געלד, וואָס די אידען פערלאַנגען פון דיר, וועט אַלס תמצית דערפון אַרויסגעהן — תורה און מעשים־טובים. וואָרום אויף וואָס דאַרף דען דער איד געלד? — צו קאָנען צאָהלען שכר־לימוד פאַר די קינדער, חתונה צו מאַכען זיין טאָכטער פאַר אַ תלמיד־חכם, צו קאָנען פערבעטען אַן אורח צום טיש, אַרויסצוהעלפען אַן אָרימען קרוב, וכדומה וכדומה...

„וכל מעשיך יהיו לשם שמים״...
אויך דאָס אָפטע שרייען: „לשם שמים!״ זאָל זיין טאַקי באמת — לשם שמים...

(רבי מענדעלע קאָצקער)

הוי זהיר בקריאת שמע ובתפלה... (יח.)

רבי לייבעלע איגער, רבי עקיבא איגער׳ס איניקעל, וועלכער איז, כידוע, געוואָרען אַ חסיד און איז אַנטלאָפען קיין קאָצק, האָט אַמאָל געפרעגט דעם קאָצקער רבי׳ן: וואָס זאָל איך ענטפערען דעם זיידען, בשעת ער וועט מיך פרעגען, פאַרוואָס מען דאַווענט אין קאָצק אַזוי שפעט און מען איז עובר אויף תפלה בזמנה?

— דו זאָלסט זאָגען דעם זיידען דיינעם — האָט איהם דער קאָצקער דערויף גענטפערט — אַז דער רמב״ם פסק׳נט להלכה, אַז אויב אַ פועל, וועלכען מען האָט געדינגען צו זעגען האָלץ, שלייפט אַ גאַנצען טאָג די זעג, און ערשט פאַרנאַכט, די לעצטע שעה, נעמט ער זעגען דאָס האָלץ, קומט איהם צו בעצאָהלען פאַר אַ גאַנצען טאָג אַרבייט...

רבי ישראל ריזשינער פלעגט זאָגען: די, וואָס דאַווענען גיך, איז עס פון גרויס חביבות: זיי זענען אַזוי אויסגעהונגערט נאָך תפלות, אַז פון גרויס אַפּעטיט שלינגען זיי די ווערטער איינס נאָכ׳ן צווייטען, נישט האָבענדיג קיין געדולד צו צוקייען יעדעס

ווארט בעזונדער... און די, וואס דאווענען לאנגזאם, איז עס אויך פון גרויס חביבות — ס'איז זיי א שאד דאס ווארט פון מויל ארויסצולאזען...

— קיינער — פלעגט זאגען רבי מאיר'ל פרעמישלאנער — דאווענט נישט קיין „תפלה בזמנה". חסידים דאווענען בלויז „תפלה" און מתנגדים — בלויז „בזמנה"...

רבי נפתלי ראפשיצער האט אמאל געזעהען, ווי א חסיד'ישער יונגערמאן קומט אריינצולויפען שפעט פארנאכט אין בית־המדרש, טהוט אן שנעל דעם טלית, לויפט ארום עטליכע מאל אויף און אב, וואַרפענדיג אויף אלע זייטען מיט'ן קאפ און מאלעג־דיג ווי א מאשין מיט די ציהען און — פארטיג, ער איז שוין אנ'אבגעדאווענטער...

— זיי־זשע מוחל, יונגערמאן — מאכט צו איהם רבי נפתלי — איך וועל דיר דערצעהלען א מעשה. עס פלעגט אמאל איינער אהיימקומען יעדען טאג עלף א זייגער פון דאווענען און דאס ווייב פלעגט איהם דערלאנגען פרישטיק: א טעלער קרופניק, אזוי יעדען טאג, טאג־איין, טאג־אויס... איינמאל אבער, קומענדיג כדרכו פון דאווע־נען, ערקלערט איהם דאס ווייב, אז היינטיגעס מאל וועט ער מוזען אביסעל צוווארטען. זעצט ער זיך אוועק און ווארט א שעה, צוויי, דריי. דאס ווייב איז די גאנצע צייט שטארק פערפארעט אין קיך און יעדעס מאל שרייט זי אריין צו איהם, אז ער מוז נאך אביסעל צוווארטען, עס איז נאכנישט פארטיג... אזוי האט ער אבגעווארט מיט א פערחלש'ט הארץ ביז פארנאכט. ענדליך גרייט שוין דאס ווייב צום טיש און דערלאנגט איהם אריין דעם זעלבען טעלער קרופניק, וואס נעכטען און עהערנעכטען... אט דאס איז עס? — שטעלט דער מאן אויס אויף איהר א פאר פער'חדוש'טע אויגען — פון אזא פארעניש האב איך זיכער געמיינט, אז עס קאכען זיך דארט פיש און עס בראטען זיך אינדיקעס, ומי יודע וואסערע נאך מאכלים... מא, אויף אזעלכע זאכען איז כדאי צו ווארטען... אבער פראסטען קרופניק? קרופניק פון א גאנץ יאהר — דאס האט דאך געקענט זיין צו דער צייט, אין דער פריה!...

אל תעש תפלתך קבע... (יח.)

עס האט אמאל איינער געפרעגט דעם חדושי הרי"ם אויפ'ן פסוק אין תהלים: „כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך ירח וכוכבים אשר כוננת". פארוואס ווערט נישט דערמאהנט אויך די זון, נאר בלויז ירח וכוכבים, די לבנה מיט די שטערען?

האט איהם דער חדושי הרי"ם דערויף געענטפערט:

איהר האט א טעות, ליעבער איד, אויב איהר מיינט, אז דוד המלך האט געזאגט די קאפיטלעך תהלים פון א תהלים'ל ארויס... עס איז געראד געווען ביינאכט, דוד המלך איז געזעסען מיט אויפגעהויבענע אויגען צום הימעל און דערזעהענדיג די לבנה מיט די שטערען און פערטיפענדיג זיך אין די געטליכע וואונדער פון מעשה בראשית, איז ער אריין אין התלהבות און ער האט אויסגערופען: „כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך — ירח וכוכבים אשר כוננת"!...

אנמערקונג פון זאמלער:

אזוי ווערט טאקי אויפ'ן דערמאהנטען פסוק אין תהלים דייטליך געזאגט אין רד"ק: „ולא זכר השמש, יש אומרים כי בלילה אמר זה המזמור בעת שהי' מסתכל בירח וכוכבים"...

אל תעש תפלתך קבע אלא רחמים ותחנונים... (יח.)

„אל תעש תפלתך קבע״, דו זאָלסט נישט קובע זיין און אָנווייזן דעם רבונו־של־עולם, ווי אַזוי, אויף וואָס פאַר אַנ׳אופן ער האָט דיר צו העלפען, „אלא רחמים ותחנונים לפני המקום״, דו בעט פון איהם סתם רחמים, און ווי אַזוי דיר צו העלפען, וועט ער שוין אַליין וויסען...

(כתב סופר)

דער רבי פון לובלין — ווערט דערצעהלט אין די חסיד׳ישע ספרים — האָט מבטיח געווען זיינעם אַ חסיד, ער זאָל קויפען אַ לאָטעריע־צעטעל, אויף וועלכען ער וועט זיכער טרעפען אַ גרויס געווינס. די הבטחה איז אָבער נישט מקוים געוואָרען און דער רבי פון לובלין האָט דערפון געהאַט גרויס צער... אַז דער רבי ר׳ בונם האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער איהם געשיקט זאָגען, ער זאָל זיך נישט מצער זיין. דען אין פלוג איז דאָך קשה: די חז״ל זאָגען אונז, אַז „הצדיק גוזר והקב״ה מקיים״ און אין נוסח־התפלה (גענומען פון תנא דבי אליהו) זאָגען מיר: „ומי יאמר לו מה תעשה״?... נאָר דער תירוץ איז, דער צדיק האָט טאָקי כח גוזר צו זיין, אָבער נישט אָנצווייזען דעם רבש״ע בפרטות דעם „מה תעשה״, ווי אַזוי דאָס זאָל געשעהען, און צו פיהרען מיט איהם עסקים וועגען לאָטעריע־צעטלעך...

— אַ שענער גאָט — פלעגט זאָגען רבי זישע האניפאָלער — וואָלט ער געווען, ווען איך, זישע, זאָל איהם דאַרפען לערנען, ווי אַזוי צו העלפען...

ואל תהי רשע בפני עצמך... (יח.)

זאָלסט זיך נישט פערמאַסקירען, נישט זיין קיין צבוע. זאָלסט נישט זיין קיין רשע „בפני עצמך״, בעת קיינער זעהט נישט, און פאַר לייטען — אַ מכלומר׳שט אָבגעהיטענער פרומער איד...

(בית יצחק)

בשעת דער מענש — שרייבט רבי נחמן בראַצלאַווער — קוקט אַריין אין זיך און ער זעהט, אַז ער איז מלא חטאים ועוונות און עס דוכט זיך איהם, אַז ער איז שוין חלילה זעהר וויט פון השם־יתברך, זאָל ער דאָס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל בודק זיין אין זיינע מעשים און ער זאָל זאָגען צו זיך: איז עס דען מעגליך, אַז איך זאָל אין מיין לעבען האָבען גאָר קיין גוטס נישט געטהון? און אַז ער וועט זוכען וועט ער זיכער געפינען, אַז אינ׳ם באַרג פון פסולת האָט זיך ערגיץ־וואו פערוואָגעלט אין איהם אַ גוטע נקודה, און דאַן וועט איהם שוין פיעל לייכטער זיין צו געפינען אַ צווייטע און אַ דריטע נקודה און, ווי ווייניג די דאָזיגע גוטע נקודות זאָלען נישט זיין, זענען זיי דאָך בכוח איהם צו שטאַרקען און צו דערפיהרען צום דרך־האמת, דען אַ קליין ביסעל גוטס איז ביכולת צו פערטרייבען אַ סך שלעכטס און „מעט מן האור דוחה הרבה מן החושך״, און דאָס איז די כוונה פון פסוק: „ועוד מעט ואין רשע והתבוננת על מקומו ואיננו״ (תהלים לז. יא.), עס איז גענוג אַ בלויזער „מעט״, אַז עס זאָל זיין „ואין רשע״ און ער זאָל מיט איינמאָל מתהפך ווערען צו גוטען...

בעקבתא דמשיחא וועט הערשען אַ גרויס צביעות אויף דער וועלט. עס וועט

דאַן זיין: הצדיקים — מזיקים, הענוים — גנבים, התמימים — ערומים, היראים — מרעים, הסופרים — כופרים, המשכילים — אוילים, הנבונים — סלונים, הראשים — נחשים, הטהורים — בוערים, המורים — חמורים, הטובים — מכאובים, האוהבים — אויבים, הסוחרים — עוכרים, העשירים — חזירים, הידידים — מפרידים, האחים — פחים, הגבאים — רמאים, המנהיגים — סיגים, המבקרים — משקרים, היפות — מנאפות, הבתולות — בעולות, הנערות — הרות, הקדושות — קדשות...

(שארית יוסף)

ודע מה שתשיב לאפיקורוס... (יט.)

„אפיקורס כגון מאן וכו' דאמר מאי אהני לן רבנן, מעולם לא שרו לן עורבא ולא אסרו לן יונה" (סנהדרין צ"ט)

דער אפיקורס און צו־להכעיס'ניק וואָלט וועלען טהון רק פערקעהרט ווי די תורה הייסט. איז ווען די חז"ל וואָלטען גע'אסר'ט צו עסען דאָס פלייש פון אַ יונה און מתיר געמאַכט דאָס פלייש פון עורב, וואָלט ער דאַמאָלט געקענט טהון להיפוך. עס פערדריסט איהם דעריבער, הלמאי מען האָט מתיר געמאַכט די יונה און גע'אסר'ט דעם עורב און ער קאָן נעביך נישט טהון פערקעהרט, מחמת דאָס פלייש פון עורב איז אונמעגליך צו עסען...

(רבי משה פאָליאַק)

לא עליך המלאכה לגמור... (כא.)

עס האָט זיך אַמאָל אַ חסיד מתנצל געווען פאַר'ן קאָצקער רבי'ן, אַז ער וואָלט מיט אַלע כחות וועלען זיין אַ למדן און קענען גוט לערנען, נאָר ליידער קומט עס איהם נעביך זעהר שווער אָן... האָט איהם דערויף דער קאָצקער געענטפערט, אַז אין דער גאַנצער תורה געפינען מיר נישט אַזאַ מצוה, אַז מען איז מחויב צו זיין אַ למדן און צו קענען גוט לערנען. בלויז אין איין אָרט ווערט געזאָגט: „למדו היטב" (ישעי' א.), מאַכט דאָרט רש"י גלייך אויפ'ן אָרט: „היטב — להטיב", אַז די כוונה איז נישט, צו קענען גוט לערנען, נאָר צו קענען גוטס טהון...

פרק שלישי

הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה... (א.)

די דריי זאַכען, וואָס ווערען דאָ אויסגערעכענט, זענען אַנטקעגען די דריי זאַכען, וואָס ווערען דערמאָנט אין ווייטערען פרק (ד. כח.): „הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם".

אויב מען וועט קוקען אויף'ן „מאין באת", וועט מען זיך אויפהערען צו יאָגען נאָך כבוד, וואָרום וואָס פאַר אַ כבוד האָט עס דאָס רעכט צו פערלאַנגען אַזעלכער, וואָס שטאַמט פון אַ „טיפה סרוחה"?... אויב מען וועט אין זינען האָבען דעם „לאן אתה הולך" וועט אָבגענומען ווערען דער חשק וועמען עס איז מקנא צו זיין, וואָרום וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, איז פאַרהאַן מקנא צו זיין, אַז „היום כאן ומחר בקבר"?... און אויב מען וועט געדענקען אין'ם „ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון" וועט אַוועקפאַלען די תאוה צו אַלע אַנדערע זינד...

(דברי אליעזר)

„אם פגע בך מנוול זה — זאָגען די חז"ל — משכהו לבית המדרש, נצחהו מוטב ואם לאו יקרא קריאת־שמע, ואם לאו יזכיר לו יום המיתה".

און דאָס איז דער פשט פון פסוק: „רבות מחשבות בלב איש" — אויב דער יצר איז מכשיל דעם מענש מיט פערשידענע זינדיגע מחשבות און הרהורי עבירה, איז „ועצת ד' היא", איז די איינציגע עצה דערצו — „תקו"ם": תורה, קריאת־שמע ומיתה.

(ווילנער גאון)

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפּשיצער אויף'ן דערמאָהנטען מאמר חז"ל — ווערט די עצה פון „יזכיר לו יום המיתה" געשטעלט צום סוף, ווייל דאָס דערמאָהנען זיך אין'ם יום־המיתה וואַרפט אַן פחד און עצבות אויף'ן מענש און דער רבונו־של־עולם וואָלט נישט וועלען, מען זאָל איהם דינען מתוך פחד און עצבות, נאָר מתוך שמחה, און דעריבער הייסט מען איהם פריהער זיך בענוצען מיט פערשידענע אַנדערע מיטלען, ערשט באין־ברירה, ווען דאָס העלפט נישט, איז — „יזכיר לו יום המיתה".

אַ חסיד'ישער יונגערמאַן איז אַמאָל געקומען צו רבי נפתלי ראָפּשיצער און זיך בעקלאָגט, אַז עס קריכען איהם כסדר אין קאָפּ „מחשבות זרות", אומריינע, זינדיגע געדאַנקען, פון וועלכע ער קאָן זיך נישט אָביאָגען. רבי נפתלי האָט איהם געגעבען פערשידענע עצות. דער יונגערמאַן אָבער איז יעדעס מאָל אַריינגעקומען און געקרעכצט, אַז עס העלפט נישט, און אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס, ביז רבי נפתלי איז שוין אַרויס פון

געדולד און ער האָט זיך אָנגערופען צו איהם: הער אויס, יונגערמאַן! „מחשבות זרות" איז דער פשט, אַז אַ מענש איז תמיד פערטהון אין הויכע, הייליגע רעיונות, נאָר טיילמאָל טרעפט, אַז דער יצר־הרע לאָזט אין איהם אַריינדרינגען פלוצים אַ פּאָר זייטיגע אומרייגע געדאַנקען, צו וועלכע ער איז לגמרי נישט צוגעוואוינט, הייסט עס דאָן „מחשבות זרות", פרעמדע מחשבות... דו אָבער, ווי איך זעה, ביזט אַריינגעטהון גאַנצע טעג מיט אַלע חושים אין די דאָזיגע אומרייגע געדאַנקען און זיי זענען ביי דיר לגמרי נישט קיין „מחשבות זרות"...

דע מאין באת ולאן אתה הולך... (א.)

געדענק און היט דיך, אַז פון דעם „אין" זאָל, חלילה, נישט ווערען קיין „אַך", אַז קומענדיג אויף דער וועלט מיט אַ „יוד", זאָלסטו נישט אַוועקגעהן פון דאַנען אָהן אַ „יוד"...

(דרכי אבות)

איך האָב געהערט — שרייבט רבי איזיק קאָמאַרנער אין זיין ספר „נצר חסד" — פון מיין הייליגען פאָטער רבי אלכסנדר זצ"ל, און געווען בין איך דאָן אַ קליין קינד און צוויי טעג זענען דורכגעגאַנגען, ווען אין שטוב איז קיין שטיקעל ברויט נישט געווען. מיין פאָטער זצ"ל איז געזעסען און געלערנט און זיין פנים האָט געלויכטען און געברענט, און ווען ער איז נאָכהער אַריינגעקומען אין שטוב און דערזעהען אונזער צער, האָט ער זיך דאָן אָבגערופען צו אונז און געזאָגט: קינדער מיינע, עס לוינט זיך נישט אַזוי שטאַרק מצער צו זיין. ווי לאַנג דויערט עס דען איינגאַנצען? עס איז דאָך נישט מעהר, ווי נישטיגע און נאַרישע זיעבציג יאָהר...

הוי מתפלל בשלומה של מלכות שאלמלא מוראה... (ב.)

אין אַ משנה פריהער ווערט געזאָגט: „הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה". דערויף קומט רבי חנינא און מאַכט אונז אויפמערקזאַם, אַז לידער איז נאָך גאַנץ ווייט צו יענער צייט, ווען דער „הסתכל בשלשה דברים" זאָל אָבהאַלטען דעם מענש פון זינד און פון פערשידענע פערברעכענס, ביז דעמאָלס מוז נאָך לידער דער מענש געצוימט ווערען מיט גאַנץ אַנדערע מיטלען, מיט דער הילף פון שטרענגע געזעצען און שטרענגע שטראָפען. פאַרלויפיג, ביז יענע צייט וועט קומען — „הוי מתפלל בשלומה של מלכות, שאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו"...

(רבי יוסף יעבץ)

שנים שיושבים ואין ביניהם דברי תורה... (ג.)

„שנים שיושבים", ווען צוויי אידען זיצען צוזאַמען, „ואין ביניהם", און זיי האָבען גאָרנישט צווישען זיך, זיי קריגען זיך נישט און רייסען זיך נישט אָרום, ווערט זיי דאָס גופא פערעכענט אַלס „דברי תורה"...

(רבי יצחק וואָרקער)

רבי דוסתאי ברבי ינאי משום רבי מאיר אומר כל השוכח דבר אחד ממשנתו מעלה עליו הכתוב כאילו מתחייב בנפשו... (י.)

וועגען רבי מאיר׳ן דערצעהלען די חז״ל, אַז ער האָט פּערמאָגט אַזאַ פענאָמענאַלען זכרון, דאָס ער איז אַמאָל געקומען אין אַנ׳אָרט, וואו עס איז נישט געווען קיין מגילה, האָט ער אָנגעשריבען די גאַנצע מגילה פון אויסענווייניג, „שלא מן הכתב״ (מגילה י״ח), און נאָר אַזאַ אונגעוועהנליכער בעל־זכרון ווי רבי מאיר האָט זיך געקענט אויסדריקען, אַז „כל השוכח דבר אחד ממשנתו — כאילו מתחייב בנפשו״, אַ זאַך, וואָס איז פאַר אַ דורכשניטליכען מענש אונמעגליך גאָר מקיים צו זיין...

(שפת אמת)

כל השוכח דבר אחד ממשנתו וכו׳ יכול אפילו תקפה עליו משנתו... (י.)

און דאָס איז דער פּשט: „רצה הקב״ה לזכות את ישראל״ — דער רצון פון השי״ת איז געווען מזכה צו זיין די אידען, זיי זאָלען נישט נענש ווערען צוליב׳ן „השוכח דבר אחד ממשנתו״ — „לפיכך הרבה להם תורה ומצוות״, כדי זיי זאָלען האָבען דעם דין פון „תקפה עליו משנתו״...

(כנסת ישראל)

ר׳ חנינא בן דוסה אומר כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקימת... (יא.)

צו רבי ישראל סאַלאַנטער זענען אַמאָל געקומען עטליכע בעלי־בתים מיט אַנ׳ אָנקלאַגע אויפ׳ן אָרטיגען שוחט, באשר ער איז צו ווייניג מומחה אין זיין אומנות און דער חלף קומט ביי איהם נישט אַרויס געהויג „חד וחלק״. האָט זיי רב ישראל דערויף געענטפערט, אַז איהם איז ליעבער אַ שוחט, וועלכער בעזיצט ניין און נייגציג פּראָצענט יראת־שמים און איין פּראָצענט שוחט, איידער פערקעהרט: ניין און נייגציג פּראָצענט שוחט און איין פּראָצענט יראת־שמים...

אַ צווייט מאָל, ווען די זעלבע בעלי־בתים האָבען פערפיהרט אַ מחלוקת געגען שוחט, האָט זיי רב ישראל סאַלאַנטער געגעבען אָנצוהערען, אַז פראַווען מחלוקת געגען אַ שוחט איז פון די געפעהרליכסטע זאַכען, וועלכע האָבען נישט קיין גוטען סוף, דען דער שולחן ערוך יורה דעה הויבט זיך אָן מיט הלכות שחיטה און ענדיגט זיך מיט — אבלות...

רבי חנינא בן דוסא וועגען וועלכען עס ווערען דערצעהלט אין דער גמרא זעהר פיעל מופתים און וועגען וועלכען אַ בת־קול האָט אויסגערופען: „כל העולם ניזון בשביל חנינא בני!״ (תענית כ״ה), האָט מעהר נישט געזאָגט ווי די דאָזיגע דריי געדאַנקען: „כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו וכו׳ כל שמעשיו מרובין מחכמתו וכו׳ כל שרוח הבריות נוחה הימנו וכו׳״, דאָגעגען ווערט פון איהם נישט געברענגט קיין שום דבר־הלכה.

דערפון — האָט דערויף בעמערקט דער חדושי הרי״ם — איז צו זעהען, אַז אויך בימי התנאים זענען געווען גרויסע צדיקים און בעלי מופתים, וואָס זענען אין

הימעל געווען זעהר חשוב, כאָטש זיי האָבען זיך נישט אויסגעצייכענט עפּענטליך מיט קיין לומדות.

דער קאָצקער רבי פלעגט זאָגען:

בשעת אַ איד עפּענט אויף אין דער פריה די אויגען און זאָגט: „מודה אני לפניך", דאַרף ער אַ טראַכט טהון ווער איז דער „אני" און ווער דער „לפניך"?...

אין תהלים (קכ"ה) ווערען אויסגערעכענט אַ רייה ברכות, צו וועלכע עס איז זוכה אַ ירא־שמים: „אשרי כל ירא ד' ההולך בדרכיו וכו' אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך, בניך כשתילי זתים" און דאַן ווערט אויסגעפיהרט: „הנה כי כן יבורך גבר ירא ד'". צוליעב וואָס זענען נויטיג די דאָזיגע ווערטער, נאָכדעם ווי עס איז שוין בפרטות אויסגערעכענט, מיט וועלכע ברכות דער ירא ד' ווערט געבענשט?

נאָר דער פשט — האָט דערויף געזאָגט רבי מענדעלי קאָצקער — איז אַזוי: „הנה כי כן", אויב עס איז יאָ אַזוי, אויב אַ ירא ד' ווערט געבענשט מיט אַלעם גוטען, „יברך גבר ירא ד'", איז געהוג, אַז בשעת איין מענש בענשט דעם צווייטען זאָל ער איהם בלויז זאָגען די צווי ווערטער: „ירא ד'!" זאָלסט זוכה זיין צו זיין אַ ירא־שמים, וועט ער שוין ממילא האָבען כל־טוב...

כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקימת... (יא.)

פאַר'ן צוטרעטען צו לערנען וועלטליכע חכמות מוז מען פריהער זיין בעפעסטיגט מיט אמונה און יראת־חטא. „אין כאלקינו" זאָגט מען פריהער, פאַר'ן „מי כאלקינו". אין די דאָזיגע זאַכען מוז מען שטענדיג האָבען פריהער גרייט דעם תירוץ פאַר דער קשיא...

(ברוך טעם)

רבי נחמן בראַצלאַווער פלעגט טייטשען: „הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו". הלואי — זאָגט השי"ת — „אותי עזבו", וואָלטען זיי מיך געלאָזט צורוה, אויפהער־רענדיג זיך אַזוי פיעל צו חקרב'ען און אַריינצוקלערען וועגען מיר, „ואת תורתי שמרו", און זיי זאָלען אָבהיטען די תורה איינפאַך, בפשטות כמו שכתוב...

„ולגדולתו אין חקר", צו דער גדלות פון השי"ת איז אונמעגליך צוצוגעהן מיט חקירה, נאָר מיט אמונה...

(רבי משה קאָברינער)

— כ'וואָלט באַין אופן — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — נישט געוואָלט דיענען צו אַזאַ גאָט, וואָס זיינע דרכים זאָלען זיין פערשטענדליך פאַר'ן שכל פון יעדען נישטיגען און נאַרישען ילוד־אשה...

רבי ישראל סאַלאַנטער פלעגט זאָגען: נישט דערפאַר, ווייל מען געהט בגילוי־ראש איז מען אַ גוי, נאָר אַז מען איז אַ גוי געהט מען בגילוי־ראש.

כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו... (יג.)

דערפון, וואָס מען גיט איינעם אָב כבוד און מען זאָגט איהם שבחים אין די אויגען, איז נאָך קיין בעוויז נישט, אַז מען האַלט טאַקי פון איהם, דען עפ״י רוב איז עס נישט מעהר ווי געוועהנליכע חניפה, ווייל מען דאַרף צו איהם אָנקומען, אָדער מען האָט פאַר איהם מורא. דער עיקר איז, צי עס איז — „רוח הבריות נוחה הימנו״, וואָס מען טראַכט און ווי אַזוי מען רעדט וועגען איהם הינטער די פלייצעס.

(מדרש שמואל)

„כל שרוח הבריות נוחה הימנו״, אויב אַ מענש איז נזהר אין די מצוות שבין אדם לחברו און צייכענט זיך אויס מיט זיין עהרליכקייט און רחמנות, דאַרפסטו איהם נישט בודק זיין אין זיין פרומקייט, נאָר אָננעהמען, אַז אויך רוח המקום נוחה הימנו, אַז מן־הסתם איז ער אויך נזהר אין די מצוות שבין אדם למקום. דאַגעגען אָבער „כל שאין רוח הבריות נוחה הימנו״, ווען איינער איז אַ שווינדלער, אַ רמאי, אַ׳אכזר און דערביי איז ער מכלומר׳שט געוואַלדיג פרום און אַ מדקדק במצוות, מעגסטו זיין זיכער, אַז „אין רוח המקום נוחה הימנו״, אַז דאָס איז אַ צבוע׳ק און עס איז נישט תוכו כברו, אַז באמת פערמאָגט ער נישט אין זיך קיין האָר יראת־שמים...

(דובנער מגיד)

וכל שאין רוח הבריות נוחה הימנו אין רוח המקום נוחה הימנו... (יג.)

אויב אַ מענש איז אַ רע לבריות, איז נישט־נאָר זיין פרומקייט קיין מעלה נישט, נאָר פערקעהרט, וואָס פרומער ער איז, אַלץ גרעסער איז צוליעב זיינע שלעכטע מדות און מעשים דער חלול־השם.

(תקון משה)

רבי נפתלי ראָפשיצער פלעגט שטאַרק פיינד האָבען די פרומאַקעס, וועלכע זאָרגען בלויז פאַר זיך, פאַר זייער חלק עולם־הבא, וועלכע זענען פרום צו גאָט און שלעכט צו מענשען. „פרום״ — פלעגט ער זאָגען — מאַכט: „פ׳יעל ר׳שעות, וו׳עניג מ׳צוות״... און ער פלעגט דערויף צוגעבען: אַ קלוגער איז אַ רשע, אַ פרומער איז אַ נאַר, אַ גוטער איז אַ הולטיי. נאָר וואָס דען? מען דאַרף זיין גוט און פרום און קלוג. אַז מען פערמאָגט אָט די אַלע דריי זאַכען צוזאַמען — איז מען אַ גאַנצע כלי.

(דור דעה)

ר׳ מרדכי נאַדבורגער האָט געטייטשט: „שבטי ד׳ לישראל עדות, בצרתם לו צר בסבלות ובעבדות״ (זמירות לשבת). דער סימן, וואָס זאָגט עדות אויף אַ איד, אַז ער איז פון די „שבטי ד׳״, איז דאָס, ווען ס׳איז „בצרתם לו צר״, ווען ער פיהלט דעם צווייטען איד׳ס צער. ווען ער איז זיך משתתף אין אידישע צרות.

צווישען די מעלות, וואָס רבי נחוניא בן הקנה רעכענט אויס, צוליעב וועלכע ער האָט זוכה געווען צו אריכת־ימים, געפינט זיך אויך: „ולא עלתה על מטתי קללת חברי״, ער האָט זיך נישט געפרעהט, ווען זיין חבר איז געשטרויכעלט געוואָרען. איז אין פלוג: וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ גרויסע מעלה, דאָס קאָן דאָך אויך אַ געוועהנליכער מענש בעוויזען?

נאָר דער פשט איז: עס האָט געמעגט ביי מיר אין שטוב זיין די גרעסטע שמחה, עס האָט מיר געמעגט געשעהען דאָס גרעסטע גליק, האָב איך נישט געקענט געניסען דערפון, האָב איך זיך נישט געקענט משמח זיין, אויב כ'האָב געוואוסט, אַז מיין חבר האָט אין דער זעלבער צייט עגמת־נפש צוליעב עפּעס אַ תקלה, אַנ'אומגליק, חלילה.

(רבי יצחק וואָרקער)

רבי הונא ורב חסדא — ווערט דערצעהלט אין דער גמרא — זענען געזעסען צוזאַמען און זיי האָבען געזעהען פערבייגעהן גניבא'ן. רופט זיך איינער אָן צום צווייטען: „ניקום מקמיה דבר אוריין הוא", דערויף ענטפערט דער צווייטער: „מקמי פלגאה ניקום"? דערווייל איז גניבא צוגעקומען און ער האָט זיי געפרעגט, אין וואָס זיי זענען עוסק, האָבען זיי איהם געענטפערט: „ברוחות", האָט ער געזאָגט צו זיי: „הכי אמר רב חנן וכו' ד' רוחות מנשבות בכל יום" (גטין ל"א).

איז דאָך אַ פלא, ווי געשיקט זיך עס, זיי זאָלען איהם זאָגען אַ ליגען, אַז זיי האָבען עוסק געווען „ברוחות", אין דער צייט, וואָס זיי האָבען דאָך גאָר עוסק געווען אין עפּיס אַנדערש, אין דער פראַגע, צי זיי זאָלען זיך אויפשטעלען פאַר איהם, אָדער נישט?

נאָר — האָט דערויף ערקלערט רבי שמשון שעפּעטיווקער — אין אבות ווערט געזאָגט: „כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו וכל שאין רוח הבריות נוחה הימנו אין רוח המקום נוחה הימנו", דאַגעגען אין ירושלמי איז דער נוסח פערקערט: „כל שרוח המקום נוחה הימנו רוח הבריות נוחה הימנו וכו'", און דערין אייגענטליך איז אויך בעשטאַנען די חילוקי דעות צווישען רב הונא ורב חסדא. איינער פון זיי האָט געהאַלטען, אַז מען דאַרף זיך אויפשטעלען פאַר איהם, ווייל ער איז אַ „בר אוריין". ס'איז „רוח המקום נוחה הימנו" און לויט'ן נוסח אין ירושלמי איז „כל שרוח המקום נוחה הימנו — רוח הבריות נוחה הימנו" — דאַגעגען דער צווייטער איז געווען אין דער מיינונג, אַז מען דאַרף זיך פאַר איהם נישט אויפשטעלען, ווייל ער איז אַ „פלגאה", אַ בעל מחלוקת, ס'איז נישט „רוח הבריות נוחה הימנו" און ריכטיגער איז דער צווייטער נוסח, אין אבות, אַז „כל שרוח הבריות נוחה הימנו — רוח המקום נוחה הימנו"... אויף זיין פראַגע, אַלזאָ, אין וואָס זיי האָבען עוסק געווען, האָבען זיי איהם זעהר ריכטיג געענטפערט: „ברוחות", אין דער פראַגע פון „רוח המקום און רוח הבריות", ער אָבער האָט עס אַנגענומען גאַנץ פשוט, אַז דאָס מיינען זיי רוחות — ווינטען, און ער האָט זיך דעריבער אָנגערופען בתמימות: „הכי אמר רב חנן וכו' ד' רוחות מנשבות בכל יום"...

בשעת מען האָט געבראַכט צום „נודע ביהודה" אַ כתב־רבנות פון פראַג, האָט ער עס נישט געוואָלט אַנגעהמען. שפּעטער אָבער, דערוויסענדיג זיך, אַז דער בעריהמ־טער פראַגער למדן, רבי זרח איידליץ, וויל ווערען רב אין פראַג, הגם די שטאָדט וויל איהם נישט, האָט דער „נודע ביהודה" חוזר געווען פון זיין פריהערדיגען בעשלוס און איינגעשטימט אַנצונעהמען דאָס רבנות.

פרעגט איהם דאַן רבי זרח איידליץ: בתחלה מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר? פאַרוואָס, רבי, האָט איהר פריהער נישט געוואָלט און איצט יאָ?

— כ'וועל אייך זאָגען — ענטפערט איהם דערויף דער „נודע ביהודה" — אַנצונעהמען אַ רבנות לוינט זיך צוליעב צוויי טעמים: ערשטענס, כדי זיך איבערצו־צייגען, אַז „רוח הבריות נוחה הימנו", וואָס דאַן איז דאָך ממילא „רוח המקום נוחה

הימנו", און צוויטענס, כדי מען זאָל איהם דאַדורך מוחל זיין די עוונות, דען „כל העולה לגדולה — זאָגען די חז״ל — מוחלין לו כל עוונותיו".

איז צוליעב׳ן ערשטען טעם איז נישט נויטיג דווקא צו ווערען רב און עס איז געננוג דאָס בלויזע בעקומען פון דער שטאָדט אַ כתב־רבנות, דאָס אַליין איז שוין אַ גאַנץ געגוגענדער בעוויז, אַז „רוח הבריות נוחה הימנו". זעהענדיג, אָבער, אַז אַזאַ תלמיד־חכם, ווי רב זרח אידליץ, יאָגט זיך נאָכ׳ן פּראַגער ר׳בנות, הגם די שטאָדט וויל איהם נישט, כאָטש עס איז „אין רוח הבריות נוחה הימנו", זעה איך דאָך, אַז דער עיקר איז דערביי דער צווייטער טעם, דאָס מוחל זיין די עוונות, און וויבאַלד אַזוי איז שוין אַ כתב־רבנות אַליין ווינציג און איך האָב דעריבער בעשלאָסען איבערצונעהמען דאָס רבנות בפועל...

(דעת זקנים)

דעריבער זעהען מיר, אַז די גרעסערע שטעדט האָבען ערגערע רבנים ווי די קלענערע שטעדטלעך, ווייל „כל העולה לגדולה מוחלין לו כל עוונותיו", איז וואָס מעהר עוונות מען האָט אויף זיך, אַלץ גרעסער דאַרף זיין די שטאָדט...

(שיחות חכמים)

והוה מקבל את כל האדם בשמחה... (טז.)

רבי אברהם יצחק קוק, דער הרב הראשי פון ארץ־ישראל, האָט זיך אויסגעצייכענט, כידוע, מיט אונגעוועהנליכער אהבת ישראל, אויפנעהמענדיג בסבר פנים יפות איטליכען איד, אַפילו דעם קל שבקלים.

— ווי אַזוי, רבי — האָט מען איהם איינמאָל געפרעגט — קענט איהר ליעב האָבען אַזעלכע, וועלכע זענען ידוע אַלס פושעים און עוברים על הדת?

— בעסער — האָט זיי הרב קוק אָבגעענטפערט מיט אַ שמייכעל — כ׳זאָל נכשל ווערען אין אהבת־חנם, איידער חלילה נכשל צו ווערען אין שנאת־חנם...

אַן׳עהנליכע שאלה האָט מען אַמאָל געשטעלט דעם נאָוואַרדאָקער רב, רבי יחיאל מיכל עפשטיין, דער מחבר פון „ערוך השלחן". צווישען זיינע ידידים האָט זיך געפונען איינער פון די שטאָדטישע משכילים, אַ בעקאַנטער אפיקורוס, וועלכער איז געווען אַ יוצא ונכנס אין זיין שטוב און רבי יחיאל מיכל האָט מיט איהם אָפט פערברענגט.

— היתכן — האָט מען איהם איינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט — ווי אַזוי לאָזט איהר אַזאַ פושע־ישראל איבערטרעטען אייער שוועל? עפ״י דין דאַרף מען דאָך אַזאַ איינעם פיינד האָבען, „הלא משנאיך ד׳ אשנא"?

— כ׳בין איך מודה — ענטפערט זיי ר׳ יחיאל מיכל מיט אַ זיפץ — איהר האָט פולקאָם רעכט, אָבער וואָס זאָל איך טהון... גלויבט מיר, אַז כ׳קאָן נישט, ס׳איז מיר אונמעגליך פיינד צו האָבען אַ איד...

שחוק וקלות ראש וכו׳... (יז.)

רבי דוד׳ל דינאָווער איז אַמאָל געפאָהרען זומער אין אַ קור־אָרט און ער האָט געזעהען, מיט וואָס פאַר אַ הוללות און פריקת־עול דער עולם פערברענגט דאָרט די טעג און אַז זאָגאַר אַזעלכע אידען, וואָס אין דער היים פיהרען זיי אַ בעשיידען,

צניעות׳דיגען לעבען, ווארפען דארט אראב פון זיך יעדע בושה און טהוען אב כל דאס בייז, האט ער זיך דאן אויסגעדריקט פאר זיינע מקורבים, אז איצט איז איהם פערשטענדליך די גמרא, וואו עס ווערט געזאגט, אז „חמי טבריא נשארו מן המבול״ (סנהדרין ק״ח). אין פלוג: צו וואס האט מען געדארפט איבערלאזען א זכר פון מבול? נאר ווי עס ווייזט אויס, איז דאס נויטיג געווען צוליעב דעם, ווייל טאמער וועט וועד פון די שפעטערדיגע דורות מתרעם זיין, הלמאי השי״ת האט בעשטראפט דעם דור המבול מיט אזא שווערען עונש, זענען דעריבער איבערגעלאזען געווארען די חמי טבריא, פון וואנען עס נעהמען זיך די אלע ווארימע בעדער און קור־ערטער, ווי מיר געפינען אין פסחים: „פסח שבשלו בחמי טבריא״ (פסחים מ״א), זאגט רש״י: „בחמי טבריא — מעינות רותחין״, אז אלע הייסע קוואלען הייסען „חמי טבריא״, און בשעת מען קומט אין די דאזיגע ערטער און מען זעהט, וואסערע מעשים תעתועים דא ווערען אבגעטהון, הויבט מען אן צו פערשטעהן, פארוואס דער דור המבול איז אזוי שווער געשטראפט געווארען...

אגב, איז עס טאקי א בפירוש׳ע גמרא: „במה דברים אמורים במומין שבסתר, אבל לא במומין שבגלוי, ואם יש מרחץ אפילו מומין שבסתר בודק״ (כתובות ע״ה), אין מרחץ, אין די בעדער, אין די קור־ערטער, שווימען ארויס אלע מומין שבסתר, דארט גיט זיך יעדער צו דערקענען לויט זיין ריכטיגען פרצוף...

(פרדס יוסף)

מסורת סיג לתורה מעשרות סיג לעושר... (יז.)

דעם פסוק „עשר תעשר״ דרש׳נען די חז״ל: „עשר בשביל שתתעשר״, לייענדיג דאסווארט „עשר״ מיט א שין ימנית. דער דאזיגער דרש איז אבער נאר דאן מעגליך, ווען מען שטיצט זיך אויף דער מסורה און מען האלט, אז „יש אם למסורה״, ווארום אויב מ׳זאל אננעהמען, אז עס איז בלויז „יש אם למקרא״ און ס׳ער קרי פון „עשר״ איז דא מיט א שין שמאלית, איז דאך דאן קיין ארט נישטא פאר׳ן דערמאהנטען דרש... און דאס, אלזא, איז די כוונה פון דער משנה: „מסורת סיג לתורה״, ביים לערנען די תורה מוז מען אונבעדינגט אנקומען צו דער מסורה, א ראיה דערצו איז דער דרש, אז — „מעשרות סיג לעושר״, דער דרש פון „עשר בשביל שתתעשר״...

(ווילנער גאון)

אויך עשירות, פונקט ווי תורה און ווי נדרים, נויטיגט זיך אין א סיג, אין א גדר, אין אונגעוועהנליכע פארזיכטיגקייט. מען דארף וויסען, ווי זיך דערמיט אומ־צוגעהן, מיט עשירות קאן מען א סך דערגרייכען, אבער — אויך א סך פערלירען...

(נועם אלימלך)

סיג לחכמה שתיקה... (יז.)

א סיג, אבער נישט דער גאנצער עיקר. מיט׳ן בלויזען שוייגען ווערט מען נאך נישט קיין חכם...

(רבי אייזיל סלאנימער)

אויף רבי רפאל וואָלאָזשינער, וועלכער איז געווען בטבע אַ גרויסער שותק, פלעגט מען זאָגען:

— רבי רפאל שווייגט אַזוי לאַנג ביז ער ווערט מיעד, רוהט ער זיך אָב אַ ביסעל און... שווייגט ווייטער.

בעת דער גערער רבי איז צוריקגעקומען פון זיין ערשטע רייזע נאָך ארץ־ישראל, האָט דאַן דער קאַלישער רב, רבי יחזקאל ליפשיץ, איהם אַ פרעג געטהון:

— ווי פיהלט איהר זיך, רבי, נאָכ׳ן בעזוך אין ארץ־ישראל? די חז״ל זאָגען דאָך, אַז „אוירא דארץ־ישראל מחכים״.

— אמת — האָט איהם דער גערער רבי געענטפערט מיט אַ שמייכעל — אָבער די חז״ל זאָגען אויך, אַז „סיג לחכמה שתיקה״...

— שווייגען — האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט דער קאָצקער רבי — איז דאָס העכסטע געשריי פון דער וועלט...

רבי אלעזר בן עזריה אומר אם אין תורה אין דרך ארץ... (כא.)

רבי אלעזר בן עזריה איז, ווי בעקאַנט, געווען איינער פון די גרעסטע עשירים אין זיין צייט, אַזוי ווייט, אַז „הרואה רבי אלעזר בן עזריה בחלום יצפה לעשירות״ (ברכות נ״ז), און די עשירים זענען עפ״י רוב גאָר קנאַפּע בעלי דרך־ארץ, „ועשיר יענה עזות״. רבי אלעזר בן עזריה, דער גרויסער עושר, וואָס מיט זיין וואָרט װעלען זיך די עשירים אוודאי רעכענען, האָט דעריבער געפינען פאַר נויטיג זיי אויפמערקזאָם צו מאַכען און צו ערקלערען: „אם אין תורה אין דרך־ארץ, אם אין דרך־ארץ אין תורה״...

(רבי אליעזר הכהן)

אויב דער מענש האָט נישט אין זיך קיין תורה, פערשפּאָרסטו שוין צו פרעגען אויף איהם, צי ער איז כאָטש אַ בעל דרך־ארץ — ער איז דאָס זיכער נישט. דעס־גלייכען „אם אין דרך־ארץ״, אויב איינער האָט קיין דרך־ארץ נישט און צייכענט זיך אויס מיט זיין חוצפה און עזות, פערשפּאָרסטו צו פרעגען, צי ער איז כאָטש אַ בן־תורה — ער איז זיכער אַ גראָבער יונג...

(מנחת יצחק)

דער בראָדער רב, רבי שלמה קלוגער, האָט אַמאָל בעקומען אַ בעפעהל פון מלכות, אַז ער זאָל האַלטען אַ דרשה פאַר די אידישע שילער פון בראָדער רעגירונגס־גימנאַזיום. האָט ער אין זיין דרשה זיך געווענדעט צו זיי און געזאָגט:

— ליבע קינדער! עס איז דער וואונש פון דער רעגירונג ירום הודה און זי פערלאַנגט, אַז אַזוי ווי עס זענען פאַרהאַן אין בראָד געלערנטע גויים, אַזוי זאָלען אויך זיין געלערנטע אידען. איז אויב איהר וועט זיין אידען און זיך אויפפיהרען ווי אידען, וועט איהר דערמיט ערפיהלען דעם רצון פון דער רעגירונג. דאַגעגען אָבער אויב איהר וועט נישט פאָלגען און נישט אָבהיטען, וואָס די תורה הייסט אייך, וועט איהר דערמיט זיין מורדים במלכות, דען קיין פרישע גויים דאַרף זי נישט און וויל נישט, גויים האָט זי גענוג אייגענע אָהן אייך...

אם אין קמח אין תורה אם אין תורה אין קמח... (כא.)

אַ חסיד האָט זיך אַמאָל מתנצל געווען פאַר רבי מאיר׳ל פּרעמישלאַנער, אַז ער האָט ל״ע נישט קיין פּרנסה און ער האָט דעריבער נישט דעם קאָפּ צום לערנען.

— אין דער משנה — האָט איהם רבי מאיר׳ל געענטפערט — ווערט פריהער געזאָגט: „אם אין קמח אין תורה" און דערנאָך: „אם אין תורה אין קמח". לויט׳ן דין ווערט געפסק׳נט, אַז „תפוס לשון אחרון" (נדרים כ״ו), און מיר טענה׳ן דעריבער צום רבונו־של־עולם: „אם אין תורה", בעת דו זעהסט, אַז די אידען לערנען נישט קיין תורה, זאָלסטו וויסען, אַז דאָס איז נישט חלילה פון שלעכטען ווילען, נאָר ווייל „אין קמח", ווייל זיי האָבען נעביך קיין פּרנסה נישט. גיב זיי, רבונו־של־עולם, פּרנסה וועלען זיי האָבען דעם קאָפּ צום לערנען!...

רבי משה קאָברינער פלעגט זאָגען: „שלום רב לאוהבי תורתך", עס וואָלט געווען, רבונו־של־עולם, אַ סך שלום צווישען דיינע תורה־אידען, דאָס אומגליק איז בלויז, וואָס „ואין למו", וואָס זיי האָבען נעביך קיין פּרנסה נישט, און דאָס איז, לײדער, דער „מכשול", די איינציגע שטערונג און די איינציגע סיבה, וועלכע איז גורם צו די אַלע מחלוקות און אַרומרייסענישען...

רבי יעקב יוזפא, דער ווילנער שטאָדט־מגיד, האָט איינמאָל — און געווען איז דאַמאָלס אַ ביטערע צייט פאַר אידען — אוועקגעשטעלט זיך אין אַ שבת־מברכים אויף דער בימה און געזאָגט:

אינ׳ם יהי רצון פאַר ראש־חודש בענשען זענען מיר מתפלל: „ותתן לנו חיים ארוכים, חיים של שלום, חיים של טובה, חיים של ברכה, חיים של פּרנסה וכו׳" און צום סוף ווערט אויסגעפיהרט: „חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים". פאַרוואָס ווערט די תפלה אויף אהבת התורה איבערגעלאָזט אויפ׳ן סוף? נאָר — האָט ער זיך אויסגעדרעהט מיט׳ן פּנים צום ארון־קודש, אַרויפגעלעגט די הענד אויפ׳ן פּרוכת און זיך צעוויינט און אויסגעשריען: תורה! תורה! דו ווייסט דאָך, אַז אָהן אידען קאָן קיין תורה נישט זיין און אַז אָהן אַ חיים של שלום, חיים של טובה, חיים של ברכה און חיים של פּרנסה איז נישט מעגליך קיין אהבת תורה ויראת שמים!...

כל שחכמתו מרובה ממעשיו למה הוא דומה וכו׳... (כב.)

די תורה — פלעגט זאָגען רבי יצחק אלחנן — ווערט אין פיעל ערטער געגליכען צו אַ פרוי, ווי עס ווערט געדרשנ׳ט: „ראה חיים עם אשה אשר אהבת — קנה לך אומנות עם התורה" (מדרש רבה קהלת). די חכמה דאַגעגען ווערט געגליכען צו אַ שוועסטער: „אמרי לחכמה אחותי את" (משלי ז. ד). מיט אַ פרוי דאַרף מען וואוינען און מוליד זיין פון איהר קינדער, מיט אַ שוועסטער אָבער מעג מען בלויז זיין היימיש, אָבער וואוינען, זיך משדך זיין מיט איהר — טאָר מען נישט...

מעשים אָהן חכמה זענען ווי פיס אָהן שיך, חכמה אָהן מעשים — ווי שיך אָהן פיס...

(רבי שלמה אבן גבירול)

רבי אלעזר בן חסמא אומר וכו׳ תקופות וגמטריאות פרפראות לחכמה... (כג.)

רבי אלעזר בן חסמא איז געווען בעריהמט אין זיין דור אַלס גרויסער מאַטע־מאַטיקער און אַסטראָנאָם, אַזוי ווייט, דאָס מען האָט געזאָגט אויף איהם, אַז ער האָט געקענט אויסרעכענען „כמה טפין יש בים״, דערביי אָבער איז ער אויך געווען אַ גרויסער אָרימאַן אַ מחוסר לחם, ווי עס איז צו זעהען פונ׳ם געשפּרעך צווישען רבן גמליאל און רבי יהושע: „תמה אני על שני תלמידים שיש לך ביבשה, רבי אלעזר בן חסמא ורבי יוחנן בן גודגדה, שיודעין לשער כמה טפין יש בים ואין להם פת לאכול ולא בגד ללבוש״ (הוריות י׳).

רבי אלעזר בן חסמא האָט זיך דעריבער אויסגעדריקט, אַז צו דער תורה און וויסענשאַפט, צו די „קנין ופתחי נדה, תקופות וגמטריאות״, זענען אונבעדינגט נויטיג און געוואונשען — „פרפראות לחכמה״, צו האָבען דערביי אויך אַ ביסעל איינפּאַכע „פרפראות״, וואָס אין מויל אַריין צו נעהמען...

(ר׳ ברוך פרענקעל)

פרק רביעי

בן זומא אומר איזהו חכם הלומד מכל אדם... (א.)

דעריבער — ווי עס ערקלערט דער ברטנורא — האָט מען איהם גערופען „בן־זומא", אויפ'ן פאָטער'ס נאָמען, ווייל ער איז געווען זעהר יונג און מען האָט איהם נאָכנישט געהאַט מסמיך געווען.

און דערפאַר, ווייזט אויס, האָט ער געהאַלטען פאַר נויטיג אָנצוהויבען זיינע מאמרים מיט דער דאָזיגער הקדמה: מען זאָל נישט קוקען דערויף, וואָס ער איז יונג און מען זאָל זיך צוהערען צו זיינע ווערטער, וואָרום — „איזהו חכם הלומד מכל אדם"...

אין דער הקדמה צו זיין ספר, איז זיך דער של"ה מתנצל, פאַרוואָס דאָס ספר ענטהאַלט בלויז אַ ליקוט פון פערשידענע מקורות. אַלס משל ווייזט ער דערביי אָן אויף אַ ביהן און אַ שפין. די שפין איז אָריגינעל, זי שפינט איהרע פעדים פון זיך זעלבסט, דאַגעגען די ביהן קלויבט צונויף איהר מאַטעריאַל פון דער פרעמד, אויס־זויגענדיג דעם זאַפט פון פערשידענע בלומען און געוויקסען, און דאָך איז די אַרבייט פון דער ביהן נוצליך און פון דער שפין — שעדליך...

אין שכנות פון רבי'ן אלימלך פון ליזענסק האָט געוואוינט אַ קירזשנער, וועלכער האָט אויך געהייסען אלימלך און געוואוינט איז ער געווען צו אַרבייטען ביז שפעט נאָך האַלבער נאַכט. איינמאַל, געווען איז עס נאָך חצות און דער קירזשנער, צרמידעט פון אַ גאַנצען טאָג אַרבייט, האָט איינגעדרימעלט. הערט דער רבי אלימלך דורך דער וואַנד, ווי דעם קירזשנער'ס ווייב וועקט דעם מאַן איהרען און שרייט צו איהם: „מלך, מלך! פעררעכט דאָס פעלצעל כל־זמן עס ברענט נאָך דאָס ליכטעל!"...

— די דאָזיגע ווערטער — האָט אויסגעפיהרט דער רבי אלימלך — קלינגען איהם פון דאַמאָלס־אָן טאָג און נאַכט אין די אויערען און געבען איהם קיין רוה נישט...

אַן'אינטערעסאַנטער וואָרט־שפּיעל געפינט זיך אין דער הקדמה פון ספר „ארץ־צבי":

„החכם — בעיניו כסיל, החכם בעיניו — כסיל". ד. ה. דער חכם איז ביי זיך אין די אויגען אַ נאַר, דער נאַר איז ביי זיך אין די אויגען אַ חכם...

איזהו חכם... איזהו עשיר... (א.)

דעריבער פרעגט בן־זומא בעזונדער וועגען חכם און בעזונדער וועגען עשיר,

ווייל דער עושר פון דער דאָזיגער משנה האָט באמת קיין געלד נישט, ער איז נור אַ „שמח בחלקו״... ביים אמת׳ן עושר אָבער איז נישט שייך אָבצוטיילען דעם חכם פון עשיר, ווארום דער עושר, וואָס האָט געלד, איז ער שוין גלייכצייטיג אויך אַ חכם...

(רשפי קשת)

איזהו גבור הכובש את יצרו... (א)

דער יצר־טוב — פלעגט זאָגען רבי נחמן בראצלאוּוער — איז ביי אַלעמען גלייך, דאַגעגען דער יצר־הרע איז — „כל הגדול מחברו יצרו גדול הימנו״, יעדער לויט זיין ערך גאָך...

— געוועהנליך — פלעגט זאָגען רבי בערעניו לעוויער — טייטשט די וועלט, אַז דאָס בעציהט זיך אויפ׳ן יצר־הרע, איך אָבער מיין, אַז „הכובש את יצרו״ געהט אַרויף אויפ׳ן יצר־טוב. מען דאַרף דעם יצר־טוב איינהאַלטען אין זיך, נישט וואַרפען זיך מיט איהם צופיעל אין די אויגען, נישט אַרומשלעפּען זיך מיט איהם איבער די גאַסען, נישט ווייזען פאַר יעדען: זעהט, וואָס פאַר אַ פרומער, אָבגעהיטענער איד איך בין, וואָס פאַר אַ טייערען יצר־טוב איך בעזיץ...

איזהו גבור הכובש את „יצרו״, זיין אייגענעם יצר, נישט יענעמס... דען געוועהנליך האָבען מענשען אַ טבע צו וועלען רק ברעכען דעם צווייטענ׳ס יצר, יענער זאָל זיין גוט, יענער זאָל זיין פרום...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

זאָרגען זאָלסטו פאַר דיין נשמה און פאַר יענעמס קערפּער, נישט פערקעהרט...

(רבי ישראל סאלאנטער)

איזהו עשיר השמח בחלקו... (א)

אין אַ צווייט אָרט דאַגעגען (שבת כ״ה) געפינען מיר וועגען דעם פערשידענע מיינונגען: „איזהו עשיר? — כל שיש לו נחת רוח בעשרו. דברי רבי מאיר; רבי טרפון אומר: כל שיש לו מאה כרמים ומאה שדות ומאה עבדים שעובדין בהם; רבי עקיבא אומר: כל שיש לו אשה נאה במעשים; רבי יוסי אומר: כל שיש לו בית־הכסא סמוך לשלחנו״.

און, ווי עס ווייזט אויס, געהט יעדער פון די דערמאָהנטע מאן־דאמר׳ס לשיטתו. וועגען רבי מאיר דערצעהלען די חז״ל, אַז ער איז געוועזן אַ סופר (עירובין י״ג) און, כידוע, איז אויף סופרים נגזר געוואָרען, אַז זיי זאָלען זיין אָרימעלייט, ווי מיר געפינען אין דער גמרא: „עשרים וארבעה תעניות ישבו אנשי כנסת הגדולה על כותבי ספרים תפלין ומזוזות שלא יתעשרו, שאלמלי מתעשרין אין כותבין״ (פסחים נ׳), איז דעריבער זאָגט רבי מאיר: „איזהו עשיר, כל שיש לו נחת רוח בעשרו״, אַז מען דאַרף זיך צופרידענשטעלען מיט וויפיעל מען האָט. רבי טרפון דאַגעגען איז געוועזן אַ גרויסער עושר (נדרים ס״ב), זאָגט ער דעריבער: „כל שיש לו מאה כרמים ומאה שדות״. וועגען רבי עקיבא׳ן דערצעהלען די חז״ל (נדרים נ׳), אַז זיין פרוי איז געוועזן די טאָכטער פון רייכען כלבא שבוע, וועלכער האָט נישט איינגעשטימט אויפ׳ן שידוך אח

ער האָט איהר מעביר־נחלה געווען און זי האָט אַ צייט־לאַנג געלעבט אין די שרעק־ליכסטע דחקות־בעדינגונגען און דאָס אַלץ פאַר ליעב געגומען. האָט ער זיך דעריבער אויסגעדריקט: „כל שיש לו אשה נאה במעשים״. ווענען רבי יוסי, ווידער, ווערט דערצעהלט אין דער גמרא (עבודה זרה מ׳), אַז ער איז געווען אַ מאַגען־ליידענדער, און דעריבער האָט ער געזאָגט: „כל שיש לו בית הכסא סמוך לשלחנו״...

(אוצר דברי חכמים)

איזהו עשיר השמח בחלקו...

און דאָס — ווערט געזאָגט דערויף בדרך־הלצה — איז דער פשט פון פסוק „ראש ועושר אל תתן לי״ (משלי ל. ח.), דו זאָלסט מיר נישט געבען דאָס עשירות פון „איזהו עשיר השמח בחלקו״, וואָס לויט דער משנה איז מען אַן עושר און באמת — אַן אָרימאַן...

(זכרון מנחם)

מיט וואָס ערקלערט זיך עס, וואָס אויף דער עלטער פערלירט דער מענש די תאוה צו אַלע עבירות, אַ חוץ די תאוה צו געלד, וועלכע הערט נישט אויף ביי איהם אפילו ווען ער שטעהט שוין מיט איין פוס אין קבר?

ווייל געלד איז אַ „דבר שבמנין״ און מיר האָבען אַ כלל, אַז „דבר שבמנין אפילו באלף לא בטל״...

(רבי יהושע׳לע קוטנער)

אין ילקוט משלי ווערט דערצעהלט, אַז מען האָט איינמאָל אויפגעגראָבען אַ הייל פון מוראַשקעס, האָט מען דאָרט געפונען דריי הונדערט קערץ מיט ווייץ, וועלכע זענען צונויפגעזאַמעלט געוואָרען דורך די מוראַשקעס במשך פון דורות. הגם די מוראַשקע לעבט נישט מעהר ווי זעקס חדשים און אויף איהר בעשפייזונג האָט זי גענוג אנדער־האַלבען ווייץ אַ טאָג, ווערט זי דאָך נישט מיעד צו זאַמלען און צוצוגרייטען, אויס מורא, טאָמער וועט פלוצים געשעהען אַ נס און זי וועט לעבען אונענדליך לאַנג...

און דאָס, אַלזאָ, איז דער פשט אין פסוק: „לך אל נמלה, עצל, ראה דרכיה וחכם״ — פון דער נמלה זאָלסטו זיך לערנען אַרבייטסזאַמקייט, נישט צו זיין פויל, אָבער — „ראה דרכיה וחכם״, דו זאָלסט אָבער גלייכצייטיג זיין קלוגער פון איהר און נישט איינרייסען צופיעל די וועלט...

(בני נפתלי)

הוי רץ למצוה קלה כלחמורה ובורח מן העבירה... (ב.)

פאַרוואָס שטעהט נישט אויך: „ובורח מן עבירה קלה כמחמורה״?

נאָר „קלות וחמורות״ מיינט מען אַזעלכע מצוות, וואָס עס איז לייכט מקיים צו זיין, און אַזעלכע, וועלכע קומען־אָן שווער, און דאָס איז ביי עבירות נישט שייך, אין דער היזיכט זענען אַלע גלייך — נישטאָ קיין לייכטערע זאַך, ווי צו טהון אַן עבירה...

(מהר״ל מפראַג)

ואין לך דבר שאין לו מקום... (ג.)

וויבאַלד איטליכער האָט זיין אָרט, טאָ פאַרוואָס — האָט געפרעגט דערויף רבי אברהם יעקב סאַדיגורער — איז אַזוי ענג צווישען אונז?

דערפאַר, ווייל אנשטאט וואָס יעדער זאָל היטען זיין אָרט, וויל איטליכער פער־כאַפּען דעם צווייטענ׳ס אָרט...

מאד מאד הוה שפל רוח... (ד.)

אברהם אבינו האָט אין זיין גרויס עניוות זיך אויסגעדריקט: „ואנכי עפר ואפר" (בראשית יח. כז.).

משה און אהרן האָבען ערקלערט: „ונחנו מה" (שמות טז. ז.).

דוד המלך האָט געזאָגט: „ואנכי תולעת ולא איש" (תהלים כב. ז.).

אָבער נאָך אַ גרויסע מדרגה פון עניוות איז — גאָרנישט צו זאָגען...

(רבי ברוך מעזשיבוזשער)

פון דער גאוה גופא — פלעגט זאָגען רבי וואָלף זשיטאָמירער — דאַרף זיך דער מענש אָראָבלערנען די מדה פון עניוות. וואָרום זעהט, אדרבא, ווי פשוט און איינפאַך די גאוה איז ביי זיך. זי איז אַ כל־ולך דווקא ביי די סאַמע נידריגסטע און געמיינסטע ברואים. וואו ערגיץ אַ לײדאַק, וואו ערגיץ אַ גראָבער יונג — חבר׳ט זי זיך מיט איהם...

פאַרהאַן פערשידענע מיני גאות, פאַרהאַן זאָגאָר אַנ׳עניוות, וואָס קומט פון גאות. און דאָס איז דער פשט: „גאות אדם — תשפילנו" (משלי כט. כג.). מאַנכעס מאָל איז זיך דער מענש משפיל און מאַכט זיך פאַר אַנ׳עניו צוליעב גאוה, כדי מענשען זאָלען ריידען וועגען איהם, איהם ריהמען פאַר דער דאָזיגער זעלטענער מדה און איהם אָבגעבען כבוד...

(מחנה לוי)

אויף אַנ׳עהנליכען אופן ווערט געטייטשט: „כי הלל רשע על תאות נפשו" (תהלים י. ג.), גאַנץ אָפט בענוצט זיך אויך דער רשע מיט דער מדה פון עניוות, ער ווערט פלוצים אַנ׳עניו „כהלל", בשעת דאָס איז איהם גראָד נויטיג צו זיינע כיטרע שמד־שטיק...

דער חתם־סופר האָט געהאַט אַ משמש, וועלכער האָט זיך שטאַרק גרויס גע־האַלטען און געבלאָזען פון זיך, און דאָס צוליעב צוויי זאַכען, ערשטענס, ווייל ער איז דעם חתם־סופר׳ס משמש, צווייטענס, ווייל ער האָט געהאַט אַ פעטער אַ בעריהמטען גביר, אַ באַנקיר אין פרעשבורג.

ווען מען האָט דאָס דערצעהלט דעם חתם־סופר האָט ער איהם אַריינגערופען צו זיך און געזאָגט: כ׳פערשטעה נישט, מיט וואָס דו האָסט זיך אַזוי איבערצונעהמען. מילא, ווען לערנען וואָלסטו געקענט אַזוי ווי איך און רייך וואָלסטו געווען, ווי דיין פעטער — וואָלסטו טאַקי געהאַט מיט וואָס צו שטאָלצירען, אָבער אַז לערנען קענסטו ווי דיין פעטער און רייך ביזטו ווי איך — טאָ וואָס איז מיט דיר דער יחוס?...

כל המחלל שם שמים בסתר נפרעין ממנו בגלוי... (ה.)

איינע פון די גרונד יסודות פון קאָצקער חסידות איז געוועזן דער „הצנע לכת", דאָס דינען דעם אויבערשטען בצנעה און נישט אַרויסווייזען זיך מיט פרומקייט פאַר מענשען.

קאָצקער חסידים — האָט אַמאָל געזאָגט אַן אַלטער קאָצקער חסיד — טהוען מצוות בסתר און עבירות בגלוי, אַנדערע דאַגעגען טהוען פערקעהרט, עבירות בסתר און מצוות בגלוי, און אף־על־פי־כן כאַפּט מען גיכער יענע ביי אַן עבירה, איידער אַ קאָצקער חסיד ביי אַ מצוה...

(פ. ז. גליקסמאַן: „דער קאָצקער רבי״)

אל תפרוש מן הצבור... (ז.)

אין די יהי־רצונ׳ס, וואָס מען זאָגט בשני ובחמישי נאָך קריאת־התורה, ווערט דער לעצטער זאַץ — „אחינו כל בית ישראל״, אָנגעהויבען סתם, שוין אָהן די ווערטער — „יהי רצון״, ווייל דאָרט, וואו עס איז „אחינו כל בית ישראל״, וואו אידען האַלטען זיך אחדות׳דיג צוזאַמען, איז עס שוין דאָן ממילא אַן עת־רצון...

(רבי משה ליב סאַסובער)

ואל תעשה עטרה להתגדל בה ולא קרדום לחפר בה... (ז.)

און דאָס איז דער פּשט: „גדול הנהנה מיגיע כפו יותר מיראת שמים״ (ברכות ח׳), דער וואָס איז נהנה פון יגיע כפו שטעהט אַ סך העכער פון דעם, וועלכער איז נהנה און לעבט פון יראת שמים...

(רוח חכמים)

„אל תעשה עטרה להתגדל בה״, זיי נישט קיין בעל־גאוה, אָבער „ולא קרדום לחפר בה״, אויך קיין געהאַרכזאַם ווערקצייג אין יענעמ׳ס הענד און קיין וויש־טוך דאַרפסטו נישט לאָזען מאַכען פון זיך. צופיעל שפּל און צופיעל נבזה טויג אויך נישט...

(רבי פנחס הארוויץ)

אַ חסידישער יונגערמאַן איז אַמאָל געקומען צו רבי מענדעלי קאָצקער און זיך געריהמט, אַז ער האָט שוין אויסגעלערנט גאַנץ ש״ס.

— אַזוי? — קרימט איהם איבער רבי מענדעלי — דו האָסט שוין אויסגעלערנט גאַנץ ש״ס? נו, וואָס אָבער האָט גאַנץ ש״ס דיך אויסגעלערנט?...

רבי ירוחם־לייב, דער מינסקער „גדול״, איז געווען אַ שניידער׳ס אַ זוהן. איינמאָל איז ער געזעסען מיט נאָך צוויי רבנים, וועלכע האָבעןביידע געשטאַמט פון גרויסען רבנישען יחוס, האָבען זיי איהם געוואָלט אַ טשעפּע טהון און אָנגעהויבען זאָגען תורה פון זייערע טאַטעס.

— מיין טאַטע, זכרונו לברכה — רופט זיך אָן איינער פון זיי — האָט געפרעגט די און די קשיא און געענטפערט אַזאַ און אַזאַ תירוץ.

— מיין טאַטע, זכרונו לברכה — בעמערקט דער צווייטער — האָט דאָס און דאָס געזאָגט.

— און מיין טאַטע, זכרונו לברכה — רופט זיך אָן דער מינסקער גדול — האָט געזאָגט, אַז אַן איבערגעניטשעוועט שטיקעל אַרבייט טויג אויף כפרות... און ער האָט אויפ׳ן אָרט אָנגעהויבען זאָגען אַן איגענעם שאַרפען חילוק...

(די וועלט דערצעהלט)

מען האָט אַמאָל דערצעהלט רבי אייזיל סלאָנימער, אַז דער און דער גדול ריהמט זיך, אַז וואָס אַנבעלאַנגט בקיאות, איז ער אַ פיעל גרעסערער בקי פון איהם.
— עס איז אמת — האָט רבי אייזיל ־דערויף געענטפערט — נאָר דער חילוק פון איהם ביז מיר איז דאָס, וואָס ער ווייסט, וואו עס שטעהט און איך וויס, וואָס עס שטעהט...

רבי אייזיל פלעגט טייטשען: „סעפים שנאתי" (תהלים קיט. קיג.) — איך האָב פיינד די סעיפים־קענער, די וואָס ווייסען בלויז, אין וועלכען סימן און אין וועלכען סעיף די הלכה געפינט זיך...

רבי חיים צאַנזער האָט אַמאָל דערצעהלט, אַז ער האָט איינמאָל דערהאַלטען פון אַ געוויסען רב אַ לאַנגע שאלה פול מיט פלפולים, אָבער דורכקוקענדיג די שאלה, האָט ער גלייך אין תחילת דערזעהען, אַז דער דאָזיגער רב האָט פשוט נישט פער־שטאַנען דעם פשט פון אַן׳איינפאַכען שטיקעל רש״י. אָבשרייבענדיג שפעטער דעם רב אַ תשובה איז ער געווען אין אַ פערלעגענהייט און נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ טיטול ער זאָל איהם שרייבען: „הרב הגאון"? איז דאָך עס אַ ליגען, ווי אַזוי קאָן מען שרייבען אַזאַ שבח אויף אַ איד, וואָס קען קיין שטיקעל רש״י נישט? נישט שרייבען? — איז אָבער דער דאָזיגער רב געוועהנט, אַז אַלע זאָלען איהם אין זייערע בריף טיטולירען מיט „גאון" און ער וועט האָבען חולשת הדעת... לסוף אָבער האָט ער בעשלאָסען, אַז ער זאָל איהם יאָ שרייבען „הרב הגאון" און עס וועט נישט זיין קיין שקר, מחמת אין די ימי הגאונים האָט מען נאָך רש״י׳ן נישט געקענט...

„ולא קרדום לחפור בה"...

צום בעריהמטען וואַרשאַווער ראש בית־דין, רבי זיינוועלע קלעפפיש, פלעגט קומען יעדעס יאָהר פאַר פסח אַ געוויסער וואַרשאַווער גביר, אַ קרוב פון דאַמאָלסדיגען גמינע־פרעזעס, מאַכען אַ שטר־מכירה אויף זיין „גאזשעלנע". איינמאָל האָט דער גביר געשיקט ערב־פסח אַ שליח צו רבי זיינוועלע׳ן, אַז היות ווי אַ געוויסער וואַרשאַווער מורא־הוראה איז גרייט צו קומען צו איהם אַהיים דורכפיהרען די שטר־מכירה, איז לכן, אויב אויך רבי זיינוועלע איז מסכים אַנצוטהון איהם דעם כבוד און קומען צו איהם אַהיים — הרי טוב, און אויב נישט, וועט ער מאַכען די שטר־מכירה ביי יענעם מורא־הוראה. רבי זיינוועלע איז געוואָרען אויפגעבראַכט פון דער דאָזיגער גבירישער חוצפה און ער האָט דעם שליח משלח געוועזן, מיטגעבענדיג איהם אַ פּאָר שאַרפע דבורים אויפ׳ן גביר׳ס חשבון...

אין עטליכע טעג אַרום, זיצענדיג אויף אַן׳אסיפה אין ראַבינאַט, האָט זיך רבי זיינוועלע צונויפגעטראָפען מיט יענעם מורה־הוראה, וועלכער איז צוליעב עטליכע קערבלעך געגאַנגען מאַכען די שטר־מכירה צום גביר אין שטוב אַריין, רופט ער זיך אָן צו איהם: אַ יישר־כח אייך. עס איז מיר דורך אייך פאַרענטפערט געוואָרען אַ משנה אין אבות. דער תנא זאָגט אונז אין אבות: „ואל תעשה עטרה להתגדל בה ולא קרדום לחפר בה". איז דאָך אַ פלוג קשה: פאַרוואָס ווערט דער בן־תורה געוואָרענט נישט צו פיהרען זיך דוקא, ווי אַ האַלץ־העקער? נאָר דער שטייגער איז, יעדער בעל־מלאכה, אַ שניידער, צי אַ שוסטער, בשעת מען בעשטעלט ביי איהם אַ בגד, אָדער אַ פּאָר שיך, נעהמט ער די סחורה אַ היים צו זיך און מאַכט זי דאָרט פאַרטיג. אַן׳אויסנאַהם איז בלויז דער האָלץ־העקער. האָלץ האַקען קומט מען צו יענעם אַ היים... און דאָס —

האט רבי זיינוועלע אויסגעפיהרט — האבען אונזערע חכמים פיינד געהאט, ווערען מיט דער תורה ביי יענעם א האלץ־העקער — פע, דאס איז מיאוס, זעהר מיאוס...

כל המקיים את התורה מעוני סופו לקיימה מעושר וכל המבטל את התורה מעושר סופו לבטלה מעוני... (יא.)

איניגע מפרשים שטעלען זיך אב אויף דער דאזיגער משנה און פרעגען: איז עס דען א כלל, אז דער וואס איז מקיים לימוד־תורה אין ארימקייט, דערלעבט איהם מקיים צו זיין אין עשירות, און, פערקעהרט, אז דער וואס איז נישט מקיים לימוד־תורה אין רייכטום איז „סופו לבטלה מעוני״? זעהען מיר דען נישט אפט אין לעבען צדיקים גמורים, וועלכע האבען זייערע אלע יאהרען אבגעלעבט אין ארימקייט און דחקות און פון דער אנדערער זייט — רשעים וועלכע האבען מצליח געווען ביז׳ן לעצטען טאג פון זייער לעבען?

נאר, ווי עס שיינט, ענטהאלט נישט די דאזיגע משנה קיין הבטחה פון שכר אדער עונש, נאר זי דריקט בלויז אויס די געוועהנליכע ערפאהרונג אין לעבען. געוועהנליך, קומען די, וועלכע זענען ווייט פון תורה לערנען און פון פרומקייט און טענה׳ן, אז וואס פארא רבותא איז עס, אז א ארימאן איז עוסק בתורה? וואס דען, טענה׳ן זיי, זאל ער טהון? אז צייט האט ער גענוג, קיין געשעפטען פיהרט ער נישט, קיין גרויסע תענוגים אין לעבען האט ער נישט, ער ווערט אויפגעצויגען צווישען די ד׳ אמות פון בית־המדרש און אין בית־המדרש פארברענגט ער זיינע אלע יאהרען און דאס דאווענען און דאס לערנען איז זיין איינציג פארגעניגען, די איינציגע פערוויילונג וואס ער האט. אבער — זאגען זיי — זאל נאר פאסירען, אז אזא איינער זאל פלוצים ווערען רייך — דאן וועט ער גלייך ווערען פערשלונגען פון זיינע געשעפטען און אין די תענוגות העולם און אוועקווארפען דאס לערנען.

דערויף קומט די משנה און זאגט, אז די ערפאהרונג באווייזט, אז דאס איז נישט אזוי; אז כל המקיים את התורה מעוני סופו לקיימה מעושר, אז דער וואס איז עוסק אין תורה ווען ער איז א ארימאן וועט אויך שפעטער — אויך ווען ער וועט ווערען רייך — זיין אידישקייט דאדורך נישט אנגעריהרט ווערען; אז דער וועלכער האט ליעב די תורה, וועט ער זי אויך דאן נישט פערלאזען — סופו לקיימה מעושר. און — אומגעקעהרט — כל המבטל את התורה מעושר — דאן ווייס, אז דאס איז נאר א תירוץ, אז אין אמת׳ן האט ער נישט ליעב די תורה און ער האט נישט ליעב דאס אידישקייט און וויל דערפון פטור ווערען, און די ערפאהרונג באווייזט, אז אזא איינער — סופו לבטלה מעוני — אז אזא איינער וועט קיין תורה נישט לערנען און בלייבען ווייט פון אידישקייט אויך דאן ווען ער וועט האבען א סך צייט, אויך ווען דאס רעדעל וועט זיך א דרעה טהון און ער וועט ווערען א ארימאן...

(מחקרי אבות)

דאס איז אזא ברכה, אזא גרויסע רבותא, צו וועלכער עס איז זעלטען־ווער זוכה. דען עפ״י רוב, בשעת א איד ווערט געבענשט מיט עשירות, האט ער שוין דאמאלס גאנץ קנאפע עסקים מיט דער תורה...

און דאס איז אויך דער פשט: „טוב איש רש מאיש כזב״ (משלי יט. כב), וואס פאר א שייכות האבען צווישען זיך דער „רש״ מיט׳ן „כזב״? — נאר, געוועהנליך, בשעת א מענש איז ארים, האלט ער אין איין מבטיח זיין, אז אויב השי״ת

וועט איהם העלפען און ער וועט ווערען אַנ׳עושר, וועט ער דאַן טהון אַהן אַ שיעור מצוות ומעשים טובים און גאַנצע טעג וועט ער טיילען צדקה. עפ״י רוב, אָבער, בשעת אַזאַ איינער ווערט נתעשר, פערגעסט ער אין אַלע זיינע פריהערדיגע הבטחות און ער לאָזט קיין אָרימאַן אויף די אויגען נישט, און דעריבער: „טוב איש רש — מאיש כזב״, איידער צו ווערען שפּעטער אַ ליגנער...

(אלשיך)

די צרה איז אָבער — פלעגט זאָגען רבי אייזיל סלאָנימער — וואָס דער מענש ווערט קאַליע נישט נאָר ערשט דאַן, ווען ער בעקומט דאָס אמת׳ע עשירות, נאָר זאָגאָר ביים ספק־ספיקא פון עשירות. אויף דער בלויזער הוה־אמינא, ווען עס הויבט זיך איהם נאָר אָן צו דוכטען, אַז ער ווערט אַ נגיד, וואַרפט ער שוין אַראָב פון זיך דעם עול תורה מיט׳ן ביסעל אידישקייט, און דאָס זאָגט דער פסוק: „פן אשבע וכחשתי וכו׳ ופן אורש וגנבתי״ (משלי ל. ט.), אויפ׳ן בלויזען „פן״, אויפ׳ן בלויזען טאָמער, אַז ער ווערט זאַט, איז שוין — „וכחשתי״, און דאָס זעלבע איז אויך אין צווייטען פאַל: „פן אורש וגנבתי״, הגם איצט פערמאָגט ער נאָך געניג, נאָר עס דוכט זיך איהם בלויז און ער האָט מורא, „פן אורש״, טאָמער וועט ער ווערען אַנ׳אָרימאַן, איז שוין — „וגנבתי״, איז ער זיך שוין מתיר צו באַנקראָטירען, צו גנב׳נען און ראַבעווען...

כל המקיים את התורה מעוני — סופו לקיימה מעושר
וכל המבטל את התורה מעושר — סופו לבטלה מעוני...

און אויב אַזוי — פלעגט דערויף זאָגען רבי מרדכי נעמביזשער — מעגסטו, רבונו־של־עולם, אויף יעדען פאַל פערזאָרגען די אידען מיט עשירות וכל־טוב און קיין שום היזק וועסטו דערביי נישט האָבען, וואָרום ממה־נפשך: איז דער איד אַ מקיים התורה, וועט איהם דאָס עשירות נישט קאַליע מאַכען, דען „כל המקיים את התורה מעוני סופו לקיימה מעושר״, איז ער ווידער, חלילה, נישט מקיים די תורה, וועט איהם דאָס אָרימקייט נישט בעסער מאַכען, דען „כל המבטל את התורה מעושר סופו לבטלה מעוני״, טאָ וואָס האָסטו דערפון, וואָס ער ליידט און מאַטערט זיך?

(ספר היחס מטשערנוביל)

די שטראָף, אַז אויב ער וועט אַלס עושר נישט וועלען לערנען קיין תורה, וועט ער ווערען פעראָרימט — איז פערשטענדליך, דאָס איז טאַקי פאַר איהם אַ גרויסער עונש, אָבער דאָס, וואָס מען סטראַשעט איהם, אַז אַלס אָרימאַן וועט ער מבטל זיין פון לערנען — וואָסער עונש איז דען דאָס פאַר איהם? אויך פריהער האָט ער דאָך נישט געוואָלט לערנען?...

נאָר דער עושר האָט זיך דאָך אַ ברירה צו טראַכטען: וואָס האָב איך דען מורא? כ׳וועל ווערען אַנ׳אָרימאַן? וועל איך מיך דאַמאָלס זעצען לערנען און „כל המקיים את התורה מעוני סופו לקיימה מעושר״, וועל איך דאָך ממילא צוריק ווערען אַ גביר... דערפאַר איז מען איהם מתרה: כל המבטל את התורה מעושר — אויב דו וועסט נישט לערנען קיין תורה מתוך עשירות — סופו לבטלה מעוני, וועט מען פון דיר שפּעטער, בשעת עניות, אינגאַנצען צונעהמען דעם רצון און די מעגליכקייט צו לערנען, אַזוי אַז דו וועסט ממילא שוין אַנ׳אייביגער אָרימאַן בלייבען...

(רבי ישראל בעל־שם־טוב)

רבי בונים פון פשיסכע פלעגט זאָגען:
אַז אַ מענש האָט אַ בייז האַרץ זאָל ער עס אויסלאָזען צום דאַווענען...

והוי שפל רוח בפני כל אדם... (יב.)

צוויי אויגען — פלעגט זאָגען רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער — זענען געגעבען געוואָרען דעם מענשען. איין אויג — צו זעהען יענעמ׳ס מעלות, דאָס צווייטע אויג — צו זעהען זיינע אייגענע חסרונות...

רבי רפאל בערשאַדער, וועלכער איז געווען, כידוע, אַן׳אויסערגעוועהנליכער עניו, פלעגט זאָגען: מיר דאַרפען דאַנקען און לויבען דעם אויבערשטען, וואָס ער האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלען נישט זיין קיין בעלי־גאוה, וואָרום וואָס וואָלטען מיר געטהון, ווען ער וואָלט אויף אונז גוזר געווען, חלילה, פערקערט, אַז מיר זאָלען יאָ זיין בעלי־גאוה, ווער וואָלט עס דען אימשטאַנד געווען מקיים צו זיין?...

והעובר עבירה אחת קונה לו קטיגור אחד... (יג.)

אין דער צייט פון בעל־שם־טוב זענען געווען אין בראָד גרויסע תלמידי־חכמים, וועלכע האָבען אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקע התנגדות צום חסידות. צווישען זיי האָט זיך געפונען רבי חיים צאַנזער (דער ערשטער), אַ בעריהמטער גאון, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון די בראָדער מתנגדים.

איינמאָל, אום סוכות, האָט רבי חיים, בשעת אַ שמועס אין סוכה, שטאַרק געטאַדעלט דעם בעש״ט און זיין התנהגות.

צומאָרגענס בעגעגענט איהם דער בעש״ט און פרעגט איהם:

— היתכן, אַזאַ ירא־שמים ווי איהר זאָל אין סוכה רײדען אויף אַ איד לשון־הרע?

— פון וואַנען ווייסט איהר עס? — פרעגט איהם רבי חיים — אויסער מיינע מקורבים איז קיינער מיט מיר אין סוכה נישט געזעסען, טאָ ווער האָט עס אייך דערצעהלט?

— אַ מלאך האָט עס מיר דערצעהלט — ענטפערט איהם דער בעל־שם־טוב.

— אַ מלאך? — שמייכעלט רבי חיים — אַ מלאך וועט דערצעהלען לשון־הרע?

— דערצעהלט האָט עס מיר — רופט זיך אָן דער בעש״ט — אייער אייגענער מלאך, דען די משנה זאָגט אין אבות, אַז „העובר עבירה אחת קונה לו קטיגור אחד״, אַז פון יעדע עבירה, וואָס אַ מענש טהוט, ווערט בעשאַפען אַ מלאך־רע, איז אָט דער מלאך־רע, וועלכער איז בעשאַפען געוואָרען פון אייער לשון־הרע, האָט פאַר לשון־הרע קיין מורא נישט, וואָרום ער לעבט דאָך דערפון...

תשובה ומעשים טובים כתריס בפני הפורענות... (יג.)

צו רבי יחזקאל קוזמירער איז אַמאָל געקומען אַ איד און געוויינט מיט טרעהרען, דאָס ער איז אַ גרויסער בעל־עבירה און ער וויל תשובה טהון און ער איז דעריבער געקומען צום רבי׳ן בעטען, ער זאָל איהם אַרויסגעבען אַ סדר תשובה פון תעניתים און סיגופים, מיט וועלכע ער זאָל אָבקומען פאַר זיינע זינד.

— וואָס — מאַכט צו איהם דער קוזמירער רבי — תעניתים און סיגופים ווילסטו? ווייניג וואָס דו האָסט איבערגעפיהרט דעם נפש, ווילסטו נאָך אויך דעם גוף

איבערפיהרען? מען קאָן תשובה טהון אויך אָהן דעם! — און ער האָט איהם אַרויס־געגעבען אַ דרך־תשובה, ווי אַזוי זיך אויפצופיהרען, אָהן צו פייניגען זיך.

כל כנסיה שהיא לשם שמים סופה להתקיים ושאינה לשם שמים אין סופה להתקיים... (יד.)

רבי חיים בריסקער איז איינמאָל צוריקגעקומען פון אַ געוויסע אסיפה אַ שטאַרק אונצופרידענער פון די אינטריגעס, וואָס האָבען זיך דאָרט געוועבט הינטער די קוליסען.

— עס איז מיר שטענדיג קשה געווען — האָט ער דאָן געזאָגט צו זיינע מקורבים — וואָס אויפ׳ן פסוק „האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים" (בראשית מט. א.), ווערט געזאָגט אין דער פסיקתא: „מהו האספו — הטהרו, כמו ותסגר שבעת ימים ואחר תאסף". פאַרוואָס עפּעס ווערט דער „האספו" געטייטשט פון לשון רייניגען? נאָר, ווי עס זעהט אויס, קאָן יעדער איד פאַר זיך זיין ווי ריין און עהרליך, מיט׳ן מאַמענט אָבער ווען די אַלע ריינע און עהרליכע אידען קומען זיך צונויף אויף אַן׳אסיפה, אַזוי כאַפּט זיך גלייך אַריין ר״ל צווישען זיי דער יצר־הרע פון אינטריגעס און רכילות און דעריבער האָט יעקב אבינו געבענשט זיינע קינדער: „האספו — הטהרו", איהר זאָלט אַרויס ריין פון יעדע אסיפה...

ומורא רבך כמורא שמים... (טו.)

דער „מורא רבך" זאָל זיין ביי דיר אַזוי גרויס, ווי גרויס עס איז ביי דיין רבי׳ן דער „מורא שמים"...

(רבי יחזקאל מקוזמיר)

אין בידינו לא משלות הרשעים ואף לא מיסורי הצדיקים... (יט.)

„אין בידינו", מיר ווייסען נישט, מיר הויבען נישט אָן צו פערשטעהן פאַרוואָס די רשעים לעבען אין שלוה, און די צדיקים — אין יסורים...

(כרם הצבי)

רבי נחמן בראַצלאַווער פלעגט זאָגען: „וצדיק באמונתו יחי׳", בעקבתא דמשיחא וועט דער הסתר זיין אַזוי גרויס, אַז אויך דער צדיק וועט נישט אָנהויבען צו פער־שטעהן קיין זאַך, הלמאי און פאַרוואָס... און ער וועט מוזען לעבען בלויז מיט דער אמונה.

אויף אַן׳עהנליכען אופן פלעגט רבי זישא האַניפּאָלער טייטשען: „שלשה באין בהיסח הדעת ואלו הן משיח וכו׳" (סנהדרין צ״ז). בעקבתא דמשיחא וועט אינגאַנצען אַוועקגענומען ווערען דער דעת, עס וועט נישט מעגליך זיין צו פערשטעהן דעם אויבערשטענ׳ס דרכים...

והוי זנב לאריות ואל תהי ראש לשועלים... (כ.)

און אין ירושלמי סנהדרין פרק ד׳ הלכה ה׳ איז דער נוסח פערקעהרט: „הוה ראש לשועלים ואל תהי זנב לאריות"...

העולם הזה דומה לפרוזדור... (כא.)

אַ דאָרפסמאַן איז אַמאָל געקומען אין אַ גרויסע שטאָדט אַריין, געהט ער איינמאָל פאַרביי פאַר אַ הויז און ער זעהט, אַז עס איז דאָרט זעהר ליכטיג און מען איז פרעהליך, מען זינגט און מען שפּיעלט און מען טאַנצט, שטויסט ער זיך אָן, אַז דאָס פּראַוועט אודאי דער בעל־הבית פון הויז אַ חתונה. צומאָרגענס געהט ער ווידער פאַרביי פאַר׳ן זעלבען הויז און ווידער זעהט ער, ווי עס איז דאָרט זעהר פרעהליך, מען שפּיעלט און מען טאַנצט. וואונדערט ער זיך, דער דאָרפסמאַן: דער בעל־הבית מאַכט שוין ווידער חתונה? איין נאָכט נאָך דער צווייטער? אין אַ טאָג אַרום — ווידער דאָס זעלבע: מען זינגט און מען שפּיעלט און מען טאַנצט! קאָן ער עס שוין מעהר נישט פערשטעהן: איז עס מעגליך, אַז איין בעל־הבית זאָל פּראַווען אַזוי פיעל חתונות, נאָכט נאָך נאָכט?... ער ווענדעט זיך מיט דער האַרבער פראַגע צו די דורכגעהער, צולאָכען זיי זיך און ערקלערען איהם: דאָס איז, ליבער איד, אַ חתונה־זאַל, וועלכע ווערט יעדעס מאָל פערדינגען צו אַנדערע מחותנים, נעכטען האָבען געטאַנצט אַנדערע געסט און היינט — אַנדערע, און דער וואָס טאַנצט היינט — וועט נישט טאַנצען מאָרגען...

און דאָס איז דער פּשט: „האי עלמא כבי הלולי דמיא״ (אַזוי איז די גירסאַ אין עין יעקב עירובין נ״ד), עס שטעהט נישט „כהלולי״, נאָר „כבי הלולי״. די וועלט איז גלייך נישט צו אַ חתונה, נור צו אַ חתונה־זאַל, וואו עס בייטען זיך כסדר די טאַנצענדיגע געסט. נעכטען האָבען געטאַנצט אַנדערע געסט און היינט — אַנדערע, און די וואָס טאַנצען היינט, וועלען מאָרגען מעהר נישט טאַנצען...

(רבי העניך מאלעקסאנדער)

„חטוף ואכול חטוף ואישתי דעלמא דאזלינן מניה כהלולא דמי״ (עירובין נ״ד), און אויף אַ חתונה האָבען די מחותנים קיין צייט נישט אָוועקצוזעצען זיך צום טיש און זיי זענען טועם בלויז כאַפּענדיג, וואָס עס איז, די סעודה פּראַווען זיי ערשט שפּעטער צום סאַמע סוף, נאָכ׳ן איבערקומען דעם יריד.

(יד יוסף)

דער עיקר, צוליב וועלכען עס ווערט געפּראַוועט אַ חתונה, זענען די קידושין, און אַלס טפל דערצו ווערט אויך איינגעאָרדענט אַ סעודה און עס שפּילען כלי־זמרים, ולסוף זענען אַלע פערנומען מיט׳ן טפל, מיט דער אכילה ושתיה, מיט׳ן בדחן און כלי־זמרים, און דער עיקר ליגט קיינעם פון די געסט נישט אין זינען, עס אינטערעסירט זיי נישט, צי זענען די קידושין פאָרגעקומען עפ״י דין, צי זענען געוועזען דערביי עדות, צי האָט נישט דער חתן אַמאָל מקדש געווען די כלה מיט אַ געבאָרגט רינגעל וכדומה.

דער מענש ווערט דעריבער געוואָרענט: „חטוף ואכול״! עסען דאַרף מען טאַקי, אָבער פערגעס נישט, אַז דאָס איז בלויז אַ טפל, וואָס מען דאַרף אָבפּטר׳ן בקיצור, על רגל אחת, דען „דעלמא דאזלינן מיניה כהלולא דמי״, די וועלט איז געגליכען צו אַ חתונה און דער עיקר דאַרף מען אויף איהר אין זינען האָבען און אַכטונג געבען, אַז די „קידושין״ זאָלען זיין אין אָרדנונג...

(נודע ביהודה)

דאָס לעבען — פלעגט זאָגען רבי יחזקאל קוזמירער — איז ווי דאָס אַריבער־געהן איבער אַ געפרוירענעם טייך: שטעהן צו לאַנג אויף אַנ׳אָרט טאָר מען נישט

— דאָס איז קאָן זיך נאָך איינבערעכען, טאַנצען — אודאי נישט, מען דאַרף נור שנעל אַריבערלויפען...

העולם הזה דומה לפרוזדור וכו׳ התקן עצמך בפרוזדור... (כא.)

רבי פנחס, דער בעל „הפלאה״, איז אַמאָל אין אַ ווינטער נאַכט געזעסען און געלערנט. ס׳איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, אין דרויסען האָט געברענט דער פראָסט. פּלוצלינג הערט ער, ווי עמיצער קלאַפּט אין טהיר און בעט רחמים:

— האָט רחמנות, לאָזט אַריין אַ איד!

רבי פנחס האָט תיכף געעפענט און אין שטוב איז אַריין אַ איד אַ פערפרוירענער, אַ פערשנייטער, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. רבי פנחס זעצט איהם אַוועק ביים וואַרימען אויווען, דערלאַנגט איהם אַ גלעזעל וואַרימס, גיט איהם עפּעס טועם צו זיין — דער איד איז זיך מחיה.

קומענדיג צו זיך, ענטשולדיגט זיך דער איד פאַר׳ן רב, הלמאי ער האָט איהם בעאונרוהיגט און אָנגעקלאַפּט אין מיטען דער נאַכט. אַזוי און אַזוי. ער איז אַ איד אַ סוחר, פאָהרט איצט אויף אַ יריד, אויפ׳ן וועג האָט פּלוצלינג אַ נעהם געטהון אַ מורא׳דיגער פראָסט און ער איז שיער נישט דערפרוירען געוואָרען. קוים־קוים וואָס ער האָט זיך אַ לעבעדיגער דערשלעפּט אַהער אין שטעדטעל אַריין.

— איהר זעהט דאָך רבי, אַז קיין עולם־הזה האָב איך נישט, כ׳בין שטענדיג פערפינסטערט און פער׳חשכ׳ט, תמיד אין וועג, אין קעלט און אין היץ, וועל איך כאָטש האָבען עולם־הבא?

— אַ האַרבע שאלה — ענטפערט איהם דערויף רבי פנחס זיפצענדיג — אדרבה, זאָגט אַליין, מה־דאָך עולם־הזה, אויף וועלכען איהר האָרעוועט נעבעך מיט אַלע כחות, האָט איהר נישט, אַ פשיטא עולם־הבא, אויף וועלכען איהר האָרעוועט דאָך גאָרנישט...

— זעהר אָפט — פלעגט זאָגען דער חתם־סופר — הערט מען, ווי מענשען קלאָגען זיך, אַז זיי האָבען נישט מיט וואָס צו לעבען, כ׳האָב נאָך אָבער קיינמאָל נישט געהערט, אַ מענש זאָל זיך אַמאָל בעקלאָגען, אַז ער האָט נישט מיט וואָס צו שטאַרבען...

רבי בונם מפשיסכע פלעגט זאָגען:

— מיין גאַנץ לעבען לערן איך מיך ווי צו שטאַרבען...

יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה... (כב.)

דערפאַר — פלעגט זאָגען דער רבי ר׳ בונם — זאָגען די חז״ל, אַז אַ בעל־תשובה שטעהט העכער פון אַ צדיק, מחמת דער בעל־תשובה האָט געגאַסען פון די תענוגי עולם־הזה, און עס איז דעריבער אַ גרויסער כח פון זיין זייט, ווען ער קאָן ביי זיך פועל׳ן אָבצוזאָגען זיך פון די אַלע תענוגים און צו פיהרען אַ בעשיידען, פרום לעבען. דער צדיק אָבער ווייסט דאָך כלל נישט, וואָס עולם־הזה איז, טאָ פונוואַנען קענען מיר האָבען די זיכערקייט, אַז ווען ער וואָלט חלילה אַריינגעצויגען געוואָרען אין די דאָזיגע הבלי עולם־הזה און טועם געווען פון איהרע תענוגים, צי וואָלט ער דאַן אימשטאַנד געווען זיך געגענצושטעלען און גובר צו זיין דעם יצר־הרע...

דער „תולדות יעקב יוסף״ פלעגט זאָגען, אַז דעריבער שטעהט אַ בעל־תשובה העכער פון אַ צדיק און „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד שם״, ווייל די מצוות ווערען עפ״י רוב געטהון מיט פערשידענע נישט גאַנץ ריינע כוונות און זייטיגע פניות, דאַגעגען די עבירות טהוט מען בשלימות און היות ווי בעת אַ מענש טהוט תשובה איז דאַן „זדונות נעשו לו כזכיות״, נמצא, קומט אַלזאָ אויס, אַז די זכיות פון אַ בעל־תשובה זענען חשוב׳ער און מעהר בתכלית השלימות, ווי די זכיות פון צדיק...

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, דערצעהלט מען, האָט אַמאָל, פאָהרענדיג אין וועג, זיך בעגעגענט מיט אַ געוויסען מופקר און בעל־תאוה׳ניק, אַ מומר לכל התורה כולה. האָט רבי לוי יצחק גענומען מיט איהם איינ׳טענה׳ן: ברודער־סערדצע! ווי מקנא איך בין דיך. דו ווייסט דאָך גאָר אַליין נישט, וואָס פאַר אַנ׳אונשאַצבאַרען אוצר דו טראָגסט אַרום ביי זיך. ווען דו זאָלסט זיך נאָר וועלען בעדענקען און פועל׳ן ביי זיך תשובה צו טהון, וואָלטען דיר דאַן אַלע עבירות, וואָס דו ביזט בעגאַנגען אין דיין לעבען, פערוואַנדעלט געוואָרען פאַר זכיות, קיין איין צדיק וואָלט נישט געקענט זיין גלייך צו דיר, דען קיין צדיק וואָלט זיך נישט געקענט געגען דיר פערמעסטען מיט אַזוי פיעל זכיות...

די דאָזיגע האַרציגע ווערטער האָבען געהאַט אַ געהעריגע פעולה אויפ׳ן מופקר, וועלכער האָט גלייך חוזר בתשובה געווען און עס איז אַרויסגעקומען פון איהם אַ בעריהמטער חסיד.

שמואל הקטן אומר בנפול אויבך אל תשמח... (כד.)

פרעגט מען דערויף: וואָס איז דאָ שמואל הקטן מחדש? דער „בנפול אויבך אל תשמח״ איז דאָך אַ בפירוש׳ער פסוק (משלי כד. יז.)?

נאָר וואָהרשיינליך האָט שמעון הקטן אויך נאָכגעזאָגט דעם צווייטען מאמר פון דער וויטערער משנה אין נאָמען פון אלישע בן אבויה, און בכדי נישט אַרויסצורופען געגען זיך קיין התנגדות, הלמאי ער ברענגט אַ מאמר פון אַ מחבר, וועלכער איז אַרויס לתרבות־רעה, האָט ער דעריבער פריהער מקדים געווען דעם פסוק: „בנפול אויבך אל תשמח״, אַז מען דאַרף זיך נישט פרעהען און זיך נישט נוקם זיין אינ׳ם שונא, וואָס איז נכשל געוואָרען, מען דאַרף זיך דערביי נוהג־זיין ווי זיין תלמיד, רבי מאיר, וועלכער האָט ערקלערט: „תוכו אכל, קליפתו זרק״...

אַ צווייטען ענטפער גיט דערויף ר׳ משה קוניץ אין זיין ספר „המצרף״ און נעמליך:

די פריהערדיגע משנה ענדיגט זיך מיט׳ן מאמר פון רבי שמעון בן אלעזר: „ואל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו״, פון וועלכען דער זין איז, אַז מען זאָל אויסמיידען צו קוקען אויף אַ שונא, בשעת ער געפינט זיך אין אַנ׳אומגליק, כדי יענער זאָל נישט האָבען דעם איינדרוק, אַז דאָס פרעהט ער זיך מיט זיין מפלה, און היות, ווי די אַלע מדות, וואָס ווערען געלערנט אין אבות, געהערען צו די „מילי דחסידות״, צו די זאַכען, וואָס אַ איד דאַרף טהון לפנים משורת הדין, קומט דעריבער צו געהן שמואל הקטן און ערקלערט, אַז דאָס איז נישט קיין ענין פון חסידות, נישט קיין זאַך פון „לפנים משורת הדין״, נאָר אַ בפירוש׳ער שטרענגער איסור און אַ בפירוש׳ער פסוק: „בנפול אויבך אל תשמח״...

כידוע, איז שמואל הקטן געווען דער, וועלכער האָט מתקן געווען די ברכת המינים, די תפלה פון „ולמלשינים אל תהי תקוה", און וועלכער מיר זענען מתפלל אויף דער מפלה פון אונזערע שונאים. שמואל הקטן געפינט דעריבער פאַר נויטיג דאָ צו בעמערקען, אַז דאָס איז נאָר בנוגע צו אונזערע אַלגעמיינע שונאים, צו די שונאים פון כלל־ישראל, דאַגעגען אָבער אין בעצוג צו אַ פּערזענליכען פיינט איז — „בנפול אויבך אל תשמח ובכשלו אל יגל לבך"...

(רבי אברהם עטינגער)

רבי מאיר אומר אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו... (כז.)

רבי מאיר איז מחולק מיט'ן תנא פון דער פריהערדיגער משנה, מיט רבי יוסי בר יהודה, וועלכער מאַכט אַנ'אונטערשיעד פון וועמען מען לערענט, צי מען איז אַ „לומד מן הקטנים", אָדער אַ „לומד מן הזקנים", און דערויף זאָגט רבי מאיר, אַז מען דאַרף אויף דעם נישט קוקען און — „אל תסתכל בקנקן, אלא במה שיש בו"...

(שער בת רבים)

צום אַלעקסאַנדערער רבי'ן, רבי יחיאל, איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ חסיד, וועל־כער האָט זיך געהאַלטען פון די שאַרפע, פייערדיגע חסידים און שטאַרק געבלאָזען פון זיך. דער רבי איז געזעסען ביים טיש פערטראַכט און געפּיפּקעט די לאַנגע ליולקע־ציבעק. דער חסיד האָט בעמערקט, אַז די ליולקע רויכערט נישט און, מיינענדיג אַז דאָס פייער איז אויסגעגאַנגען, האָט ער אָנגעצונדען אַ שוועבעלע און פאַרזיכטיג צוגע־טראָגען צום קעפּעל פון דער ליולקע, אָבער די ליולקע האָט ווייטער נישט גערויכערט, וויל עס איז אין איהר מעהר קיין טאַבאַק נישט געווען.

— דו זעהסט? — מאַכט דער רבי צו איהם — אויב דאָס „קעפּעל" איז לעדיג, העלפט אַפילו נישט קיין פייער...

הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם... (כח.)

פאַרהאַן אַ וואונדערליכער ילקוט, אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט:

אַ קמצן האָט בעהאַלטען אין די טיפענישען פון דער ערד אַ קרוג מיט רענדלעך. אין אַ צייט אַרום האָט ער צו זיין גרויס אומגליק דערזעהען, אַז גנבים האָבען אַרויס־גע'גנב'עט די רענדלעך פון דער קרוג, וועלכע זיי האָבען אָנגעפילט מיט שטיינער און דער קמצן האָט פון גרויס צער פערבראַכען מיט די הענד און געריסען זיך די האָר פון קאָפּ. האָט איהם דער פריינט געפרובט טרייסטען: נאַכוואָס זאָלסטו זיך אַזוי שטאַרק מצער זיין? אַזוי לאַנג, ווי איך קען דיך, האָסטו דאָך קיין איין מאָל פון דיין עשירות נישט נהנה געווען און נישט בדעה געהאַט נהנה צו זיין, טאָ וואָס אַהרט עס דיך, אַז מען האָט זיי צוגע'גנב'עט? ענטפערט איהם מיט אַ געוויין דער קמצן: מיר אַליין איז טאַקי קיין נפקא־מינה נישט, צי עס ליגען אין דער קרוג רענדלעך, אָדער שטיינער, איך אַליין האָב טאַקי פון זיי קיין הנאה נישט געהאַט, אָבער איצט וועט דאָך אַנ'אַנדערער פון זיי הנאה האָבען און אויף דעם טהוט מיר מיין האַרץ וועה!...

דער שפת־אמת איז אַמאָל געקומען אויף אַ שמחה צו זיינעם אַ חסיד, וועלכער האָט זיך בעמיהט אָבצוגעבען איהם וואָס מעהר כבוד, אָבער דער שפת־אמת האָט איהם געשטערט און אָבגעזאָגט זיך פון די אַלע פאַרגעלעגטע כיבודים.

— ס'טייטש, רבי — מאַכט צו איהם דער חסיד — עס שטעהט דאָך: „מה שיאמר לך בעל בית עשה" (פסחים פ"ו)?

— עס ווערט אָבער גלייך דערויף צוגעגעבען — ענטפערט איהם דער שפת־אמת — „חוץ מצא" אויב עס האַלט ביי „צא" דאַרף מען איהם נישט פאָלגען, און אויך כבוד איז אין כלל פון „צא", דען — „הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם"...

דער מהר"ם שיף טייטשט: „אמרו עליו על מלאך־המות שכולו מלא עינים" (ע"ז כ'), דער מלאך־המות ליגט ביים מענש אין די אויגען. אַממעהרסטען זענען דעם מענש מקצר די יאָהרען די „גרויסע אויגען", די קנאה, דאָס נישט פערגינען יענעם...

ועל כרחך אתה חי וכו' ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון... (כט.)

וואָס איז „דין" און וואָס איז „חשבון"?

נאָר דין וועט מען דאַרפען אָבגעבען אויף דער עצם עבירה, וואָס מען האָט געטהון, און חשבון — אויף דער צייט, וואָס מען האָט אויף דער עבירה געפטר'ט, אויף דער צייט, אין וועלכער מען האָט בעסער געקענט טהון אַ מצוה...

(ווילנער גאון)

פון דעם „בעל כרחך אתה חי", פון דעם, וואָס מיר ליידען און ווערען אַזוי פיעל געפייניגט אויף דער דאָזיגער וועלט און מיר האָבען פון איהר קיין שום הנאה נישט, מוז מען קומען צום אויספיהר, אַז עס איז אונמעגליך, אַז דאָס זאָל זיין דער תכלית־הבריאה, דער צוועק, צוליעב וועלכען דער בורא האָט אונז בעשאַפען, און עס איז נישט אַנדערש, נאָר — „ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון", אַז דאָס אַלץ איז נישט מעהר ווי אַן איבערגאַנג, אַ פרוזדור צו אַ צווייטער וועלט...

פרק חמישי

וליתן שכר לצדיקים שמקיימין את העולם... (א.)

מיר האָבען דאָך בקבלה — האָט איינער אַמאָל געפרעגט רבי וואָלף סטריקאוועד — אַז אין יעדען דור זענען פאַרהאַן ל״ו צדיקים, וואָס אין זייער זכות האַלט זיך די וועלט. און אויב איינער פון זיי שטאַרבט, דאַן קומט אַ צווייטער צדיק אויף זיין אָרט. טאָ וואו איז דער דאָזיגער צדיק געווען מיט אַ טאָג פריהער? מען ווערט דאָך נישט קיין צדיק איבער־נאַכט, און אויב ער איז אויך נעכטען געווען אַ צדיק, איז דאָך שוין ממילא ווידער געווען מעהר, ווי ל״ו צדיקים?

— ליידער — ענטפערט איהם רבי וואָלף — זענען די צדיקים צוגעפּאַסט צום דור. וואָס ווייטער, האָבען מיר אַלץ ערגערע דורות און אַלץ שוואַכערע צדיקים, און מיט׳ן מאָמענט ווען דער צדיק פון פריהערדיגען דור געהט אַוועק פון דער וועלט, פערנעהמט זיין אָרט אַלס צדיק־תמים און ל״ו׳ניק אַזעלכער, וועלכער איז נאָך נעכטען ווייט, ווייט קיין צדיק נישט געווען.

עשרה נסים נעשו לאבותינו וכו׳ עשרה על הים... (ה.)

דערויף זאָגט רש״י: „לא נתפרשה לנו״.

אַ פּלא! ווי געשיקט זיך עס, אַז רש״י זאָל האָבען פערזעהען אַ בפירוש׳ע מכילתא (בשלח פ״ד) „עשרה נסים נעשו לאבותינו על הים: א. נבקע הים; ב. נעשה יבשה; ג. נעשה טיט; ד. נעשה פידורין וכו׳״...

(כנסת הגדולה)

שבעה דברים בגולם ושבעה בחכם... (ט.)

עס האָט אַמאָל איינער, אַ שטיקעל משכיל און גרויסער פּגע, געפרעגט דעם מלבי״ם:

— פאַרוואָס רעכענט די משנה אויס זיבען מעלות פון אַ חכם און זאָגט: „וחלופיהן בגולם״, זי האָט דאָך געקענט, פערקעהרט, אויסרעכענען די זיבען חסרונות פון גולם און זאָגען „וחלופיהן בחכם״?

ווייל — האָט איהם דער מלבי״ם געענטפערט — ווי אַזוי עס זאָל נישט שטעהן, וועט אַלץ דער גולם פרעגען, פאַרוואָס עס שטעהט נישט פערקעהרט...

דער בעריהמטער שקלאָווער גביר און למדן ר׳ יהושע צייטלין האָט אַמאָל גע־לאָזט רופען צו זיך איינעם פון די שקלאָווער בעלי־בתים און איהם פאַרגעלעגט עפּיס אַן ענין, אויף וואָס יענער האָט איהם געענטפערט, אַז ער קאָן איהם גלייך קיין תשובה נישט געבען, ער מוז זיך פריהער מיישב זיין.

ציטליג׳עז, וועלכער איז געוועהנט געווען, אַז מיט זיינ׳ס אַ וואָרט, און וועד שמועסט מיט זיינ׳ס אַ סוחר׳ישען פאַרשלאַג זאָל מען זיך שטאַרק רעכענען, האָט פערדראָסען די דאָזיגע אויסמיידענדע תשובה, און ער האָט איהם דערויף געענטפערט:

אין דער משנה אין אבות ווערט געזאָגט: „שבעה דברים בגולם ושבעה בחכם", און נאָכדעם ווי די משנה רעכענט אויס די שבעה דברים, פיהרט זי נאָכאַמאָל אויס: „וחלופיהן בגולם". צוליעב וואָס ווערט עס נאָכאַמאָל איבערגע׳חזר׳ט, עס שטעהט דאָך שוין פריהער „שבעה דברים בגולם"?

נאָר דער „וחלופיהן בגולם" איז אַן אָנזאָג, אַ געבאָט, אַז בנוגע די פערשיעדענע אויסגערעכענטע זאַכען זאָל זיך דער גולם פיהרען פערקעהרט ווי דער חכם, מחמת נישט אַלץ, וואָס עס איז גוט פאַר׳ן חכם איז אויך גוט פאַר׳ן גולם. אָט למשל די מידה פון „ואינו נבהל להשיב", פאַר׳ן חכם איז עס זעהר אַ נויטיגע זאַך, דען „זקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתם מתישבת עליהם", איז וואָס לענגער ער וואַרט אַלץ עלטער ווערט ער און אַלץ קלוגער וועט די תשובה אַרויסקומען, דאַגעגען דער גולם, דער שוטה, דאַרף זיך צוויילען מיט׳ן ענטפער, וואָרום „זקני עם הארץ כל זמן שמזקינים דעתם מטורפת עליהם" און ס׳איז דעריבער אַן עבירה יעדע מינוט...

אַ בראָדער איד, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ תלמיד־חכם, איז עטליכע מאָל אַריינגעקומען צו רבי שלמה קלוגער שמועסען מיט איהם אין לערנען. ר׳ שלמה קלוגער האָט אָבער דערזעהן אַז דאָס איז אַ איד אַ שוטה, וועלכער פערדרעהט איהם אַ קאָפּ מיט נאַרישע קשיות, איז ער געוואָרען בייז און איהם געהייסען מוחל זיין, ער האָט נישט קיין צייט צו זיינע שטותים. אויף דער פערוואונדערונג פון די מקורבים, הלמאי ער וויל איהם נישט ענטפערען אויף זיינע שאלות אין לערנען, האָט זיי רבי שלמה קלוגער געענטפערט:

אין דער גמרא ווערט געפרעגט: „כתיב אל תען כסיל כאולתו וכתיב ענה כסיל כאולתו? — לא קשיא, הא בדברי תורה, הא במילי דעלמא" (שבת ל׳). געוועהנליך טייטשט די וועלט, אַז דער „אל תען כסיל" געהט אויף מילי דעלמא און „ענה כסיל" — אויף דברי תורה. באמת אָבער בעציהען זיך ביידע זאַכען אויף דברי תורה און דער פשט איז פערקעהרט: „כאן במילי דעלמא", אויב ער איז נור אַ שוטה אין מילי דעלמא, אין וועלט זאַכען, דאַגעגען אין דברי תורה איז ער יאָ אַ בעל־שכל, דאַן „ענה כסיל", זאָלסטו איהם יאָ ענטפערען, און „כאן בדברי תורה", אויב ער איז אויך אַ שוטה אין דברי תורה, דאַן „אל תען כסיל", זאָלסטו איהם נישט ענטפערען און נישט אויסהערען זיינע נאַרישקייטען, אַ שאָד די צייט...

חכם וכו׳ שואל כענין ומשיב כהלכה... (ט.)

צו רבי אייזיל חריף איז אַמאָל געקומען אַ געוויסער למדן, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ שאַרפען בעל־פלפול, און האָט אָנגעהויבען זאָגען פאַר איהם אַ פשט׳ל, אָנהויבענדיג עפּעס מיט אַן אייזערנע קשיא, דורכגעפלאָכטען מיט חריפות און בקיאות. הערט אויס רבי אייזיל די קשיא און פרעגט:

— נו, און וואָס איז דער תירוץ?

ווערט דער למדן ביי זיך האָפערדיג: רבי אייזיל וויל וויסען דעם תירוץ, הייסט דאָך עס, אַז די קשיא איז טאַקי אַ שאַרפע קשיא... הויבט ער אָן זאָגען דעם תירוץ, אַריינלאָזענדיג זיך אין טיעפע פשט׳לעך צוזיפקלעבענדיג אַ וואַנד מיט אַ וואַנד.

רבי אייזיל הערט איהם אויפמערקזאַם אויס און נאָכדעם, ווי ער ענדיגט, פרעגט ער איהם ווידער:

— נו, און וואָס איז די קשיא?

— וואָס הייסט? — חדוש׳ט זיך יענער — אַט האָט איהר דאָך דעם תירוץ. פערשטעהט זיך, אַז נאָכ׳ן תירוץ איז שוין די קשיא קיין קשיא נישט.

— נישט דאָס מיין איך — שמייכעלט רבי אייזיל — די זאַך, פערשטעהט איהר מיך, איז אַזוי. פאַרהאַן אַמאָל, אַז מען האָט אַ גוטען תירוץ, אַ שאַרפען חדוש, פרעגט מען סתם אַ קשיא, אַבי יוצא צו זיין, כדי צו קאָנען זאָגען דעם תירוץ. אייער תירוץ אָבער איז דאָך נאָך צעהן מאָל ערגער פון דער קשיא, היינט — טאָ וואָס איז די קשיא?...

רבי חיים בריסקער איז אַלס קינד, ווי דאָס רוב שאַרפזיניגע, עלוי׳שע קינדער, געווען אַ גרויסער שטיפער. איינמאָל האָט דער אַלטער דיין, וועלכער פלעגט זיצען ביי ר׳ יאָשע בער׳ן אין דער בית־דין־שטוב, איהם געזאָגט מוסר:

— איי — מאַכט ער — חיים׳קע, חיים׳קע, אַט זעהסטו, דיין טאַטע זאָל געזונד זיין איז געזעסען טאָג און נאַכט און געלערענט, איז פון איהם אַרויסגעוואַקסען אַ גדול בישראל, אַ גאון הדור, דו אָבער, אַז גאַנצע טעג שטיפסטו אַרום און לערנסט נישט, וואָס וועט פון דיר אויסוואַקסען?

— אַ דיין — ענטפערט איהם חיים׳קע מניה וביה...

געהאַט האָט חיים׳קע אַ מלמד, אַ סלאָנימער חסיד. איינמאָל איז דער סלאָנימער רבי, רבי אברהם׳לע, געקומען צו פאָהרען קיין סלוצק (חיים׳קעס פאָטער, רבי יאָשע־בער, איז דאַן געווען סלוצקער רב) און דער מלמד, געהענדיג מקבל־פנים־זיין דעם רבי׳ן זיינעם, האָט ער אויך מיטגענומען דעם תלמיד מיט זיך. דער סלאָנימער רבי, דערהערענדיג וועמענ׳ס קינד דאָס איז, האָט ער זיך מיט איהם משתעשע געווען און איהם מכבד געווען מיט אַן עפּעל. חיים׳קע האָט געכאַפּט דעם עפּעל און גלייך גענומען עסען.

— האָ? — גיט דער מלמד אויף איהם אַ געשריי — אָהן אַ ברכה?

— דאָס ביזט דו שולדיג — מאַכט דער סלאָנימער רבי צום מלמד — דו ביזט זיין רבי און דו האָסט איהם בעסער נישט מדריך געווען...

— ניין — רופט זיך אָן חיים׳קע צום סלאָנימער רבי׳ן — איהר זענט שולדיג, איהר זענט דאָך מיין רבי׳נס רבי און איהר האָט איהם בעסער נישט מדריך געווען...

ועל מה שלא שמע אומר לא שמעתי... (ט.)

גאַנץ אָפט געפינען מיר אין רש״י די ווערטער: „איני יודע מַה מלמדנו״. באמת אָבער לערענט אונז רש״י דערמיט אַ גאַנץ סך — ער לערענט אונז דערמיט די מדה פון עניוות...

רבי אברהם׳לע סאָכאַטשעווער, דער „אבני נזר״, האָט אַלס יונגעל געלערענט ביים פאָטער, דער ביאַלער רב, וועלכער פלעגט זיך בטול׳דיג בעציהען צו זיינע חדושים, ווי צו יונגלערישע פשט׳לעך, וועלכע עס איז נישט כדאי אויסצוהערען.

איינמאָל ביים לערנען האָט ער ערקלערט דעם פאָטער, אַז ער וויל נאָכזאָגען אַ חדוש, וואָס ער האָט געזעהן אין רשב״א. דער פאָטער האָט אויסגעהערט און איז

שטאַרק נתפעל געוואָרען פון שאַרפזיניגען אויפטהו. שפּעטער האָט ער שמייכעלדיג מודה געווען, אַז באמת איז דאָס גאָר זיין אייגענער חדוש.

— היתכן — פרעגט איהם דער פאָטער — מעג מען דען אַבנאַרען?

דערויף האָט איהם רבי אברהם׳לע (וועלכער איז דאַן נאָך קיין גאַנצע אַכט יאָהר נישט אַלט געווען) אָנגעוויזען פון אַ גמרא אין פסחים, אַז אין אַזעלכע פאַלען מעג מען זיך בענוצען מיט אַ ליגען, דען די גמרא זאָגט דאָרט: „אם בקשת ליחנק היתלה באילן גדול״, און דערויף זאָגט דער רשב״ם: „אם בקשת לומר דבר שישמע לבריות ויקבלו ממך וכו׳ למוד בפני רב ואמור שמועותיו משמו״ (פסחים קי״ב)...

חרב באה לעולם על ענוי הדין ועל עוות הדין... (יא.)

און דערמיט ווערט פערשטענדליך דער מאמר אין דער גמרא: „לעולם יראה דיין עצמו כאלו חרב מונחת לו בין ירכותיו״ (סנהדרין ז׳). פאַרוואָס עפּעס „כאלו חרב מונחת לו״? נאָר די כוונה איז, אַז דער דיין זאָל תמיד געדענקען און זעהען פאַר זיך דעם „חרב באה לעולם על ענוי הדין ועל עוות הדין״...

(תוספת ברכה)

האומר שלי שלי ושלך שלך זו מדה בינונית ויש אומרים זו מדת סדום... (יג.)

אויב איינער, אַ יחיד, זאָגט „שלי שלי ושלך שלך״, ער וויל ביי קיינעם נישט נעהמען און קיינעם נישט געבען, „זו מדה בינונית״, איז עס נאָך צו דערליידען, אָבער — „ויש אומרים״, ווען אַ רבים זאָל אָנהויבען זאָגען און איינפיהרען דעם דאָזיגען פּרינציפּ, „זו מדת סדום״, דאַן וואָלט אַזאַ אָרדנונג דערפיהרט צו סדום, עס וואָלט אויסגעקומען, אַז די אָרימעלייט זאָלען ממש אויסשטאַרבען פון הונגער!...

(לחמי תודה)

קשה לכעוס ונוח לרצות חסיד... (יד.)

דער ווילנער גאון וויזט אָן, אַז דער דאָזיגער מאמר געפינט זיך אין אַ בפירוש׳ען פסוק: „כי חסיד אני נאום ד׳ לא אטור לעולם״ (ירמי׳ ג. יב.).

ארבע מדות בנותני צדקה... (טז.)

צום „נודע ביהודה״ זענען אַמאָל אַריינגעגאַנגען צוויי בעלי־בתים און געבעטען ביי איהם אַ נדבה פאַר אַן׳איש נכבד. דער נודע־ביהודה האָט זיך געפרעגט, אין וואָס פאַר אַ סומע געלד יענער בויטיגט זיך און הערענדיג פון זיי אַ תשובה, האָט ער פון זיין אייגענער טאַש געגעבען זיי דאָס גאַנצע געלד, בלויז מיט עטליכע גילדען ווייניגער.

די בעלי־בתים זענען געבליבען שטאַרק פערוואונדערט, דאָפּעלט פערוואונדערט: ערשטענס, פון זיין פזרנות. צווייטענס, אויב איהר קענט פועל׳ן ביי זיך, רבי — האָבען זיי איהם געפרעגט — צו געבען אַלס נדבה אַזאַ היבשע סומע געלד, טאָ פאַר־וואָס גיט איהר שוין נישט די גאַנצע סומע, צו וועלכער עס פעהלט בלויז בס״ה עטליכע גילדען?

— איהר האָט פערגעסען, ווי עס וויזט אויס — ענטפערט זיי דער נודע־ביהודה — אין אַ בפירוש׳ער משנה: „הרוצה שיתן ולא יתנו אחרים — עינו רעה בשל אחרים״, מען דאַרף לאָזען פּלאַץ, אַז אַ צווייטער זאָל אויך עפּעס געבען...

רבי משה לייב סאסובער פלעגט זאָגען: „ונא אל תצריכנו ד׳ אלוקינו לא לידי מתנת בשר ודם וכו׳ כי אם לידך המלאה והפתוחה״, נאָר ביי דיר, רבונו־של־עולם, איז „מלאה ופתוחה״ צוזאַמען, דען די האַנד פון אַ בשר ודם, אויב זי איז „מלאה״ איז זי ליידער נישט „פתוחה״, און אויב זי איז „פתוחה״ איז זי נישט „מלאה״...

אין בערדיטשעוו איז געשטאָרבען אַ גביר, וועלכער האָט געשמ׳ט ביים לעבען אַלס גרויסער קמצן און די חברה־קדישא, ווי מען איז זיך נוהג אין אַזעלכע פאַלען, האָט בעשלאָסען זיך נוקם צו זיין אין די יורשים און זי האָט געפאָדערט פון זיי אַ גרויסע סומע געלד פאַר דער קבורה. די יורשים האָבען נישט געוואָלט געבען און עס איז געבליבען מען זאָל געהן צו אַ דין־תורה צום בערדיטשעווער רב. בשעת דער רב, רבי לוי־יצחק, האָט דערהערט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט ער פערלאַנגט פון דער חברה־קדישא, אַז זי זאָל נישט פאָדערען פון די יורשים קיין איין פרוטה, נאָר נעהמען אַזויפיעל, וויפיעל זיי אַליין זענען מרוצה צו געבען. די חברה־קדישא לייט האָבען, פערשטעהט זיך, געמוזט פאָלגען, זייענדיג ערשטוינט פונ׳ם דאָזיגען אויסטערלי׳שען פסק און נאָך גרעסער איז געווען זייער פערוואונדערונג, בשעת זיי האָבען שפּעטער דערזעהן, אַז רבי לוי־יצחק אַליין איז געקומען צו דער לויה, וממילא, פערקוקענדיג זיך אויפ׳ן רב, האָט זיך שוין די גאַנצע שטאָדט בעטייליגט אין דער לויה.

אויף דער פראַגע פון די פערוואונדערטע בעלי־בתים, פאַרוואָס עס קומט דעם פערשטאָרבענעם קמצן אַזאַ גרויסער כבוד און מיט וואָס ער האָט זיך פערדינט, מען זאָל איהם זאָגאַר געבען אַנ׳אומזיסטע קרקע, האָט רבי לוי־יצחק ערקלערט:

— ער האָט זיך עס פערדינט דערמיט, וואָס ביים לעבען האָט ער געהאַט ביי מיר דריי דיני־תורות און יעדעס מאָל האָט ער די דין־תורה געוואונען.

ובכן, די ערשטע דין־תורה. עס איז געווען אַמאָל אַ מעשה מיט אַ קאָמיסיאָנער פון אַ נאָהענטע שטאָדט, וועלכער פלעגט פאַר די וויין־סוחרים פון זיין שטעדטעל צושטעלען וויין פון בערדיטשעוו און זיי פלעגען איהם יעדעס מאָל געבען פאָראויס געלד איינצוקויפען די סחורה. ויהי היום, קומט איינמאָל דער קאָמיסיאָנער קיין בערדיטשעוו און מאַכט ביים וויין־פאַבריקאַנט אַ גרויסע בעשטעלונג און בשעת עס קומט צום בעצאָהלען טהוט ער אַ קוק — ער האָט נישט דאָס געלד, מען האָט איהם דאָס געלד, פרעמד געלד, אַרויסגע׳גנב׳עט, אָדער ער האָט עס פערלוירען! פון גרויס צער האָט נעביך דער איד אָנגעהויבען צו חלש׳ן און ס׳איז אונמעגליך געווען איהם אָבצוראַטעווען. יעדעס מאָל ווען עס געלינגט אויף אַ ווײַלע איהם צו דערמינטערען און ער עפענט די אויגען און דערמאָהנט זיך אין זיין אומגליק, פאַלט ער צוריק אין חלשות. די דאָקטוירים האָבען זיך נישט געקענט קיין עצה געבען און זיי האָבען ערקלערט, אַז כל־זמן דער איד וועט נישט צוריק געפינען זיין שאָדען, איז קיין האָפנונג נישטאָ צו קענען איהם דערהאַלטען ביים לעבען. צווישען די אידען, וואָס זענען זיך צונויפגעלאָפען פון גאַס אַרום דעם אויסטערלישען געשעהעניש האָט זיך אויך געפונען דער פערשטאָרבענער גביר און, דערהערענדיג וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך און ווי גרויס עס איז דער סכום פון דעם שאָדען, האָט ער ערקלערט, אַז ער האָט דאָס געלד געפונען, און בשעת דער פערחלש׳טער איד האָט אויף אַ ווײַלע געעפענט די אויגען האָט ער איהם תיכף אונטערגעטראָגען די גאַנצע סומע, וואָס איהם פעלט און פון גרויס שמחה איז דער איד מאָמענטאַל צוריקגעקומען צו די כוחות.

צווישען פערזאַמעלטען עולם האָט זיך אָבער געפונען דער אמת׳ער גנב און דערזעהענדיג דעם גביר׳ס שענע האַנדלונג, האָט איהם דאָס געוויסען גענומען פייניגען

און אין עטליכע טעג אַרום האָט ער זיך נישט געקענט מעהר איינהאַלטען און ער איז אַוועק צום גביר אַהיים און איהם פּערטרויט, אַז באמת געפינט זיך דאָס דאָזיגע געלד ביי איהם, ער האָט עס געפונען, איז ער דעריבער געקומען אומקעהרען איהם דאָס געלד, וואָס ער, דער גביר, האָט שוין יענעם אויסגעצאַהלט פון זיין אייגענער טאַש. דער גביר האָט אָבער דאָס געלד נישט געוואָלט נעהמען און נאָך לאַנגע טענות האָט ער מסכים געווען צו געהן מיט איהם צו אַ דין־תורה, צום בערדיטשעווער רב.

יענער האָט ביי דער דין־תורה געטענה'ט, אַז באמת האָט ער געפונען דעם איד'ס געלד און דער גביר איז דעריבער מחויב צוצונעהמען עס פון איהם. דאַגעגען האָט געטענה'ט דער גביר, אַז ער האָט עס געדאַרפט אָבגעבען צו דער צייט און נישט לאָזען אַז דער אומגליקליכער איד זאָל זיך אַזוי פּייניגען און אַז ער וועט אויף דער דאָזיגער מצוה, צו וועלכע ער האָט זוכה געווען, מציל צו זיין אַ נפש־מישראל, באין אופן נישט מוותר זיין... און ער האָט די דין־תורה געוואונען.

די צווייטע דין־תורה. אַן אָרימער בערדיטשעווער איד, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין פּרנסה, האָט בעשלאָסען אַוועקצולאָזען זיך פּרובען זיין מזל אין מרחקים, אָבער היות ווי דאָס ווייב, וועלכע האָט מורא געהאַט, אַז נאָך זיין אַוועקפאָהרען וועט זי אינגאַנצען בלייבען אָהן ברויט, האָט דערויף נישט געוואָלט מסכים זיין, איז ער געפאַלען אויף אַ עצה און איינמאָל איז ער אַהיימגעקומען און געבראַכט דעם ווייב אַ פרעהליכע בשורה, אַז ער האָט בעקומען אַ פּאָסטען ביי איינעם פון די בערדיטשעווער גבירים, טאַקי ביים דערמאַהנטען פּערשטאַרבענעם גביר, אַלס רייזענדער, אַרומצו־פאָהרען אין די שטעדט מאַכען בעשטעלונגען, מיט אַ שטענדיגע וועכענטליכע פּענסיע, און אַז יעדע וואָך, יעדען דאָנערשטאָג, וועט דאָס ווייב בעקומען אויסגעצאָלט די פּענסיע אין גביר'ס קאַנטאָר. דאָס ווייב האָט זיך דערפרעהט און דער מאַן האָט זיך געזעגענט און זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. אָבער בשעת די פרוי איז דעם ערשטען דאָנערשטאָג אַוועק אין קאַנטאָר און זיך געווענדעט צום קאַסירער נאָך דער פּענסיע, האָט ער געהויבען מיט די פּלייצעס און ערקלערט, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגען, אַז דער מאַן האָט דאָ נישט קיין שום פּאָסטען און עס קומט איהר קיין שום געלד נישט. די אידענע האָט אָנגעהויבען שרייען, אַז איהר מאַן איז נישט קיין ליגנער און אַז זי פּערלאַנגט, מען זאָל איהר אויסצאָהלען די פּענסיע, וואָס מען האָט איהם צוגעזאָגט. דער קאַסירער האָט זי אָנגענומען פאַר אַ משוגענע און בעפויהלען, מען זאָל איהר אַרויסוואַרפען. עס איז געוואָרען אַ מהומה און עס איז אָנגעלאָפען דער בעל־הבית און, דערהערענדיג וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט ער גלייך פּער־שטאַנען, וואָס דאָ איז און ער האָט ערקלערט דעם קאַסירער, אַז די אידענע האָט רעכט, ער האָט דעם מאַן איהרען טאַקי צוגענומען אויף אַ פּאָסטען פאַר אַזאַ און אַזאַ פּענסיע און אַז יעדע וואָך זאָל מען איהר די דאָזיגע פּענסיע פּינקטליך אויסצאָהלען...

במשך פון דער צייט איז דער אַנטלאָפענער מאַן נתעשר געוואָרען און ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, וואו ער האָט זיך צו זיין גרויס פּערוואונדערונג דערוואוסט פון ווייב, אַז דער גביר, ביי וועלכען ער האָט מכלומר'שט אָנגענומען דעם פּאָסטען, האָט איהר יעדע וואָך רעגולער געצאָהלט די פּענסיע... ער איז תיכף אַוועק צום גביר, וועלכען ער האָט הייס געדאַנקט פאַר'ן חסד, וואָס ער האָט מיט איהם געטהון און איהם אויסגעצאָהלט דאָס געלד, וואָס ער האָט במשך הזמן געגעבען זיין ווייב. אָבער דער גביר האָט דאָס געלד נישט געוואָלט נעהמען און איהם געענטפערט: „לאו בעל דברים דידי את". עס איז געבליבען מען זאָל געהן צום בערדיטשעווער רב צו אַ דין־תורה, און ווידעראַמאָל האָט דער גביר די דין־תורה געוואונען...

די דריטע דין־תורה. אַ בערדיטשעווער בעל־הבית איז געוואָרען ל״ע אַ יורד. ויהי היום, איז איהם אונטערגעקומען אַ משא־ומתן, אין וועלכען ער האָט געדאַרפט אַריינלעגען אַ סומע געלד און ער איז אַוועק צום פערשטאָרבענעם גביר מיט אַ בקשה, ער זאָל איהם ראַטעווען און אויסלייהען דעם נויטיגען סכום. וואָס הייסט, כ'זאָל דיר לייהען? — מאַכט צו איהם דער גביר — דו ביזט דאָך אַ איד אַן אָרימאַן, ווער וועט מיר גאַראַנטירען פאַר דעם געלד? דער רבונו־של־עולם — ענטפערט דער איד — ער איז אַ גוטער בעל־בטחון... דער גביר האָט מסכים געווען אויף דער דאָזיגער גאַראַנטיע און ער האָט איהם געגעבען די נויטיגע סומע געלד. דער איד האָט מצליח געווען און אין אַ צייט אַרום איז ער געקומען אָבגעבען איהם דעם חוב. כ'האָב שוין אָבגענומען — ענטפערט דער גביר... וואָס הייסט? — חידוש'ט זיך דער גביר — כ'האָב דאָך אייך די גאַנצע צייט קיין איין פרוטה נישט געגעבען?... געבאָרגט האָב איך אייך דאָס געלד — מאַכט צו איהם דער גביר — אויף דער בטיחות פון רבונו־של־עולם און אָט האָט מיר דער בעל־בטחון במשך פון דער צייט געסילוק'ט דעם גאַנצען חוב, נאָך מיט גאָר אַ סך פראָצענט און איהר זענט מיר שוין לגמרי גאָרנישט שולדיג... דער איד איז פון דעם אויסטערלישען ענטפער נישט געבליבען צופרידען, ער האָט איהם אויפגעפאָדערט צו אַ דין־תורה צום בערדיטשעווער רב, און אויך דאָס מאָל האָט דער גביר געוואונען די דין־תורה...

— און אַזאַ איד — האָט דער בערדיטשעווער פערענדיגט — וואָס האָט געוואונען אַזעלכע דריי דיני־תורות, האָט כשר פערדינט, מען זאָל איהם געבען אַנ־אומזיסטע קרקע און איינאָרדנען אַ שעהנע לויה...

(ש. ש. זעווין: מספורי החסידים)

איזו היא מחלוקת שהיא לשם שמים זו מחלוקת הלל ושמאי ושאינה לשם שמים זו מחלוקת קרח... (כ.)

דען, בעת אַ מחלוקת צווישען בית־שמאי ובית־הלל, דערצעהלען אונז יעדעס מאָל די חז״ל, אַז „נמנו וגמרו״, מען פלעגט צעהלען די שטימען און די מינדערהייט האָט זיך אונטערגעגעבען דעם פסק פון דער מערהייט, דאַגעגען אָבער ביי „מחלוקת קרח ועדתו״ האָבען צוויי הונדערט און פופציג מענשען זיך געגענגעשטעלט געגען אַ רוב פון ששים רבוא אידען...

(שרגי סובא)

רבי חיים וואלאזשינער פלעגט זאָגען: „איזו היא מחלוקת לשם־שמים זו מחלוקת הלל ושמאי״. נאָר אַזעלכע מענשען, ווי הלל ושמאי, האָבען זיך געקענט ערלויבען צו פיהרען אַ מחלוקת לשם־שמים, אַזעלכע קליינע מענשעלעך אָבער ווי מיר זענען, מוזען אַפילו פון אַזעלכע מחלוקת'ן אויך אַנטלויפען...

ווי אַזוי ווייסט מען, אַז די מחלוקת איז נישט לשם־שמים? — דאַן ווען עס איז „אין סופה להתקיים״, ווען עס איז פאַר אַלעמען קלאָר און מען זעהט פאַראויס, אַז די דאָזיגע מחלוקת וועט קיין שום נוצען און קיין שום רעזולטאַט נישט ברענגען...

(כתב סופר)

אויף אַנ'אסיפת־הרבנים אין גאַליציען האָבען זיך די רבנים אויסגערעדט די

הערצער, קלאַגענדיג זיך אויף די פערשידענע אונאויפהערליכע מחלוקת'ן, וואָס זיי האָבען אויסצושטעהן אין זייערע שטעדט.

— ביי מיר אין שטאָדט — רופט זיך דאַן אָן דער טאַרנאָפּאָלער רב, דער בעל „עמק יהושע" — הערשט נישט ב"ה קיין שום מחלוקת.

— טאַקי באמת? — חידוש'ן זיך די רבנים.

האָט ער עס זיי מסביר געווען:

— פערשטעהט איהר מיך, בכדי צו פיהרען מחלוקת, מוזען געשאַפען ווערען צדדים און איין צד האַלט מלחמה מיט'ן צווייטען צד, אויף אַזאַ אופן מוז דאָך על־כל־פּנים זיין אחדות צווישען די אָנהענגער פון איין צד. ביי מיר אין שטאָדט, אָבער, הערשט ר"ל אַזאַ מורא'דיגער פירוד־הלבבות און אַזאַ שנאה צווישען די בעלי־בתים, אַז אַפילו צונויפנעהמען עטליכע מענשען און צו שאַפען פון זיי אַ צד אויף צו פיהרען מחלוקת, אַפילו דאָס איז אונמעגליך...

„הני מאני דרבנן דבלו מחופיא דידהו" (ברכות ו')

דאָס, וואָס דער כבוד פון די רבנים („רבי יוחנן קרי למאניה מכבדותיה") איז אַזוי אָבגעריבען און אַזוי געפאַלען, איז „מחופיא דידהו", צוליעב זייערע אייגענע רייבונגען, ווייל זיי אַליין צווישען זיך רייסען זיך אַרום, ווייל זיי גופא זענען אויף זייער כבוד נישט חס...

(רבי יהושע'לע קוטנער)

רבי יונתן אייבעשיץ איז געווען אַ געוויסע צייט רב אין אַ שטאָדט, וועלכע ער איז געצוואונגען געווען צו פערלאָזען צוליעב דער מחלוקת, וואָס, עס האָט געפיהרט געגען איהם איינער פון די גדולי־העיר, אַ בעריהמטער תלמיד־חכם. נאָכ'ן פערלאָזען די שטאָט האָט רבי יונתן אַריינגעשיקט צום געגנער זיינעם אַ בריוועל, אין וועלכען ער האָט איהם געשריבען: די גמרא זאָגט אין סוטה, אַז „שני תלמידי־חכמים המקפחין זה את זה בהלכה, אחד מת ואחד גולה". בין איך, אַלזאָ, צופרידען וואָס איך בין דער גולה...

וכל המחטיא את הרבים... (כא.)

— אַמאָל — פלעגט זאָגען ר' שמואל מאָהילעווער — האָט דער יצר־הרע גע־דאַרפט זיך גוט אָנמאַטערען, ביז ער האָט געקענט פועל'ן ביי אַ אידען צו טהון אַן עבירה, היינט אָבער וואַרט מען נישט מעהר מיט'ן טהון די עבירה אויפ'ן יצר־הרע און זיין עובדה איז בלויז צו פועל'ן ביים מענש, אַז אויב זינדיגען, טאָ זאָל ער נישט זינדיגען אַליין, נאָר אויך אַנדערע מיטשלעפען מיט זיך...

— דעריבער — פלעגט ער אויך זאָגען — איז „כל הגדול מחברו יצרו גדול הימנו", מחמת קוים, ווייסט דער יצר־הרע, וועט איהם געלינגען אַריינצוכאַפען אַ גדול, פערשפאָרט ער שוין דאָן צו אַרבייטען מיט'ן רבים — דער רבים וועט שוין ממילא נאָכגעהן...

— דער יצר־הרע — האָט געזאָגט רבי אלימלך פון ליזענסק — איז אַמאָל געקומען צו מיר און מיר מתרה געווען, אַז אויב איך וועל נישט אויפהערען צו מוסר'ן דעם עולם און זיי מחזיר־בתשובה צו זיין, וועט ער אַלעמען לאָזען שטעהן און זיך

נעהמען צו מיר... האָב איך איהם דערויף געענטפערט: וואָס מיר אָנבעלאַנגט, ווייס איך וואויל, אַז דו וועסט סיי־ווי טהון אַלץ, וואָס דו ביזט נאָר אימשטאַנד, אָבער אויך איך אי״ה וועל נישט זיצען מיט פערלעגטע הענד און אויך איך וועל טהון אַלץ, וואָס איך בין אימשטאַנד...

עין טובה ורוח נמוכה ונפש שפלה... (כב.)

קיין לעמבערג איז אַמאָל געקומען אַ געוויסער חסידישער רבי, וועלכער האָט אַריבערגעשיקט דעם משמש צום לעמבערגער רב, אַז היות ווי ער דאַרף איהם עפּעס איבערפרעגען, זאָל ער מוחל זיין און תיכף קומען צו איהם.

רב אין לעמבערג איז דאַן געווען דער „ישועות יעקב״, רבי יעקב ארנשטיין, וועלכער איז אויסער אַ גרויסער גאון בתורה, אויך געווען אַ בעריהמטער יחסן און דערצו אויך אַ גרויסער עושר און אין אַלע קרייזען האָט מען זיך דעריבער בעצויגען צו איהם מיט אַנ׳אויסערגעוועהנליכען דרך־ארץ. דערהערענדיג פון שמש, אַז עפּעס אַ רבי האָט געשיקט נאָך איהם, האָט עס איהם פערדראָסען און ער האָט געענטפערט קורץ, אַז ער האָט קיין צייט נישט.

— אויב אַזוי — האָט אויסגערופען דער רבי, דערהערענדיג דעם ענטפער — איז ער דאָך אַ בעל־גאוה, מילא, וועל איך געהן צו איהם.

דער רבי איז אַוועק צו איהם און ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען און איהם דערלאַנגט שלום, האָט ער איהם גלייך אַ פרעג געטהון: זאָגט מיר, לעמבערגער רב, וואָס איז דער פשט פון פסוק אין משלי: „תועבת ד׳ כל גבה לב״? (אַנ׳אָנצוהערעניש, אַז דער רב איז אַ גבה לב, אַ בעל־גאוה).

— דער פשט — האָט איהם דער לעמבערגער רב געענטפערט — איז אַזוי: אויף יעדע זאַך מיט וועלכער אַ מענש שטאָלצירט, איז דאָ אַנ׳עצה, אַז מען זאָל פון איהם בעזייטיגען די שטאָלצקייט. אויב אַ מענש גרויסט זיך מיט זיין עשירות, ווייזט מען איהם אָן, אַז פלוני־בן־פלוני איז אַ פיעל גרעסערער עושר פון איהם און ער דאַרף זיך נישט אַזוי שטאַרק איבערנעהמען. שטאָלצירט איינער מיט זיין חכמה — ווייזט מען איהם, אַז יענער און יענער זענען פיעל גרעסערע חכמים, און אַזוי ביי יעדע זאַך... ווי איז אָבער, אַז איינער רעדט זיך איין, אַז ער האָט אַ גרויס האַרץ, אַ לב טהור, אַ הויכע נשמה — מיט אַזעלכען איז זעהר שווער עפּעס צו מאַכען און צו איבער־צייגען איהם, אַז ער האָט זיך נישט מיט וואָס גרויס צו האַלטען, ווארום הערצער און נשמות לאָזען זיך נישט מעסטען, ווע‏מענ׳ס עס איז גרעסער און הייליגער... און אָט דאָס מיינט דער פסוק: „תועבת ד׳ כל גבה לב״. אָט די, וואָס טראָגען זיך אַרום מיט דער איינרעדעניש, אַז זיי האָבען הויכע הערצער און גרויסע נשמות...

מה בין תלמידיו של אברהם אבינו לתלמידיו של בלעם הרשע... (כב.)

איז ערשטענס, ווער פערשטעהט עס נישט, אַז עס דאַרף זיין אַ גרויסער אונטער־שיד פון אברהם אבינו׳ס תלמידים, ביז די תלמידים פון בלעם הרשע? צווייטענס, וואָס פאַר אַנ׳ענטפער איז דערויף: „תלמידיו של אברהם אבינו אוכלים בעולם הזה וכו׳״?

דער פשט איז — האָט געזאָגט דערויף דער רבי ר׳ בונם — אַז דעם חילוק צווישען אברהם׳ס און, להבדיל, בלעם׳ס תלמידים, קען מען דערקענען נישט בלויז אין זייערע מעשים, נאָר אַפילו אין עסען...

פאַרוואָס שטעהט נישט „מה בין אברהם אבינו לבלעם הרשע״, נאָר „מה בין תלמידיו״?

ווייל בלעם׳ן אַליין איז שווער געווען צו דערקענען. אויפ׳ן קוק האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פרומען, אַ צדיק, וועלכער רעדט רק מיט גאָט... ערשט פון די תלמידים זיינע איז געוואָרען קענטיג, ווער און וואָס זייער רבי איז געווען...

(רבי בונם מפשיסכע)

הוי עז כנמר וקל כנשר... (כג.)

רבי נפתלי ראָפּשיצער פלעגט זאָגען: אין די יונגע יאָהרען, בעת איך פלעג מיך מקדים זיין אויפצושטעהן צו עבודת־הבורא, פלעגט דער יצר־הרע מיט אַ מינע פון אַ בעל־רחמנות אַריינרעדען אין מיר: נפתלי, וואָס איז דאָס איילעניש? אין דרויסען איז חושך, די שטערען שטעהען נאָך אין הימעל און דער פראָסט ברענט, שלאָף נאָך אַביסעל... פלעג איך דאָן אַ געשריי טהון צו איהם: אָוועק פון מיר! דו האָסט זיך שוין אויפגעהויבען, דו אַרבייטסט שוין, און מיך הייסט דו נאָך שלאָפען?...

עז פנים לגיהנום... (כג.)

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי מאיר׳ל פּרימישלאנער — מעהרען זיך היינט אַזוי פיעל עזות־פנים׳ער, דען די חז״ל זאָגען: „תשע מאות וע״ד דורות שקומטו להבראות קודם שנברא העולם ולא נבראו, עמד הקב״ה ושתלן בכל דור ודור והן הן עזי פנים שבדור״ (חגיגה י״ד). אויפ׳ן פסוק „בעתה אחישנה״ זאָגען די חז״ל: „לא זכו בעתה, זכו אחישנה״. איז אויב דער קץ זאָל קומען „בעתה״, אין דער צייט, וואָלט אין יעדען דור בעשאַפען געוואָרען די נאָרמאַלע צאָהל עזות־פנים׳ער, וויפיעל עס מאַכט אויס אויף זיין חלק. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, זענען מיר זוכה צום „אחישנה״, דער קץ ווערט צוגעאיילט, און דעריבער מוז מען אויך צואיילען און אָנהויבען טיילען גרעסערע פּאַרציעס עזות־פנים׳ער...

בשעת עס האָט זיך געפיהרט די גרויסע מחלוקת צווישען צאַנז און סאַדיגור, איז איינמאָל אַ צאַנזער חסיד אַריינגעקומען צום סאַדיגורער רבי׳ן, רבי אברהם יעקב, און זיך פאַר איהם פערקלאָגט, אַז דער און דער סאַדיגורער חסיד איז אַ מורא׳דיגער מחוצף און עזות־פנים.

— וואָס דען האָט איהר געוואָלט — מאַכט צו איהם דער סאַדיגורער רבי — בשעת מיר וועלען דאַרפען האָבען אַן עזות־פנים, זאָלען מיר יעדעס מאָל מוזען אָנקומען נאָך אַ גמילות־חסד און איהם אויסבאָרגען ביי די צאַנזער חסידים?...

„תחנונים ידבר רש ועשיר יענה עזות״ (משלי יח.)

מיר האָבען אַ כלל — פלעגט זאָגען דערויף דער לאָדזער רב, רבי אלי׳ חיים מייזעל — אַז „ו׳ מוסיף על ענין ראשון״. דער „ועשיר יענה עזות״ בעציהט זיך, אַלזאָ, אויפ׳ן פריהערדיגען „ידבר רש״, אויפ׳ן געוועזענעם אָרימאַן, דען די גרעסטע עזות־פנים׳ער זענען עפ״י רוב נישט די געבוירענע, נאָר די אויפגעקומענע גבירים...

עז פנים לגיהנום ובושת פנים לגן עדן... (כג.)

רבי זושא אניפאלער האט געטייטשט: „עז פנים לגיהנום", דער וואס פערמאגט אין זיך געבוג דרייסטקייט, עקשנות און עזות־דקדושה נישט נתפעל צו ווערן פאר קיינעם, אזעלכער מעג אפילו וואוינען אין גיהנום, צווישען בלויז רשעים, וועט עס איהם נישט שאדען און נישט אראבפיהרען פון דרך־הישר, דאגעגען אבער „ובושת־פנים — לגן־עדן", ווען איינער איז בטבע אביישן, א מענש מיט א שוואכען כאראק־טער, אזא איינער דארף וואוינען נאר אין א סביבה פון גן־עדן־לייט, צווישען צדיקים און פרומע אידען, דען אזעלכער איז עלול צו ווערען זעהר לייכט מיטגעשלעפט פון דער סביבה.

עז פנים לגיהנום וכו׳ יהי רצון וכו׳ שיבנה בית המקדש... (כג.)

וואס פאר א שייכות האט צום „עז פנים לגיהנום" דער אויספיהר „יהי רצון שיבנה בית־המקדש"?

נאר די כוונה איז: היות ווי „עז פנים לגיהנום" און היות ווי מיר פערמאגען שוין אזוי פיעל מחוצפים און עזות־פנים׳ער, און א כלל האבען מיר דאך, אז „בעקבתא דמשיחא חוצפא יסגי", איז דעריבער — „יהי רצון מלפניך וכו׳ שיבנה בית המקדש", איז שוין די העכסטע צייט, אז משיח זאל קומען...

(חמש ידות)

עז פנים לגיהנום וכו׳ ותן חלקנו בתורתך... (כג.)

די מידה פון עזות קאן אויסגענוצט ווערען נישט נאר צום שלעכטען, נאר אויך צום גוטען, ווי עס ווערט געזאגט טאקי אין אנהויב פון דער זעלבער משנה: „הוי עז כנמר". בעטען מיר דעריבער: „ותן חלקנו בתורתך", אויב ס׳איז אונז בעשערט צו האבען אין זיך אביסעל עזות, זאל דאס פערוועגדעט ווערען אויף דער תורה, דא איז גראד נויטיג אביסעל עזות, ווי די חז״ל זאגען: „מפני מה ניתנה תורה לישראל, מפני שהן עזין" (ביצה כ״ה).

אין די ברכות־השחר זענען מיר מתפלל יעדען טאג: „יהי רצון מלפניך וכו׳ שתצילנו היום ובכל יום מעזי פנים ומעזות פנים". וואס עפיס צוויי מאל: „מעזי פנים ומעזות פנים"? נאר „מעזי פנים", יענער זאל נישט זיין קיין עזות־פנים געגען מיר און „מעזות פנים", איך זאל נישט ארויסגעפיהרט ווערען פון געדולד און כ׳זאל נישט זיין קיין עזות־פנים געגען יענעם.

(אבודרהם)

בן שמונה עשרה לחופה... (כד.)

פונוואנען שטאמט דער מנהג און וואו איז עס מרומז, אז אנ׳אידעם נאך דער חתונה דארף מען האלטען עטליכע יאהר אויף קעסט?

דאס איז מרומז — האט געזאגט דערויף ברוך שעדלעצער — אין דער דאזיגער משנה. פריהער שטעהט: „בן שמונה עשרה לחופה", אז צו אכצעהן יאהר זאל מען הייראטען, און דאן: „בן עשרים לרדוף", און דערויף טייטשט דער ברטנורא: „לרדוף אחר מזונותיו", אז דאמאלס, צוויי יאהר נאך דער חתונה, דארף ער אנהויבען זוכען

פרנסה. וואו־זשע האָט ער גענומען אויף פּרנסה אין די פריהערדיגע צוויי יאָהר, פון אַכצעהן ביז די צוואַנציג? מוז זיין, אַז אין די דאָזיגע צוויי יאָהר קומט איהם צו עסען קעסט...

בן בג בג אומר הפך בה והפך בה... (כה.)

אין בריסק איז געווען בעקאַנט אַ געוויסער גביר, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן, אָבער דערביי אויך אַ מורא׳דיגער קמצן. איינמאָל, בשעת מען האָט געזאַמעלט אין שטאָדט געלד אויף אַ דבר־טוב און דער גביר האָט נישט געוואָלט געבען אַ פּרוטה, האָט רבי חיים בריסקער געשיקט נאָך איהם און איהם שטאַרק אויסגעמוסר׳ט. דער גביר האָט זיך מיט דעם מוסר נישט שטאַרק איבערגענומען און ער האָט גענומען ר׳ חיימ׳ן מסביר זיין, אַז הגם ער פערמאָגט טאַקי איינִיגע חסרונות, איז אָבער דער למוד־התורה אַלץ מכריע, מחמת ער זיצט ב״ה יום־ולילה און לערנט. דערויף האָט איהם רבי חיים געענטפערט מיט דער משנה אין אבות:

„הפך בה״, דו לערנסט איינמאָל, „והפך בה״, און דו לערנסט נאָכאַמאָל, „דכולה בה״, ביזט אינגאַנצען אַריינגעטהון אין דער תורה, „ובה תחזי״, גאַנצע טעג ביזטו אין איהר מעיין, „וסיב ובלה בה״, אַזש גרוי און אַלט ביזטו געוואָרען פון לערנען, און דאָך — „ומנה לא תזוע״, האָסטו זיך פון איהר גאָר קיין ריהר נישט געטהון און קיין שום פּעולה נישט געהאַט, אַ בעוויז — „שאין לך מדה טובה הימנה״, קיין איין גוטע מדה האָסטו זיך פון דער תורה נישט אַראָבגעלערנט...

בן הא הא אומר לפום צערא אגרא... (כו.)

ווי תוספות ערקלערט (חגיגה ט׳) איז בן הא־הא געווען אַ גר און מען האָט איהם גערופען אויפ׳ן נאָמען פון אברהם ושרה, וואָס צו זייערע ביידענס נעמען איז צוגעזעצט געוואָרען אַ ה׳.

און ווי פאַר יעדען גר, וואָס קומט פון דער פרעמד און פערלאָזט זיין פאָלק און זיינע עלטערן, איז אויך געוויס פאַר בן הא־הא דער דאָזיגער איבערגאַנג אויף אַ נייעם לעבענס־וועג געווען פערבונדען מיט פיעל צער און ליידען, און דעריבער האָט ער זיך אויסגעדריקט: „לפום צערא — אגרא״...

(דברי אליעזר)

אין אַ צווייט אָרט (ברכות ו׳) רעכענען אויס די חז״ל דעם סבר פון פערשידענע זאַכען, און נעמליך: „אמר ר׳ זירא: אגרא דפרקא — רהטא; אמר אביי: אגרא דכלה — דוחקא; אמר רבא: אגרא דשמעתא — סברא; אמר ר׳ פפא: אגרא דבי־טמיא — שתיקותא; אמר מר זוטרא: אגרא דתעניתא — צדקתא; אמר ר׳ ששת: אגרא דהספידא — דלויי; אמר ר׳ אשי: אגרא דבי הלולי — מילי״.

ווערט דערויף נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רבי יאָשע דינאָבורגער, אַז יעדער פון די דערמאָהנטע מאַן־דאמר׳ס האָט געזאָגט די מימרא אויפ׳ן גרונד פון זיינע אייגענע ערפאַהרונגען.

וועגען רב זירא זאָגען די חז״ל, אַז ער איז געווען „קטינא חריף שקי״ (בבא מציעא פ״ה), אַז עס איז איהם שווער געווען צו געהן, האָט ער זיך דעריבער אויסגע־דריקט: „אגרא דפרקא — רהטא״, אַז דער עיקר שכר קומט פאַר׳ן לויפען.

אביי איז געווען אַ חלוש, ער האָט געליטען, ווי די חז״ל דערצעהלען אונז (שבת ל״ג) אויף דער קראַנקהייט וואָס רופט זיך „הדרוקן״, און אַלס שוואַכער מענש איז איהם שווער געווען צו געפינען זיך אין ענגשאַפט, און ער האָט זיך דעריבער אויסגע־דריקט: „אגרא דכלה — דוחקא״, אַז דער עיקר שכר דאַרף מען ביי דער דרשה אין בית־המדרש בעקומען פאַר דער ענגשאַפט, וואָס דאָס איז אַמשווערסטען איבערצו־טראָגען...

רבא האָט געשמ׳ט אַלס גרויסער עמקן בסברא און ער אַליין דריקט זיך אויס וועגען זיך: „אנן כי אצבעתא בקירא לסברא״ (עירובין נ״ג), האָט ער דעריבער גע־זאָגט: „אגרא דשמעתא — סברא״.

רב פפא פלעגט מעורר זיין די תלמידים, אַז ביים לערנען זאָלען זיי נישט זיין קאַרג אויף קיין ווערטער: „אמר רב פפא אפילו כי הא מילתא לימא אינש ולא נשתוק קמיה רביה״ (נדה כ״ז), האָט ער דעריבער ערקלערט, אַז ביי אַנ׳אבל דאַרף מען זיך אויפ־פיהרען להיפוך: „אגרא דבי טמיא — שתיקותא״, אַז דער עיקר שכר פון ניחום אבלים איז דאָס שווייגען...

מר זוטרא, ווי עס איז צו זעהן פון עטליכע שטעלען (ברכות ג׳ און בבא מציעה כ״ב) איז געווען אַ קנאַפּער עסער און דאָס פאַסטען האָט איהם ווייניג געאַהרט, האָט ער דעריבער ערקלערט: „אגרא דתעניתא — צדקתא״, דער עיקר איז אין תענית דאָס געבען צדקה.

רב ששת איז געווען אַ סגי נהור (ברכות נ״ח) האָט ער דעריבער געזאָגט: „אגרא דהספידא — דלויי״, אַז אַ מת זאָל מען מספיד זיין הויך, אויפ׳ן קול, כדי אויך אַ בלינדער, וועלכער זעהט נישט די לויה, זאָל קענען מיטקלאָגען אויפ׳ן מת.

רב אשי האָט נישט געהאַלטען, אַז מען זאָל זיך אויף אַ חתונה צופיעל משמח זיין, ווי די חז״ל דערצעהלען אונז: „רב אשי עביד הלולא לבריה חזינהו לרבנן דהוו קא בדחי טובא איתי כסא דזוגיתא חיורתא ותבר קמיהו ואעציבו?״ (ברכות ל״א) און ער האָט דעריבער ערקלערט: „אגרא דבי הלולא — מילי״, אַז דער עיקר דאַרף מען דעם חתן משמח זיין מיט ווערטער, מיט דברי תורה...

רבי נחמן בראַצלאַווער פלעגט זאָגען אויפ׳ן מאמר חז״ל „צדיקים נדמה להם כהר, רשעים נדמה להם כחוט השערה״: די צדיקים, וואָס זינדיגען נישט, שטעלען זיך פאַר די זינד אַלס אַ ריזיגען באַרג פון אונגעהויערע הנאה און תענוגים, די רשעים אָבער, נאָכ׳ן אָבזינדיגען, „נדמה להם כחוט השערה״, דערזעהען זיי די גאַנצע נישטיגקייט און פוסטקייט פון דעם אַלעם...

פרק ששי

שנו חכמים בלשון המשנה ברוך שבחר בהם ובמשנתם... (א.)

געוועהנליך זשאַלעוועט מען נישט אַ תלמיד־חכם קיין כבוד, אָבער נאָר דאָרט, וואו דער כבוד קאָסט קיין געלד נישט. מען איז איהם מכבד מיט'ן בענשען, מיט סנדקאות, מיט אַ פּלאַץ אין בית־המדרש אויף דער מזרח־וואַנד, מיט אַ ·שענע עליה וכדומה. צו נעהמען איהם, אָבער, אַלס שותף צו אַ שטיקעל מסחר, ווער שמועסט נאָך, נעהמען איהם אַלס איידעם פאַר דער טאָכטער — דערויף איז מען נישט קיין גרויסע בעלנים. בעמערקט דעריבער דער תנא: „ברוך שבחר בהם ובמשנתם", געבענשט זאָל זיין דער, וועלכער איז אַ בעלן נישט־נאָר „במשנתם", נאָר אויך „בהם", אין זיי אַליין...

(פרדס יוסף)

כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה... (א.)

דער „שאגת אריה" האָט אַמאָל אין אַ שמועס מיט די תלמידים פון זיין ישיבה, וועלענדיג אין זיי מעורר זיין דעם חשק צו לערנען, געשילדערט פאַר זיי, ווי ווייט דער תלמיד־חכם שטעהט העכער פון עם־הארץ, לגבי וועלכען ער געניסט פון פער־שידענע פּריווילעגיעס.

אָט, למשל — האָט ער געגומען פאַר זיי אויסרעכענען — אין דער תורה שטעהט בפירוש: „לא תקום ולא תטור", דאָך פאַר אַ תלמיד־חכם האָט מען געמאַכט אַ שטיקעל אויסנאַהם: „תלמיד חכם שאינו נוקם ונוטר כנחש אינו תלמיד חכם"...

השבת־אבדה איז אַ מצות־עשה מן התורה, דאָך פאַר אַ תלמיד־חכם, אויב ס'איז נישט לפי כבודו, האָט מען געפונען אַ היתר: „פעמים שאתה מתעלם" און מען האָט איהם בעפרייט פון צו בעשעפטיגען זיך דערמיט...

אַנ'עם־הארץ, אויב ער קומט אָבנעהמען אַנ'אבדה, מוז ער אָנגעבען סימנים, אַ תלמיד־חכם, דאַגעגען, איז בעגלויבט און ס'איז גענוג פאַר איהם דער בלויזער טביעת־עין...

אַנ'עם־הארץ טאָר נישט זאָגען קיין ליגען, אין קיין פאַל נישט, בשום אופן נישט; פאַר אַ תלמיד־חכם האָט מען געמאַכט אַנ'אויסנאַהם, אַז מפני דרכי שלום און מפני בושה מעג ער אַמאָל זאָגען אַ שטיקעל ליגען...

אַנ'עם־הארץ, אויב ער וויל זיך צוריקציהען פון אַ נדר, מוז ער זיך לאָזען דעם נדר מתיר מאַכען, פאַר אַ תלמיד־חכם דאַגעגען זענען אויסגערעכענט צעהן מיני נדרים, אויף וועלכע ער דאַרף אינגאַנצען קיין התרה נישט האָבען...

אַנ'עם־הארץ טאָר זיך נישט לאָזען משמש זיין דורך אַ כהן — אַ תלמיד־חכם מעג יאָ...

אַנ׳עם־הארץ, נאָכדעם ווי ער האָט שוין אַפילו מקיים געווען די מצוה פון פריה ורביה, טאָר ער נישט טרינקען קיין „כוס של עקרין״ (אַ מיטעל, נישט צו האָבען מעהר קיין קינדער), אַ תלמיד־חכם מעג עס עפ״י דין יאָ טהון.

אַ תלמיד־חכם, אַז ער האָט מיט ווען אַ סכסוך, האָט ער דאָס רעכט צו זאָגען: „צורבא מרבנן אנא, שרי לי תיגראי ברישא״, צו פאָדערען פון דיין, ער זאָל איהם ערלעדיגען זיין ענין פריהער פון אַנדערע, אויסער דער רייה — אַנ׳עם־הארץ קאָן דאָס נישט פערלאַנגען.

אַ תלמיד־חכם האָט דאָס רעכט צו זאָגען: „לא יהיבנא אכרגא״, צו פאָדערען, מען זאָל איהם בעפרייען פון צאָהלען שטייערען — אַנ׳עם־הארץ האָט נישט אַזאַ רעכט.

„עם־הארץ אסור לאכול בשר״, אַנ׳עם־הארץ טאָר לויט׳ן דין קיין פלייש נישט עסען — פאַר אַ תלמיד־חכם איז נישטאָ דערביי קיין שום באַגרענעצונג...

אהוב אוהב את המקום... (א.)

עס איז ווייניג — פלעגט דערויף זאָגען רבי משה קאָברינער — וואָס דו ביזט אַנ׳אוהב את המקום, וואָס דו האָסט ליעב דעם רבונו־של־עולם, בעמיהען דאַרפסטו זיך מיט דיינע מעשים צו זיין אויך אַנ״אהוב״, אַז דער רבונו־של־עולם זאָל אויך דיך ליעב האָבען...

צדיק חסיד ישר ונאמן... (א.)

ווי מיר זעהען — פלעגט זאָגען רבי יאָשע־בער בריסקער — איז דער סדר אין דער משנה אַנדערש און פערקעהרט, ווי עס איז ביי אונז אָנגענומען... „חסיד״ איז אַ גרעסערע מדרגה פון „צדיק״, און „ישר״ — נאָך גרעסער, און „נאמן״ — נאָך העכער...

אוי להם לבריות מעלבונה של תורה... (ב.)

די תורה — שרייבט רבי משה פאָליאַק אין אַנ׳אָרט — וועיינט פון טאָג צו טאָג נתמעט, און דאָך האַלט אין איין וואַקסען די צאָהל פון „גאונים״ און „רבן של כל בני הגולה׳ס״ און „מאור־הגולה׳ס״ האָבען מיר שוין אַזוי פיעל, ווי שטערען אין הימעל...

אַ סך אידען — פלעגט זאָגען רבי איזיל סלאָנימער — זענען היינט יוצא מיט׳ן „ותורתך בתוך מעי״, מיט דער תורה, וואָס זיי האָבען געלערנט ביי דער מאַמע׳ן אין בויך...

שאין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה... (ב.)

און דעריבער — פלעגט דערויף זאָגען רבי יעקב אָרענשטיין, דער בעל „ישועות יעקב״ — ווערען די צדיקים געשטראָפט צוליעב די זינד פון דור, ווייל דער דין איז דאָך — „אין נפרעין מנכסים משועבדים במקום שיש בני חורין״...

ואין כבוד אלא תורה שנאמר כבוד חכמים ינחלו ותמימים ינחלו טוב... (ג.)

אויף דער פראַגע פון בעריהמטען מדקדק ר׳ וואָלף היידענהיים, אַז אַזאַ פסוק, וואָס ווערט דאָ געבראַכט אין דער משנה, געפינט זיך נישט אין גאַנץ תנ״ך, ווערט אָנגעוויזען אין „כנסת ישראל״, אַז אין „אליהו זוטא״ איז דער נוסח פונ׳ם דאָזיגען מאמר אַנדערש, און נעמליך: „שנאמר כבוד חכמים ינחלו ואומר ותמימים ינחלו טוב״, אַז דאָס זענען אייגענטליך צוויי גאַנץ בעזונדערע האַלבע פסוקים. דער ערשטער האַל־בער פסוק איז אין משלי ג׳ פסוק ל״א, און דער צווייטער האַלבער פסוק — אינ׳ם זעלבען קאַפּיטעל פסוק כ״ה.

כך היא דרכה של תורה פת במלח תאכל... (ד.)

די חז״ל זאָגען: „אם דומה הרב למלאך ד׳ יבקשו תורה מפיו, ואם לאו אל יבקשו תורה מפיו״ (מועד קטן י״ז). פאַרוואָס עפּעס מוז דער מלמד זיין גלייך צו אַ מלאך?

גאַנץ פּשוט: ער זאָל נישט זיין קיין אוכל ושותה כבני אדם, ער זאָל קענען אויס־קומען אָהן עסען, אַנדערש קאָן ער ביי אידען קיין מלמד נישט זיין...

(נחלי דבש)

בשעת דער ט״ז איז געווען רב אין פּרוזשאַנע האָט ער גענומען זעהר וועניג שכירות און ער האָט געלעבט אַ חיי צער ודחקות.

איינמאָל, בשעת ער איז געזעסען ביינאַכט און געלערנט, האָט ער בעקומען שרעק־ליכע צאָהן־שמערצען. צו צאָהן־שמערצען איז גוט אַלס רפואה צו נעהמען אַביסעל ספּירט; אין שטוב האָט זיך אָבער נישט געפונען קיין ספּירט און דאָ איז שוין נאָך האַלבע נאַכט און די בני־בית שלאָפען שוין, האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אַוועק אין שענק און האָט געקויפט פאַר אַ גראָשען ספּירט, אָבער היות ווי ער האָט נישט געהאַט קיין מזומנ׳עם גראָשען אין טאַש, האָט ער גענומען. אויף באָרג און דער שענקער האָט דעם חוב אויפגעשריבען מיט קרייד אויף דער וואַנד.

צומאָרגענס אין דערפריה זענען עטליכע בעלי־בתים אַריין אין שענק עפּעס טועם צו זיין, האָבען זיי דערזעהן אויף דער וואַנד צווישען די בעלי־חובות אויך דעם רב׳ס נאָמען: מיקיטא 18 גראָשען, כוואַדקא — 25 גראָשען, דער רב שליט״א — אַ גראָ־שען... און ס׳איז געוואָרען אַ רעש אין שטעדטעל: אַ שנעם רב האָבען מיר זיך אויסגעקליבען, אנשטאָט צו זיצען און לערנען ליעגט ער גאָר אין שענק און שכור׳ט! אַזאַ חלול השם! אַזאַ וויסטע חרפה!...

תיכף איז צונויפגערופען געוואָרען אַנ׳אסיפה פון אַלע פרנסים און עס איז גע־בליבען מען זאָל דעם רב מעביר־זיין פון רבנות.

בשעת דער שמש־הקהל איז אַוועק צום רב איבערגעבען איהם די ידיעה, האָט ער זיך אַ לענגערע ווילע געדרעהט פאַר׳ן פענסטער, נישט קענענדיג אַזוי לייכט פועל׳ן ביי זיך אָנצוזאָגען איהם די טרויעריגע בשורה.

— ועמען זוכט איהר? — האָט דער ט״ז, זעהענדיג, ווי ער דרעהט זיך כסדר פאַר׳ן פענסטער, איהם געפרעגט.

— איך זוך — ענטפערט דער שמש מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ — דעם רב׳ס רבנות.

דער ט״ז האָט פערשטאַנען די אָנצוהערעניש, און צומאָרגענס האָט ער צוזאַמען מיט׳ן בני־בית און מיט׳ן ביסעל אָרימע גראַטעס זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ פויעריש פוהרעל און אַוועק פון פּרוזשאַנע...

אין אַ בריעף, וואָס דער רבי פון קאָצק, רבי מענדעלע, האָט געשריבען אין יאָהר תקפ״ח צום חדושי הרי״ם (דער איינציגער בריעף, וואָס עס איז איהם פון איהם פערבליבען אין דער עפענטליכקייט), שרייבט ער צווישען אַנדערען; „...האמת אגיד ולא אבוש, כי יוכל להיות זמנים אשר אין בינינו לשלם על הפּאַסט, ואלולי זאת לא כתבתי מכתב לזמנים ארוכים״... ער וואָלט איהם געווען, הייסט עס, עפטער געשריבען בריעף, נאָר ליידער זענען פאַרהאַן צייטען, ווען ער האָט נישט אויף קיין פּאָסט־מאַרקע...

דער נצי״ב האָט אַמאָל געפרעגט אַ יונגענמאַן, וואָס איז אַמאָל געקומען קיין וואָלאָזשין לערנען אין דער ישיבה:

— ווילסט טאַקי באמת לערנען?

— געוויס, רב — האָט דער יונגערמאַן אַביסעל ערשטוינט געענטפערט — געוויס.

— ווילסט זיין אַ מתמיד? — האָט איהם דער נצי״ב געפרעגט.

— אודאי, געוויס — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט.

— אבער צי ווייסטו — האָט איהם דער נצי״ב געזאָגט — וואָס אַ מתמיד דאַרף טהון, ווי אַזוי ער דאַרף זיך אויפפיהרען?

איז דער יונגערמאַן געשטאַנען, נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען און געשוויגען.

— אַ מתמיד — האָט איהם דער נצי״ב געזאָגט — דאַרף עסען צו דער צייט, שלאָפען צו דער צייט און לערנען צו דער צייט...

בשעת דער לובלינער רב, רבי מאיר שפּירא, האָט געבויט די לובלינער ישיבה, האָט איהם איינער, אַ גביר, געפרעגט: היתכן, רבי, נאָכוואָס דאַרף אַ ישיבה האָבען אַזאַ גרויסאַרטיגען בנין, מיט אַזוי פיעל קאָמפאָרט און בעקוועמליכקייטען און דערויף אַזוי פיעל געלד צו פערווענדען? עס שטעהט דאָך בפירוש: „כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה ובתורה אתה עמל?״

האָט איהם דער לובלינער רב געענטפערט:

— וועגען אַ לוה, ווי איהר ווייסט, ווערט געזאָגט אין איין פסוק: „עבד לוה לאיש מלוה״, דאַגעגען ווערט געזאָגט אין אַ צווייטען פסוק: „כי תשה ברעך משאת מאומה לא תבוא אל ביתו לעבוט עבוטו״ און „ואם איש עני הוא לא תשכב בעבוטו״, אַז מען זאָל זיך בעציהען צו איהם מענשליך און נישט דערוועגען זיך, חלילה, צו בעהאַנדלען איהם ווי אַן׳עבד. איז עס דאָך אַ בפירוש׳ע סתירה? נאָר דער תירוץ איז: פאַר יעדען איז געגעבען געוואָרען אַ בעזונדערער פסוק, דער ערשטער פסוק איז געזאָגט געוואָרען צום לוה, דער צווייטער פסוק — צום מלוה, און דאָס זעלבע איז אויך דאָ: דעם מאמר „פת במלח תאכל וכו׳״ דאַרף געדענקען דער ישיבה־בחור, ער זאָל גרייט זיין ביים עוסק זיין בתורה אויף אַלע בעדינגונגען, דאַגעגען פאַר די, וועלכע דאַרפען שטיצען די ישיבה, זיי דאַרפען געדענקען אין אַן׳אַנדערען פסוק, אין פסוק — „עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר״...

די וואָלאָזשינער רבי׳צין פלעגט טרייסטען די אָרימע ישיבה־בחורים, וועלכע

האָבען געלעבט אין דחקות און זי פלעגט זאָגען צו זיי: נישט שטענדיג, קינדערלעך, וועט איהר דאַרפען אַזוי ליידען. די חכמים אונזערע האָבען נישט געזאָגט, אַז אַ בן־תורה דאַרף דעם גאַנצען לעבען אָבקומען מיט „פת במלח ומים במשורה", עס שטעהט בלויז: „כך היא דרכה של תורה", דאָס איז דער וועג צו דער תורה, נור אַ קליין שטיקעל וועג דאַרף מען פערשוואַרצט ווערען, ביז איהר וועט אי"ה ווערען לומדים און דאַן וועט איהר טהון גוטע שידוכים, איינער וועט ווערען אַ סוחר, דער צווייטער אַ רב... נישט געזאָרגט, קינדערלעך!

רבי נחום טשערנאָבילער האָט כל ימיו געלעבט אין גרויס אָרימקייט, געוואוינט האָט ער אין אַ שטיבעל ד' על ד' און פערמאָגט האָט ער נישט מעהר ווי אַנ'אַלטען צעריסענעם פעלץ. אין דער פריה פלעגט דאָס וייב אָנטהון דעם פעלץ און לויפען אין מאַרק אַריין און אַז זי איז צוריקגעקומען, האָט ער זיך איינגעהילט אינ'ם פעלץ און איז אַוועק אין בית־המדרש. וויפיעל זיינע רייכע מקורבים האָבען נישט איינגעטענה'ט מיט איהם און וויפיעל מאָל זיי האָבען איהם נישט פאָרגעלעגט, אַז זיי זאָענען גרייט צו פערשאַפען איהם אַ לייטישע דירה מיט מעבעל, מיט בכבוד'יגע מלבושים און אויסצוהאַלטען איהם בהרחבה מיט אַלע הצטרכות'ן, האָט ער נישט געוואָלט דערפון הערען און זיי געענטפערט, אַז ער וועט זיך נישט לאָזען, זיי זאָלען איהם מאַכען פאַר אויס חסיד.

— וואָס האָט דאָס, רבי — האָבען זיי איהם געפרעגט — צו חסידות?

— אודאי האָט עס. די חז"ל זאָגען אונז: „האי מאן דבעי למהוי חסידא לקיים מילי דאבות" (ב"ק ל') און אין אבות שטעהט דאָך בפירוש: „כך דרכה של תורה, פת במלח תאכל וכו'". עס שטעהט נישט „דרכיה", נאָר „דרכה", דאָס איז דער איינציגער וועג, קיין אַנדערע וועגען זענען נישטאָ...

מען איז אַמאָל אַריינגעקומען צו רבי עקיבא אייגער און איהם דערצעהלט, אַז איינער פון זיינע ישיבה־בחורים לעבט אין גרויס אָרימקייט און ס'איז אַ גרויס רחמנות אויף איהם, יעדע נאַכט צו וועטשערע עסט ער אַ שטיקעל טרוקען ברויט און ער לייענט קריאת־שמע און לעגט זיך שלאָפען...

— אַז מען עסט טרוקען ברויט — ענטפערט רבי עקיבא אייגער — און מען לייענט קריאת־שמע און מען לעגט זיך שלאָפען, איז נישט קיין רחמנות, מעהר רחמנות איז אויף אַזעלכען, וואָס עסט צו וועטשערע געבראָטענע הוהן און ער געהט שלאָפען אָהן קריאת־שמע!...

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם כעלמער רבי'ן, רבי נטע: וואָס איז די מעשה, וואָס אין די אַמאָליגע דורות האָבען די צדיקים זיך מתבודד געווען אין די וועלדער, ווייט פון מענשען און האָבען עוסק געווען אין סיגופים און געלעבט אַ חיי־צער, דאַגעגען די היינטיגע צדיקים זיצען זיך אין בהרחבה'דיגע דירות און לעבען ווי די גרעסטע נגידים?

האָט ער דערויף געענטפערט: „זה לעומת זה עשה אלקים", דער צדיק, וועלכער דאַרף דינען אַלס שמירה געגען רשע, דאַרף זיך תמיד געפינען געגענאיבער איהם, בכדי ער זאָל היטען זיינע טריט און נישט אַראָבלאָזען איהם פון אויג, איז דעריבער, אין די פריהערדיגע דורות, ווען דער רשע, דער גזלן, האָט זיך געפונען אין וואַלד און ער האָט נישט געהאַט וואָס צו עסען און געלאָקערט גאַנצע טעג אויף אַ געלעגענהייט

צו קענען וועמען בערויבען, האָט אויך דער צדיק געמוזט זיצען אין וואַלד, היינט אָבער, אַז די גזלנים זיצען אין שטאָדט און וואוינען אין פּאַלאַצען, מוז אויך דער צדיק טהון דאָס זעלבע...

רבי נפתלי ראָפּשיצער איז אַמאָל געזעסען מיט איניגע חסידישע רביים, וועלכע האָבען געשמועסט וועגען דעם, אַז, לײדער, איז די אָרימקייט די שטאַרקסטע שוץ פאַר׳ן אידענטום, אַז אַממעהרסטען דערהאַלט זיך דאָס אידישקייט ביי די, וואָס פיהרען אַ לעבען פון „חיי־צער״, דערמאַהנענדיג דערביי די משנה „כך היא דרכה של תורה״, ווי אויך דעם מאמר „יאה עניותא ליהודאי כברזא סומקא לסוסיא חיורא״ (חגיגה ט׳). דערויף האָט זיך אָנגערופען דער ראָפּשיצער: הגם, רבותי, עס איז „יאה עניותא ליהודאי״, כאָטש עס איז טאַקי אַ גאַנץ שענע זאַך, בעט איך פונדעסטוועגען מיט׳ן גאַנצען האַרצען יעדען טאָג דעם רבונו־של־עולם, אַז „לעשות בהם משפט כתוב, הדר הוא לכל חסידיו״, אַז דעם „משפט כתוב״, דעם דאָזיגען משפט, אויף וועלכען עס שטעהט געשריבען, אַז ס׳איז „הדר הוא לכל חסידיו״, אַז ס׳איז אַזאַ שענע און נוצליכע זאַך פאַר אידען, איז שוין די העכסטע צייט „לעשות בהם״, ער זאָל די דאָזיגע „שענקייט״ אָוועקשענקען די שונאים. מיר האָבען עס שוין גענוג...

ועל הארץ תישן... (ד.)

כידוע איז אין די לעצטע יאָהרען געוואָרען אַ „מנהג״, אַז אין די גרעסערע שטעדט, וואו עס זענען פאַרהאַן ישיבות, בעוויליגען די סוחרים צו לאָזען נעכטיגען די ישיבה־בחורים אין די געוועלבער, ווערענדיג דאַדורך אָבגעהיטען פון גנבות.

די ישיבה־בחורים — האָט דערויף בעמערקט דער לובלינער רב, רבי מאיר שפּירא — דאַרפען פאַר זייער לימוד־התורה שטאַרק דאַנקבאַר זיין די גנבים און בעטען פאַר זייער געזונד, מחמת ווען נישט זיי, וואָלטען זיי נישט געהאַט וואו אַ נאַכט איבערצונעכטיגען...

וחיי צער תחי׳ ובתורה אתה עמל... (ד.)

אויב דו וועסט לעבען אַ חיי־צער, דאַן „ובתורה אתה עמל״, וועסטו שוין דאַמאָלס זיכער זיצען און לערנען...

(חסדי אבות)

אם אתה עושה כן... (ד.)

„אם אתה עושה כן״ — אויב דו אַליין וועסט אַזוי טהון, מיט דיין אייגענעם גוטען ווילען, נישט ווייל דו ביזט געצוואונגען דערצו, נישט ווייל דו האָסט נישט קיין בעסער׳ס ווי „פת במלח״...

(מהר״ם שיף)

עס איז זעהר אַ גוטע עצה דער „פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן״, אָבער בתנאי „אם אתה עושה כן״, אַז דו אַליין זאָלסט אַזוי טהון, נישט בלויז רעקאָמענדירען עס אַנדערע, די ישיבה־בחורים...

אל תבקש גדולה לעצמך ואל תחמוד כבוד... (ה.)

אַ חסיד האָט אַמאָל געפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ בונם: רבי! עס שטעהט „כל הבורח מן הכבוד, הכבוד רודף אחריו" (אגב, אַזאַ מאמר מיט׳ן דאָזיגען לשון געפינט זיך נישט אין ערגעץ. דער ריכטיגער און איינציגער נוסח איז (עירובין י"ג): „כל המחזר על הגדולה גדולה בורחת ממנו וכל הבורח מן הגדולה גדולה מחזרת אחריו"), איז אָט בעמיה איך זיך שטענדיג צו דערווייטערען פון כבוד און פונדעסטוועגען זעה איך נישט, אַז דער כבוד זאָל קומען צו מיר?... דאָס איז דערפאַר — האָט איהם דער רבי ר׳ בונם געענטפערט — ווייל דו האָלסט זיך אין איין אומקוקען, צי דער כבוד לויפט דיר נישט נאָך...

אויב — האָט מען אַמאָל געפרעגט רבי מענדעלי קאָצקער — דער מענש אַנט־לויפט פון כבוד, ווייל ער קאָן איהם נישט פערטראָגען, ווייל ער האָט איהם טאַקי אויף אַנ׳אמת פיינד, איז דאָך עס אויף אַזאַ אופן גאָר אַנ׳עונש פאַר איהם, אויב דער כבוד יאָגט איהם נאָך, טאָ פאַרוואָס קומט איהם דער עונש?...

— דערפאַר — האָט דער קאָצקער געענטפערט — ווייל דאָס גופא אַנטלויפען פון כבוד איז נאָך אויך נישט די מידה פון שלמות... דער מענש דאַרף באמת דער־גרייכען צו אַזאַ מדרגה, אַז ער זאָל פונ׳ם כבוד גאָר לגמרי נישט נתפעל ווערען, ער זאָל אַפילו נישט אָנהויבען צו פיהלען, אַז דאָס איז עפעס אַ זאַך, פאַר וועלכען מען דאַרף אַנטלויפען...

מען האָט געפרעגט דעם בעקאַנטען גאון, רבי יצחק שמעלקיס, הלמאי, טראָץ דעם דערמאָהנטען מאמר חז"ל, זעהט מען דאָך גאַנץ אָפט אין לעבען, ווי מענשען יאָגען זיך נאָך כבוד און דערגרייכען איהם?...

— ווער זאָגט דען אייך — האָט ער זיי דערויף געענטפערט — אַז מען דער־גרייכט נישט? די חז"ל זאָגען בלויז, אַז דער, וואָס יאָגט זיך נאָכ׳ן כבוד, אַנטלויפט ער פון איהם, אָבער אויב יענער קען שנעלער לויפען, איז גאַנץ מעגליך ער זאָל איהם טאַקי כאַפּען...

דער „חכם צבי" פלעגט האָבען אַ טבע אַרויסצונעהמען אָפט די אַלטע בריעף און איבערצולייענען אויפמערקזאַם די אַלע טיטולען און שבחים, וואָס מען שרייבט איהם. אַז מען האָט איהם אַמאָל געפרעגט, צוליעב וואָס ער טהוט דאָס, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס האָט אויף איהם אַ געוויסע פעולה: זעהענדיג, ווי די וועלט ריהמט איהם מיט אַזעלכע אויסטערלישע שבחים, איז דאָס איהם מעורר, אַז ער דאַרף זיך שעמען צו זינדיגען און צו טהון אַנ׳עוולה — עס איז נישט שעהן פאַר דער וועלט...

רבי עקיבא אייגער, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין אויסערגעוועהנ־ליכע ענוות און תמימות, האָט אַמאָל געשיקט מיט׳ן שמש אַ בריוועל צו איינעם אַ בעל־דין, אַ פראָסטער שניידער, וועלכען ער האָט אַרויסגערופען לדין־תורה. אין בריוועל האָט ער געשריבען צו איהם: „לכבוד הרב הגאון, חריף ובקי, סיני ועוקר הרים צנא מלא ספרא וכו׳"...

דער שניידער, נישט קאָנענדיג זיך אַליין קיין עצה געבען מיט דער שווערער

עברי, האָט עס געגעבען איבערצולייענען די שכנים, וועלכע האָבען, איבערלייענענדיג דעם טיטול זיך געשטיקט פון געלעכטער, ערקלערענדיג איהם די בעדייטונג פון די ווערטער. דער שניידער איז אָ בעלײדיגטער אַוועק צו רבי עקיבא אייגער'ן, אויסדריי־קענדיג זיין תרעומות, הלמאי ער מאַכט פון איהם חוזק און איז איהם מבייש פאַר מענשען...

— וואָס רעדט איהר? — איז רבי עקיבא אייגער ערשטוינט געוואָרען — איך וועל מיך אונטערשטעלען מבייש צו זיין און חוזק צו מאַכען פון אַ אידען? חס־ושלום! וואָס רעדט איהר עפּעס?...

— געוויס איז דאָס חוזק געמאַכט — ברוגז'ט זיך דער שניידער און וויזט איהם דאָס בריוועל — איהר נעהמט, רבי, און שרייבט צו אַ פּראָסטען מענשען „הרב, הגאון, חריף ובקי" און נאָך אַזעלכע ווערטער... מען לאַכט דאָך פון מיר אין די פויסטען!...

רבי עקיבא אייגער קוקט איהם אָן שטאַרק פער'חידוש'ט, און דאַן לויפט ער צו צו דער קאָמאָד, נעהמט אַרויס פון דאָרט אַ פּאַק בריעף און וויזט דעם שניידער:

— וואָס רעדט איהר עפּעס? — מאַכט ער צו איהם — מיט וואָס זענט איהר, חלילה, אַנ'אויסנאָם פון אַלע אידען? אַלע שרייבען אַזוי! צו מיר שרייבט מען אויך אַזוי!... אָט, נאָט, אדרבה, לייענט, אַלע שרייבען אַזוי...

אין אַ בריעף, וואָס רבי עקיבא אייגער האָט געשריבען צו זיין זוהן, רבי אברהם, מאַכט ער איהם אויפמערקזאַם, צווישען אַנדערע זאַכען, אַז בשעת ער וועט מסדר זיין לדפוס זיינע שאלות־ותשובות, זאָל ער אונבעדינגט בעזייטיגען די שבחים און טיטולען, וואָס מען האָט געשריבען צו איהם, דען „לכותב הוא אבק חניפה ולמי שכותבין הוא אבק גאוה אם ירבו לו ואבק שנאת חנם אם ימעטו". די דאָזיגע שבחים — שרייבט ער וויטער — זענען מיר אַזוי נמאס, אַז כ'האָב געגומען אויף מיר, אַז כ'זאָל זיי אָפילו נישט איבערלייענען, על־אחת־כמה־וכמה וואָלט איך נישט וועלען, זיי זאָלען זיין געדרוקט אין אַ ספר, „פּן אהי' לבוז בעולם האמת"...

„כל המחזר על הגדולה — גדולה בורחת ממנו, וכל הבורח מן הגדולה — גדולה מחזרת אחריו" (עירובין י"ג)

עס קומט דאָך אַלזאָ אויס, אַז סוף־כל־סוף בלייבעןביידע אָהן כבוד, סיי דער, וואָס יאָגט זיך נאָכ'ן כבוד, סיי דער, וואָס אַנטלויפט פון איהם. טאָ וואָס איז אייגענטליך צווישען זיי די נפקה־מינה?

די נפקה־מינה איז, וואָס דער, וואָס יאָגט זיך נאָכ'ן כבוד, איז נישט נאָר, וואָס ער האָט קיין כבוד נישט נאָר ער האָט נאָך בזיונות...

שהמלכות נקנית בשלשים מעלות וכו' והתורה נקנית בארבעים ושמונה דברים... (ו.)

ביי מלכות שטעהט דאָס וואָרט „מעלות", דאַגעגען ביי דער תורה שטעהט „דברים", דען צווישען די בעדינגונגען „שהתורה נקנית בהן" ווערט אויסגערעכענט: „מעוט תענוג", „מעוט שינה", „מעוט שיחה" וכדומה אַזעלכע זאַכען, וועלכע זענען טאַקי זעהר נויטווענדיג, אָבער מען קאָן זיי נישט בעצייכענען אַלס „מעלות"...

(סולת למנחה)

עס איז אַנ׳עולם הפוך! — פלעגט זאָגען רבי ישראל סאַלאַנטער — אַכט און פיערציג זאַכען, ווערט אויסגערעכענט אין דער משנה, זענען נויטיג בכדי צו קאָנען לערנען, און עס זאָגען דערויף די חז״ל: „אם יאמר לך אדם יגעתי ולא מצאתי — אל תאמין, יגעתי ומצאתי — תאמין, והני מילי בדברי תורה, אבל במשא ומתן — סייעתא הוא מן שמיא״ (מגילה ו׳), דאָס הייסט, אַז נאָר דעם למוד־התורה מוז מען ערווערבען דורך יגיעה, דאַגעגען מסחר און פרנסה איז אַ גאָט׳ס זאַך און עס העלפט נישט דאָס זוכען. לסוף זעהען מיר, אַז אין עניני מסחר פערלאָזט מען זיך נישט אויף נסים און מען האַלט אין איין זוכען, אין איין זאָרגען און האָרעווען איבער די כוחות, דאַגעגען דער למוד־התורה ווערט אָפגעפטר׳ט מיט געצעהלטע מינוטען, על רגל אחת...

קיין חידוש נישט — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפשיצער — וואָס עס וואַקסען היינטיגע צייטען און עס מעהרען זיך אַזויפיעל עזות־פנים׳ער, מחמת צווישען די „מ״ח דברים שהתורה נקנית בהם״, וואָס ווערען אויסגערעכענט אין דער משנה, ווערט אויך געזאָגט „במעוט דרך־ארץ״, און ווער וויל עס היינטיגע צייטען נישט אָנגעהן אַלס למדן?...

והתורה נקנית בארבעים ושמונה דברים וכו׳ בפלפול התלמידים... (ו.)

געמיינט ווערט דערמיט דער לאָגישער זאַכליכער פלפול, וועלכער אַנאַליזירט און איז מברר די הלכה, אָבער נישט די סאָפיסטישע כאַאָטישע פשט׳לעך, וועלכע זענען געבויט אויף פאַלשע הנחות און זיי פערקרימען בלויז דעם שכל. אַנטקעגען דעם דאָזיגען מין פלפול זענען שאַרף אַרויסגעטראָטען פערשידענע ראשונים און אחרונים.

אין איינעם פון זיינע בריעף דריקט זיך אויס דער רמב״ם וועגען די דאָזיגע פלפולים: „מהם אבוד הזמן ומעט התועלת״, און רש״י זאָגט אין אַנ׳אָרט: „פירוש משובש מאדם חריף ומפולפל״ (חולין פ״א).

„די יעניגע — שרייבט דער מהר״ל מפראָג אין „דרך־חיים״ — וועלכע שטעלען אַוועק דעם עיקר הלימוד אויף פלפולים און „מעשה חדודים״, פערברענגען דעם זמן מיט שקר, און עס וואָלט אַ סך בעסער געווען פאַר זיי, זיי זאָלען זיך אויסלערנען סטאָלעריי, אָדער אַנ׳אַנדערע מלאכה״...

און דער של״ה (אין מס׳ שבועות) שרייבט: „חבל על דאבדין מה שהוצאתי רוב ימי בחלוקים גדולים ונפלאים, חטאתי, עויתי, פשעתי, על כן באתי להזהיר הדורות הבאים״...

מען האָט געהאָט געפרעגט דעם „חוות דעת״, פאַרוואָס זיינע חדושים, סיי אין „חוות דעת״, סיי אין „נתיבות המשפט״ זענען געשריבען אַזוי בקיצור, האָט ער דערויף געענטפערט: „כל אמתא בריבוע, אמתא ותרי חומשי באלכסונא״ (עירובין נ״ז), גלייכע זאַכען, וואָס זענען געבויט אויפ׳ן שכל הישר, נויטיגען זיך נישט אין קיין אריכות און פערנעהמען ווייניגער אָרט, ווי זאַכען, וואָס ווערען געזאָגט אין דער קרום, באלכסון...

אַ ביישפּיל, צו וועלכע משונה׳דיגע אויספיהרונגען מען קאָן קומען דורך סאָפּיס־טישע פּשט׳לעך, ווערט אונז אָנגעוויזען אין דער גמרא (מס׳ דרך־ארץ פרק א׳) און נעמליך: „שאלה זו שאל ר׳ יוסי בן תדאי איש טבריא את רבן גמליאל: „מה אשתי שאני מותר בה, אני אסור בבתה, אשת־איש שאני אסור בה — אינו דין שאני אסור בבתה ?!"...